STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02258

M'DARF ZAYN A MENTSH

Herz Bergner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ׳דאַרף זיין אַ מענטש

אויסטראַלישע
און אַנדערע דערציילונגען



הערץ בערגנער

הערץ בערגנער

מ׳דאַרף זײַן אַ מענטש

אויסטראַלישע און אַנדערע דערציילונגען

מעלבורן, 1971

HERZ BERGNER

M'DARF ZAIN A MENTSH

(Be Human)

אַרויסגעגעבן דורך דעם הערץ בערגנער
אָנדענק־פֿאָנד־קאָמיטעט אין מעלבורן
Hertz Bergner Book Committee
9 Gordon Street, Elsternwick, Victoria, 3185
Melbourne, Australia

רעדאַגירט פֿון: ל. פרידמאַן און י. קאַהאַן

הילע: צייכענונג — יאָסל בערגנער

שריפֿט — שיע טיגעל

ON YIDDISH CIRCUIT

PROPERTY OF THE CITY OF NEW YORK
THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
MANHATTAN RESERVE

* *
*

הערץ בערגנער איז געווען קינסטלעריש שעפעריש כמעט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. ער האָט זיך געקליבן אַרויסצוגעבן אַ נייעם באַנד פון זיינע דערציילונגען, וואָס ער האָט טיילווייז פאַר־עפנטלעכט אין אַ גאַנצע ריי יידישע זשורנאַלן איבער דער וועלט און טייל געהאַט נאָך אין כתב־יד. ער איז אָבער נישט צוגעטראָטן קאָנקרעט צו רעאַליזירן דעם פּלאַן. נאָענטע פריינד זיינע האָבן נאָך זיין טויט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן זיינע לעצטע דערציילונגען און האָבן געהאַט אַ שווערע אויפגאַבע אויפצוזוכן זיי אין די פאַרשיי־דענע זשורנאַלן און אויך דורכקוקן דעם ליטעראַרישן פאַרמעגן, וואָס איז געבליבן נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם שרייבער און האָט זיך געפונען אין רשות פון פרוי בערגנער. מיר האָבן זיך באַמיט אַריינצונעמען אַלע זיינע דערציילונגען, וואָס זענען נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בוך־פאָרם, כדי זיי זאָלן נישט גיין פאַרלוירן.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ הערץ בערגנער אָנדענק־פאָנד־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געשטעלט ווי אַן אויפגאַבע: ערשטנס, צו זאַמלען אַ פאָנד, אויף אַרויסצוגעבן דאָס איצטיקע בוך; צווייטנס, צו העלפן אַרויסגעבן אַנדערע יידישע ביכער אין אונדזער ישוב — אַ זאַך וואָס איז געווען זייער טייער און נאָענט דעם פאַרשטאָר־בענעם שרייבער.

אַ דאַנק אָט דער גרופּע פריינד פון הערץ בערגנער און דער אונטערשטיצונג פון אַ ברייטן קרייז פון אָנהענגער דערשיינט דאָס איצטיקע בוך, וואָס מיר גיבן איבער אין די הענט פון די יידישע לייענער.

דער ברודער פון הערץ בערגנער, מלך ראַוויטש, האָט פון דער ווייטער קאַנאַדע געהאָלפן מיט ראַט און טאַט, און דער ברודערן־זון, יאָסל בערגנער, האָט צוגעשיקט פון ישראל אַ ריי צייכענונגען פאַרן בוך, פאַר וואָס דער הערץ בערגנער אָנדענק־פאָנד־קאָמיטעט דריקט זיי אויס אַ האַרציקן דאַנק.

הערץ בערגנער און זיין ברודער מלך ראַוויטש

ל. פרידמאַן

הערץ בערגנער

הערץ בערגנער איז געבוירן געוואָרן אין 1907 אין רעדים (ראַדימנאָ) — אַ יידיש שטעטל אין גאַליציע צווישן יאַראָסלאַוו און פּזשעמישל. זיין פאָטער, אפרים בערגנער, האָט געשטאַמט פון אַ משכּי־לישער משפּחה, געקאָנט שפּראַכן און האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע פּריוואָטע ביבליאָטעק. ער איז געווען פאַרטאָן אין קהלישע ענינים און איז געווען באַליבט אין שטעטל ווייל ער האָט פיל גוטס געטאָן פאַר אָרע־מעלייט און בעוולטע. פון אים האָט הערץ בערגנער, וואַרשיינלעך, געירשנט זיין ליידנשאַפטלעכע גוטסקייט.

זיין מוטער, הינדע בערגנער, האָט געשטאַמט פון פּשוטע, אָבער רייכע יידן. הערץ בערגנערס זיידע, יוסף ראָזענבלאַט, איז געווען איינער פון די רייכסטע יידן אין רעדים. פון זיין מוטער האָט הערץ בערגנער געירשנט דעם שרייבערישן טאַלאַנט. די מוטער האָט אַרויס־געוויזן אַ נייגונג צו שרייבן און צו מאָלעריי. נאָך איר אומקום אין פוילן אין 1942 האָבן די זין — מלך ראַוויטש און הערץ בערגנער — פאַרעפנטלעכט אירע זכרונות א״נ „אין די לאַנגע ווינטער־נעכט״. זי וויזט אַרויס אין דעם בוך שרייבערישע פעאיקייטן.

הערץ בערגנערס פאָטער האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר. ער האָט געפירט פאַרשידענע געשעפטן און ביז 1915 האָט זיך זייער שטוב געפירט נגידיש. אין דעם יאָר איז די משפּחה אַריבערגעפאָרן קיין ווין אַלס „פליכטלינגע״ פון דער מלחמה. אין 1918 קערט זיך אום די משפּחה צוריק קיין רעדים. דער פאָטער איז דאַן געוואָרן אַ יורד און איז שוין פאַרבליבן אַן אביון זיין גאַנץ לעבן.

הערץ האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג אין חדר. שפּע־טער האָט ער זיך געלערנט אין אַ האַנדלס־שול. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט דער זעלבסטמאָרד פון זיין 28־יאָריקן ברודער משה הררי. דער ברודער, וואָס איז געווען מיט 14 און אַ האַלב יאָר

עלטער פון הערצן, איז גאָר יונג אַוועק קיין ישראל, וואו ער האָט געאַרבעט פיזיש, געווען אַ שומר און פאַרטיידיקט די יידישע קאָלאָניעס קעגן די אָנפאַלן פון די אַראַבער. שפּעטער געדינט אין יידישן לעגיאָן אונטער די ענגלענדער. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ שרייבערישן און מאָלערישן טאַלאַנט. אין 1920 איז ער געשיקט געוואָרן קיין ווין צו פאַרפולקאָמען זיך אַלס אַ מאָלער און דאָרט האָט ער זיך דערשאָסן.

הערץ פלעגט אָפט דערמאָנען זיין ברודער משה. ער האָט אים פאַרגעטערט צוליב זיין טאַלאַנט און שטאַרקן כאַראַקטער. (אויך אין דעם בוך, וואָס דערשיינט איצט, איז פאַראַן אַ דערציילונג וואָס האָט אַ שייכות צו דעם ברודער).

הערץ איז אויסגעוואָקסן אין שאָטן פון זיין צווייטן ברודער — דעם באַרימטן שרייבער מלך ראַוויטש, וואָס איז מיט דרייצן און אַ האַלב יאָר עלטער פון אים. דער פאַקט, וואָס זיין ברודער איז אַזוי יונג געוואָרן אַן אָנערקענטער יידישער פּאָעט און עסייאיסט, האָט געהאַט זיכער אַ טאָפּלטע ווירקונג אויף דעם גאָר יונגן הערצן. פון איין זייט איז ער געווען שטאָלץ מיט זיין ברודער, פון דער צווייטער זייט האָט אים זיכער געקרענקט פאַר וואָס ער קען נישט דערגרייכן זיין שרייבערישע הויך. און הערץ האָט געהאַט שרייבערישע אַמביציעס. ער האָט געזוכט זיין שרייבערישע פאָרם און האָט זי געפונען אין דער פּראָזע. אָנגעהויבן צו שרייבן קורצע דערציילונגען און שפּעטער ראָמאַנען. זיין נאָמען אַלס דערציילער איז מיט דער צייט געוואָקסן ביז ער איז געוואָרן אַן אָנערקענטער יידישער שרייבער.ביידע ברידער האָבן זיך דערגענצט קינסטלעריש און וועלן אַריינגיין אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור ווי איינע פון די טאַלאַנטירטע שרייבער־משפחות, אין וועלכע אונדזער ליטעראַטור איז גאַנץ רייך.

אין 1923 איז הערץ בערגנער אָנגעקומען קיין וואַרשע. דאָרט, אַלט זייענדיק 28 יאָר, דעביוטירט ער מיט זיין ערשט בוך דערציילונגען א.נ. „שטובן און גאַסן". דאָס בוך האָט באַקומען אַ גוטע קריטיק. הערץ בערגנער ווערט אָנערקענט אַלס שרייבער, ער ווערט אָנגענומען אַלס אַ מיטגליד פון יידישן שרייבער־פאַראיין און פון דעם אַלגעמיינעם פּען־קלוב אין פּוילן.

צו יענער צייט האָט הערץ בערגנער געהאַט זייער ראַדיקאַלע אָנשויאונגען. ער האָט געהאָפט צוגלייך מיט אַ גרויסן טייל פון דער מאָלטיקער יידישער אינטעליגענץ, אַז די לייזונג פון דער שווערער

עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע פון די יידן אין פוילן וועט קומען דורך אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. זיינע ערשטע דערציילונגען זענען דעריבער זייער נאַטוראַליסטיש געשריבן און האָבן אַ שטאַרקן פּאָליטישן אונטערטאָן.

יענע יאָרן אין וואַרשע זענען געווען פאַר הערצן זייער שווערע אין מאַטעריעלן זין, אָבער עס זענען געווען יאָרן באַפליגלט מיט גלויבן און האָפענונג. שפּעטער, אין אויסטראַליע, פלעגט ער אָפט דערמאָנען יענע צייט ווי אַ ראָמאַנטישן עבר מיט פיל עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. ער האָט אַ היפּש ביסל פון אָט די איבערלעבונגען אַריינגענומען אין זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען.

אין 1938 קומט הערץ בערגנער מיט זיין פרוי מרים קיין אויסטראַליע. דאָ טרעפט ער אַ קליינע יידישע שרייבערישע גרופּע מיט דעם ערשטן אויסטראַליש-יידישן דערציילער פּנחס גאָלדהאַר בראש. ער באַפריינדעט זיך שנעל מיט גאָלדהאָרן און זיי פּלאַנירן אַ גאַנצע ריי ליטעראַרישע אויסגאַבעס. אָט די פּלענער ווערן טיילווייז פאַרווירקלעכט ווען עס קומט קיין אויסטראַליע אברהם שולמאַן. זאַלבעדריט מיט נאָך אייניקע יידישע שרייבער גיבן זיי אַרויס אין משך פון אייניקע יאָר דעם ליטעראַריש-פּובליציסטישן זשורנאַל „אויפבוי".

אין דעם זשורנאַל האָט הערץ בערגנער געדרוקט זיין ראָמאַן „אַ שטאָט אין פוילן", וואָס איז שפּעטער אַרויס אין אַ בוך-פאָרם. אין דעם ראָמאַן האָט ער געגעבן אַ קינסטלעריש בילד פון דער אַלטער היים — אַ יידיש שטעטל אין פוילן מיט אירע סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, לעבנסשטייגער, געמיט און פאַרשידנאַרטיקע טיפּן און כאַראַקטערן.

הערץ בערגנער און פּנחס גאָלדהאַר זענען געווען מיטרעדאַקטאָרן פון צווייטן אויסטראַליש-יידישן אַלמאַנאַך, אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין 1942. (דער ערשטער אַלמאַנאַך, וואָס איז געווען דאָס ערשטע יידישע בוך, געדרוקט אין אויסטראַליע, איז געווען רעדאַגירט דורך מלך ראַוויטש און איז דערשינען אין 1937.)

צוזאַמען מיט גאָלדהאַרן און א. שולמאַנען האָט הערץ בערגנער רעדאַגירט דעם זאַמלבוך „צושטייער" אין 1944. דאָרט האָט ער פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל זיין ראָמאַן „צווישן הימל און וואַסער", וואָס איז שפּעטער אַרויס אין אַ בוך-פאָרם און האָט געמאַכט אַ גרויסן

רושם אויף יידישע און נישט־יידישע לייענער (דאָס בוך איז איבער־געזעצט געוואָרן אין ענגליש).

הערץ בערגנער האָט זייער שטאַרק איבערגעלעבט דעם חורבן פון די פוילישע יידן. אין דעם ראָמאַן „צווישן הימל און וואַסער", וואָס איז איינער פון זיינע קינסטלעריש־רייפסטע ווערק, האָבן אָט די איבערלעבונגען באַקומען דעם פולן אויסדרוק.

אין משך פון די עטלעכע און דרייסיק יאָר, וואָס הערץ בערגנער האָט געלעבט אין אויסטראַליע, האָט ער פאַרעפנטלעכט זעקס ביכער, צווישן זיי דריי ראָמאַנען. חוץ די צוויי אויבן דערמאָנטע ראָמאַנען האָט ער אָנגעשריבן „ליכט און שאָטן" — אַ ברייט־פאַרמאָסטענעם ראָמאַן פון אונדזער ישוב מיט קינסטלעריש־אויסגעהאַמערטע טיפּן און מיט אַ טיפער פסיכאָלאָגישער אויסטייטשונג פון די פאַרשידענע דערשיינונגען אין היגן יידישן לעבן.

די אַנדערע דריי ביכער זענען זאַמלונגען פון דערציילונגען, דער עיקר געווידמעט אונדזער ישוב, אַזוי ווי דאָס בוך, וואָס דערשיינט איצט. אַלע זיינע ביכער זענען געוואָרן ענטוזיאַסטיש אויפגענומען אין דער יידישער וועלט און זענען כמעט אַלע געווען פּרעמירט.

אין אויסטראַליע האָט זיך הערץ בערגנערס שרייבערישער טאַלאַנט אַנטוויקלט און פאַרטיפט. ער איז פאַרבליבן אַ שרייבער מיט אַ שטאַרקן חוש פאַר סאָציאַלן יושר. זיינע העלדן זענען ווייטער געווען הויפּטזעכלעך די פאַרשטויסענע און די בעוולטע, אָבער ער איז אַרויס פון דער שמאָלער קינסטלערישער און אידייאישער צוים, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען אין פאַרמלחמהדיקן פוילן. זיינע האָריזאָנטן האָבן זיך אויסגעברייטערט.

אידייאיש איז הערץ בערגנער געבליבן אַ סאָציאַליסט, עס האָבן אים אָבער זייער געקרענקט די טאָטאַליטאַרע מעטאָדן פון די הער־שער אין די סאָוויעטישע לענדער. באַזונדערס האָט ער גאָר שטאַרק איבערגעלעבט דעם אומקום פון די סאָוויעטישע יידישע שרייבער און בכלל די טראַגישע לאַגע פון די סאָוויעטישע יידן.

מיט גרויס התלהבות האָט ער אויפגענומען דעם אויפקום פון מדינת ישראל. ער האָט מיטגעלעבט מיט אַלע פריידן און ליידן פון דער יידישער מלוכה. צוויי מאָל האָט ער באַזוכט דאָס יידישע לאַנד און האָט זייער געוואָלט זיך דאָרט באַזעצן. ער האָט געהאַלטן, אַז זיין אָרט איז אין ישראל און האָט כסדר געמאַכט פּלענער עולה צו זיין,

אָבער זיין אומבאַהאָלפנקייט אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָט אים נישט דערמעגלעכט צו פאַרווירקלעכן אָט דעם הייסן באַגער זיינעם.

צוליב זיין אומפּראַקטישקייט האָט ער זיך געמאַטערט אַלע זיינע יאָרן. עס איז אים שווער אָנגעקומען צו מאַכן חיונה. זיינע קינסטלע־רישע ווערק האָט ער געשריבן אויפן חשבון פון נישט־דערשלאָפענע נעכט.

זיין וועלט איז געווען דאָס קינסטלערישע וואָרט. ווען ער פלעגט זיך נעמען צו דער פעדער איז פאַרשוואונדן זיין נאַאיווקייט און אומבאַהאָלפנקייט. ער איז געווען זיכער און ראַפינירט ביים געשטאַלטיקן זיינע העלדן, ביים אַרויסברענגען זייערע פסיכישע צושטאַנדן און ביים איבערגעבן זייערע איבערלעבונגען. מיט אַ זיכערער און געניטער פעדער האָט ער געמאָלן ברייטע לייוונטן פון יידישן לעבן און געגעבן פאָרטרעטן פון יידישע טיפּן.

אין משך פון קנאַפּע פערציק יאָר האָט ער געגעבן אַ קינסט־לערישן קווערשניט פון אונדזער דור, הן אין דער אַמאָליקער היים אין פוילן, הן אין צייט פון חורבן, הן אויף דעם נייעם אימיגראַנטישן באָדן. באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכנט ביים געבן אַ קינסט־לעריש בילד פון אונדזער ישוב. ער האָט געשילדערט די אויסקריי־מענישן פון אונדזער היגן לעבן. ער האָט געוויזן די גייסטיק־פאַר־קריפּלטע טיפּן, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין מיטן — דאָס אַלטע פאַרלוירן און קיין נייע ווערטן נישט געפונען. ער האָט מייסטערהאַפט געשילדערט די קאָנפליקטן צווישן די וואָס קלאַמערן זיך אין דער מאָראַל פון דער אַלטער הייט, און די וואָס זענען שוין אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער מאַטעריאַליסטישער חולאת פון דער היינטיקער צייט.

אין אַלע זיינע ווערק האָט ער געזוכט דאָס דערהויבענע און דאָס הומאַניטאַרע אין דעם מענטש, דעריבער זענען זיינע ווערק נישט נאָר יידישע, נאָר אויך אוניווערסאַלע און וועלן אַריינגיין אין דעם אוצר פון דער יידישער און אַלמענטשלעכער ליטעראַטור.

אַ גוטער און איידעלער פון דער נאַטור, האָט הערץ בערגנער שטענדיק געזוכט דאָס גוטע ביים מענטש. ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז גאָטס פונק שטעקט אין יעדן בן־אדם, מ׳דאַרף אים נאָר קענען צעבלאָזן. מענטשלעכע רשעות פלעגן אים קרענקען. ער האָט שטענדיק געזוכט אַ זכות פאַר יעדערן.

ער איז געווען אַ לאָיאַלער און איבערגעגעבענער פריינד, אַן באַוואָרעניש און אַן גרענעצן. ער האָט געזוכט פריינדשאַפט און ווען ער האָט זי באַקומען, פלעגט ער אָפּצאָלן כפל־כפלים. שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ שולד־געפיל, אַז ער טוט נישט גענוג פאַר אַ פריינד אין נויט אָדער פאַר אַ קראַנקן חבר.

ער איז געווען פאַרליבט אין יידיש און איבערגעגעבן דער ייִדי־שער קולטור־אַרבעט בלב ונפש. עס איז נישט געווען קיין איין גרע־סערע יידישע קולטור־אונטערנעמונג אין מעלבורן, אין וועלכער ער זאָל נישט אָנטיילנעמען. עס איז נישט געווען קיין איינע ליטעראַ־רישע אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען אין אונדזער ישוב, אין וועלכער ער זאָל זיך נישט באַטייליקן. ער איז געווען די נשמה פון יעדן היגן יידישן ליטעראַרישן אויפטו זינט ער האָט זיך באַזעצט אין אויסטראַליע.

די אָנערקענונג, וואָס די יידישע קולטור־וועלט האָט געהאַט פאַר אים, איז געקומען צום אויסדרוק בעת זיין לעצטער רייזע איבער די יידישע ישובים און קיין ישראל אין דער צווייטער העלפט 1967 און אָנהויב 1968. די יידישע און העברעאישע שרייבער, וואָס האָבן אים אומעטום אויפגענומען מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, האָבן נישט געוואוסט דאַן, אַז עס איז ליידער זיין לעצטער טריאומף־מאַרש איבער דער יידישער וועלט.

נאָכן קומען צוריק פון דער וועלט־רייזע האָט ער נאָך פיל גע־שריבן, געהאַט פאַרשידענע פּלענער פאַר זיין ווייטערדיקער ליטע־ראַרישער טעטיקייט ביז דער פּלוצלונגער טויט, דעם 29־טן יאַנואַר 1970 (כ״ב שבט תש״ל) האָט אַ סוף געמאַכט צו דעם אַלעמען. ער איז אַלט געווען נישט קיין גאַנצע 63 יאָר.

די יידישע וועלט האָט פאַרלוירן אַ קרעפטיקן יידישן דערציילער און מיר האָבן פאַרלוירן נישט נאָר אַ שרייבער, וואָס האָט באַשיינט אונדזער ישוב, נאָר אויך אַן איבערגעגעבענעם קולטור־געזעלשאַפט־לעכן טוער.

די נאָענטע פריינד זיינע וועלן אים שטענדיק געדענקען ווי אַ האַרציקן און אינטימען חבר.

יצחק קאַהאַן

די ליטעראַרישע ירושה פון הערץ בערגנער

זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט האָט הערץ בערגנער געשטעלט אין פוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. אין מיטן די דרייסיקער יאָרן איז ער אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין ערשטלינג „שטובן און גאַסן" (נאָוועלן, וואַרשע, 1935). זיין קינסטלערישע אַנטוויקלונג איז אָבער פאַרבונדן מיט אויסטראַליע, וואו ער האָט געלעבט און געשאַפן אין די לעצטע דריי צענדליק יאָר פון זיין לעבן רייפערע דערציילונגען, בילדער און געשטאַלטן — אַ לעבעדיקן טייל פון אונדזער אַלעמענס נעכטן און היינט.

בערגנער האָט זיך באַלד געשטעלט מיטן פנים צום יידיש־אימיגראַנטישן לעבן אין אויסטראַליע, צו די ראַנגלענישן פונעם יונגן יידישן ישוב צו שלאָגן וואָרצלען אין דעם האַרטנעקיקן באָדן פאַר יידיש לעבן און שאַפן, ווי צו די יחידישע דראַמעס פונעם נייעם אימיגראַנט מיט איבערגעריסענע וואָרצלען אונטער פרעמדע הימלען. ווי זיין פאָרגייער און פיאָנער פון יידיש־קינסטלערישן וואָרט אין אויסטראַליע, פנחס גאָלדהאַר, האָט אויך הערץ בערגנער מיט אַ שאַרף אויג זיך צוגעקוקט און מיטגעוויייטיקט מיט די יסורים פון אימיגראַנטישן לעבן ביים אויפשטעלן דאָס נייע הויז אין אויסטראַליע.

„דאָס נייע הויז" (מעלבורן, 1941) איז בערגנערס ערשט בוך מיט טיפּאַזש און פּייסאַזש געפלאַנצט אויפן היגן באָדן. ביים אויפשטעלן אַ נייעם בנין ווערן אויך באַנוצט אַלטע ציגל. האָט אויך בערגנער אין „דאָס נייע הויז" איינגעמויערט אַ סך ציגל פון דער אַלטער היים. מיר טרעפן זיי אין פיל דערציילונגען פונעם בוך, בפרט אין „באַנקראָט", „דער שידוך", וואו די טעמאַטיק איז פון יידיש־פוילישן לעבן ערב דעם חורבן. אויך אין די אַנדערע דערציילונגען, וואָס שילדערן די ערשטע אומזיכערע טריט פון אימיגראַנטישן לעבן אין אויסטראַליע, שטייט אין הינטערגרונט די אַלטע היים מיט אירע פּראָבלעמען, עקאָנאָמישער קריזיס, די יורדישקייט פון די חסידיש־

נגידישע הייזער און פון יחוס־שטאָם, וואָס בערגעלסאָן האָט געשטאַל־טיקט אין „אַרום וואָקזאַל" און „נאָך אַלעמען".

אין בערגנערס דערציילונגען פּרוּוון שוין די קינדער פון די יורדישע עלטערן צו ראַטעווען זיך (און די משפּחות) דורך אויס־וואַנדערן קיין אויסטראַליע, וואו עס וואַרטן אויף זיי „גאָלדענע גליקן"... אָט די אילוזיעס און די שפּעטערדיקע אַנטוישונגען האָבן דערפירט צו שטילע יחידישע דראַמעס און ביי אַ טייל משפּחות צו הויך־יעלותדיקע ריסן. שפּירט יוסף־יידל, אַז ער האָט נישט געדאַרפט פון זיך אַ תל מאַכן און אַנטלויפן („שיפס־ברידער") און יהודית האָט שטאַרקע תרעומות צו איר מאַן יצחק „וואָס ער האָט זי געבראַכט אין דער גאָלדענער מדינה" („אַליין"). גייען אַרום די „באָרדערס" אין זייערע ליידיקע צימערן און מאַכן זיך נישט הערן דאָס געוויין פון מיסיס סעגאַל, וואָס גיסט זיך צונויף מיט זייערע אייגענע ביטערנישן אין די איינזאַמע שטובן און גאַסן („מיסטער סעגאַלס ווייב קומט צו פאָרן"). קומט אַ נייע שיף מיט עמיגראַנטן, לויפט מען צום פּאָרט זיי אָפּוואַרטן, אויפכאַפּן באַקאַנטע היימישע קולות אין וועלכע מען טראָגט אַריין די אייגענע בענקשאַפט („דאָס נייע הויז").

נאָך שטאַרקער פרעסט די איינזאַמקייט און אַליינקייט די יידן, וואָס זענען אַוועק זוכן פּרנסה אין אַ ווייטן שטעטל, ערגעץ אין אַן עק, וואו ס'איז נישטאָ צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן; און אַז מען קלאַפּט שוין צונויף אַ מנין, מוז ער דאַווענען אין אַ טאַנץ־זאַל און „די יידן אין טליתים האָבן זיך פאַרלוירן אַרומגעדרייט אויף דער גליטשיקער פּאָדלאָגע פון טאַנץ־זאַל" („די שול אין סאַניביי").

אין 1947 האָט בערגנער פאַרעפנטלעכט זיין צווייטן (אויסטראַ־לישן) בוך, דעם ראָמאַן „צווישן הימל און וואַסער". עס איז אַ קליין בוך (173 זייטן), אָבער אַ גרויס קינסטלעריש ווערק מיט אויסגעפּו־רעמטע געשטאַלטן, זעאונגען, בילדער, געצייכנט מיט אַ זיכערער האַנט פון אַ רייפן פּראָזאַיקער.

דער סוזשעט איז פאַרנאָפּלט צו דער גרויסער טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק, ווען עס האָבן איבער די אָקעאַנען געוואַנדערט שיפן מיט יידישע פּליטים, וועלכע קיין לאַנד האָט דעמאָלט נישט געוואָלט צולאָזן צו זיינע ברעגעס. אויפן הינטערגרונט פון דער שיף מיט די יידי־שע אומגעבראַכטע פּליטים אין די כוואַליעס פון ים („פּאַטריאַ") האָט בערגנער קאָנסטרואירט (אויף דעם קליינעם שיף־שטח) אַ שטיק יידיש לעבן מיט זיין פאָלקסטימלעכקייט און פּאַנאָראַמע — אַ פאַרביקע,

פולבלוטיקע יידישע וועלט מיט געשטאַלט־פאַרטיפונג און בילדער, וואָס פלאַטערן אין אַ לעבעדיקער אַטמאָספער צווישן האָפענונג און טראַגישע שפּירונגען.

די אויפפירונג פון די פאַרצווייפלטע אין פאַרשידענע מאָמענטן פון ביטערנישן און קאָנפליקטן, די קליינע דראַמעס אויף דער קבר־שיף מיט זייערע אינערלעכע שפּאַנונגען און קעגנזייטיקע באַציאונגען; און די נישט אויסגעלעבטע גאַרונגען ביים ראַנד פון אָפּגרונט ווערן אַרומגעוועבט מיט סימבאָליק פון יחידישן און נאַציאָנאַלן גורל געשילדערט אויף אַ רעאַליסטישן הינטערגרונט. אין דעם ווערק האָט בערגנער אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן חוש פאַר אַטמאָספער און געמיטפאַרב. יעדן יחיד געוויזן מיט זיין אייגן פּנים אויך אין זיין סילועטישקייט און רעפלעקס־אָבסערוואַציע. דער מחבר האָט בליציק דורכגעלויכטן די טונקלקייט פון מענטש, וואָס איז פאַרגראָבן אין דער נשמה, נאָר רייסט זיך אַרויס אין מאָמענטן פון שווערע נסיונות; און דאָס פאַרבאָרגענע ליכט פון מענטש און מענטשלעכקייט, וואָס באַשיינט די געשטאַלט אין זיינע ראַנגלענישן צווישן האָפענונג און יאוש.

אין דעם ווערק האָט זיך בערגנער דערהויבן צו אַ קינסטלערישער הויך — דער זעניט פון זיין שאַפן, וואָס טראָגט דעם זיגל פון אַ רייפן, קרעפטיקן פּראָזאַיקער. ווען אין זעלבן יאָר איז דאָס בוך דערשינען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג, האָט די אויסטראַלישע קריטיק עס אויפגענומען מיט אַ סך ליבע און באַשאָנקען דעם מחבר מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל „פאַר דעם בעסטן אויסטראַלישן בוך פון דעם יאָר”.

אין דער גרויסער וואַריאַציע פון בערגנערס קוואַליטאַטיוון און סוזשעטישן כאַראַקטער טיילט זיך אויס זיין ראָמאַן „אַ שטאָט אין פוילן”. דער מחבר האָט אין דעם ווערק געזוכט צו שטעלן אַ קינסטלערישן מאָנומענט דעם פוילישן יידנטום, געשאַפן מיט דער וואַרעמקייט און יוגנט־בענקשאַפט פון אַ פוילישן ייד, וואָס לעבט אין אויסטראַליע מיט די זעאונגען, געשטאַלטן און געשעענישן פון דער אַלטער היים.

דאָס ווערק איז מער ווי אַ שטאָט אין פוילן — עס שפּיגלט דאָך אָפּ דעם לעבנס־ריטעם פון אונדזער אַלעמענס נעכטן און מיט געמעלן פון די ברויזנדיקע אידעאָלאָגישע שטרייטן, פּראָבלעמען, אויף דער יידישער גאַס צווישןביידע וועלט־מלחמות; און פון שטייגער־פּייסאַזש אינעם יידישן שטעטל געשילדערט אין אַ ליריש־אינדיווידועלן טאָן.

בערגנער האָט גוט געקענט, פון אינעווייניק, די מיליע און די טיפֿן וועלכע ער האָט געשטאַלטיקט גרויס־פּאַרנעמיק, מיט אַ טיפֿערן אויסדרוק פון דעם אינערלעכן לעבן פונעם יחיד.

דער סוזשעט באַוועגט זיך אַרום דער אַקס פון ר׳ לייבוש מיט זיינע צוועלף זין („די צוועלף שבטים״), מיט זייערע משפּחות און פּעריפּעריעס. אָבער אין תוך געגומען איז דער ראָמאַן אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם נשמה־צאַפּל אויף דער יידישער גאַס — דאָס אַלטע און דאָס נייע מיט דעם קאַמף צווישן דורות, געזען רעטראָספּעקטיוו. ווי עס איז דער שטייגער, מעקט צייט אָפּ די שאַרפקייטן פון די אַמאָליקע קאַמפן, ביטערנישן, אַרומרייסעניש̈ן. פּאַרקערט, בערגנער זוכט אָפּ אַ געפיל פון ליבשאַפט צו אַלע ריכטונגען און שיטות פונעם יידיש־פּוילישן לעבן פאַרן קריג. ער האָט באַלויכטן דעם עטישן צובונד, די הומאַנישקייט וואָס איז איבערגעאַנגען צו די נייע דורות אונטער נייע פּענער.

בערגנערס דערציילערישער נוסח איז אַ באַריכותדיקער, אַ פּאַמעלעכדיק־שטילער, ווי דאָס פליסן פון אַ שטיל וואַסער. אינעם גאַנג פון די פּאַסירונגען הייבט ער אַרויס עפּיזאָדן מיט דראַמאַטישע אַקצענטן, וואָס רופן אַרויס שפּאַנונג. אָבער דער מהות איז צו פאַרפּיקסירן און זוכן אַ לעבעדיקע בריק פון דעם פאַרגאַנגענעם לעבן צו אונדזער היינטיקס אין דער נאָך־מלחמהדיקער וועלט.

כדאי צו באַמערקן, אַז דעם ראָמאַן „אַ שטאָט אין פּוילן״ האָט בערגנער געשריבן באַלד נאָכן קריג, ווען עס האָט זיך אויפגעעפנט דער בלוטיקער פאַרהאַנג פון יידישן חורבן. ער איז דערשינען אין מעלבורן, אין יאָר 1950, און אין עטלעכע יאָר שפּעטער אויך אין עברית („עיר בפולין״, תל־אביב, 1954).

אין 1955 האָט בערגנער פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג דערציילונגען אונטערן נאָמען „דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס״ (מעלבורן, פאַרלאַג „יידישע נייעס״). די טעמאַטיק פון די צען נאָוועלן איז פאַרשידנאַרטיק און דאָך איינהייטלעך אין די נאַציאָנאַל־פּסיכישע טענדענצן פון יידישער פּראָבלעמאַטיק אין די נייע ישובים. דער געראַנגל פאַר יידיש לשון, עס זאָל נישט פאַרשניטן ווערן פון די נייע דורות, פייניקט דעם יידישן שרייבער, וואָס איז וואָך צו דעם גאַנצן אַרום, צו דער פאַרשטומטקייט וואָס שרייט צו די הימלען.

דער געראַנגל פאַר דער חשיבות פון יידיש לשון רייסט זיך אַריין

אפילו אין די געזאַנגען אויף די „עט האָום" פּאַרטיעס, וואו די ענג־לישע און יידישע ניגונים שטויסן זיך צוזאַמען: „עס האָט זיך געדאַכט, אַז סיי די ווערטער, סיי די ניגונים האָבן זיך פאַרמאָסטן אין אַ גע־ראַנגל, אין אַ קאַמף" („אַ טאַטע פון טעכטער").

דער פּראָבלעם פון געמישטע חתונות, וואָס גראָבט אויס אַ תהום צווישן מיסטער אייזיק און זיין טאָכטער איוו; זיין צער ביים ראַנגלען זיך עס זאָל נישט אונטערגיין זיין יידישע היים און די קולטור פון יידישע דורות (פון דער דערציילונג „דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס").

שילדערט בערגנער די טראַגעדיע פונעם יידישן קינסטלער, שרייבער, אַקטיאָר, זיין איינזאַמקייט און פאַרביטערטקייט; די גלייכ־גילטיקייט פון דער געזעלשאַפטלעכקייט צו זיין עלנטקייט, דער טראַגישער ריס צווישן עלטערן און קינדער, און די פרייד ביים טאַטן בעת ער דערשפּירט, אַז זיין זון זוכט אים צו פאַרשטיין („אַ יידישער אַקטיאָר").

דער צענטראַלער מאָטיוו פון בערגנערס שאַפן איז דורכגע־פלאָכטן מיט די יידישע איבערגעפלאַנצטע מענטשן אויף אַ נייעם באָדן, וואָס ראַנגלען זיך מיט זייערע יחידישע דראַמעס, ווי מיט דעם געזעלשאַפטלעכן פאַרמעסט צו שאַפן אַ סטאַבילן יידישן ישוב. אָט די דראַמעס האָבן באַקומען זייער בעלעטריסטישן אויסדרוק אויך אין זיינע צוויי ווערק: „ליכט און שאָטן" און „וואו דער אמת שטייט איין".

אין ראָמאַן „ליכט און שאָטן" (מעלבורן, 1960) שילדערט בערג־נער די משפחה זעלינג, צו ערשט אין אַ פאַרוואָרפן אויסטראַליש שטעטל, ראָזמאַר, אָפּגעריסן פון אַ יידישן ישוב („וואו האָסטו מיך פאַרשלעפּט הערש?"). ווי אַזוי קינדער וואַקסן אויס אין אַזאַ סביבה איז גוט באַוואוסט. דער מחבר צייכנט אָנרעגנדיקע בילדער פון אַ וואָרהאַפטיקער רעאַליסטישער אַטמאָספער מיט די אינערלעכע שפּאַ־נונגען פון די משפחה־מיטגלידער; קאָנפליקטן, ביטערנישן — פאַר־גאַנצטע בילדער פון פאַסירונגען צו וועלכע די נאַטור־סטיכיעס ווערן אַ מיטשותף.

דער מחבר טראָגט די אַקציע אַריבער קיין מעלבורן צו האָבן אַ ברייטערע קאַנווע פאַר דער זעלינג־משפחה אויפן פאָן פונעם געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן יידישן לעבן אין מעלבורן. אין דער קאַנווע איז אַריינגעוועבט דער יידישער חינוך פאַרן יונגן דור און די קולטור־אַרבעט פאַר די עלטערע. די ציוניסטישע יוגנט, די

„הכשרה" מיטן אויסבליק עולה צו זיין, און אַ גאַלעריע יידישע מענטשן, טיפּן און בייטיפּן, וואָס זענען פאַרנאָפּלט אין זיין געמיט. דער מחבר באַלעבט די פאַרשידענע סביבות מיט זייערע טואונגען און רייד, ער צייכנט קאָנטראַסטן און נסיונות, פּסיכישע קורצשלוסן און נשמהדיקן אומרו ביי די פון דער יוגנט, וואָס זוכן זייערע וואָרצלען.

בערגנער, מיט זיין נטיה צו פּעסימיזם, האָט אין זיין שאַפן נישט געלאָזט זיך באַוועלטיקן פון יאוש און שאָטן-זייטן, נאָר געזוכט ליכט-שטראַלן אינעם היינטיקן יידישן לעבן. באַגלייך מיט זיינע צייכענונגען פון די גראָבהויטיקע, „אויסגעגרינטע", אויפגעקומענע אָלרייטניקעס, האָט ער אַרויסגעהויבן די נישט-העלדישע דערהויבנ־קייט פון פּשוטע פאָלקס-מענטשן מיט זייער יידיש האַרץ און געוויסן. זיי טיילן זיך אויס פון דעם ליאַרעמדיקן אַרום מיט זייערע מעשים־טובים און מיט דער פרייד פון דערוואַכטער יידישקייט.

ווען איין זון פון דער זעלינג-פאַמיליע האָט חתונה מיט אַ נישט-יידיש מיידל, באַפליגלט דער מחבר דעם יונגערן זון מיט זיין יידישן אומרו און העלפט אים „זיך אויספּלאָנטערן פון די אַלע שטימען וואָס האָבן אין אים גערופן". ער זוכט פאַר אים אַ יידישן קיום אין אַוועקפאָרן קיין ישראל. און ווען די שיף האָט גענומען אָפּשווימען פון ברעג און „מאָרי האָט זיך געוואָלט דערמאָנען די אַלע פּנימער, וואָס ער האָט ערשט ביים פּאָרט געזען, האָט זיך מיט אַ מאָל אויס־געשיילט דאָס פּנים פון זיידע, וואָס האָט נישט געקענט קומען צום פּאָרט" („ליכט און שאָטן").

דאָס איז געווען בערגנערס חלום צו באַהעפטן דאָס אייניקל מיט דעם זיידע, צו שפּירן „דעם זיידנס פינגער וואָס קלאַמערן זיך אין זיין האַנט", נאָר דעמאָלט וועלן יידישע וואָרצלען, וואָס האָבן אָנגע־הויבן וועלקן, צוריק באַקומען יניקה...

* * *

אין זיין לעצטן בוך דערציילונגען („וואו דער אמת שטייט איין") האָט בערגנער דורכגעלויכטן, אין פאַרשידענע דימענסיעס, אַ בילד פון אַויסטראַליש-יידיש לעבן מיט זיינע נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן. ס'איז דאָ אין דעם בוך אַ סך אומעט, וואָס פליסט אַרויס פון די שאָטנס פון אונדזער היגן יידישן לעבן, אָבער ס'איז אויך דאָ פרייד, וואָס רייסט זיך אַדורך די שאָטנס ווי שטראַלן ליכט. ביי דער זייט פון טרויער, עלנט, אומעט אין אונדזער צעזודערטער וועלט,

האָט דער מחבר אויך געגעבן שילדערונגען פון טיפן און סיטואַציעס אין וועלכע דאָס גוטע נעמט די אויבערהאַנט איבער דאָס שלעכטע.

אין די שילדערונגען פון די טיפן און סיטואַציעס, אין די עפּי־זאָדן פון דער סיפּור־המעשה, מיט איר פאַרלויף און אויסגאַנג, ווי אין די געמעלן פון די יחידישע נשמה־קאָנפליקטן און דראַמעס — שטילע אָדער הויך־מאַנענדיקע — האָט בערגנער אַדורכגעלויכטן פון אינעווייניק דעם פּרצוף־פּנים פון אונדזער ישוב אין אַלע זיינע אומוואַנדלונגען, וואָס זענען נאָך אין אַ פליסיקן צושטאַנד. אין דעם זין האָט בערגנער — און פאַר אים גאָלדהאַר — דערפילט די ראָל פון אַן אויטענטישן היסטאָריקער פון זיין קיבוץ און צייט. יעדער עכטער שרייבער, וואָס איז אַן אינעווייניקסטער אָבסערוואַטאָר, מיט אַ שאַרף אויג און אויער אויפצוכאַפּן די רעגונגען און פּראָצעסן פונעם לעבן פון יחיד און כלל, דערפילט דאָך אין זיין שאַפן די שליחות פון אַ קינסטלער־היסטאָריקער.

בערגנער האָט אויף דער קאַנווע פון אַ וואַרהאַפטיקער אַטמאָס־פער געפורעמט זיינע געשטאַלטן און טיפּן, יעדן מיט זיין אינדיווידועלן פּנים און לעבנס־וועג. ער האָט אויך געזען די פּנימלאָזע, גראָבהויטיקע יידן און זיי געמאָלן מיט אַ היפשער דאָזע איראָניע און סאַטירע. מיט אַ גייסטיקער הנאה האָט ער אָבער געשילדערט די ערלעכע יידן מיט שיינע מידות, מיט פאַלקסטימלעכער פּשטות. אָט די יידן, וואָס טראָגן דאָס ליכט פונעם ישוב און וואַרעמען און באַשטראַלן זיין נשמה.

אָבער די שאָטנס אינעם ישוב זענען גרעסער פון זיין ליכט! ווייל שוין דער ערשטער אימיגראַנטישער דור איז אַנטלאָפן פון זיך ביים אַרויפכאַפּן זיך אויפן וואָגן פון די „אַלרייטניקעס”. זייערע הייזער זענען געוואָרן גייסטיק אויסגעליידיקטע, אָן אַ אַ שמץ פון יידישער אינטימיטעט און לעבנס־נוסח. יידישע טראַדיציעס, גייס־טיקע ווערטן, יידיש לשון און קולטור זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן ווי אַן אומנוציקער באַלאַסט.

האָט בערגנער געשילדערט אָט די גייסטיק אויסגעוואָרצלטע יידן, אָן אַ גאָט אין האַרצן, אָן אַ יידיש האַרץ בכלל. דער זאָג „אויס־געוואָרצלטע” איז דאָ נישט סתם אַ פיגוראַטיווער אויסדרוק. יעדער מענטש מוז האָבן וואָרצלען און אַ באָדן איינצוהאַלטן זיין מענטש־לעכקייט. אָט די גייסטיקע וואָרצלען זענען ווי לופט פאַר די פיזישע

לונגען. ווייסן מיר דאָך, אַז דער גלות־ייד האָט געקענט זיין פיזיש אויסגעוואָרצלט, אָבער פּסיכיש, אין זיין דמיון, האָט ער געהאַט טיפע גייסטיקע וואָרצלען צווישן יידן, און דאָס האָט אים פאַרהיט — זייעדיק ווייט פון אַ יידישן ישוב — אויפצוהאַלטן זיין יידישקייט, לעבדיק צווישן נישט־יידן (בולטע היסטאָרישע ביישפּילן קען מען געפינען ביי די קאַנטאָניסטן).

מחמת די אויסגעוואָרצלטקייט אין „דאָס נייע הויז" האָט דער־פירט צו דער פאַרפרעמדונג פון די קינדער צו זייערע עלטערן און צו זייער פאָלק — איז איינע פון די גרונט־שטריכן אין בערגנערס טעמאַטיק און טיפּאַזש. מיט אַזאַ שניידנדיקער סאַטירע שילדערט ער די דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן פון יונגן דור, די זין און טעכטער פון דעם אימיגראַנטישן דור מיט זייער מאַטעריאַליסטישער גיריקייט און אוממענטשלעכקייט (לדוגמא, זע די דערציילונגען: „שיין זעט אויס אַ פייער אין דער נאַכט", „דער טאַטע שטאַרבט נישט", „די בלעכענע פּושקע" — צו דערמאָנען נאָר אַ פּאָר פון בערגנערס לעצטן בוך „וואו דער אמת שטייט איין"). דער שרייבער איז דאָ נישט סתם אַ באַאָבאַכטער, וואָס שטייט נייטראַל מין הצד פון דעם וואָס ער זעט און שפּירט. ער שטראָפט טאַקע נישט קיינעם אין זיין סיפּור המעשה, אָבער צווישן די שורות קלינגט אַן אַלאַרמירנדיק גלעקל מיט אַ שטאַרקער עמפּינדלעכקייט, וואָס ווייזט אָן אויף דער סכנה פאַרן ישוב — פאַר זיין גורל היינט און מאָרגן. ער ווייזט דעם יחיד, אָבער אין הינטערגרונט שטייט דער כלל מיט זיין גייסטיקן קריזיס.

אין זיינע לעצטע ווערק, ווי אין זיינע פריערדיקע, האָט דער מחבר באַהאַנדלט אַ שלל מיט יידישע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט, אַרויסגעבראַכט דעם יחיד און די סביבה פון אויסטראַליש־יידישן לעבן און געגעבן אַ בעלעטריסטישן ענטפער אויף די שאלות: „ווי אַזוי?" און „פאַרוואָס" און איבערגעלאָזט פאַרן לייענער — „וואָס ווייטער?"...

אַ וואָרט וועגן בערגנערס סטיל. זיין יידיש לשון איז אַ קערנ־דיקער, מיט טרעפלעכע גלייכווערטלעך פון עכטן יידישן אידיאָם. בטבע אַ שטאַרק באַרעדעוודיקער, האָט ער געדאַרפט שטאַרק מלחמה האַלטן מיט זיך אין שפּראַך־דיסציפּלין און אין צימצום פון וואָרט און פּרט. טייל מאָל האָט די נטיה פון צו פיל דערציילן און איבער־לאָדן מיט אַן אומבאַדייטנדיקן פּרט גובר געווען, אָבער בכלל האָט

ער זיך באַמיט צו זיין געפּרעסט אין וואָרט און שטעלן באַצייטנס אַ פּונקט (אָדער דריי פּינטעלעך).

* * *

ווען אַ שרייבער לעבט איז פּריצייטיק צו געבן אַן אַלגעמיינעם סך־הכל. ווען דער טויט רייסט אים אַוועק, קען מען שוין געבן אַ רויט פּאַסיקל — אונטערציען דעם לעצטן בילאַנס פון זיין שאַפן. האָבן מיר פאַר זיך איצט בערגנערס ליטעראַרישע ירושה, וואָס דאַרף אונדז העלפן זיך אַליין דערקענען. בערגנער האָט זיין שרייבערישע שליחות געטאָן מיט דעם קלאָרן באַוואוסטזיין פון די שוועריקייטן, אָבער מיט אַ סך וואָרעמקייט און סענטימענט. ער האָט זיין אויפגאַבע ווי אַ יידישער שרייבער דערפילט ווי אַ פליכט און אַ זכות צו דינען זיין פאָלק און גורל, ווייל עס איז זיין אייגענער גורל, ווי אַ זון פון אָט דעם פאָלק. ער איז געווען דער שליח ציבור פונעם יידישן ישוב אין אויסטראַליע, וועמענס פּרצוף־פּנים ער האָט אויפגעדעקט. דאָס פאַרבאָרגענע פון אונטערבאַוואוסטזיין געבראַכט (דורך דער פּלאַסטיק פון זיינע שילדערונגען) צום באַוואוסטזיין.

בערגנער האָט געוואָלט בעלעטריסטיש נאָכפאָלגן דעם פּוילישן ייד פאַרוואָגלט אויף אַ פרעמדער אומבאַקאַנטער ערד. ווען איך זאָג פּוילישער ייד מיין איך דערמיט, סטערעפּאַניש, אַלע ניואַנסן פון פאַרבן און טענער, וואָס אָט דער טיפּ האָט פאַרקערפּערט מיט זיך אין זיין נאַציאָנאַלן מהות.

מען דערמאָנט היינט נישט איין מאָל דעם אימפּעט און ברען פון פּוילישן ייד און זיין אייגנאַרטיקן לעבנס־אופן. מען פאַרגעסט אָבער, אַז דער פּוילישער ייד האָט נישט בלויז געלעבט, נאָר טיף, נשמהדיק, דורכגעלעבט דאָס יידישע זיין אויף דער וועלט; אַז אין דעם קורצן שפּאַן פון זיין לעבן דאַרף ער עפּעס אויפטאָן, מתקן זיין פאַר דער וועלט. ווי אַ קיבוץ האָט דאָס פּוילישע יידנטום פאַרגע־געשטעלט מיט זיך אַ פענאָמענאַלע דערשיינונג. קעגנזעצלעכע שטריכן האָבן אין זיין וועזן באַקומען קאָ־עקזיסטענץ, איינס האָט משלים גע־ווען דאָס צווייטע: חסידישער התלהבות (קאָצקער ברען) און מתנגדישע קילקייט, שאַרפזין און תמימות, טיפע אמונה און באַזאַכטע סקעפּטיק. בטחון און נאָגנדיקער ספק, דורכגעטראַכטע מחשבה און לייכטע גע־מיטלעכקייט, ערנסט און לצנות. אָבער בעיקר, און ועל כולם — אחריות פאַרן אייגענעם לעבן און פאַרן לעבן פון יידישן כלל. ער האָט געזען די וועלט מיט יידישע אויגן און דאָס איז געווען ביי

אים נאַטירלעך, עכט, דורך דעם גאַנג פון דורות, יסודותדיק טיף פאַרוואָרצלט אינעם יידיש־פוילישן באָדן.

צו דעם נאָך אַ וויכטיקער לעבנס־שטריך: אין דער אַלטער היים האָט מען זיך שטאַרק גערעכנט מיטן דעת הקהל, מיט איינגע־פונדעוועטע געזעלשאַפטלעכע און עטישע נאָרמעס. נאַטירלעך, נישט אַלע, אָבער דער רוב מנין האָט באַוואוסטזיניק אָדער אינסטינקטיוו געשפּירט דעם דיסציפּלינירנדיקן אָנזאָג (אינעם יידיש־עטישן זין) פון „ודע לפני מי אתה עומד". מען האָט זיך גערעכנט מיט דעם און מיט יענעם און זיך געצוימט אין די פּירונגען.

* * *

אָבער אויף עמיגראַציע זענען די צוימען געוואָרן לויז. מען רעכנט זיך נישט מיט קיינעם אין דער אויפפירונג. אויפן וועג האָט מען פאַרלוירן באַציאונג און אחריות פאַר יידישע און מענטשלעכע ווערטן. טרעפסט מענטשן וואָס אין דער אַלטער היים זענען זיי געווען געזעלשאַפטלעכע טוער, אַ ראָל געשפּילט, און איצט זענען זיי געווע־זענע, אויסגעשפּילטע, שאָטנס פון אַ מאָל. זעסט זיי פאַראַדירן מיט אַ ביטול־באַציאונג צו גייסטיקע ענינים און צו די וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ בטלנות...

בערגנער האָט געהאַט אַן אויג פאַר זיי. ער האָט זיי געשילדערט אין זייער האַרצלאָזיקייט — קיין יידיש האַרץ האָבן זיי אוודאי נישט! דאָס זענען די שאָטן־זייטן פונעם ישוב, פון די נעגאַטיווע טיפּן. אָפּגעריסן פון די לעבעדיקע פאָלקס־קוואַלן, זענען זיי געוואָרן גייסטיק פאַרטעמפּט און אויסגעטריקנט.

ער האָט אָבער אויך געזען די פּאָזיטיווע טיפּן, די טייערע פאָלקסטימלעכע יידן, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן זייער הייסן אָטעם אַנצוואַרעמען דאָס פאַרפרוירענע בלוט, און ער האָט אַרויסגעהויבן די ביי וועלכע „דער אמת שטייט איין", יידן מיט תמימות און עניוות, וואָס גיבן צו אָנזען דעם נאָמען מענטש און מענטשלעכקייט. צווישן די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זענען אויך די בינונים, וואָס גראַוויטירן צוביידע עקסטרעמען, אָבער דאָס גוטע נעמט צו מאָל איבער די אויבערהאַנט איבער דאָס שלעכטע. ווי אַ שרייבער איז ער בלויז געווען דער אָבסערוואַטאָר און סייסמאָגראַף, וואָס האָט פאַרצייכנט די ענדערונגען, אָבער בעל־פּה פלעגט ער גאַנץ שאַרף רעדן וועגן די שאָטן־זייטן פון אונדזער ישוב...

* * *

די קאַלענדאַר־בלעטלעך רוקן זיך שנעל. פון טעג ווערן וואָכן, פון וואָכן — חדשים און שוין איז אַ יאָר אַדורך זינט הערץ בערגנער איז פּלוצים אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז. זיין געשטאַלט טויכט אָפּט אויף פאַר די אויגן, עס שווימען אַרויס רייד, אַרויסזאָגונגען אין די לעצטע וואָכן פון זיין לעבן. אפשר אין די טיפסטע טיפענישן זיינע האָט ער עפּעס געאַנט, אַז די צייט איז קורץ און ער האָט אַזוי פיל צו זאָגן, אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן, פון פּערזענלעכע דאגות און וועגן אַלגעמיינע צרות און קלעמענישן.

פון דער נאַטור אַ שטאַרק באַרעדעוודיקער, האָט ער נישט גע־קענט זיין פון די פאַרשלאָסענע מענטשן וואָס זענען פאַרשפּיליעט ביזן לעצטן קנעפּל. ווער רעדט נאָך ווען מען איז אַריין מיט אים אין אַ שמועס וועגן זיינע העלדן און ווערק, איז ביי אים שוין נישט געווען קיין שום געצווימטקייט און אָפּהאַלט אין זיין רעדן. ער פלעגט זיך דערפרייען מיט יעדן ייד, וואָס האָט אים געלייענט און געזאָגט אַ גוט וואָרט. און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. אַ שרייבער, אַ קינסטלער, ווי אַ פלאַנץ, נויטיקט זיך אין וואַרעמקייט, אין ליכט אַרום זיך, באַזונדערס אין די שווערע טעג פאַרן יידישן וואָרט אין אונדזער צייט... וויל איך דאָ מסיים זיין וועגן בערגנערן, מיר זאָלן אים געדענקען ווי אַ טייערן הייסן ייד, וואָס האָט געטראָגן אין האַרצן אַ געפיל פון ליבשאַפט צו אַלע יידן און צו אַלץ וואָס איז יידיש, גייסטיק, שפּראַכלעך און קולטורעל.

איך וועל אים אויך געדענקען ווי אַ גוטן חבר און פריינד. אונ־דזער פריינדשאַפט האָט זיך געצויגן עטלעכע צענדליק יאָר און זי וועט ביי מיר פאַרבלייבן לזכרון.

צום סוף ווילט זיך זאָגן וועגן בערגנערס שאַפן מיט די ווערטער, וואָס דער פראַנצויזישער דיכטער לאַ מאַרטין האָט אין אַ פאָרוואָרט צו אַ לידער־בוך געשריבן צום לייענער:

„איך רעד וועגן זיך;
קום נענטער — איך רעד וועגן אונדז;
קום גאָר נאָענט — איך רעד וועגן דיר”.

הערש מינץ

הערץ בערגנער — דער שרייבער פון דער יידישער אויסטראַליע

דער ליטעראַרישער בייטראַג פון אויסטראַלישן יידישן ישוב צו דער יידישער ליטעראַטור איז געווען אַ פּאַרשפּעקטער. די סיבות וועלכע האָבן אַזעלכעס גורם געווען, זענען פאַרבונדן מיט דער אייגנאַרטיקער אַנטוויקלונג און לאַנגזאַמען פּראָצעס פון געשטאַלטיקונג פון ישוב אין לאַנד. די אימיגראַציע קיין אויסטראַליע איז געווען אַ לאַנגזאַמע און דער צוזאַמענשטעל פון יידישן אימיגראַנטן עלעמענט איז געווען אַנדערש ווי אין אַלע אַנדערע לענדער וואו יידן האָבן געזוכט און געפונען נייע היימען.

יידישע אימיגראַנטן אַהערצו האָבן זיך וועבירט אין די בערך ערשטע הונדערט און זיבעציק יאָר זינט דער קאָנטינענט איז אַנטדעקט געוואָרן, הויפּטזעכלעך פון ענגלאַנד, אַ לאַנד וואָס האָט אַליין נישט געהאַט קיין אינטענסיוו יידיש לעבן.

די ענגליש־יידישע אימיגראַנטן האָבן אַריבערגעבראַכט זייער דאָרטיקן לעבנס־שטייגער, וואָס האָט זיך אין דער נייער היים, ווי אין דער אַלטער, אידענטיפיצירט מיט אַ קלעריקאַל־רעליגיעזער אויפפאַסונג פון יידישקייט. אַזאַ לעבנס־שטייגער איז נישט עלול געווען צו שאַפן די יענע נויטיקע פאַרבאַדינגונגען, וועלכע זענען נישט אַפּרופּבאַר פאַרן מינדסטן שפּראָצן פון ליטעראַרישן שאַפן, ווי יידיש לשון, שול־וועזן און וועלטלעך־יידיש געזעלשאַפטלעך לעבן.

אַ גינסטיקערער קלימאַט פאַרן יידיש־ליטעראַרישן שאַפן האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אָנקום פון מזרח־אייראָפּעאישע יידיש־רעדנדיקע יידן אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן. ערשט ווען ס'האָט זיך באַזעצט אין אויסטראַליע פּנחס גאָלדהאַר, דער ערשטער יידישער וואָרט־קינסטלער, וואָס האָט אין זיין בוך „דערציילונגען פון אויסטראַליע" געגעבן אַ בעלעטריסטישן אויסדרוק די גראַנגלען פונעם יונגן ישוב אויפצוהאַלטן אַ יידישן לעבנס־שטייגער — ווי אַן המשך פון דער אַלטער היים.

הערץ בערגנער איז אָנגעקומען אין לאַנד אַ פּאָר יאָר פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה. זיין ליטעראַריש שאַפן האָט זיך אָנגעהויבן

אין פוילן, אין די אומרואיקע דרייסיקער יאָרן, מיט זיין ערשט בוך „שטובן און גאַסן״. זיין ליטעראַרישער וועג איז געבליבן גראָדליניק נאָר אין מעטאָד פון רעאַליסטישן צוגאַנג צום לעבן; זיין טעמאַטיק אָבער האָט זיך באַדייטנדיק אויסגעברייטערט אין אַ ריי ווערק וועל־כע פירן דורך אַ דריי־וועג, פון ערשטן בוך אין פוילן, צו „ליכט און שאָטן״, אויפגעפאַסט אַלס דער ערשטער ראָמאַן פון דער יידישער אויסטראַליע.

מיר קענען אַזוי אַרום פאַרטיילן זיינע ווערק, לויט זייער אינ־האַלט, אין ביכער וועלכע באַשרייבן דעם לעבנס־שטייגער אין דער אַלטער היים. צו די געהערן „שטובן און גאַסן״ און די שפּעטערדיקע „אַ שטאָט אין פוילן״; די וועלכע נעמען אַרום דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד פון דער אַלטער צו דער נייער היים, ווי: „דאָס נייע הויז״, „צווישן הימל און וואַסער״ און דער גרעסטער טייל פון די דערציי־לונגען אין „דאָס הויז פון דזשייקאָבס״, און שליסלעך דער דריטער פּעריאָד, וועלכער נעמט אַרום „ליכט און שאָטן״ און אַ ריי דערציי־לונגען אין „וואו דער אמת שטייט איין״.

אויב מיר וועלן אָננעמען, אַז די ווערק פון דער ערשטער תקופה זענען דער יסוד און טעזע פון זיין ליטעראַרישן שאַפן, זענען די נאָוועלן פון דער איבערגאַנג־תקופה בבחינת אַ ליטעראַרישע אַנטי־טעזע אין זיין ליטעראַרישן וועג, וועלכע קולמינירט אין „ליכט און שאָטן״, וואו ער שטרעבט צו פאַרבינדן אין אַ סינטעזע די פילזייטיקייט פון אונדזער לעבן.

„דאָס נייע הויז״, הערץ בערגנערס ערשט בוך וואָס איז דער־שינען אין מעלבורן, אין יאָר 1941, באַשטייט פון נאָוועלן אין וועלכע דער מחבר קומט צום ערשטן מאָל מיט זיין נייער היים, וועלכע ער זעט ווי זי ווערט געפורעמט און געשטאַלטיקט אין יידישן ישוב.

ס׳איז נישט קיין צופאַל וואָס אַ טייל פון די נאָוועלן שפּילן זיך אָפּ אויף דער שיף, וואו „שיפס־ברידער״ אָדער די פּאַסאַזשירן קומען ערשט אָן, ווי „מיסטער סיגאַלס ווייב קומט צו פאָרן״. אַנדערע דער־ציילונגען, ווי „אַליין״ און „אויף דער פרעמד״ ברענגען אַרויס די ערשטע ביטערע דערפאַרונגען און די איינזאַמקייט פון די ניי־געקומע־נע וועלכע דער מחבר באַשרייבט: „אין דער פינצטערער נאַכט האָבן זיי אויסגעזען ווי פאַרשיקטע, וואָס מ׳גייט ערגעץ ווייט פאַרוואַרפן״. „דאָס נייע הויז״ גופא ווערט נאָך געבויט, עס ווערט פאַרטיק

ערשט שפּעטער. די דערציילונג הייבט זיך אָן מיט די „מענטשן וואָס זענען געקומען אַפּוואַרטן די שיף מיט די אימיגראַנטן קיין פּערט״.

אין די אַלע דערציילונגען ווערט אַרויסגעבראַכט דער קאָנ־טראַסט צווישן דער אַלטער און נייער סביבה — אין אַן איבערגאַנגס־עפּאָכע פון דער אַלטער צו אַ נייער היים. די מענטשן זענען אויס־געוואָרצלטע, תלושים, וואָס פּרוּוון זיך איבערפּלאַנצן אויף אַ נייעם באָדן אין וועלכן ס׳איז שווער צו שלאָגן וואָרצלען.

צו דער איבערגאַנגס־תקופה אין בערגנערס ליטעראַרישן שאַפן געהערט „צווישן הימל און וואַסער״. דאָס איז קינסטלעריש דאָס שלימותדיקסטע פון זיינע ווערק. דער קורצער ראָמאַן שטייגט איבער די ראָמאַנען פון געוויעם רעאַליסטישן באַשרייבן און נעמט אָן אַ סימבאָלישע וויכטיקייט ווי אַ יידישע וועלט בזעיר אנפּין — אַן איינגעשרומפּטע וועלט אין נחס תבה, אין גרויזאַמען צייט־אָפּשניט פון אומקום און חורבן.

בערגנער קערט זיך ווידער אום צו זיינע טיפן פון דער אַלטער און נייער היים אין זיין באַנד נאָוועלן אין אויסטראַליע „דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס״. דאָס בוך איז אָבער וועזנטלעך אַנדערש פון דעם ערשטן באַנד דערציילונגען „דאָס נייע הויז״ אין דעם זין, וואָס ער ברענגט דאָ נאָוועלן וועלכע זענען גענומען פון אויסטראַליער יידישן לעבן, ווי „דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס״, „קינגס קאָרנער״ און „די קאָנקורענטן פון פּאַקאַפּאַלאַ״.

אין די נאָוועלן, בעיקר אין די ערשטע צוויי, פאַרמעסט זיך בערגנער אויף אַ שילדערונג פון היגן לעבנס־שטייגער אין אַ באַ־דייטנדיק ברייטערן אופן ווי אין די ביז איצטיקע אָפּגעזונדערטע פאַלן, ווען דער מחבר האָט אָנגערירט נאָר געוויסע אַספּעקטן פון אַזאַ לעבן.

דער בתכלית פרעמדער דזשייקאָב אייזיקס, וועלכער לעבט זיך אויס אין דער אַרומיקער סביבה, פון וועלכער ער איז אַ באַשטאַנד־טייל, ווערט אונדז נענטער דורך דעם קאָנפליקט, וואָס אַנטשטייט אין דער משפּחה צווישן אים און זיין טאָכטער.

דער שרייבער פירט אונדז אַריין אין דער פרעמדער סביבה דורך אַ ניי־געקומענעם, און די פרעמדקייט אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דורך די פּסיכאָלאָגיש טיף־פאַרטראַכטע באַציאונגען צווישן פאָטער און טאָכטער.

אויף אַן ענלעכן אופן באַקענען מיר זיך מיט מר. קינג פון „קינגס

קאָרנער״ דורך זיין טאַטן דודל, אַ היימישער ייד, וועלכער איז נאָר וואָס אַרויס פון דער אַלטער היים.

„די קאָנקורענטן פון פּאַקאַפּאַלאַ״ איז אין קעגנזאַץ צו די צוויי נאָוועלן בעצם א דערציילונג פון עמיגראַנטן־לעבן, וואָס צייכנט זיך אויס מיט שיינע באַשרייבונגען פון דער נאַטור, אין וועלכע הערץ בערגנער באַוויזט זיך פאַר אונדז אַלס דער מאָלער פון היגן פּייסאַזש.

מיר ווייסן פון די אַנדערע נאָוועלן אין דעם באַנד, אַז דער מחבר קען פיין שילדערן די נייע אומגעבונג פון די אַלט־געזע־סענע און אָנגעקומענע אימיגראַנטן.

אפילו דעמאָלט ווען בערגנער שילדערט די אויסטראַלישע יידי־שעווירקלעכקייט, גיסט ער אַריין אין זיין שאַפן אַ ווייכקייט, אַ ראָ־מאַנטישע באַרעדעוודיקייט, אַ בילדלעכקייט, וועלכע זענען געווען קוואַליטעטן פון פּויליש־יידישער שעפערישקייט.

* * *

דעם ערשטן מאָל האָב איך געהערט דעם נאָמען הערץ בערגנער דורך זיין ברודער מלך ראַוויטש אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג, אין יוני 1933, אין אַדעלייד, אין דער אוניווערסיטעט־געביידע.

איך געדענק ווי ער האָט דערציילט, מיט גרויס געפיל און התלהבות, אַז הערץ גייט אין דער ליטעראַטור פנים אל פנים, גראָד־ליניק, טראָגט אַלע שווערקייטן און שטרויכלונגען.

אַרום 1938 בין איך געוואָר געוואָרן, אַז הערץ בערגנער איז געקומען קיין אויסטראַליע און ער געפינט זיך אין מעלבורן. ווען איך האָב זיך מיט בערגנערן באַקענט, האָבן מיר אַ סך פאַרבראַכט צוזאַמען און אַרומגערעדט פּראָבלעמען פון דער יידישער ליטעראַטור און פון מזרח־אייראָפּעאישן יידישן לעבנס־שטייגער, וועמענס גייסט איז אים געווען אַזוי נאָענט, ציענדיק אַליין יניקה פון זיינע קוועלן.

הערץ בערגנערס ליטעראַרישע טעטיקייט האָט מיך אָנגערעגט אין מיינע מחשבות וועגן יידישער קולטור־שעפערישקייט אין די קלע־נערע יידישע ישובים און וועגן מצב פונעם יידישן שרייבער, אַרויסגעריסן פון יידיש־פּוילישן קאָכעדיקן לעבן, פאַרוואָרפן אויף אַ וויטן קאָנטינענט, און דאָך אַן אינטעגראַלער טייל פון דער יידיש־שעפערישער וועלט.

מיט זיין טויט זענען מיר אַלע אָרעמער געוואָרן. חבל אל דאבדין ולא משתכחין.

מלך ראַוויטש

הערץ — מיין ברודער — איז אַוועק אויף דער אמתער וועלט

די שליחות און דער גורל פון אַ מענטש — סתם אַ מענטש פון אַלע מינים — איז צו פאַרוואַנדלען ווערטער אין מעשים. די שליחות און דער גורל פון אַ שרייבער — צו פאַרוואַנדלען מעשים אין ווערטער.

און דערפאַר נעם איך מיר דאָס רעכט צו שרייבן דעם דאָזיקן מאמר, דעם פינצטערסטן, וואָס איך האָב אין מיין לאַנגן לעבן גע־שריבן. דעם פינצטערסטן? פאַר מיר — יאָ!

* * *

דער מאמר איז אַ טרייסט־בריוו, אָבער ער ברענגט נישט קיין טרייסט. כסדר דאַכט זיך מיר, אַז הערץ שטייט הינטער מיין פּלייצע און קוקט אַריין אין די שורות וואָס איך שרייב. און טאַקע, אין דער אמתן: פאַר וואָס זאָל איך נישט פילן אין דער וויזיע — אַן אמת? אין דער וויזיע איז ער דאָ אומשטאַרביק און אייביק. געווען פאַר זיין געבוירן ווערן און איז דאָ אויך נאָך זיין שטאַרבן. ער איז דאָ און וועט זיין. און אין אָט די ווערטער איז דאָ אַ טרייסט. די טרייסט וואָס איז דאָ אין יעדן אַבסאָלוטן אמת. נישט קיין מאמר שרייב איך, נאָר אַ בריוו צו דיר, מיין ברודער הערץ.

* * *

איך האָב דיך, הערץ, געקענט דריי און זעכציק יאָר. מיט גרויסע יסורים איז אונדזער מאַמען אָנגעקומען דיך צו ברענגען אויף אָט דער וועלט. דאָס איז געווען אין אַ פאַרטאָג, דעם 28־טן אַפּריל 1907. אין דעם גרויסן צימער פון אונדזער דירה איז געלעגן די געווינערין. אין אַ קלענערן צימער זענען געזעסן קרובים און איך. פון צייט צו צייט האָט די מאַמע אַ געשריי געטאָן און ווידער איז געוואָרן שטיל. און ווידער אַ געשריי — און ווידער שטיל. און

די שטילקייט איז געווען פול מיט אימה. אַרום דער מאַמעס בעט האָט זיך דער מלאך המוות געראַנגלט מיט דעם מלאך החיים.

און פּלוצים אַ געשריי — העכער און שאַרפער ווי אַלע געשרייען פון דער געוויינערין פון עטלעכע טעג און נעכט צוזאַמען. און ווידער שטיל, שטיל. אַלע קוקן זיך איבער מיט אימה. זאָגט אָט די שטילקייט אָן אַ ניי לעבן — אָדער אַ נייעם טויט?

און אָט דערהערן אַלע אַ דין געוויין פון אַ ניי־געבוירן קינד. מיט אָט דעם געוויין האָסטו, הערץ, אָנגעזאָגט אַ ניי לעבן.

און איצט ביסטו שוין באַפרייט פון יעדן מין מענטשלעכן געוויין און מענטשלעכן צער. דו האָסט צוריקגעגעבן גאָט וואָס באַלאַנגט צו גאָט.

עס איז מיר באַשערט געווען צו הערן דיין ערשט געשריי, און 63 יאָר שפּעטער איז מיר נישט באַשערט געווען צו זיין ביי דיין קראַנקן־בעט און קושן דיינע הענט און געזעגענען זיך מיט דיר — ווי איך האָב זיך געגריסט מיט דיר, קושנדיק די הענטעלעך דיינע אינעם ערשטן טאָג פון דיין לעבן.

דו ליגסט אין דער מאַמע־ערד אין ווייטן דרום פון כדור הארץ, און איך דריי מיך נאָך אַרום איבערן צפון פון כדור הארץ צען טויזנט מיילן ווייט פון דיר.

דו האָסט דעם חשבון מיט גאָט און וועלט שוין אָפּגעשלאָסן. אָפּגעגעבן דעם הימל וואָס באַלאַנגט צום הימל, און דער ערד וואָס באַלאַנגט דער ערד.

ערלעך איז דיין לעבן געווען און ערלעך דיין לעצטער חשבון.

* * *

אַז דער בעל־שם־טוב איז געלעגן אין גסיסה זענען ביי זיין געלעגער געשטאַנען זיינע האַרץ־וואָרעמסטע חסידים און געזאָגט תהילים און געוויינט. האָט דער בעל־שם־טוב זיך אָפּגערופן מיט אַ קול שוין דריי־פערטל אויף דער וועלט פון אייביקן אמת. און געזאָגט האָט ער אַזוי: קינדערלעך מיינע, וואָס וויינט איר? ווייסט איר דען נישט, אַז מיט איין טיר גייט אַ מענטש אַוועק און מיט אַ צווייטער טיר קומט ער צוריק אַריין.

ווי איז דעם אַלטן, וואָס איז מספּיד אַ יונגערן פון זיך. צען מאָל ווי איז דעם זקן, וואָס איז מספּיד אַ ברודער, אַ יונגערן פון

זיך מיט גאַנצע דרייצן און אַ האַלב יאָר. וואו איז דיין מענטשלעכער יושר, גאָט? וואו איז דיין רחמים — גאָט? אַלע תפילות רופן אויס אין אַלע זיבן הימלען דיין רחמים, אָדער כאָטש דיין יושר. האָסט דיך באַהאַלטן הינטער זיבן הימלען מיט אַלע דיינע מלאכים. פאַר וועמען האָסטו מורא — גאָט?

דו געוועלטיקסט איבער אַלע אוצרות פון אַבסאָלוטן יושר. האָסט זיי באַהאַלטן אין הימל. וואָס דאַרף דער הימל די אוצרות פון יושר? אָבער די ערד דאַרף אים. מיליאָנען יאָרן וואַלגערט זי זיך אין בלוט.

וואָס באַטייט אַ יחיד־מענטש אין דער וועלט פון ביליאָנען מענטשן. זיי זענען די גאַנצע וועלט. נישט דיין ברודער — דער יחיד. אָבער ווען דער יחיד איז אַ ברודער — דער איינציקער ברו־דער, איז ער אַ גאַנצע וועלט.

נישט נאָר אַ ברודער איז מיר נפטר געוואָרן, נאָר אַ גאַנצע וועלט.

אונדזער עלטסטער, משה, האָט מאבד את עצמו לדעת געווען צו זיינע 28 יאָר און איצט ביסטו, הערץ, דער יונגסטער אונדזערער פון דער וועלט אַוועק. און מיך לאָזסטו לעבן אין אלף השישי אַריין.

מאָדנע דריי ברידער זענען מיר געווען: משה, הערץ און איך. דער יונגסטער האָט דעם עלטסטן כמעט לחלוטין נישט געקענט. מאָדנע מזלות. משה איז אַוועק קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1908. ער איז דאָרט געווען אַ שומר. הערץ איז דעמאָלט אַנדערטהאַלבן יאָר אַלט געווען. מער האָבן זיי זיך אין לעבן — אויף ד ע ר וועלט נישט געזען.

הערץ האָט פון משהן טונקל־פאַרנעפלט געדענקט אַ סצענע אין דער היים. הערצוש האָט פון אַ טיש אין קיך אַראָפּגענומען אַ שיסל מיט געשיילטע און צעשניטענע עפּל און האָט זיך גענומען שפּילן מיט משהן מיט די אָנגעבראָקטע עפּל. משה האָט געלאָזט זיך באַ־וואַרפן און דאָס קינד האָט דערביי ספּאָנטאַניש געלאַכט און גע־לאַכט... ער האָט זייער שיין געלאַכט און משהן איז דאָס אָן אַ שיעור געפעלן — האָט ער, דער ריגאָראָזער, מיטגעלאַכט, ביז די שיסל מיט די עפּל־פּעניצלעך איז ליידיק געוואָרן.

אָט די סצענע האָבןביידע געדענקט, משה און הערץ. זיי האָבן זיך ליב געהאַט אָן אַ שיעור. מאָדנע צוויי ברידער. אָבער איך האָב

זייביידע געקענט, זייער ביידנס לעבן. 28 און 63. און איצט זענען זיי ביידע — וואו זענען זיי? וואו? ביידע — ברידער פון איין טאַטן און איין מאמען.

* * *

איך וואָלט אַזוי געקענט און געוואָלט דערציילן מעשיות אָן אַ שיעור וועגן און אַרום מיין טייערן ברודער הערץ — דערציילן אין ליכטיקן טאָג אַריין. אַט, למשל, וועגן זיין ערשטן אַרויסגעזאָגטן וואָרט.

ער האָט ליב געהאַט צו שפּילן זיך מיט זייגערלעך אויף אַ קייטל. דערזען אַזאַ זייגערל־שפּילעכל, פלעגט ער זיך אַזש פאַרקייכן, מען זאָל עס אים געבן צו שפּילן. האָב איך אים צוליב געטאָן. דערזען, אַז איך נעם אַרויס דאָס זייגערל פון וועסטל, האָט ער זיך ספּאָנטאַניש צעלאַכט און גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות: גיגאַר! גיגאַר! — דאָס ערשטע וואָרט זיינס. אַ מין נעאָלאָגיזם, דער ערשטער אָנזאָג פון דעם קומענדיקן פּראָזאַאיקער הערץ בערגנער. —

— הערץ, הערץ, הער זיך צו צו דיין עלטערן ברודער: דו ביסט געשטאָרבן, אָבער דו עקזיסטירסט, און דו הויבסט אָן אַ נייעם גלגול, מיר וועלן זיך זען, זען אָן אַ שיעור. דו ביסט שוין צוריק אַריין דורך דער אַנדערער טיר. איך זע דיך אַרום מיר, איך הער דיך אין מיר. דיין מידער גוף רוט, אָבער דיין אומרואיקע גוטע נשמה אומרוט שוין ווידער אין נייעם גלגול.

אין אָט די ווערטער געפין איך טרייסט; נישט ווייל זיי זענען פאַנטאַזיע, נאָר ווייל זיי זענען אמת אַבסאָלוט, ווי נאָר דער אמת קאָן זיין.

דיין ברודער,

זכריה בערגנער

(מלך ראַוויטש).

מ׳דאַרף זיין אַ מענטש

דער בריוו האָט זיך שוין אַרומגעוואַלגערט שיינע עטלעכע טעג אין דעם „באָרדינג״־הויז, אָבער קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. ער האָט געוואַנדערט פון דעם טעלעפאָן־טישל אין קאָרי־דאָר, ווו ער איז לכתחילה געלעגן, אין קיך אַריין, אונטער דער טיר פון אַ לאָקאַטאָר, אויף דער וועראַנדע — ביז ער איז צוריקגעקומען צום טעלעפאָן־טישל. דער בריוו האָט אויסגעזען צו זיין פון עפּעס אַ ביוראָ, צי גאָר פון אַ מלוכה־אַנשטאַלט, און פאַר אַזעלכע זאַכן האָבן די לאָקאַטאָרן מורא. אמת איז אַז ער האָט נישט געטראָגן אויף זיך קיין סך מאַרקעס און שטעמפּלען, נאָר דאָס איז דער בעסטער סימן אַז ס׳מוז זיין עפּעס אַ רעכענונג צו באַצאָלן. ווער פון די לאָ־קאַטאָרן האָט שוין נישט געהאַט גענוג חובות, דאַרף מען האָבן נאָך איינעם?

דער בריוו איז געווען אַדרעסירט צו עמי גאַרפינקל. מ׳האָט דאָס געקאָנט באַמערקן ווען מען האָט מיט אַ שפּיץ אויג בגנבה געכאַפּט אַ בליק אויפן קאָנווערט. עמי האָט דאָס אויך געזען, נאָר זי האָט זיך געמאַכט ווי נישט איר מיינט מען. אַ סך אַזעלכע בריוו האָבן שוין אָנגעפילט איר אויסגעריבענעם האַנט־בייטל; זי האָט זיי אפילו נישט געעפנט.

דער סוף איז געווען אַז מען האָט דעם בריוו־טרעגער אָפּגעגעבן דעם בריוו. דער בריוו־טרעגער איז געווען אַ לוסטיקער אַלטיטשקער, וואָס איז דאָ אויף אַ ראָווער פאַרבייגעפאָרן יעדן פרימאָרגן, זיך אונ־טערגעברומט אַ זמרל, און אַז ער האָט געהאַט עפּעס אַריינצוװאַרפן אין פּאָסט־קעסטל האָט ער אַ געדריידלט־לאַנגן פייף געטאָן אויף זיין פייפל.

— דאָ וווינט נישט קיינער מיט אַזאַ נאָמען... — האָט אים דער עלטסטער לאָקאַטאָר אָפּגעוואָרט און אים בעל־כרחו אַריינגעשטופּט צוריק דעם בריוו אין דער האַנט.

אָבער וואָס איז געווען די פעולה, אויף צו מאָרגנס איז דער בריוו ווייטער געלעגן אינעם פאַרזשאַווערטן פּאָסט־קעסטל. ער איז אַזוי געלעגן דאָרט אַ גאַנץ־גייענדיקע וואָך ווי אַ טויטער שרץ. קיינער האָט

אים נישט געגומען אין דער האַנט אַריין. ביז עמין האָט עפּעס אַ צופּ געטאָן ביים האַרץ און זי האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב. בעת זי האָט געעפנט דעם קאָנווערט, האָט זי אירע אויגן נישט געגלייבט, וואָרים אָנשטאָט אַ חשבון איז דאָרט געלעגן אַ בייגעלע פּאַפּיר פון אַן אַדוואָקאַט אין אַמעריקע, וואָס האָט איר אָנגעזאָגט די בשורה אַז אירס אַ וויטער קרוב האָט איר איבערגעלאָזט אַ ירושה.

זי האָט דאָס בייגעלע פּאַפּיר געלייענט איין מאָל און נאָך אַ מאָל, וואָרים זי האָט אַלץ נישט געקאָנט זיך צוגלייבן אַז דאָס זאָל זיין אמת. דערנאָך האָט זי מיט שמחה אויפגעפּראַלט די טיר און אַ געשריי געטאָן בקול רם, אַז אַלע זאָלן הערן:

— כ'האָב באַקומען אַ ירושה! כ'בין געוואָרן רייך!

אָבער אַזוי שנעל ווי זי האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך, האָט איר באַלד אויפן אָרט באַנג געטאָן. וואָס דאַרף זי אַזוי שרייען? וואָס דאַרף זי אויספּויקן פאַר יעדן איינעם אַז זי איז געוואָרן רייך? אין דעם הויז וווינען בלויז קבצנים — אויסטראַליער און יידן — און מען וועט ביי איר דאָס געלט צעשלעפּן. יעדער איינער וועט זיך הייסן עפּעס באָרגן און דאָס פאַרמעגן אירס וועט אַוועק איינס און צוויי. האָט זי דאָך אַליין געהאַט אַלע מאָל טענות צום באַלעבאָס פון הויז וואָס ער איז אַזוי זשאַלעוועט די מענטשן אַ ביסל עלעקטרי, אַ ביסל גאַז, אַ ביסל הייסע וואַסער זיך צו מאַכן אַ פרישניץ. זי פלעגט זיך אַרויסשטעלן פאַר אַלע און איין מאָל שיער נישט געמאַכט אַ שטרייק, אָנגעשרויפט די לאָקאַטאָרן זיי זאָלן זיך אַרויסציען, טאָמער וועט דער באַלעבאָס נישט נאָכגעבן. זי האָט שטענדיק געהאַלטן אַז געלט איז בלאָטע, מ'דאַרף דאָס נישט האָבן... דער עיקר דאַרף מען זיין אַ מענטש...

עמי האָט שוין מער גאָרנישט געקענט צוריקציען. די לאָקאַטאָרן האָבן דערהערט איר געשריי, עס האָבן זיך געעפנט די טירן פון אַלע זייטן און מען איז געקומען צו איר, זי פאַרשיט מיט פאַרשידענע קשיות:

— וואָס האָסטו אַזוי געשריגן, עמי? וואָס איז געשען?

— האָסט באַקומען אַ ירושה, פון וועמען?...

— ביסט געוואָרן רייך... מ'וועט קענען כאַפּן ביי דיר אַ הלוואהלע! ביי אַן אייגענעם וועט דאָס אָנקומען גרינגער. ביי אַ גביר קען מען קראַפּירן ביז מען רייסט אַרויס אַ סענט... פונקט ווי ביי אַ חזיר אַ האָר...

— מיר וועלן האָבן אַן אייגענעם גביר... זאָלסט אַ מאָל נישט קאַליע ווערן, עמי...

— איר ווייסט דאָך אַז כ'האַלט נישט פון קיין געלט — האָט עמי זיך אָנגערופן — ביי מיר וועט זיך דאָס פאַרמעגן לאַנג נישט האַלטן... וואָס דאַרף איך אַ קלאַפּאַט? אַ צרה אויפן קאָפּ? כ'האָב ווייניק „וואָריס"?

— נאָר זיי נישט צו גוט, עמי... זאָלסט זיך נישט צופיל וואָרפן מיטן געלט...

עמי איז אַוועק צו אַדוואָקאַט געוואָר ווערן וואָס זי דאַרף טאָן. דערווייל האָט זי אַליין אָנגעשריבן אַ בריוו קיין אַמעריקע. אַזוי ווי זי האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין געדולד און אַלץ געמאַכט אויפן שפּרונג, האָט זי אויף דער גיך אָפּגעשמערגלט אַ פּאָר שורות, אָבער דווקא אויף איר בריוו האָט מען באַלד געענטפערט. דער אַדוואָקאַט האָט דערנאָך אַדורכגעפירט די פאָרמאַליטעטן און זי האָט פיל גיכער באַקומען די ירושה ווי מען האָט געמיינט.

קיין סך געלט האָט מען איר נישט איבערגעלאָזט, אָבער ס'איז געווען גענוג זי זאָל אויסלעבן אירע יאָרן און נישט דאַרפן אַריינטאָן קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער. אַרבעטן האָט זי פיינט געהאַט בתכלית השנאה, אויסגעזוכט זיך פאַרשידענע תירוצים פון אונטער דער ערד זי זאָל גאָרנישט דאַרפן טאָן. זינט זי האָט זיך צעקריגט מיט אירע עלטערן, וואָס האָבן געזוכט פאַר איר אַ שידוך, און זי איז אַוועק ווינען פאַר זיך, האָט זי שוין געהאַט געאַרבעט ביי כלערליי מלאכות, אָבער אומעטום האָט זי זיך לאַנג נישט געהאַלטן. זי האָט שוין געאַרבעט אין אַ פאַבריק ביי אַ ניי־מאַשין, ביי „פינישעריי", געווען אַ מאַניקורשיסטקע, אַ סטאַטיסטקע אין אַ טעאַטער, אַ מאָדעלקע אין אַ געשעפט, און צוליב דעם וואָס זי איז פאַרשלאָפן, איבערגעהיפּערט טעג, האָט מען זי באַלד אָפּגעזאָגט. אויך מיט די יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געליבט אין איר, האָט זי זיך אַזוי געפירט. זי איז קיין מאָל נישט געקומען צו דער אָפּגערעדטער שעה אויף די ראַנדעוווען, געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף זיך, אין דער זעלבער צייט אַרויסגעגאַנגען מיט עטלעכע בחורים, ביז מ'איז פון דעם געוואָר געוואָרן און זי געלאָזט שטיין. איז זי נאָך געווען יונג און שיין, האָט מען געמוזט אַלץ אַראָפּשלינגען און שווייגן, אָבער אַז זי איז געוואָרן עלטער און דאָס קיילעכדיקע פּנימל אירס מיטן געטאָקטן גוף האָבן זיך איר צעגאָסן אין דער ברייט, האָט מען נישט געוואָלט מער פון איר ליידן. זי האָט דעמאָלט אַליין שטאַרק געליטן, ווייל אין עטלעכע יונגעלייט האָט זי זיך זייער פאַרליבט און נישט געקאָנט אַריבערטראָגן וואָס זיי האָבן זי פאַרלאָזט. אין צווישן צייט

זענען אירע עלטערן, וואָס האָבן נישט געקענט זיך צוקוקן ווי זייער בת־יחידה פירט זיך אויף, געשטאָרבן און זי איז געבליבן אַליין אויף דער וועלט.

אין דעם באָרדינג־הויז האָט עמי געוווינט מיט אַן אויסטראַליער, וואָס איז געווען אַ סך עלטער פון איר און פלעגט זי שלאָגן. ער האָט אויך פיינט געהאַט צו אַרבעטן, פונקט ווי זי און פלעגט גאַנצע טעג ליגן אויפן בעט און קוקן אין איין פינטל אויפן סופיט. אַז די נויט האָט גאָר שטאַרק צוגעדריקט און זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו נעמען אין מויל אַריין, האָט זיך ברייען אויסגעזוכט אַן אַרבעט אויף עטלעכע טעג. ער איז געגאַנגען וואַשן פּאָדלאָגעס אין פאַבריקן, אין שפּיטעלער, אין די יוניאָן־לאָקאַלן, ווו מען האָט אים אונטערגעשטיצט צוליב **רחמנות**. אויף די דעמאָנסטראַציעס איז ער געגאַנגען אין די פאָדערשטע רייען, געטראָגן אַ טראַנספּאַרענט און אויסגעשריגן זיין פּראָטעסט קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, ווו עס איז נישטאָ קיין גלייכהייט און יושר. עמי האָט זיך אויך מיטגעכאַפּט אויף די דעמאָנסטראַציעס, געגאַנגען מיט אים אַקסל ביי אַקסל.

אַז עמי האָט באַקומען די ירושה, איז ברייען געווען צו איר צוגע־לאָזן און גוט. ער האָט זיך געדרייט אַרום איר מיט ווייכע, שטילע טריטלעך און געבעטן אַלע מאָל אַ פּאָר דאָלער אויף אָפּצושערן זיך די האָר. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט נישט פאַרבלאָנדזשען אין אַ „פּאַב", אָבער ער איז צוריקגעקומען שיכור ווי לוט. ער האָט דעמאָלט אויסגעגאָסן צו איר זיין ביטער האַרץ, אַז זינט זי איז געוואָרן רייך האַלט זי פאַרקוועטשט אין די הענט דאָס געלט. זי איז געוואָרן קאַרג און איז נישט די זעלבע וואָס פריער! אַ וואָרט צו אַ וואָרט און ער האָט איר מכבד געווען מיט זיין האַרטן, דאַרן קולאַק. זי האָט זיך אַנידער־געוואָרפן אויפן בעט און לאַנג געוויינט. זי האָט געטראַכט פון די עלטערנס הויז, וואָס איז שוין מער נישטאָ; פון דעם טאַטן, וואָס פלעגט יעדן שבת אין דער פרי מעבר זיין די סדרה מיט אַזאַ שיינעם ניגון; פון דער מאַמען, וואָס פלעגט איר אונטערטראָגן דאָס טעלערל פון הימל... ווי גוט וואָלט איר געווען ווען די עלטערן וואָלטן געלעבט...

ברייען איז נישט געווען דער איינציקער וואָס האָט געהאַט טענות צו עמין, אַז זי איז געוואָרן קאַרג זינט זי האָט באַקומען די ירושה. דאָס זעלבע האָבן איר פאַרגעוואָרפן אַלע לאָקאַטאָרן פון הויז. זיי זענען צו איר געקומען בשתיקה, זיך געהיטן איינער פאַרן אַנדערן און איר פאַרגעלייגט זי זאָל זיי באָרגן געלט. יעדער איינער האָט געזאָגט אויף

זיך, אַז ער איז קראַנטער פון אַלע און נאָר אים דאַרף זי געטרויען. צום מיינסטנס האָט זיך אין איר אָנגעטשעפּעט דער כינעזער, אַ קליינער, אַ דאַרער, מיט שמאָלע אייגעלעך, וואָס האָבן אייביק געלאַכט מיט גוטסקייט און איבערגעטריבענער העפלעכקייט. זי האָט אויף אים תמיד געהאַט רחמנות און אַרויסגעוויזן צו אים אַ סך וואַרעמקייט דווקא דערפאַר ווייל ער איז געווען אַ כינעזער. ביי איר איז נישט קיין חילוק — ווייס, שוואַרץ, געל — אַלע מענטשן זענען ברידער און ס'שפּילט נישט קיין ראָל די קאָליר פון זייער הויט...

איידער דער כינעזער איז צו איר אַריין האָט ער שיינע עטלעכע מאָל שטיל און פאָרזיכטיק אָנגעקלאַפּט אין טיר. הגם זי האָט אים געהייסן אַריינגיין, האָט ער נאָך ווייטער שטיל געקלאַפּט. אַז ער איז סוף כל סוף אַריינגעקומען, האָט ער זיך נאָכאַנאַנד געבוקט פאַר איר ווי פאַר אַ געטשקע און געפּרעגט צי ער שטערט נישט. ער איז שפּע־טער לאַנג געזעסן אָן באַוועגונג, פון צייט צו צייט אונטערגעהוסטלט און זיינע אייגעלעך האָבן געלאַכט מיט גוטסקייט. ביסלעכווייז איז ער אַרויס מיט דעם נאָך וואָס ער איז זי געקומען זען.

— כ'וויל ביי אייך באָרגן אַ ביסל געלט — האָט ער בסוד־סודות געזאָגט און בעת מעשה זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, צי קיינער הערט זיך נישט אונטער — בלויז אויף עטלעכע חדשים... כ'וויל אימפּאָרטירן אַן אַרטיקל פון האָנג־קאָנג... מען קען דערביי נתעשר ווערן אין עטלעכע געציילטע טעג... אויב איר ווילט, קענט איר צושטיין פאַר אַ שותף...

— כ'האָב נישט קיין געלט, טייערער... — האָט זי אים געענט־פערט, געקוקט ערגעץ אַוועק, ווייל ס'איז איר שווער געווען צו זאָגן דעם ליגן. — איבעריקנס, כ'גיי קויפן דאָס באָרדינג־הויז... איצט פאַר־שטייט איר שוין, אַז כ'האָב נישט קיין געלט...

בשעת ס'האָט זיך פאַרשפּרייט די נייעס, אַז עמי האַלט אין קויפן דאָס הויז, זענען די לאָקאַטאָרן געווען דערפון צופרידן, כאָטש זיי האָבן זי שוין געהאַלטן פאַר אַ קאַרגע און געטענהט אַז ס'איז אַלץ איינס ווער ס'וועט זיין דער באַלעבאָס. זי האָט אָבער געזאָגט אַז פון היינט אָן וועלן אַלע לאָקאַטאָרן לעבן ווי איין משפּחה און ס'וועט זיי ביי איר גאָרנישט פעלן...

איידער זי האָט אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט, איז צו איר אַריינגעקומען דער עלטסטער לאָקאַטאָר, אַ גוי מיט לאַנגע וואָנסעס, וואָס האָט געלעבט פון אַן עלטער־פּענסיע. ער האָט אָפּגעראָטן פון קויפן

די אַלטע בודע. נאָר טאָמער האָט זי מורא, אַז זי וועט די ירושה פאַר־טאַכליעווען, זאָל זי אים געבן דאָס געלט און ער וועט איר דעם גאַנצן לעבן צאָלן אַ פּענסיע... זי האָט פון דעם נישט געוואָלט הערן און געדענקען אויך געקויפט די נחלה.

פונעם ערשטן טאָג וואָס זי האָט געקויפט דאָס הויז, האָט זי אויף דעם אָנגעהויבן זייער אַכטונג צו געבן. זי האָט עס געהאַלטן אין איין ריייניקן, אַרומגעגאַנגען מיט אַ בעזימל פון פעדערן און געווישט דעם שטויב. ס'האָט איר שטאַרק באַרירט, אַז ס'האָט זיך געמאַכט אַ לאָך אינעם פאַרזשאַווערטן דאַך, אַז ס'איז צעבראָכן געוואָרן אַ פענצטער, אַז די פאַרב איז אָפּגעקראָכן פון די אַלטע ווענט. די גאַנצע שולד האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויף די לאָקאַטאָרן, געטענהט אַז זיי צעטראָגן איר פאַרמעגן.

צום מיינסטנס פון אַלץ האָט זי געפּוצט איר שטוב, אַז יעדעס שטיקל מעבל האָט געפּעכלט, געבלאַנקט. פּונקט ווי אַ מאָל זענען אירע סטאַניקלעך, האַלקעס, זאַקן און ברייענס העמדער געווען צעוואָרפן איבער אַלע ווינקעלעך — אַזוי איז איצט אַלץ געלעגן אויפן אָרט. זי האָט זיך צענדליקער מאָל געקאָנט אַראָפּבייגן כדי אויפצוהייבן די קריש־קעלעך פון דעם אויסגעריבענעם טעפּיך, אַזוי אַז ער האָט נישט געהאַט אויף זיך קיין שפּרענקעלע. זי האָט איינגעהאַנדלט אפילו בייע שטוב־חפצים און זיך מיט יעדן קריש זייער געפריייט.

מחמת דעם וואָס זי האָט ברייענען נישט געגעבן גענוג געלט, איז ער כסדר געקומען שיכור אַהיים און די ריינקייט אין שטוב האָט אים אַרויסגעברענגט פון די כלים. ער האָט זיך געוואָרפן אויפן מעבל און עס געהאַקט און געבראָכט. ער האָט מיט די פיס געטרעטן דעם טעפּיך, איבערגעדרייט די אַש־בעכערס און דעם אַש צעשפּרייט איבער דער גאַנצער פּאָדלאָגע.

— דזשו!... — האָט זיך זיין שיכור קול געטראָגן איבערן הויז — אַלע יידן זענען דאָס זעלבע...

ס'האָט איר שוין גענוג געשטאָכן אין האַרץ, ווען ברייען האָט געבראָכן דאָס מעבל, אָבער אַז ער האָט זי גערופן „דזשו" האָט דער ווייטיק איר געפרעסט ביז דערוואָרגן צו ווערן. זי איז אַ גאַנצע נאַכט אויף געווען און אירע טרערן האָבן געוויקט דאָס בעטגעוואַנט. זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז פון איצט אָן וועט איר שוין מער גאָרנישט אָנגיין. זי וועט נישט פּוצן די שטוב, נישט ריייניקן דאָס הויז, און דער עיקר, זי וועט נישט לאָזן פאַרריכטן די שאָדונעס וואָס ברייען האָט

אָנגעמאַכט. אָבער אַז זי איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי און געזען דעם שטאַנד אין שטוב, האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און צוזאַמענגעקליבן דאָס ברוכוואַרג. און נישט בלויז האָט זי צוזאַמענגענומען דאָס ברוכוואַרג, נאָר אויך ברייען האָט דאָס זעלבע געטאָן.

— סאָרי... — האָט ער געמורמלט — אַנטשולדיק...

דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן אָנגעהויבן צו פאַרריכטן די זאַכן, וואָס ער האָט צעבראָכן...

אָבער פון די צרות האָט עמי מער נישט אַזוי שטאַרק געליטן; זי איז שוין צו דעם צוגעוווינט געווען. זי האָט איצט צום מייִנסטנס געליטן פון דעם וואָס די לאָקאַטאָרן האָבן איר נישט געצאָלט קיין דירה־געלט, אָפּגעלייגט פון וואָך צו וואָך. זיי האָבן אין דרויסן געוואַרט אַזוי לאַנג ביז זי האָט זיך געלייגט שלאָפן און דערנאָך אויף די שפּיץ נעגל זיך אַריינגעגנבעט אין הויז. זי געדענקט, אַז אויך זי און ברייען האָבן זיך אַ מאָל פונקט אַזוי געפירט, זיך באַהאַלטן פאַרן באַלעבאָס. איצט האָט איר דאָס פירעכץ פון די לאָקאַטאָרן זייער פאַרדראָסן און זי האָט זיך אָנגעגורט מיט געדולד און געוואַרט אויף זיי. זי האָט אין דער שטוב אויסגעלאָשן דאָס ליכט, זיי זאָלן מיינען אַז זי האָט זיך שוין געלייגט שלאָפן. בשעת זיי האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין הויז איז זי אַרויס צו זיי מיט אַ טענה:

— כ'צאָל פאַר עלעקטרי! כ'צאָל פאַר גאַז! כ'האָב גרויסע הוצאות, מ'דאַרף באַצאָלן דעם רענט! מ'דאַרף זיך אַ מענטש!

אַז די לאָקאַטאָרן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט קריגן מיט איר, איז אַרויס צו זיי ברייען אין די בלויזע פּידזשאַמעס און איבערגעחזרט דאָס זעלבע, וואָס עמי האָט געזאָגט:

— מ'דאַרף זיין אַ מענטש! — האָט ער זיך צעשריגן — מ'דאַרף פאַרשטיין יענעם אויך... נישט בלויז זיך!

געהערט דאָס געשריי, זענען די איבעריקע לאָקאַטאָרן אַרויס פון די שטובן און די געוואַלדן האָבן זיך געטראָגן ביז שפּעט ביינאַכט...

די װעלדער ברענען

דער לאַסט־אויטאָ, באַדעקט מיט אַ געדיכטן שטויב און באַוואָקסן מיט גרודעס בלאָטע, האָט אונטערגעטאַנצט אויפֿן הויקערדיקן ווייס־אויסגעטרוקנטן וואַלד־וועג. אַלע מאָל, אַז די רעדער זענען אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב אָדער זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אין אַ בערגל, זענען די מענטשן אין לאַסט־אויטאָ אַ פאַל געטאָן פאָרויס און זייערע קעפּ האָבן זיך אָנגעשלאָגן. אין אָנגעגליטן חלל האָט זיך געפילט אַן אָנגעסמאליעטער ריח פון שריפה. איבער די איינגעפאַלענע קרוינען פון די צעקרומטע עקאַליפּטוס־ביימער, וואָס זענען געוואַקסן פון ביידע זייטן וועג, האָט זיך געדריוולט אַ רויך. אַלץ אַרום איז געווען ווייס און אויסגעבליאַקעוועט — סיי דער רויך און מרחק, סיי די זון און די שטיקלעך הימל און סיי די בלעטער אויף די ביימער.

צווישן די מענטשן אין לאַסט־אויטאָ איז געפאָרן יאָהאַן ראַטנער און ער האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם רויך, וואָס האָט זיך געדריוולט איבער די קרוינען פון די עקאַליפּטוס־ביימער. אין זיינע אויערן האָט נאָך אַלץ פּחדימדיק געוואָיעט די סירענע, וואָס האָט גערופן די תושבים פון שטעטל איינצולעשן דאָס פייער אין די נאָענטע וועלדער. יאָהאַן איז פון תמיד אָן געווען אַן איבערגעגעבענער בירגער אין די לענדער וואו ער האָט געוואוינט, און אַז ער האָט דערהערט דאָס וואָיען פון דער סירענע, איז ער געווען פון די ערשטע וואָלונטערן צו גיין לעשן די שריפה. ער האָט אַקוראַט געהאַלטן אין מיטן עסן, האָט ער אַזוי האַסטיק אַוועקגערוקט פון זיך די זופּ, אַז ער האָט שיער נישט איבערגעדרייט דעם טעלער און ער האָט זיך אויסגעשטרעקט אין זיין גאַנצער גרויס, ווי אַ זעלנער וואָס הערט דעם רוף צו דער שלאַכט. ער האָט אָנגעטאָן דעם בלויען בערעט און גענומען דעם שפּאַצירשטעקן אין דער האַנט אריין און פאַרן אַרויסגיין האָט ער אַ קוש געטאָן זיין ווייב מיצי אין שטערן. אַז ער איז אָנגעקומען מיטן בלויזן שטעקן צו דעם פייערלעשער־בנין, וואו עס זענען שוין געווען אַ פּאָר תושבים פונעם שטעטל, האָט מען פון אים אַ טראָפּעלע חוזק געמאַכט.

— העי, מעיט... — האָט מען צו אים געזאָגט — מיטן שטעקן וועסטו קיין שריפה נישט קענען לעשן! פאַר וואָס האָסטו נישט מיט־געברענגט קיין לאָפּעטע, קיין האַק אָדער עטלעכע זעק?

ער האָט זיך פאַררויטלט און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. זיין לעפּיש־צעוואַקסענער גוף האָט זיך בושהדיק געוויגט אויף רעכטס און לינקס, ווי דער אומרו ביי אַ זייגער. ער האָט באַלד דערפילט ווי איבעריק ס'איז זיין הויך־סטאַרטשנדיקער גוף, וואָס ער קאָן נישט באַהאַלטן פאַר קיינעם. אַלץ איז געווען ביי אים גרויס און אַנזעעוודיק: די הענט, די פיס, דער קאָפּ, די אויגן, די אויערן און די נאָז. טאָמער האָט מען געקוקט אויף אים, האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז מען זעט אים דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז. מיט דער אַ ביסל אומגעלומפּערטער צעוואַקסנקייט זיינער פלעגט ער זיך דער עיקר שלעכט און איבעריק פילן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואו די דייטשן און די קאַפּאָס האָבן אים דערבליקט פון ווי ווייט און אים באַלד גענומען שלאָגן און פייניקן...

— העי, מעיט... — האָט יאָהאַן צוריק דערהערט דאָס זעלבע קול וואָס פריער — וואָס האָסטו זיך אַזוי אויסגעפּוצט ווי דו וואָלסט זיך געקליבן צו אַ באַל... האָסט געדאַרפט אָנטאָן אַ סמאָקינג...

יאָהאַן האָט נישט געענטפערט און זיינע גרויסע אויגן זענען נאָך גרעסער געוואָרן און האָבן געקוקט פאַרלוירן ארום זיך. כדי צו פאַר־דעקן זיין אומגעלומפּערטקייט האָט ער זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט און צוזאַמען מיט די אַנדערע אויפגעלאָדנט אויפן אויטאָ די פאַרשידענע מכשירים צו לעשן די שריפה: לאָפּעטעס, העק, וואַסער־קישקעס, זעק, קעסלעך. אַלע זענען שנעל אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן און יאָהאַן האָט געוואָלט נאָכטאָן די אַנדערע, האָט ער זיך אָבער מיט זיינע קלאָציקע פיס פאַרטשעפּעט אין אַ ברעט און איז אומגעפאַלן און זיך שטאַרק צעקלאַפּט.

— פאַרזיכטיק... ר'האָט זיך נאָך געקענט הרגענען — האָט מען צו אים געשריגן פון אַלע זייטן.

בשעת יאָהאַן איז שוין געזעסן אין לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט גע־רירט אין וועג אריין, איז ער געווען זייער צופרידן. מען האָט מער נישט געקוקט אויף אים און ער האָט באַמערקט אַז צווישן די מענטשן אין וואָגן געפינט זיך אויך דער פאָטער פון זיינס אַ שילערין, וואָס ער לערנט שפּילן קלאַוויר. יענער האָט עפּעס אַריינגעשושקעט דעם שכן אין אויער און דער שכן האָט אים פון דער זייט אָפּגעמאָסטן מיט אַ

ביסל אַ פאַרחידושטן בליק. באַלד האָבן אים אַלע אָנגעקוקט מיט אַ טאָפּעלן דרך־ארץ און שפּעטער פאַרגעסן אין אים און אָנגעהויבן צו רעדן צווישן זיך. זייער שמועס האָט זיך דער עיקר געדרייט אַרום וואַלד־פייערן, וואָס זענען דאָ און דאָרט אויסגעבראָכן אין די שטאַרקע היצן און אָנגעמאַכט גרויסע היזקות — פאַרברענט דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס און געלאָזט שטיין די מענטשן ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט. יעדער איינער האָט געהאַט צו דערציילן אַן אַנדערע מעשה פון די שרעקלעכע „בוש״־פייערן, וואָס האָבן אָפט אין עטלעכע שעה אָפּגע־ברענט גאַנצע שטעטלעך. דער אַלטער לאַסט־אויטאָ האָט געקרעכצט און געגרוישט, אַזוי אַז ס'איז שווער געווען צו הערן, האָט מען זיך געריסן אויף קולי־קולות און דער הייסער ווינט האָט אויפגעכאַפּט די ווערטער און זיי אַוועקגעטראָגן...

יאָהאַן ראַטנער האָט געוואָלט אויך עפּעס דערציילן אַ מעשה, אָבער קיין מעשה פון וואַלד־שריפות האָט ער נישט געוואוסט. ער האָט געוואוסט צו דערציילן וועגן אַנדערע שריפות — שריפות, וואָס האָבן געברענט אין אייראָפּע און אין זיין היים־שטאָט ווין, פון וואַנען ער איז פאַרטריבן געוואָרן ווי ער שטייט און גייט. כדי אויך עפּעס צו זאָגן, האָט ער אויפגעמאַכט דאָס מויל, נאָר אין מיטן דערינען איז ער שטיין געבליבן און אַלע אַרום האָבן אים פאַרחידושט אָנגעקוקט.

— וואָס האָט ער צו דערציילן און ווער וועט אים פאַרשטיין? — האָט ער געקלערט ביי זיך — דער וואָס האָט דאָס אַליין נישט דורכ־געלעבט אויף דער אייגענער הויט קען גאָרנישט באַגרייפן וואָס יידן האָבן געליטן. נאָך דעם ווי ער איז ניצול געוואָרן פון לאַגער און זיך שפּעטער צופעליק ווידער געטראָפן מיט זיין ווייב מיצי, האָבן זיי ביידע אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זיי וועלן קיינעם נישט זאָגן וועגן זייער יידישן אָפּשטאַם. זיי האָבן שוין גענוג געהאַט צרות צוליב דעם וואָס זיי זענען יידן... זיינע אַלע קרובים און באַקאַנטע זענען אומגעקומען. אין זיינע אויגן האָט מען זיי אויסגעקוילעט, אָדער זיי זענען אליין געפאַלן ווי די פליגן. אָבער ער האָט דורכגעהאַלטן די אַלע צרות און פּיין און אַז ער איז פון לאַגער אַרויסגעקומען, איז זיין גרויסער גוף געווען בלויז הויט און ביין. ווי אַ לויזער זאַק אויף אַ שטעקן, איז זיין הויט געהאָנגען אויף זיינע גרויסע ביינער. ס'קען זיין, אַז די דייטשן האָבן אים געלאָזט לעבן דערפאַר וואָס זיי האָבן אים געדאַרפט ער זאָל פאַר זיי שפּילן ביי זייערע פאַרווײַלונגען און אָרגיעס.

— עפּעס פּריילעכעס, יודע! — האָבן זיי געשריגן צו אים מיט שיכורע קולות — וואָס שפּילסטו אַזעלכע טרויעריקע זאַכן?!

אָבער ווי האָט ער געקענט שפּילן עפּעס פריילעכס, ווען אַרום און אַרום האָט געהויערט דער טויט. אַלץ איז אַרויסגעקומען ביי אים אַזוי טרויעריק... נישט איין מאָל האָט זיך אַ גראָבער שטעקן אַראָפּגעלאָזט איבער זיין קאָפּ און פּלייצע, אַז ער איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט, מחמת אין זיין שפּילן האָבן זיך אַריינגעוועבט טענער פון טרויער.

— דאָנערוועטער נאָך איין מאָל! פערפלוכטער יודע! וואָס שפּילסטו? וואָס פאַר אַ כישוף מאַכסטו?!... — האָט ער דערזען איבער זיך אַן אויפגעריסן־שרייענדיק מויל און אַ גראָבן שטעקן — אַז וועסט נישט זיין געהאָרכזאַם וועט מען דיך טויט־שלאָגן!

ער האָט געוואָלט „זיין געהאָרכזאַם", אָבער קעגן זיין ווילן האָבן זיך ווידער די אומעטיקע ניגונים אַריינגעפלאָכטן אין זיין שפּילן.

יאָהאַנס בליק האָט געוואַנדערט אויף זיינע שכנים אין לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט שטאַרק אונטערגעטאַנצט אויפן גריבערדיקן וועג. ער האָט געזען פאַר זיך אויסגעהאָרעוועטע, צעאַקערטע, פון זון און ווינט צעשמיסענע פּנימער פון אַרבעטער און פאַרמער. זייערע הענט זענען האַרט און געקאַרבט ווי האַרט לעדער, פול מיט קנייטשן, וואו עס נעס־טיקט זיך די בלאָטע, וואָס איז שווער אויסצוואַשן. צי וואָלטן די דאָזיקע הענט זיך אויך געקענט אַראָפּלאָזן מיט אַזאַ אכזריות אויף מענטשלעכע קעפּ? — איז אים אַדורך אַ געדאַנק אין מוח. יאָהאַן האָט געזען אַז זיינע שכנים זענען אָנגעטאָן אין אַלטע, צעפליקטע מלבושים, אין „אָוועראָלס" און אויסגעדריוולטע הויזן. אויפן קאָפּ טראָגן זיי פאַר־שמאַלצעוועטע קאַפּעלישן מיט אַראָפּגעלאָזטע ראַנדן פון אַלע זייטן, כדי זיך צו פאַרשטעלן פון דער שריפּהדיקער זון. און ווי האָט ער זיך אָנגעטאָן צו גיין לעשן די שריפה? מ'איז געריכט געווען וואָס מען האָט אים צוגעהאַלטן, אַז ער האָט זיך אָנגעטאָן ווי צו אַ באַל. ער האָט געטראָגן אַ געפּרעסט ווייס העמד מיט אַ קליין שניפּסל ווי אַ שמע־טערלינג, וואָס עס טראָגן מוזיקאַנטן און קעלנערס אין רייכע רעסטאָ־ראַנען. זינט ער האָט זיך באַזעצט אין דעם קליינעם אויסטראַלישן שטעטל און באַשלאָסן נישט אויסצוגעבן אַז ער איז אַ ייד, האָט ער געוואָלט אויסזען פּונקט ווי זיינע שכנים. ער האָט אפילו נישט געוואָלט פאַר קיינעם דערציילן אַז ער איז געווען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אמת איז אַז ער איז אין דעם שטעטל אַ קלאַוויר־לערער און זיין מיצי לערנט ריטמיק און באַלעט, אָבער וואָס דאַרפן זיי זיך אָנטאָן

אַנדערש ווי אַלע? אין דעם שטעטל וואוינען בלויז אַרבעטער און עטלעכע קרעמער — וואָס דאַרפן זיי, די נייע תושבים, פאַלן ווען אין אויג?...

ס'זעט אויס אַז מען איז שוין אָנגעקומען גאָר נאָענט פון דער שריפה, ווייל עס האָט אים שאַרף אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין דער אָנגעזינקטער ריח פון פייער. דער רויך איבער די קרוינען פון די ביימער איז געווען זייער געדיכט, האָט זיך געקנוילט און זיך אַריינגעשרויפט אינעם ווייס־אָפּגעבליאַקעווטן הימל. דער רויך האָט אים דערמאָנט אינעם רויך פון קאָנצענטראַציע־לאַגער און ער האָט אָוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ. וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם אַלעמען? צי איז ער ניצול געוואָרן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער כדי אין דעם פייער אומצוקומען? ס'ברענען דאָ די וועלדער... ער האָט קיין מאָל וועגן דעם נישט געהערט...

דער לאַסט־אויטאָ האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט. דער וועג איז געווען פאַרשטעלט פון אַ שורה אויטאָס, וואָס האָבן נישט געקאָנט דורכפאָרן. יאָהאַן איז פאַמעלעך אַראָפּגעקראָכן פון זיין פּלאַץ, וואָרים ער האָט דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין די ביינער פון דעם קלאַפּ וואָס ער האָט זיך פריער געגעבן. ס'זענען דאָ געווען אַ סך מענטשן, וואָס זענען צעטומלט אַרומגעלאָפן ווי מוראַזשקעס אין אַ חרובער נעסט. אָבער די מענטשן, וואָס האָבן געלאָשן די שריפה, האָבן געהאַט אַ קאָנטראָל איבער זיך. זיי האָבן זיך צוגעהערט צו די אָנווייזונגען פון די פּאָליציי־לייט און פון די פייערלעשער, וואָס האָבן געשפּריצט וואַסער אויף די ביימער פון לאַנגע קישקעס. ביי די מענטשן, וואָס האָבן געלאָשן דאָס פייער מיט נאַסע זעק און שמאַטעס, זענען די פּנימער געווען בלייך און מיד און פאַררויסט פון סאַדזע, וואָס האָט זיך געטראָגן אין חלל. זיי האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס און זייערע פאַרהאָרעוועט־אָפּגעצערטע לייבער זענען געווען באַגאָסן מיט טייכן שווייס.

יאָהאַן האָט געוואוסט אַז ער געפינט זיך אין סאַמע מיטן פון דער שריפה, אָבער מער ווי רויך, וואָס האָט אַלץ פאַרשטעלט, האָט ער גאָר־נישט געזען. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שטייט פאַר אַ גרויסן רויכיקן באַרג, וואָס וועט זיך באַלד אַראָפּלאָזן אויף אַלץ און אַלעמען. דער הייסער ווינט, גלייך ער וואָלט מיט זיך אַליין געהאַט אַ ישוב־הדעת, האָט יעדעס מאָל פון ערגעץ אַנדערש אַ בלאָז געטאָן און אָפּגעריסן שטיקער פון דעם רויך. אָבער פּלוצים האָט יאָהאַן געזען ווי רויטע צונגען פייער האָבן אַ שיס אַרויף געטאָן אין דער הייך און ער

האָט דערהערט דאָס קנאַקן פון ברענענדיקעביימער. דער רויכיקער באַרג איז אַרומגעזוימט געוואָרן פון אַ געל־רויטלעכן פלאַם און אָנגע־צונדענע צווייגן זענען ווי צעפלאַקערטע שטורקאַצן אַריבערגעשפּרונגען דעם וועג.

יאַהאַן איז צוגעטיילט געוואָרן צו אַ גרופּע, וואָס האָט געזאָלט אַרויסרייסן דאָס גראָז און די קשאַקעס און אויסהאַקן די ביימער פון אַ פּאַס לאַנד, כדי דאָס פייער זאָל נישט קאָנען ווייטער גיין. דאָס שכנותדיקע שטעטל איז געשטאַנען אין סכנה אַרומגעכאַפּט צו ווערן פון די פלאַמען. ער האָט געאַרבעט מיט אַלע זיינע כוחות, נישט גע־וואָלט אָפּשטיין פון די אַנדערע. ער האָט מיט אַ לאָפּעטע געגראָבן די ערד, מיט אַ האַק זיך פאַרמאָסטן אויף גרויסע ביימער, כאָטש ער האָט געפילט אַ ווייטיק אין אַלע אברים. באַלד איז זיין ווייס־אויסגעפּרעסט העמד געווען פיטש־נאַס פון שווייס און אין גאַנצן פאַרריסט פון סאַדזע, שטויב און קויט. דאָס שניפּסל איז אים געקראָכן אויפן קאַרק. די הויזן האָבן זיך אים נאָכגעשלעפּט ווי זעק.

— באָס... איי, באָס... — האָט מען זיך געוויצלט איבער אים — וואָס טוסטו נישט אויס דאָס העמד מיטן שניפּסל... האָסט מורא ס׳וועט דיר זיין צו קאַלט ביים פייער? און כאַפּ אָפּ דעם אָטעם... אַז וועסט אַזוי אַרבעטן, וועסטו באַלד אָפּשטיין... וועסט אויסציען די קאַפּיטעס...

ער האָט נישט געהערט וואָס מ׳זאָגט צו אים און ווייטער שווער געאַרבעט. די הויט אויף די הענט האָט זיך אים אָפּגעשיילט און די וואונדן האָבן געבלוטיקט. צוליב דער גרויסער היץ האָט ער אויפגע־ריסן דאָס העמד און ס׳האָבן אַרויסגעקוקט זיינע גרויסע ברוסטן, ווי ביי אַ פרוי. דער רויך איז אים אַריין אין די אויגן, אין דער נאָז און האָט אים געדושעט אין האַלדז, אַז ער האָט קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם.

זיי האָבן געאַרבעט ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין. ביי דער נאַכט האָט מען דייטלעך געזען די פלאַמען און דער הימל איז געווען רויט ווי אַן אָנגעגליט־אייזערנע פּלאַטע. צו באַגינען צו האָבן זיך פּלוצים אַראָפּגעלאָזט עטלעכע גרויסע טראָפּנס און ביי אַלעמען האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פריידיקער אויסגעשריי. מען האָט אַרויפגעריסן די פּנימער צום הימל און געלאָזט וויקן די מידע, פאַרשמאַכטע גופים אין רעגן. דער רעגן האָט אַזוי מחיהדיק געקילט די לייבער פון די מענטשן און דאָס לייב פון דער ערד, וואָס איז געווען באַדעקט מיט גרויסע שוואַרץ־פאַרקוילטע וואונדן.

די מענטשן זענען אויסגעשעפּט אַוועקגעפאַלן אויף דער פייכטער ערד און זענען באַלד איינגעשלאָפן מיט אַ האַרטן שלאָף. אָבער יאָהאַן האָט נישט געקאָנט שלאָפן. מיט אונטערגעבראָכענע קני האָט ער אַרומגעוואַנדערט איבער דער פאַרברענטער ערד, וואָס איז געווען באַדעקט מיט זשאַרעדיקע שטיקלעך האָלץ און אַש. אויף אַ סךביימער האָט נאָך דאָס פייער געטליעט און זיי האָבן געצאַנקט ווי אויסגייענדיקע ליכט...

מיט די לעצטע כוחות האָט זיך יאָהאַן געשלעפּט איבער דער פייכט־פאַרשרפהטער ערד, וואָס האָט שטאַרק געפּאַרעט און ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז ער גייט צווישן וואָלקנס. מיט אַ מאָל האָט ער דערזען ווי פון די וואָלקנס קריכט אַרויס זיין קליין טאַטעלע, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געשטאָרבן אין ווין און איז שוין לאַנג געווען אין הימל. דעם קליינעם טאַטעלע איז אייביק געווען קאַלט און אפנים דאָ, אויף די אַשיקע חורבות פונעם וואַלד, האָט ער אויך געכאַפּט אַ ציטער, וואָרים ער האָט געהאַט פאַרשטעקט איין האַנט אין דעם אַרבל פון דער צווייטער. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן זיין שוואַרצן שלוסראָק מיט אַ שליץ אין מיטן און דער גרין־אָפּגעשאָסענער מעלאָניק איז אים אַראָפּגעפאַלן איבער די אויגן. דאָס פלעגט ער שטענדיק טראָגן ווען ער איז געגאַנגען בעטן צו גאָט אין דער סינאַגאָגע. דאָס מילך־ווייסע קמץ־בערדל האָט טרויעריק געציטערט אויף זיין גאָמבע. יאָהאַן האָט זיך דערשראָקן פאַרן טאַטן און ער האָט אים געוואָלט אויסמיידן, ווייל צוליב אים וועט ער אַדורכפאַלן. דער טאַטע וועט זיכער אויסגעבן, אַז ער איז אַ ייד און דעמאָלט וועלן די שכנים זיך אַלץ דערוויסן. ס'וועט זיין אַרויסגעוואָרפן די גאַנצע מי מיט זיין טאָכטער, פּאַטריסיאַ, וואָס איז דאָ הי געבוירן געוואָרן. פּאַטריסיאַ איז געווען אַ דאַרע און אַ הויכע ווי אַ ברעט און זי האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר קליינע גרינע אויגן און צוויי שטייפע שטרויענע צעפּלעך. זי האָט אויסגעזען ווי די אַנדערע מיידלעך אין שטעטל און גאָרנישט געוואוסט וועגן יידן. אַלע זונטיק פלעגט ער זי פירן אין דער קירכע און אָפט מאָל האָט ער זיך מיט מיצין אויך דאָרט אַריינגעכאַפּט.

יאָהאַן האָט זיך נישט געמאַכט זען דעם טאַטן, ווייל שטענדיק האָט ער אים אָנגעמאַכט צרות. בעת יאָהאַן האָט שוין חתונה געהאַט, האָט ער אים געצוואונגען ער זאָל אַלע שבת־נאָכמיטאָג קומען צו אים צו גאַסט אין צווייטן בעצירק, וואו עס האָבן געוואוינט די יידן. אַז מיצי האָט נישט געוואָלט מיטגיין מיט אים, האָט עס דעם פאָטער נישט

געאַרט, ווייל ער האָט זי נישט ליב געהאַט. יאָהאַן האָט געמוזט גיין צום טאַטן לאַנגע יאָרן נאָך דעם ווען די גאָטזעליקע מוטער האָט שוין נישט געטיילט קיין שבת־אויבסט. נאָר ער האָט אים צוליב געטאָן, ווייל ער האָט אים שטענדיק געפרעגט אויף זיינע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס, וואָס ער האָט געהאַט פאַרשטעקט ביי זיך אין שופלאָד און קיינער האָט וועגן זיי נישט געוואוסט. פון וואַנען דער פאָטער האָט יאָ וועגן דעם געוואוסט, איז פאַר אים געבליבן אַ סוד. אָבער דער טאַטע האָט אים שטענדיק געפרעגט אויף זיי און יאָהאַן איז געווען אין זיבעטן הימל, כאָטש ער האָט נישט געוואָלט דערפון רעדן.

— פאַר וואָס אַנטלויפסטו פון אונדזער גלויבן?! פאַר וואָס באַהאַלסטו אויס פון פאָטריסיען אַז זי איז אַ יידישע טאָכטער?... — האָט זיך צו יאָהאַנען דערטראָגן דעם קליינעם טאַטעלעס וויינענדיק־צוגעדושעט קול, וואָס ער האָט שוין נישט געהערט אַזוי פיל יאָרן.

— מיש זיך נישט צו מיר, פאָטער!... — האָט יאָהאַן אַנטשלאָסן געענטפערט, אָבער ער האָט באַלד חרטה געהאַט וואָס ער רעדט אַזוי העזהדיק צום טאַטן — גיי צוריק אין דיין רו אַריין... מיר האָבן שוין גענוג געליטן צוליב דעם וואָס מיר זענען יידן...

— אונדזערע פאָטערס האָבן אויך געליטן צוליב זייער יידישן גלויבן... אָבער זיי זענען פון יידישן פאָלק נישט אַוועק!

— דו ווייסט נישט, פאָטער, וואָס מיר זענען אַדורכגעגאַנגען! — האָט יאָהאַן געזוכט דעם טאַטנס אויגן, וואָס זענען פאַרשטעלט געווען פון זיין גרין־אָפּגעשאָסענעם מעלאַניק — אַזוינס איז נאָך קיין מאָל נישט געשען...

יאָהאַן איז שוין געווען אַזוי אויסגעשעפּט, אַז אָט־אָט וועט ער אַוועקפאַלן אויף דער אַש־באַדעקטער ערד און איינשלאָפן ווי געהרגעט. ס'זענען קוים דערגאַנגען צו אים די קולות, וואָס האָבן אים גערופן, געוועקט:

— איי, מעיט... קום אַהער! וואָס גייסטו אַרום און דו חלומסט אין מיטן טאָג? מיר האָבן שיער נישט פאַרגעסן אין דיר! וואָס רעדסטו צו זיך אַליין?

ווי גרויס ער איז געווען האָט ער זיך אַ טרייסל געטאָן און איידער ער האָט נאָך רעכט געוואוסט אין וואָס דאָ גייט, האָט ער אָנגעהויבן אַזוי שנעל צו לויפן, אַז ער איז אַ פּאָר מאָל שיער נישט אומגעפאַלן. בעת ער איז צוגעקומען צום לאַסט־אויטאָ, האָבן עטלעכע הענט זיך צו אים אויסגעשטרעקט און אים אַרויפגענומען. ער איז דאָס מאָל

געוועזן פֿאָרזיכטיק ווייל ס'האָט אים נאָך גוט ווײ געטאָן פֿון דעם קלאַפּ וואָס ער האָט זיך געגעבן ביים אַרויפֿשפּרונגען אויף דעם אויטאָ אויפֿן וועג אַהער. ער איז שטאָלץ געוועזן אויף זיך אַליין וואָס ער האָט געהאָלפֿן לעשן די שריפֿה און וואָס ער איז פּונקט אַזוי ווי די מענטשן אַרום אים געוועזן פֿאַרקאָפּטשעט און פֿאַרריסט. אין דער היים וועט מיצי אים זיכער אויספֿרעגן וועגן אַלץ און זיין טאָכטער פּאַטריסיאַ וועט אים באַוואונדערן און וועט זיין שטאָלץ וואָס זי האָט אַזאַ העלדישן טאַטן...

די גאַנצע צייט אויפֿן וועג האָט יאָהאַן געקלערט פֿון דעם טוש, וואָס ער וועט זיך מאַכן און פֿון דעם ריינעם בעט, וואו ער וועט זיך אַריינלייגן. אָבער ווי נאָר ער איז אַריבער די שוועל פֿון זייער קליין הייזל און ער האָט עפּעס געכאַפּט אין מויל אַריין, איז ער באַלד ביים טיש אַוועקגעפֿאַלן ווי אַ קלאָדע האָלץ און האָט אָנגעהויבן הויך צו שנאָרכן. מיצי האָט אים געמוזט אויסטאָן און אַריינלייגן אין בעט. זי איז דערביי זייער אויסגעמוטשעט געוואָרן ווייל ער איז געוועזן געוואַלדיק שווער. פּונקט ווי יאָהאַן איז געוועזן אומגעלומפּערט גרויס, אַזוי איז מיצי געוועזן קליין און געשיקט. כאָטש זי איז שוין נישט געוועזן יונג האָט זי נאָך אַלץ אויסגעזען ווי אַ קליין מיידעלע. אירע אברים זענען געוועזן דראָבנע, נאָר דערפֿאַר אַזוי שיין געפֿורעמט ווי ביי אַ ליאַלקע. ס'קען זיין אַז דאָס האָט זיך גענומען פֿון דעם טאַנצן אַ לעבן לאַנג און פֿון דעם לערנען מיידלעך ריטמיק און באַלעט. אַז די קליינע מיצי איז געגאַנגען מיט דעם גרויסן יאָהאַנען פֿאַרנאַכט שפּאַצירן אין דעם אויסטראַלישן שטעטל, וואו אַ סך איינוואוינער האָבן זיי געקענט, האָט עס אויסגעזען ווי אַ קליין מאַמעלע פֿירט אירס אַן איבערגעוואַקסן־גרויסן זון. זי איז געוועזן אָנגעטאָן שטענדיק זייער משונהדיק. זי האָט געטראָגן הויזן, ברייט־צעפֿאַליעטע קליידער, קאָליריק־שרייענדיקע שאַלן און פֿלאַטערנדיקע בענדער. די האָר זענען איר נאָכגעהאָנגען אין לאַנגע פּאַסן, כאָטש זי האָט געהאַט שטעקן אין קאָפּ כּלערליי קעמלעך. אַלץ איז פֿון איר צעשטרייט אַראָפּגעהאָנגען און פֿון דעסט־וועגן האָט מען נאָך אַלץ אַרויסגעזען אירע קליינע געטאָקטע אברים, און פּונקט ווי אָפּגעלאָזן זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן, אַזוי איז אַלץ ביי איר געוועזן פּינקטלעך און אין גרויס אָרדענונג אין שטוב. שעהן לאַנג האָט זי געקערט און געפּוצט די קליינע צימערלעך און געריבן און געשייערט די טעפּ, אַז זיי האָבן פֿעכלדיק געגלאַנצט ווי שפּיגלען.

אַזוי ווי אַ פֿלייסיקע מוראַשקע, וואָס שלעפּט אַ שפּענדל פֿיל

גרעסער פון זיך, אַזוי האָט מיצי געשלעפּט יאָהאַנען און אים אַרײַנגעלייגט אין בעט. ער איז אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצן מעת־לעת, זיך קיין איין מאָל אפילו נישט איבערגעוועקט. נאָך דעם ווי ער איז אויפגעקומען, האָט ער אין די ערשטע פּאָר רגעס נישט געוואוסט וואו ער איז ערגעץ אין דער וועלט. ערשט ווען ער האָט דערזען איבער זיך מיציס קליין שאַרף־געשניטן פּנימל און אירע שפּילעוודיק־קליינע אויגן, האָט זיך אויף זיין גרויס פּנים באַוויזן אַ ברייט־צעצויגענער שמייכל. ער האָט מיצין ארומגענומען ביי דער מיידלעריש־שמאָלער טאַליע, זי צוגעצויגן צו זיך און איר דערציילט מיט אַ סך פּרטים וועגן דער שריפה. זי האָט זיך צוגעהערט מיט מויל און אויערן, אים קיין איין מאָל נישט איבערגעריסן. זי האָט בלויז פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט אַ פאַרחידושטן קוויטש און מיט די געשיקט־באַוועגלעכע פינגער אים אַריינגעפּאָרן אין דעם גרוילעכן שויבער.

— נעביך... נעביך... מיין בובי... — האָט זי געמורמלט ווי צו זיך — ווער האָט עס געזען אַז וועלדער זאָלן אַזוי ברענען...

ס'זענען אַוועק עטלעכע טעג. די סכנה אַז דאָס וואַלד־פייער זאָל זיך פאַרשפּרייטן און זיך איבערטראָגן אין שטעטל אַריין, איז אַריבער. ס'האָט אָבער מער נישט געדעגנט און די היצן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט. דאָס לעבן אינעם שטעטל איז אַוועק דעם געוויינטלעכן גאַנג. מיצי האָט יעדן פרימאָרגן געוועקט די אַ ביסל פוילע פּאַטריסיאַ, געהאָלפן איר ביים אָנטאָן און זי געשיקט אין דער שול אַריין. דערנאָך איז זי געגאַנגען איינקויפן, האָט זיך געשטעלט פּוצן די שטובן און צוגעגרייט דאָס מיטאָג.

נאָך מיטאָג איז מיצי מיט יאָהאַנען געגאַנגען אין דער שול וואו מען האָט זיי אָפּגעגעבן אַ צימער צום לערנען. מיצי האָט דאָ געלערנט די קינדער ריטמיק און באַלעט־טענץ און יאָהאַן האָט זיי געלערנט שפּילן אויף דער פּיאַנע. יאָהאַן האָט זיך ליב געהאַט צוצוקוקן ווי די קליינע האַלב־אויסגעטועטע מיידעלעך טראָגן זיך בעתן טאַנצן איבערן זאַל. אויף זייערע שיין־געפורעמטע גופים איז געלעגן אַ קינדערישער טוי און זיי האָבן געשוועבט אין דער לופטן ווי מלאכימלעך...

טייל מאָל איז יאָהאַן איבערגעבליבן אין דער שול נאָך דעם ווי מיצי איז אַוועק מיט דער טאָכטער אַהיים. אין דער הילצערנער געביידע איז נישט געווען קיין לעבעדיק נפש. ער איז געזעסן ביי דעם קלאַוויר און געשפּילט פאַר זיך אַליין. אין דער היים האָט ער נאָך נישט געהאַט קיין פּיאַנע, כאָטש ווען ער איז געקומען אין שטעטל האָט

ער דאָס ערשטע געוואָלט קויפֿן אַן אָפּגענוצט קלאַוויר. אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין בעט, קיין שטול און ער האָט זיך געמוזט דערווייל פֿון דעם אָפּזאָגן. הײַנט האָבן זיי שוין מעבל, וואָס איז כמעט אין גאַנצן אויסגעצאָלט. דאָס מעבל איז אַ ביסעלע דאָרפֿיש, דערמאָנט אין טיראָל און פּאַסט זיך אַרײַן אין דעם אויסטראַלישן שטעטל, וואָס זעט אויס כמעט ווי אַ דאָרף. אויך אַ פּיאַנע, וואָס ער האָט געקויפֿט אין מעלבורן, וועט אַ ליאַדע טאָג שטיין בײַ זיי אין שטוב.

בשעת יאָהאַן איז געבליבן אַליין אין דער שול, האָט ער געשפּילט זײַנע באַליבטע קאָמפּאָזיטאָרן: באַך, שוּבערט, מאָצאַרט און טרערן האָבן זיך געזילבערט אין זײַנע גרויסע אויגן. די זון האָט זיך שוין געהאַלטן אין זעצן, זיך אַדורכגעריסן צווישן די ביימער אין „בוש" און אָפּגעגאַנגען אין בלוט אויף די קליינע שול־פֿענצטער. יאָהאַן האָט געשפּילט אין דער בין־השמשותדיקער שטילקייט. כאָטש ער האָט געהאַט גרויסע, אַ ביסל אומגעלומפּערטע פֿינגער, האָבן זיי פֿלינק גע־טאַנצט איבער די קלאַווישן, ווי זיי וואָלטן געווען באַזונדערע געשיקטע ברואימלעך, וואָס האָבן מיט זײַן בעריש־צעוואַקסענעם גוף קיין שום שייכות נישט.

דעם זונטיק, ווען יאָהאַן און מיצי האָבן געפֿירט פּאַטריסיאַן אין דער קירך, זענען זיי אַלע דרײַ געווען שטאַרק אויסגעפּוצט. פּאַטריסיאַ האָט געהאַט אַ גרויסע שלייף שטעקן אין אירע שטרויען־בלאָנדע שטײפֿע צעפּלעך; מיצי האָט נישט געטראָגן אירע הויזן, נאָר אַ העל זומערדיק קלייד און יאָהאַן האָט שטאָט זײַן בלויען בערעט אָנגעטאָן אַ קאַפּעליוש. מיצי און יאָהאַן האָבן באַשלאָסן אַז זיי וועלן צוזאַמען מיט פּאַטריסיאַן אַרײַנגיין אין דער קירך און פֿון דעם זונטיק אָן וועלן זיי אַלע וואָך קומען רעגולער. נישט אַלע תושבים פֿונעם שטעטל גייען זונטיק בעטן, אָבער זיי וועלן גיין. אין דער קירך האָבן זיי גענומען די געבעט־ביכלעך אין דער האַנט און אויסגעהערט די דרשה פֿונעם גלח. נאָך דעם זענען זיי אַרויס אין הויף צוזאַמען מיט די אַנדערע מתפּללים און גערעדט וועגן ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום שטעטל און וועגן די היצן, וואָס זענען עלול צו פֿאַרגרעסערן די סכנה פֿון די בוש־פֿײַערן.

פֿאַרנאַכט, ווען יאָהאַן און מיצי זענען געגאַנגען שפּאַצירן איבערן שטעטל, האָבן זיי דערפֿילט אַז ס'איז אָנגעקומען אַ נײַע היץ־כוואַליע, וואָס דער נאָרד־ווינט האָט געבראַכט מיט זיך צו טראָגן. זיי זענען געגאַנגען איבער דער איינציקער גרעסערער גאַס אין שטעטל, וואו

עס האָבן זיך געפונען די געוועלבער, די פּאָסט, צוויי גאַראַזשן און צוויי שענקען. אָבער אויך די הויפּט־גאַס, פּונקט ווי די אַנדערע קלע־נערע געסלעך, האָט געפירט גלייך אין וואַלד אַריין. פון אַלע זייטן איז דער וואַלד אַריינגעקראָכן אין שטעטל און וואו דאָס אויג האָט נאָר געגרייכט האָט עס זיך אָנגעטראָפן אויף גרויע פאַרשטויבטע עקאַליפּ־טוס־ביימער.

— געדענקסט זעמערינג, מיצי? מיר זענען דאָרט אָפט געפאָרן אויף זומער־וואוינונג — האָט פלוצים יאָהאַן זיך אָנגערופן צום ווייב — מיר האָבן זיך דאָרט באַקענט דאָס ערשטע מאָל... דיינע עלטערן זענען געווען קעגן מיר, ווייל כ׳בין געווען אַ זון פון אָסט־יודען... דו האָט אויך נישט ליב געהאַט קיין אָסט־יודען... אין מיר האָסטו זיך אָבער פאַרליבט.. ביסט אַריינגעפאַלן.. דו ביסט אַלע מאָל געווען אַ שטיק קוועק־זילבער! אַז כ׳האָב זיך מיט דיר באַקענט, האָסטו מיר געוואָלט אימפּאָנירן מיט דיין טאַנצן. האָסט זיך אַוועקגעשטעלט טאַנצן אין מיטן פעלד... אויף דער שויס פון דער נאַטור. האָסט געהאַט פאַנטאַזיע...

— אָך, וואָס דיר פאַלט אַלץ איין, בובי... — האָט מיצי פאַר־שנירלט אירע דינע ליפּעלעך און אַרויפגעוואונקען צום מאַן מיט איין פאַרמרוזשעט אויג — פאַרוואָס קלערסטו פלוצים איצט וועגן דעם אַלעם?

— ווייל כ׳פיל זיך נישט גוט, מיצי... כ׳האָב פאַר עפּעס מורא... און אַז מען פילט דעם סוף, דערמאָנט מען זיך אין אָנהויב... זע נאָר ווי דאָס שטעטל איז פּוסט! מ׳זעט נישט קיין מענטש!

— ביסט נאַריש, יאָהאַן... אַ גרויסער דומער בורש... אַ גרויס קינד. פאַר וועמען האָסטו מורא? דומער... דומער יאָהאַן...

— כ׳געדענק ווי מיר זענען אַ מאָל זיך געגאַנגען באָדן צו דער דאָנאַו... אין דער פרי זענען מיר געווען אין פּראַטער און נאָכמיטאָג זענען מיר געגאַנגען צו דער דאָנאַו — האָט יאָהאַן נישט געהערט וואָס דאָס ווייב זאָגט — דו האָסט דיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף דער נאַכט און מיך געקושט אין מיטן העלן טאָג... אַלע האָבן געזען און פון אונדז געלאַכט...

— אָך, וואָס דו פּלאַפּלסט אַלץ צוזאַמען, בובי... — האָט מיצי אַרויפגעקוקט צום מאַן מיט געמאַכטער פאַרשעמטקייט.

— כ׳האָב מורא, מיצי... כ׳שרעק זיך פאַר עפּעס! ווען כ׳בין געגאַנגען לעשן די שריפה, האָב איך גערעדט מיט מיין טויטן טאַטן.

מיט מיין קליינעם אָרעמען טאַטן... ער האָט מיר געזאָגט שטראָף־רייד! מיר אַנטלויפן פון זיך... לאָמיר בעסער אַנטלויפן פון דאַנען! ווי מיר דאַכט זיך, האָבן די שכנים אויף אונדז אַ חשד...

— דו מוזט האָבן היץ — האָט מיצי זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער און קוים דערגרייכט יאָהאַנס שטערן, וואָס איז געווען קאַלט ווי אייז — דו האָסט זיך נישט פאַר וואָס צו שרעקן. קיינער ווייסט נישט וועגן אונדז. קום בעסער אהיים, וועסט זיך לייגן אין בעט אַריין...

אויפן וועג אַהיים איז זיי אַקעגנגעקומען דער הייסער ווינט, וואָס האָט געטראָגן וואָלקנס שטויב און זיי פאַרשטעלט די אויגן. ס'האָט שוין געוואַרט אויף זיי פּאַטריסיאַ, וואָס איז געווען ביי אירע חברטעס. זי איז געווען זייער פאַרשפּילט און זי האָט דערציילט וואָס דער גלח האָט צו זיי היינט נאָך מיטאָג גערעדט אין דער זונטיק־שול. דערנאָך האָט זי דעקלאַמירט מיט אַ פאַרכטיק קול אַ רעליגיעז ליד, וואָס דער גלח האָט זיי אויסגעלערנט און ס'האָט אויסגעקוקט, אַז זי רעדט צו זיך אַליין...

געקומען איז עס פאַרטאָגס, ווען די נאַכט האָט נאָך נישט געוואָלט אָפּטרעטן און ס'האָט קוים אָנגעהויבן צו גרויען. יאָהאַן איז געשלאָפן זייער אומרואיק. ער האָט זיך כסדר איבערגעוואָרפן סיי פון דער שטיקנדיקער היץ און סיי פון די בייזע רעיונות, וואָס האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט אפילו אין שלאָף. פּלוצלונג האָט זיך צו אים דערטראָגן דאָס אויסגעצויגן־אימהדיקע וואָיען פון דער סירענע. ער האָט זיך אויפגע־ריסן פון געלעגער און דערזען אַז די פענצטער זענען באַדעקט מיט רויך, וואָס איז אַדורכגעוואָרפן מיט רויטע און געלע אָדערלעך. ערשט איצט האָט ער דערפילט אַן אָנגעזעקטן ריח אין שטוב און ער האָט זיך פאַרהוסט. אין דער פידזשאַמע איז ער אַרויסגעלאָפן אין גאַס און דערזען אַז די וועלדער אַרום דעם שטעטל ברענען. די פלאַמען שלינגען אײַן שטיקער פון דער אַוועקגייענדיקער נאַכט. לאַנגע פייער־צונגען רייסן זיך צום הימל און דער הימל גליט. אין דער גאַס האָט מען גאָרנישט געקאָנט זען, וואָרים דער רויך האָט פאַרקנוילט די הייזער, די פלויטן, די גערטנדלעך און די תושבים פון שטעטל, וואָס זענען אין בהלה געלאָפן אהין און צוריק. כאָטש ס'איז געווען פאַרטאָגס, האָט עס אויסגעזען ווי עס וואָלט געווען אין מיטן נאַכט.

יאָהאַן האָט נישט געזען די מענטשן, אָבער ער האָט געהערט זייער געשריי, וואָס איז געווען פאַרדושעט פון סאַדזע און רויך. כאָטש

ער האָט די מענטשן נישט געזען, האָט ער געפילט אַז זיי זענען נאָענט פון אים. זיי שווימען אינעם רויך ווי אין אַ מוטנע וואַסער. דאָס דער־וואָרגענע געוויין פון קינדער עגבערט זיך אים איין אין די אויערן. ער האָט געוואָלט שרייען, רופן עמיצן נאָר דאָס מויל איז געווען ביי אים פאַרהאַקט. ער האָט געוואָלט לויפן אַהיים, אויפוועקן מיציין, פּאַטרי־סיאַן — אָבער די פיס זענען געווען ביי אים געליימט. דאָס וואָיען פון דער סירענע האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, בלויז פון צייט צו צייט שטילער געוואָרן און מיט באַנייטע כוחות זיך צוריק אָנגעהויבן צו טראָגן. מיט אַ געקלינגערייי און געקלימפּעריי פון גלאָקן איז דער וואָגן פון די פייערלעשער געפאָרן פון איין אָרט אויפן אַנדערן און יאָהאַן האָט געהערט ווי עס צישעט דאָס וואַסער, וואָס טרעפט זיך אָן אויפן פייער. ער האָט געהערט ווי דאָס וואַסער רוישט און גיסט זיך. מענטשן שרייען, אַז מען דאַרף נישט אָנמאַכן קיין פּאַניק און מען דאַרף זיך אָרגאַניזירן און לעשן דאָס פייער, אָבער מען האָט זיך וויניק צוגע־הערט צו דעם געשריי. די תושבים פון שטעטל זענען ווייטער בהלהדיק געלאָפן, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט פאַרלוירן און זיך געפרווט צוריק צו געפינען. די קולות פון די מענער, וואָס האָבן געזוכט די ווייבער און דאָס געוויין פון די קינדער, וואָס האָבן געזוכט טאַטע־מאַמע, זענען דערטרונקען געוואָרן אין רויך.

יאָהאַן האָט דערהערט אין זיך דעם רוף פון געוויסן, וואָס האָט אים באַפוילן ער זאָל גיין העלפן לעשן דאָס פייער. ווי אַ זעלנער האָט ער זיך אויסגעשטרעקט אין זיין גאַנצער גרויס, גרייט צו פאָלגן דעם רוף, אָבער ער האָט נישט געהאַט זיך וואו צו ווענדן און צו קערן.

— מיצי!... פּאַטריסיאַ!... וואו זענט איר? — האָט ער מיט אַ מאָל דערהערט זיין אייגן קול און ער האָט זיך דערפאַר דערשראָקן, וואָרים ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז ער הערט דאָס אָפּגעהאַקט־ווילדע געשריי פון אַ שטומען, וואָס האָט פּלוצלונג באַקומען דאָס לשון.

אַזוי גיך האָט יאָהאַן נישט געקאָנט געפינען זיין הויז און נישט די גאַס. אַרומגעכאַפּט פון די פלאַמען, וואָס האָבן זיך געשפּרייט איבער דעם שטעטל, האָט אַלץ אַרום געביטן די מראה. ווי אַ בלינדער האָט ער געטאַפּט אין דער האַלבער פינצטערניש און אין דעם אויפפלאַקערנ־דיקן ליכט, וואָס האָט אַלע מאָל ערגעץ אַנדערש אויפגעהעלט. צו זיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן דאָס אויסגעצויגענע געוויין פון קי, וואָס זענען אַרויס פון די הייפלעך און זענען ערגעץ ווילד געלאָפן. אָפּט מאָל זענען זיי פון שרעק צוריק אַריין אין פייער. ביי די הינער, וואָס זענען

אַרויסגעפלויגן פון די שטייגן, האָבן די פעדערן געברענט. עטלעכע פערד האָבן אין גרויס פּחד גאַלאָפּירט איבער די גאַסן און זייערע פּאָדקאָוועס האָבן געקלונגען אויף די שטיינער.

ביי זיך אויף דער גאַס האָט יאָהאַן דערזען עטלעכע הייזלעך שטייען אין פייער, וואָס לעקט גיריק ביי זיי די ווענט, די שויבן און דעם דאַך. צוליב די בעלקעס און קראָקוועס, וואָס האָבן ווי ריפּן פון מאָגערע בהמות אַרויסגעקוקט פון די פלאַמען, האָט עס אויסגעזען ווי קי וואָלטן זיך געדעמפּט אויף אַ מזבח... אַז יאָהאַן איז צוגעקומען צו זיין הויז, האָט ער געטראָפן מיצין שלעפּן די בעטן אַרויס אויפן הויף. פּאַטריסיאַ איז נאָכגעלאָפן דער מאַמען און האָט געוויינט אויפן הויכן קול. יאָהאַן האָט צוגעהאָלפן מיצין אַרויסטראָגן דאָס מעבל, די קיך־כלים. זיי האָבןביידע שווער געאַרבעט און זענען געווען פאַרקאָפּטשעט פון פליענדיקע שטיקער סאַדזע. פּלוצים איז יאָהאַן אַליין אַריינגעלאָפן אין שטוב און פון באַהעלטעניש אַרויסגעשלעפּט די פאַרברענטע בלעטער מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס, וואָס ער האָט ביז היינט אפילו נישט געוויזן מיצין. ווען אַ היפש ביסל פון זייערע חפצים זענען געווען צעזייט אויפן הויף האָבן זיי דערהערט ווי די שויבן אין הויז פּלאַצן מיט אַ געבראַזג. ס׳איז שוין געווען שווער עפּעס צו ראַטעווען, וואָרים מיט אַ טרוקן געקנאַל האָבן די פייער־צונגען געפויזעט אויף די ווענט פון זייער היים.

אָבער מיצי איז נישט אָפּגעטרעטן. זי איז אַריין אין שטוב ווען די פלאַמען האָבן זיך שוין אַרויסגעוואָרפן אויף דער טיר. יאָהאַן איז אַריין נאָך איר און ער האָט זי מיט געוואַלד גענומען אויף די הענט און זי אַרויסגעטראָגן אין דרויסן ווי אַ קראַנק קינד.

דאָס פייער האָט אַלץ פאַרציקט: דאָס הויז, די אַרויסגעראַטע־וועטע חפצים אויפן הויף, די עטלעכעביימעלעך און דאָס ביסל בלומען אין גערטנדל. ס׳איז איבערגעבליבן בלויז דער נאַקעטער קוימען, וואָס האָט טרויעריק אַראָפּגעקוקט אויף די פאַרקוילטע שטיקלעך האָלץ און אויפן אַש וואו עס האָבן זיך געוואַלגערט ברוכטיילן פון אייזן, געשיר און דער מעטאַלענער קאָפּ־שטיק פון פּאַטריסיאַס בעטל.

ביז שפּעט אין דער נאַכט זענען זיי געבליבן זיצן אויף אַן אויס־געוואָרצלט־פאַרברענטן בוים. זיי האָבן נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט צו זיך. פּאַטריסיאַס שמאָלע אַקסלען האָבן שטיל געציטערט אין געוויין. מיט אַ מאָל האָט יאָהאַן דערפילט ווי עס טאָרעט אים וועך ביי דער

פלייצע. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען ווי עס שטייען איבער זיי זייערע שכנים.

— ווייַן נישט, פּאַטריסיאַ... ווייַן נישט, מיין קינד... — האָט די שכנטע איינגענומען דאָס מיידל און געווישט ביי איר די טרערן פון די אויגן.

שפּעטער האָט דער שכן צוגעטוליעט צו זיך מיצין און די שכנטע האָט אַרומגענומען יאָהאַנען. די שכנים האָבן דערציילט, אַז ווייניק הייזער זענען בלויז על פּי נס אַרויס גאַנץ פון דער שריפה. אין די דאָזיקע הייזער ברענגט מען איצט צו פירן די אָפּגעברענטע איינוואוינער. מען גרייט פאַר זיי צו נאַכט־לעגערס אין די שטובן, אין די קאַמערן און גאַראַזשן.

— קומט, קומט מיט אונדז גוטע שכנים... — האָט די שכנטע נישט אויפגעהערט צו רעדן — איר מוזט עפּעס נעמען אין מויל אַריין... זיך אויסרוען! איר דאַרפט זיך נישט זאָרגן, מיר וועלן אייך העלפן אויפבויען צוריק דאָס הויז... איר זענט יידן... און איר יידן האָט זיך שוין גענוג אָנגעליטן אין די געטאָס... אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן ביי היטלערן! מ'האָט ביי אייך אַלץ צוגענומען... ס'קומט אייך אַ ביסל רו!... מיר וועלן אייך נישט לאָזן פאַלן... קומט, קומט מיט אונדז...

דאָס הילצערנע העמערל

— ווער איז עס דאָס? וואָס גייט ער אַרום איבער די געוועלבער און קלאַפּט מיטן העמערל אין די טירן?

— וואָס מורמלט ער? ער רעדט דאָך צו זיך! כ'פֿאַרשטיי נישט קיין וואָרט...

— ער מוז זיין אַ משוגענער, לא־עלינו, געריירט אויפֿן קאָסטן...

— ביי אונדז אין שטעטל האָב'ך געקענט אַזאַ פֿאַרשוין. עקזעקטלי אַזוי ווי ער! דאָס איז געווען דער שמש פֿונעם פּאָליש, וואָס האָט גערופֿן די יידן צום דאַווענען... אָבער ווער האָט געזען אין אויסטראַליע אַזעלכע זאַכן?!

אַלע ערב־שבת, ווען ר' שבתי איז געגאַנגען איבער די יידישע געוועלבער און געקלאַפּט מיטן הילצערנעם העמערל אין די טירן, זענען די סוחרים אַרויס פֿאַר די שוועלן און געזוכט אַן עצה ווי פּטור צו ווערן פֿון דעם פֿרומען אויסטערלישן ייד, וואָס דערגייט זיי די יאָרן. אָבער ר' שבתי האָט נישט געזען די סוחרים, נישט געזען קיינעם, געקלאַפּט מיטן העמערל אין די טירן און זיך געבייזערט מיט זיין צוגעדושעט־מרוקעוואַטן קול:

— יידן, שוין גענוג געהאַנדלט! שוין גענוג געוואַנדלט! גרייט זיך צו קבלת־שבת. גרייט זיך צו עבודת־הבורא...

אויף דער גאַס איז געווען אַ טומל. דער האַנדל איז געווען אין סאַמע מיטן ברען. אויטאָס' זענען אָפּגעפֿאָרן מיט אַ רעש און האָבן געזוכט אין דער ענגשאַפֿט אַן אָרט וואו זיך אָפּצושטעלן. טרעגערס האָבן פֿון גרויסע לאַסט־וועגענער אויסגעלאָדן כלערליי סחורות. קונים זענען אַרויס פֿון איין געשעפֿט און אַריין אין דעם צווייטן. אויסגעפּוצטע ווייבער האָבן באַקוקט די שויפֿענצטער. צווישן די אַלע פֿאַרהאַוועטע מענטשן האָבן זיך געשטרעקט ר' שבתיס געשטאַלט, וואָס איז געווען דין און שמאָל ווי אַ לולב.

ר' שבתי האָט זיך געאיילט אַהיים. ער האָט נאָך געוואָלט באַוויזן צו גיין מיט זיינע ייִנגלעך אין מקווה פֿאַר קבלת־שבת. נאָך דעם ווי ער

איז צוריקגעקומען פון דער מקוה, איז ער נישט געגאַנגען אין קיין שום שולעכל, נאָר ער האָט מיט זיינע בני־בית געדאַוונט אין דער היים. שוין עטלעכע יאָר ווי ער איז צעקריגט מיט קהל און ער וויל נישט האָבן מיט די יידן אין שטאָט קיין מגע־ומשא. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין די ד' אמות פון זיין אָרעמער שטוב. תחילת, בשעת ער איז אָנגעקומען פון לאָנדאָן קיין מעלבורן, האָט מען אים אויפגענומען פאַר אַ ראַביי אין אַ גרעסערער שול — אָבער ער האָט זיך באַלד דאָרט צעקריגט, וואָרים די יידן זענען נישט געגאַנגען אויף זיין דרך. ער איז דערנאָך אַוועק אין אַ קלענערער שול — אָבער אויך פון דאָרטן איז ער שנעל אַוועק. ער איז שפּעטער געווען רב נאָך אין עטלעכע קליינע שולעכלעך — און אומעטום איז געווען דאָס זעלבע. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט אים אין ערגעץ מער פאַר קיין רב נישט אויפגענומען און ער איז געגאַנגען דאַווענען אין דער תלמוד־תורה אין שכנות פון זיין שטוב. ער האָט זיך אָבער אין גיכן צעווערטלט מיט די מתפללים און ער דאַוונט מער נישט בציבור נאָר ביחידות אין דער היים.

ר' שבתי האָט אויסגעטאָן די וואָכעדיקע קאַפּאָטע און אָנגעטאָן די שבתדיקע. אויך האָבן זיינע צוויי יינגלעך און דאָס טעכטערל זיך אָנגעטאָן שבתדיק. ער האָט ביי די בנים פאַרדרייט לכבוד שבת די לאַנגע פּאות, וואָס זענען געווען נאָך נאַס פון דער מקוה. דאָס מיידל האָט געהאַט פּייכטע האָר, וואָרים די מוטער האָט זי ערשט נישט לאַנג אויסגעצוואָגן. ר' שבתי איז צוגעגאַנגען צום שטענדער, וואָס ער האָט אַליין צוזאַמענגעשלאָגן פון עטלעכע ברעטלעך און אָנגעהויבן צו זאָגן שטיל און פאַר זיך „לכו נרננה". לעבן שטענדער איז געשטאַנען אַ קעסטל. דאָס איז געווען דער ארון־קודש, וואו עס איז געשטאַנען די ספר־תורה וואָס ר' שבתי האָט מיטגעברענגט פון לאָנדאָן. „לכה דודי" האָט ר' שבתי נישט געזונגען, נאָר געזאָגט מיט זיין אייביק אָנגעברוגזטן קול. דאָס ווייב אין אַ גרויס שייטל, איז געזעסן ביים שבתדיק־געדעקטן טיש און שטיל געזאָגט די תפילות פון אַ גרויסן סידור. די יינגלעך זענען טייל מאָל פאַרלאָפן דעם טאַטן דעם וועג, איבערגעשריגן אים און געזאָגט דאָס דאַווענען מיט קוויטשיקע קולעכלעך.

נאָך דעם ווי ר' שבתי איז פאַרטיק געוואָרן מיטן דאַווענען, האָט ער געזאָגט „שלום עליכם" און אויפגענומען ביי זיך אין שטוב די מלאכים. קידוש האָט ער געמאַכט איבער די חלות, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין וויין. ביים עסן האָט ער ווייניק וואָס טועם געווען און

אונטערגעשטופּט די קינדער די מאכלים, וואָס דאָס ווייב האָט אים דערלאַנגט. ער האָט געזונגען זמירות און די קינדער האָבן אים אונ־טערגעהאַלטן מיט פריילעכע שטימען. כאָטש ער האָט זיך באַמיט, אַז ביים זינגען די זמירות זאָל זיין קול אַרויסקומען חדוהדיק און לויטער, האָט עס אָפּגעקלונגען אומעטיק און ער האָט פאַרשלונגען די ווערטער...

שבת־צו־נאַכטס, ווען ער האָט געמאַכט הבדלה, האָט זיך זיין קול מיט טרויער אָפּגעשלאָגן אין די ווענט וואו עס האָבן געציטערט גרויסע און קליינע שאָטנס. ער האָט נישט אויסגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע, גלייך ער וואָלט נישט געוואָלט זיך אויסטאָן פונעם שבת און אַריין צוריק אין דעם עול פון דער וואָך. ער האָט באַלד אַ רוף געטאָן צו זיך די יינגלעך, כדי פאָרצוזאָגן פאַר זיי דעם שיעור, וואָס זיי וועלן די נייע וואָך זיך דאַרפן איינחזרן. כאָטש ר׳ שבתי איז געבוירן געוואָרן אין ווייטשעפּל אין לאָנדאָן און ער האָט געקענט ענגליש, האָט ער שטענ־דיק גערעדט בלויז יידיש מיט זיי ווייב און מיט די קינדער. אַלע קינ־דער האָבן געהאַט צו צוויי נעמען; זיי האָבן געהייסן לויט די אבות און אמהות. ר׳ שבתי האָט גערעדט צום קליינוואַרג ווי צו דערוואַקסענע מענטשן.

— קום אַהער יעקב־יצחק... קום אַהער אברהם־משה... — האָט ער גערופן די יינגלעך — מישטע אויף די גמרות און כ׳וועל פאַר אייך פאָרזאָגן דעם שיעור... און דו שרה־לאה — האָט ער זיך געווענדט צום טעכטערל — דאַרפסט אויך נישט אַרומגיין ליידיק. אַ מיידל איז טאַקע פּטור פון לערנען תורה... אָבער ס׳מאַכט נישט אויס, אַז וועסט זיצן לעבן דיינע ברידער און זיך צוהערן צום קול־התורה...

ביז שפּעט אין אָוונט האָט ר׳ שבתי געלערנט מיט די זין. ער האָט געלערנט מיט זיי אַ שווערע מסכתא — בבא בתרא — און געוואָלט, אַז די יינגלעך זאָלן אַלץ באַלד תופס זיין. ס׳איז געווען זיינס אַ ווערטל: אַז מען חזרט זיך איין אַ גרייז צו דער פולער וואָך, איז אים שווער דערנאָך אַרויסצושלאָגן פון קאָפּ... נאָכן לערנען האָט ר׳ שבתי אַ קוש געטאָן די גמרא און זיך אָנגערופן צו דעם בכור, צו יעקב־יצחקן:

— דו האָסט אַ בעסערן קאָפּ פון אברהם־משהן... הוץ מזה ביסטו דער עלטערער.. זע־זשע אַז אברהם־משה זאָל קענען די גמרא... הערסט, יעקב־יצחק, זאָלסט דיך פאָרכטן פאַר השם יתברך! זאָלסט נישט רעדן קיין דברים בטלים! זאָלסט זיין אַ ייד!

נאָך דעם ווי ר׳ שבתי האָט געזאָגט מוסר דעם עלטערן ייִנגל, האָט ער זיך אויך אַ קער געטאָן צום יונגערן, צו אברהם־משהן:

— הערסט, אברהם־משה, זאָלסט מורא האָבן פאַרן איבערשטן! זאָלסט זיין אַ ייִד!

די ייִנגלעך האָבן געפאָלגט דעם טאַטן. זיי האָבן פאַר אים נישט מורא געהאַט, וואָרים ער האָט קיין מאָל נישט אויפגעהויבן אויף זיי קיין האַנט — אָבער זיי האָבן געהאַט פאַר אים אָפּשיי. דעם טאַטנס אויסזען, זיין הלבשה, זיין התנהגות, וואָס האָט אים אויסגעטיילט פון די אַנדערע מענטשן, האָט אַרויסגערופן דרך־ארץ. דאָס יונגערע ייִנגל האָט זיך אפילו פאַר אים אַ טראָפּעלע געשראָקן. דער טאַטע האָט גע־טראָגן אַ לאַנגע, שוואַרצע, אָפּגעטראָגן־גלאַנציקע קאַפּאָטע, אַ הויכן סאַמעטענעם קאַפּעליוש און די זיידן־שוואַרצע, דינע באָרד האָט נאָך לענגער און שמעלער געמאַכט זיין געשטאַלט. אַלץ איז ביי אים געווען איינגעהילט אין שוואַרצן, בלויז דאָס דינע וויס־בלאַסע פּנים האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין דער שוואַרצקייט מיט אַ נישט־ערדישן אָפּשיין. אַז ר׳ שבתי האָט געזאָגט מוסר זיין מוזיניק, האָבן זיך זיינע גרויסע סאַמעט־שוואַרצע אויגן צוזאַמענגעצויגן און ער האָט געקוקט אויפן זון מיט אַן אַנגעשטרענגטן בליק, ווי איינער וואָס האָט אַ שוואַכע ראיה און וויל דווקא זען אַן ברילן.

אברהם־משה האָט פיינט געהאַט ווען דער טאַטע האָט געקוקט אויף אים מיט אַזאַ אַנגעשטרענגטן בליק און ער האָט פיינט געהאַט ווען ר׳האָט אים געזאָגט מוסר, וואָס האָט אַנגעוואָרפן אויף אים אַ מורא. אברהם־משה האָט אויסגעזען שטענדיק פאַריאָגט, ווי מען וואָלט אים אַוועקגעריסן אין סאַמע מיטן פון אַ שפּיל. פונקט ווי די שוועסטער איז ער געווען קליין און קיילעכדיק און דאָס רונדע פּנימל זיינס איז געווען באַשיט מיט שטיפּערישע זומער־שפּרענקעלעך, וואָס האָבן זיך דווקא צום מיינסטנס באַזעצט אויף זיין פאַרריסן־קליין מזיק־נעזל. דאָס גאַנצע פּנימל זיינס איז געווען פול מיט אַ פאַרשטיקטן געלעכטער, וואָס האָט געזוכט אַ וועג אַרויס.

אַ גאַנצע וואָך האָט זיך אברהם־משה געמוזט צוהערן צו זיין עלטערן ברודער, וואָס האָט געהאַלטן אויף אים און אויף דער שוועס־טער אַן אויג. דער טאַטע האָט אַזוי אָנגעזאָגט און יעקב־יצחק האָט דאָס אויסגענוצט. ער האָט אפילו זיין קליין ברודערל נישט געזשאַלע־וועט קיין קלאַפּ, ווען ער האָט אים עפּעס נישט געפאָלגט. די שוועסטער האָט ער נישט געלאָזט צו רו און ער האָט אַלע מאָל געהאַט צו איר

טענות מחמת זי האָט צעקנעפּלט דאָס בלוזקעלע אַרום האַלדז און פאַר־שאַרצט דאָס קליידל איבער די קניִען.

— שאַר אַראָפּ דאָס קליידל! — פלעגט ער זי מוסרן מיט זיין ברוגז־ערנסט קול, וואָס איז געווען ענלעך צום טאַטנס — ס׳איז אַ זינד, ס׳אַ גרויסע זינד...

אברהם־משהן האָט ער נישט געלאָזט זיך שפּילן און ער האָט אים שטענדיק געמוסרט אויף דעם זעלבן אופן ווי דער פאָטער פלעגט עס טאָן:

— זאָלסט מורא האָבן פאַרן איבערשטן! זאָלסט זיין אַ ייד! הערסט, אברהם־משה?!

פון דעסטוועגן האָט זיך נישט איין מאָל געטראָפן אַז דאָס יונגערע ברודערל איז פלוצלונג נעלם געוואָרן אַקוראַט דעמאָלט ווען ער האָט איינגעחזרט מיט אים די גמרא. יעקב־יצחק איז געלאָפן זוכן דאָס ברודערל און ער האָט אים געפּאַקט שפּילן זיך אין גאַס מיט אַ כאַפּטע שקצימלעך, די יינגלעך זענען פאַרטאָן נאָכגעלאָפן אַ פוטבאָל, וואָס איז געשפּרונגען איבערן אָרעמען שמאָלן געסל און שיער נישט אַריין אַלע מאָל אין אַן אַנדער פענצטער. צווישן די שקצימלעך האָט אַרומגעפּאָ־כעט דאָס צעקנעפּלטע כאַלאַטל פון אברהם־משהן און זיינע צעלאָזטע פאות און ציצית זענען אַרומגעפלויגן אין ווינט. מיט איין האַנט האָט ער זיך צוגעהאַלטן דאָס היטל, ס׳זאָל אים נישט אַראָפּפאַלן פון קאָפּ. צו די שפּילנדיקע קינדער האָט זיך צוגעקוקט דאָס שוועסטערל. יעקב־יצחק האָט פאַרקוועטשט זיינע דינע, איידעלע פינגער אין פויסטן און ער האָט זיך געגרייט מיט זיי מקיים פּסק צו זיין דעם ברודער. אָבער בינו לבינו איז אָנגעפלויגן דער באַלעם און דאָס ברודערל האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און געגעבן אים אַזאַ קאָפּ, אַז ער איז פאַר־פלויגן אין אַנדערן עק געסל. אַז די יינגלעך האָבן דערזען יעקב־יצחקן האָבן זיי אים פאַרבעטן צו דער שפּיל, ווייל ער איז געווען אַ גוטער פוטבאָל־שפּילער.

— קאָם אָן, יאַנקאָוו־איצכאָק... — האָבן זיי קוים געקענט נאָכ־זאָגן זיין נאָמען און זיך געבעטן ביי אים ער זאָל מיט זיי מיטשפּילן — קאָם אָן...

לאַנג האָט מען אים נישט געדאַרפט בעטן, ווייל איידער וואָס־ווען איז ער שוין אַרומגעפלויגן אין געסל צוזאַמען מיט די אַנדערע יינגלעך.

בעת די שכנים האָבן באַמערקט יעקב־יצחקן שפּילן פוטבאָל אין געסל, האָבן זיי פאַרגעסן אין דעם אַז די שויבן זענען אין סכנה און זיי האָבן זיך צוגעקוקט ווי פלינק ער באַגייט זיך מיטן באַלעם. זיי האָבן געזאָגט אויף אים, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער פוטבאַליסט און מעלבורן וועט זיך האָבן מיט וואָס צו באַרימען... אין געסל האָט גע־וואוינט אַן אַמאָליקער קאַרלטאָנער פוטבאָל־שפּילער, „ביג עדי", וואָס האָט מיט יאָרן צוריק געהאַט אַ גרויסן שם און איז געווען אַ באַרימ־טער „שטערן". איצטער איז פון דעם צעוואַקסענעם, איבער „זעקס־פוסיקן" עדי געבליבן בלויז אַ בינטל אייגגעשרומפּן־גרויסע ביינער, איבערגעצויגן מיט אַ גערונצלט־געלער הויט און ער האָט זיך אַליין געוואָרעמט אין זיין אַמאָליקן גרויסן נאָמען. עדי איז געזעסן אין די פאַרנאַכטן פאַר זיין הילצערן הייזל און דערציילט וועגן די „אַלטע גוטע צייטן" און וועגן די היינטיקע פוטבאָל־מענטשן. ער האָט ליב געהאַט אָפּט צוצורופן צו זיך יעקב־יצחקן און צו כאַפּן מיט אים אַ שמועס, ווייל פונקט ווי ער איז געווען בקי אין הילכות־ספּאָרט, איז דאָס יינגל געווען בקי אין די אַלע זאַכן. יעקב־יצחק האָט מיט זיין שאַרף קעפּל אויפגעכאַפּט אַלע נעמען פון די קלובן און פון די שפּילער און געזוי־נביאות געזאָגט ווער ס׳וועט פון די היי־יאָריקע פאַרמעסטן אַרויס דער זיגער און ווערן „טשעמפּיאָן"... נישט איין מאָל האָט ער זיך אַרויסגע־גנבעט פון שטוב צוזאַמען מיט זיין ברודער און שוועסטער און זיך אַריבערגעכאַפּט איבערן פאַרקן פון קאַרלטאָנער פוטבאָל־פּלאַץ, כדי זיך צוצוקוקן צום מעטש...

ביג עדי האָט זיך ליב געהאַט צוצוהערן ווי דאָס יינגל רעדט מיט אַזוי פיל בקיאות וועגן מעלבורנער פוטבאָל, וואָס האָט אייגענע געזעצן און ווערט געשפּילט אַנדערש ווי אין דער גאַנצער וועלט. בעת־מעשה האָט ער נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דעם שיינעם, שלאַנק־געוואַק־סענעם בחורל, וואָס האָט פאַרמאָגט גרויסע ברוינע אויגן, בלאָנדע האָר און אַ בויגעוודיק־הויכן האַלדז. אַלץ איז געווען גוט און רעכט און עדי האָט זיך מיט יעקב־יצחקן פאַרשטאַנען אויפן וואונק. אָבער טאָמער האָט דער אַמאָליקער באַרימטער „שטערן" געשטעלט דעם יינגל די קשיא וואָס עס באַדייטן זיינע לאַנגע פאות, איז זיין פּנים באַלד פאַר־כמורעט געוואָרן.

— ס׳איז נישט קיינעמס עסק! איט׳ס נאָט יור ביזנעס! — האָט ער געענטפערט — לויט דער יידישער רעליגיע דאַרפן יידן טראָגן פאות... אַנדערש זענען זיי קיין יידן נישט! גאָט האָט אַזוי געהייסן...

— כ׳קען אַ סך יידן וואָס טראָגן נישט קיין פאות — זענען זיי נישט קיין יידן? — האָט זיך עדי געחידושט.

— זיי זענען טאַקע נישט קיין יידן! — האָט יעקב־יצחק בייז אָפּגעפּסקנט.

— ענטפער מיר בלויז אויף דעם... איי בעג יו... זיי נישט בייז

— האָט ביג עדי נישט אָפּגעלאָזט — פאַר וואָס וויל דיין מוטער נישט אָננעמען קיין הילף ווען די ווייבער ווילן איר מיט עפּעס אַרויסהעלפן? דיין טאַטע איז אַ ראַביי... אָבער אַן אָרעמער ראַביי... דו וועסט זיין אַ מאָל אַ גרויסער פוטבאָליסט... וועסט זיין אַ שטאָלץ פאַר מעלבורן! ווילן די שכנטעס אייך מיט עפּעס אַרויסהעלפן. וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ זינד!

— אַ דאַנק! מיר דאַרפן נישט קיין הילף פון קיינעם...

— פאַר וואָס נישט? כ׳זע אַז דיין מאַמע איז נישט קיין גוטע ביזנעס־פרוי. יידן זענען גוטע ביזנעס־לייט, אָבער נישט דיין מאַמע. דיין טאַטע אין עס אוודאי נישט. שור... אַז ער שטייט אין געוועלבל, דאַוונט ער כסדר צו גאָט... ווען מען באַצאָלט אים פאַר עפּעס, לאָזט ער ליגן דאָס געלט אויפן טיש. ס׳זענען דאָ שלעכטע מענטשן און זיי קענען נאָך דאָס געלט צוגנבענען... אַז איר ווילט נישט פון אונדז קיין הילף, טאָ זאָלן אייך אייערע אַרויסהעלפן...

— אַ דאַנק... מיר דאַרפן נישט קיין הילף פון קיינעם! — האָט דאָס יינגל איבערגעחזרט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געזאָגט פריער.

ס׳איז געוואָרן שפּעט און יעקב־יצחקן איז מיט אַ מאָל באַפאַלן אַ חרטה, וואָס דער יצר־הרע האָט געהאַט אויף אים אַ שליטה און ער האָט געשפּילט פוטבאָל און זיך געלאָזט אַריינציען אין אַזאַ לאַנגן שמועס מיט עדין. אַזאַ גרויסער יונג און מאַכט זיך אַזוי נאַריש!... אין אַלץ איז שולדיק אברהם־משה, וואָס האָט זיך אַוועקגעגנבעט פון דער גמרא. ס׳איז אים באַפאַלן אַ כעס אויף דעם יונגערן ברודערל און ער האָט אַלץ אויסגעלאָזט צו אים:

— שוין, קום אַהיים! די אותו רגע! — האָט ער אויף אַמאָל אַ געשריי געטאָן אויף אברהם־משהן — וואַרט! כ׳על לערנען מיט דיר בלק!

יעקב־יצחק איז געווען זייער פאַריאַכמערט און פאַרשוויצט. האָט ער מיט אַ פאַטשיילעכל אָפּגעווישט די אַרבעס שווייס פון איידעלן, בלאַסן פּנים, פאַרשפּילעט דאָס צעפּלויגענע כאַלאַטל און אויסגעגלייכט די פאות. ער האָט אויך ביים ברודערל צורעכט געמאַכט די פאות, די

ציצית, אָפּגעשטויב דאָס היטל, וואָס האָט זיך שוין אַ פּאָר מאָל גע־וואַלגערט אויף דער ערד און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— היידאַ, אין שטוב אַריין! קאָם אָן! דער איבערשטער וועט דיך שטראָפן פאַר די זינד! מ׳וועט דיך בראָטן און ברענען אין גיהנום! וואַרט, וואַרט!

— און דיך נישט? האָסט אויך געזינדיקט! — איז אויף אברהם־משהן אַרויף אַ שרעק, ווען ער האָט בלויז געהערט דאָס וואָרט „גיהנום״.

— שאַט אַפּ! רעדסט דאָך שוין אַקעגן! ביסט שוין אַ שגץ אויך? בעד באַי! — האָט יעקב־יצחק דערלאַנגט דעם ברודער אַ באָך מיטן קולאַק, אַז ער האָט זיך אַזש פאַרקרימט פון ווייטיק, אָבער אַלץ אַראָפּגעשלונגען — נו, מאַך פּיס! געגאַנגען!...

ביי אברהם־משהן האָבן זיך פון מורא די זומער־שפּרענקלעך אויסגעלאָשן אויפן חנוודיק־פאַרריסענעם פּנימל און ער האָט צוגע־נומען באהבה דעם ברודערס שטאַרקעס, וואָס האָבן אים באַגלייט אויפן וועג אַהיים.

אין דער היים האָט ערשט געוואַרט אויף זיי די אמתע גאָב פון דער מאַמען, וואָס האָט זיך שוין אומגעקערט פון געוועלבל און נישט געטראָפן קיינעם אין שטוב. די טיר איז געווען אויפגעפּראַלט און מען האָט, רחמנא ליצלן, געקענט אַרויסטראָגן דאָס ביסל אָרעמע גראַטעס! די טאָכטער האָט שוין אַריינגעכאַפּט פון דער מאַמען און זי איז גע־שטאַנען אין אַ ווינקל און געוויינט.

— וואַרטץ... וואַרטץ! — האָט די מוטער זיך געריסן דעם האַלדז — אַז דער טאַטע וועט קומען, וועל׳ך אים זאָגן וואָס זיינע קדישים טוען אַ גאַנצן טאָג!

זי האָט אָבער דעם טאַטן גאַרנישט געזאָגט, וואָרים דער קאָפּ איז איר פול געווען מיט וויכטיקערע זאַכן. אָט זענען ערשט געווען ביי איר די יידן פון דער תלמוד־תורה און זיך געבעטן ר׳ שבתי זאָל קומען ימים־נוראים דאַווענען ביי זיי פאַרן עמוד און זאָל נישט דאַווענען ביחי־דות ווי פאַראַיאָרן. זיי האָבן איר אפילו איבערגעלאָזט געלט און ס׳האָט געהייסן אַז דאָס גיבן זיי אָן אַדערויף ר׳ שבתין ער זאָל קומען צו זיי זאָגן כל נדרי און מוסף. זי האָט מורא געהאַט דאָס צו זאָגן דעם מאַן, געוואוסט וואָס פאַר אַ סוף זי וועט פון אים האָבן.

און כך־הוה — קוים זי האָט באַוויזן אויפצומאַכן דאָס מויל, האָט שוין ר׳ שבתי אַלץ דערשמעקט און זיך אויף איר אָנגעבייזערט:

— גיי שוין און גיב אַפּ דאָס געלט! — האָט זיך זיין שמאָלער, דינער גוף אויסגעצויגן שפּיציק־לאַנג און זיך געריסן אין דער הויך — וואָסי? זיי ווילן מיך איבערקויפן? געבן שוחד, כ׳זאָל זיי לאָזן טאָן וואָס זיי גלוסט זיך... זיי ווילן פון מיר פּטור ווערן, כדי ווייטער צו האַנדלען אום שבת!... מחלל שבת זיין בפרהסיא! נאַרישע אשה, פאַר וואָס פאַרשטייסטו גאָרנישט?!

ער האָט נישט געוואָרט אויפן ווייב און אַליין געגאַנגען אָפּטראָגן דאָס געלט. איידער ער איז אַריין צום פּרעזידענט פון דער תלמוד־תורה, האָבן זיינע לאַנגע פינגער געזוכט די מזוזה אויפן ביישטידל און פון געוואוינשאַפט האָט ער די שפּיץ־פינגער צוגעטראָגן צום מויל און זיי אַ קוש געטאָן. אין שטוב האָט ער נישט אויפגעמאַכט דאָס מויל, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן אַוועקגעלייגט דאָס געלט אויפן טיש און איז צוריק אַרויס.

ערב שבת האָט ר׳ שבתי ווי שטענדיק זיך געאײלט צו גיין איבער די יידישע געוועלבער און קלאַפּן אין די טירן, די יידן זאָלן זיך גרייטן צו קבלת־שבת. ער האָט געזוכט דאָס הילצערנע העמערל — אָבער ער האָט עס נישט געקענט אין ערגעץ געפינען. ער האָט געוואוסט אַז טייל מאָל האָבן זיך די קינדער געשפּילט מיטן העמערל, נאָר זיי האָבן עס שטענדיק צוריקגעלייגט אויפן אָרט. דעם היינטיקן ערב־שבת האָט זיך ר׳ שבתי אומזיסט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און בשום אופן נישט געקענט געפינען דאָס העמערל, וואָרים די קינדער האָבן עס גענומען און דערמיט ערגעץ פאַרשוואונדן.

פונקט ווי דער טאַטע זייערער זענען די קינדער געגאַנגען איבער די יידישע געוועלבער און געקלאַפּט אין די טירן מיט דעם העמערל. דער ערשטער איז געגאַנגען יעקב־יצחק און נאָך אים זענען נאָכגע־לאָפן אברהם־משה און דאָס שוועסטערל. דער איינפאַל איז טאַקע געווען אברהם־משהס, נאָר יעקב־יצחק האָט באַלד אַרויסגעריסן ביי אים דאָס העמערל און ער איז געוואָרן איבער דעם דער באַלעבאָס.

— גיב מיר אויך אַ קלאַפּ צו טאָן! — האָט זיך אברהם־משה בלית־ברירה געבעטן ביים עלטערן־ברודער און דאָס פּנים האָט ביי אים אין גאַנצן געפלאַמט — האָסט צוגעזאָגט! נו, גיב שוין, גיב...

אַז ער האָט גאָרנישט געקענט פועלן ביי יעקב־יצחקן, האָט ער כאָטש מיטגעזאָגט מיטן ברודער וואָרט ביי וואָרט:

— יידן, שוין גענוג געהאַנדלט! גענוג געוואַנדלט! גרייט זיך צו קבלת־שבת.... גרייט זיך צו עבודת־הבורא...

בשעת די סוחרים האָבן דערהערט ווי מען קלאַפּט שוין ווידער אין זייערע טירן, זענען פאַרהאַוועט אַרויסגעלאָפן פאַר די שוועלן און זיך אָנגעטראָפן אויף די קינדער.

— ווער זענען דאָס די קינדער?! — האָט איין סוחר אַריבערגע־שריגן צום צווייטן.

— דערקענסט נישט? דאָס זענען דאָך ר׳ שבתיס קדישים! אויפּ־געכאָוועט אַדיוטאַנטן, דער משוגענער! גאָטס סטראַפּטשע...

— קוק נאָר אָן די אַרמיי!

— גאָטס פּאָליציי... אַ פרישע אָנשיקעניש אויפן קאָפּ... ער האָט זיי אויסגעלערנט די תורה, ר׳ שבתי...

ווער איז אייזיקל יענגאַלקי?

בלויז געציילטע יידן אין מעלבורן האָבן געקענט אייזיקל יענ־גאַלקי. געקענט האָבן אים דער עיקר די בעלי־הבתים פון דעם וואַרן־הויז וואו אייזיקל האָט געאַרבעט זינט ער איז אָנגעקומען קיין אויס־טראַליע. ווי נאָר ער האָט אַראָפגעשטעלט אַ פוס אויף דער יבשה און געפונען אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפ פאַר זיין הויזגעזינט, איז ער געלאָפן זוכן אַרבעט. ער האָט באַלד דערשמעקט וואו עס זענען פאַראַן די יידישע געשעפטן, איז ער געגאַנגען פון קראָם צו קראָם און אומעטום איבערגעחזרט דאָס זעלבע.

— כ׳זע, אַז איר זענט יידן... ס׳איז אייער חוב צו געבן אַ ייד אַרבעט! קוקטץ נישט אויף מיר וואָס יאַך זע אויס שוואַך... וואָס יאַך קוק אויס ווי אַ פאָקראַקע... כ׳בין, געלויבט דעם אויבערשטן, געזונט און כ׳קען אַרבעטן פאַר צען... כ׳דאַרף שפייזן אַ ווייב מיט צוויי קליינע עופהלעך!

מיטן זעלבן פזמון איז אייזיקל אויך אַריין אין דעם וואַרן־הויז פון די ברידער דייסלער. ווען די ברידער האָבן דערהערט דעם פזמון און אָפגעמאָסטן דעם פאַרשוין, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ באַלעם גע־מאַכט פון שמאַטעס, האָבן זיי זיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכעלע. זיי האָבן צווישן זיך געכאַפט אַ שמועס, אַלע מאָל געוואָרפן אַ בליק צו אייזיקלען, דערנאָך זיך אָנגערופן צו אים בזה הלשון:

— מיר וועלן אייך צונעמען צו דער אַרבעט, בתנאי אַז איר וועט צו עפעס טויגן... אלא נישט, וועט אייך דער הילפס־פאָנד באַזאָרגן אַ פאָסטן... שטעלט אייך באַלד אַרבעטן, וועט מען זען וואָס איר קענט... מיר זענען נישט קיין צדקה־געזעלשאַפט!

אייזיקל איז געבליבן אַרבעטן ביי די ברידער דייסלער און ער האַלט זיך אויף דער שטעל עד־היום. אין די הינטערשטע שטובן פון דעם וואַרן־הויז האָט ער זיין מלכות. ס׳איז דאָרטן אייביק פינצטער און ס׳ברענען זיך עטלעכע קליינע עלעקטרישע לעמפלעך. אייזיקל אַרבעט שווער ביים סאָרטירן סחורות, ביים פאַקן פעקלעך. ער האָט זיך

צוזאַמענגעלעבט מיט די טרעגער, וואָס ברענגען די שווערע קאַסטנס אין דעם ליקל, און ער העלפט זיי ביים אויסלאָדענען די סחורה פון די לאַסט־וועגענער. ס׳קענען אים די אַרבעטער פון די אַרומיקע פאַבריקן, וואָס קומען אַראָפּ אין דעם ליקל אין דער מיטאָג־שעה שפּילן קריקעט; ס׳קענען אים די „פעקטאָרי״־שיקסלעך, וואָס עסן זייער לאַנטש אויף דער פרישער לופט; ס׳קענען אים די קינדער, וואָס יאָגן זיך דאָ אַרום נאָך דעם ווי זיי קערן זיך צוריק פון דער שול. מיט די קינדער איז ער אַ גאַנצער חבר און ער שמועסט זיך מיט זיי אויס, כאָטש ער קען נישט קיין וואָרט ענגליש.

הגם אין מעלבורן פאָרט מען שוין נישט מיט קיין ראָווערן צו דער אַרבעט, קומט אייזיקל נאָך אַלץ אין געשעפט אַריין אויף זיין אַלטן ביציקל, וואָס איז צוזאַמענגעבונדן מיט אַ סך שטריקלעך. אויף דעם אַלטן ראָווער רייסט ער זיך אַדורך צווישן די לאַנגע שורות אויטאָס, טראַמווייען, וואָס פילן געדיכט אָן די גאַסן. ער קערעוועט געשיקט אין דעם געדראַנג און פליט שנעל ווי אַ שד, אַז ס׳איז אַ חידוש וואָס דער ראָווער צעפאַלט זיך נישט אויף שטיק־שטיקלעך. אייזיקל איילט זיך זייער שטאַרק, ווייל ער וויל קומען דער ערשטער צו דער אַרבעט. ער האָט גרויס הנאה צו באַווייזן די באַלעבאַטים, אַז ער וואַרט אויף זיי יעדן פרימאָרגן אין דרויסן פאַרן אויפשליסן דאָס וואַרן־הויז.

ווי אַזוי אייזיקל איז געקומען קיין מעלבורן האָט קיינער נישט געוואוסט. מ׳האָט נישט געוואוסט צי ער האָט הי משפחה, צי חברים. טאָמער האָט מען אַ קוק געטאָן אויף אים — און מען האָט געזען די אַלע מחלות וואָס האָבן זיך צו אים געטשעפּעט — האָט מען זיך געחידושט ווי אַזוי מען האָט אים אַריינגעלאָזט קיין אויסטראַליע. איין טאָג איז ער געקומען צו דער אַרבעט מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירט אויג, אַ צווייטן טאָג מיט אַ פאַרבונדענער באַק. אַ מאָל איז ער אַ גאַנצע וואָך געקומען מיט אַ פאַטשיילע אויפן קאָפּ. אַז מען האָט אים געפרעגט וואָס אים איז, האָט ער געענטפערט:

— כ׳האָב לא־עליכם געכאַפּט אַ פאַרקילעכץ און כ׳קען דערפון נישט פטור ווערן... עס מוז דויערן אַ שטיקל צייט, וועט זיך דאָס אַליין אויסדאַבזשעיען...

אייזיקל פלעגט קיין מאָל נישט נעמען קיין געצאָלט פאַר קראַנק זיין. האָבן אים די באַלעבאַטים געעצהט, ער זאָל בלייבן אין דער היים, זיך אויסליגן אין בעט. אָבער ער האָט דערפון נישט געוואָלט הערן און געדענקען.

— ס'מיר גאַרנישט — האָט ער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט
— ס'עט מעטשעשעם אַריבערגיין... ביינאַכט לייג'ך מיר צו אַ וואַרעם־פלאַש צו די פיס... פון דעם שוויצ'ך... דאָס וועט אַראָפּשלאָגן די היץ...

אייזיקל האָט פיינט געהאַט אַז מען דולט אים אַ קאָפּ און מען זאָרגט זיך וועגן זיין געזונט. כאָטש ער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר די ברויט־געבער זיינע, האָט ער פון דעסטוועגן נישט געליטן ווען זיי פלעגן זיך אָנזעצן אויף אים מיט פוסטע שאלות. ער איז דעמאָלט געוואָרן זייער צעקאָכט און אָנגעהויבן אַזוי שנעל צו כאַפּן די ווערטער, ווי ער וואָלט געשלונגען הייסע בולבעס. דאָס ערשטע וואָרט איז ביי אים אויסגעקומען דאָס לעצטע און דאָס לעצטע — דאָס ערשטע.

אויך דאָס מאָל, ווען די באַלעבאַטים זענען צוגעשטאַנען צו אים און געהייסן אים בלייבן אין שטוב, איז ער פלוצים געוואָרן זייער צע־מישט און אָנגעהויבן זיך פון דער העלער הויט צו בייזערן:

— שטוב... שטוב... געזונט... כ'בין געזונט... אין דער היים... נישט בלייבן... אַ ספּאָדיק... האַקן אַ ספּאָדיק...

אָפּגעזאָגט דאָס, האָט ער אָנגעהויבן אַרומצודרייען זיך איבער דעם וואַרן־הויז מיט זיין גיך גענגל. אייזיקל פלעגט קיין מאָל נישט גיין פּאַוואָליע; ער איז שטענדיק אַביסל געלאָפן, גלייך ער וואָלט נישט געהאַט קיין צייט. דעם קאָפּ און די פּלייצע איינגעבויגן, האָט ער אונ־טערגעטענצלט אין זיינע ברייט־צעפּאָרענע שיך, וואָס זענען נישט געווען פאַרשנורעוועט, אַזוי אַז די שיך־בענדלעך האָבן זיך אים נאָכ־געשלעפּט.

אין די אונטערשטע שטובן פון דעם וואַרן־הויז, וואו ס'האָט זיך געפינען דער לאַגער פון די רויע סחורות, האָט אייזיקל געהאַט פאַר־שידענע באַהעלטענישן און מען האָט נישט געקענט דערגיין וואו זיי זענען. אַז מען איז אומגעריכט אַריינגעקומען צו אים, האָט מען באַ־מערקט, אַז ער באַהאַלט עפּעס אויס אויף דער שנעל. די ברידער דייסלער האָבן זיך שוין נישט איין מאָל געפּשטלט וואָס אייזיקל פאַר־שטעקט פאַר זיי. צום מיינסטנס האָט זיך וועגן דעם געזאָרגט דער יונגערער ברודער, וואָס איז געווען זייער אַן אָפּגעהיטענער און האָט ליב געהאַט יעדן חושד צו זיין. ער האָט געהאַט אַ טענה צום ברודער, וואָס מען האָט אייזיקלען צוגענומען צו דער אַרבעט.

— אַלץ דו... אַז דו קלערסט גאָרנישט איבער קיין שום זאַך און באַשליסט באַלד אויפן אָרט! — האָט ער געזאָגט מיט כעס — ווער ווייסט וואָס דער לאַפּיטוט פאַרשטעקט אין די באַהעלטענישן. וואָס אַזאַ

פאַרשוין קען אַלץ איינפאַלן אין קאָפּ! אפשר באַהאַלט ער אויס אַ באָמבע. ווער קען וויסן? ער קען נאָך ברענגען דאָס גרעסטע אומגליק. אַז מען ווייסט נישט ווער ער איז, וואָס ער איז. ס'קען זיין, אַז ער מאַכט זיך בלויז פאַר אַ שלימזל און אין דער אמתן איז ער עפּעס אַ פאַרדעכ־טיק מענטשל. יעדער שמויגער צו זיינעם טויג ער! שאַקינג...

— וואָס דיר קען אַלץ איינפאַלן! אַ באָמבע... וואָס נאָך ווען טו אויסקלערן! — האָט זיך דער עלטערער דייסלער צעלאַכט אויפן קול.

— יאָ... יאָ... מען האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן. ווי גרויס כומיקל ער איז, אַזוי גרויס אויפטוער איז ער! צי זענען מיר אַ וואויל־טעטיקע סאָסייעטי, וואָס דאַרף זאָרגן פאַר פּליטים? קנאָפּ יידן זענען דאָ אין שטאָט, וואָס האָבן אים געקענט אָנשטעלן ביי זיך?

דער יונגערער ברודער האָט אָנגעהויבן נאָכצושפּיאָנירן אייזיק־לען. ער איז צו אים אָפּט אַריינגעקומען, געהאַלפן אים פּאַקן די פּעקלעך און בעת־מעשה געכאַפּט מיט אים אַ שמועס. ער האָט אים אַזוי לאַנג נאָכגעקוקט, ביז ער האָט סוף־כל־סוף דערטאַפּט זיינע באַהעלטענישן. דעמאָלט האָט ער אייזיקלען אַרויסגעשיקט, געהייסן אים גיין אַ וועג און אָנגעהויבן צו נישטערן צווישן די באַלנס סחורה. ער האָט פון דאָרט אַרויסגעצויגן עטלעכע מעשה־ביכלעך, וואָס די פּאַקן־טרעגער פלעגן אַמאָליקע יאָרן אַרומפירן איבער די שטעטלעך. ער האָט געפונען אַ פּעקל פאַרגעלטע אויסשניטן פון אַלטע צייטונגען, וואו עס איז באַשריבן געוואָרן דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און וואו עס זענען געווען בילדער פון אויסגעהונגערטע יידן אין די געטאָס. די יידן זענען געווען הוילעביינער און איבער זיי זענען געשטאַנען די דייטשן, וואָס האָבן זיי געפּייניקט און געלאַכט. טיף פאַרשטעקט צווישן די סחורות האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף עפּעס אַ האַרטער זאַך, וואָס איז געווען איינ־געוויקלט אין שמאַטעס. ס'האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז דאָס מוז זיין אַ רעוואָלווער. ער האָט די זאַך אויפגעוויקלט פון די שמאַטעס מיט גרויס פאָרזיכטיקייט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז עס קען נאָך עפּעס אויסשיסן — און אין זיינע הענט איז טאַקע געבליבן ליגן אַן אַלטער רעוואָלווער. ער איז געוואָרן זייער בלאַס פון שרעק און ער האָט דעם רעוואָלווער געהאַלטן מיט צוויי שפּיצן פינגער. ער איז באַלד געלאָפן צום ברודער מיט דעם כלי־זיין אין דער האַנט און אויסגעשריגן:

כ'האָב דיר געזאָגט! כ'האָב דיר באַלד געזאָגט! ווער־זשע איז

גערעכט? אַ קשיא אויף אַ מעשה... ווער ווייסט ווען דער פֿאַרשוין האָט געוואָלט שיסן...

— עט, שטותים... שריי נישט אַזוי! — האָט דער עלטערער ברודער זיך נישט געמאַכט פֿון דער גאַנצער מעשה — דער שלימזל קען נישט שיסן קיין פֿליג. ער ווייסט אפֿילו נישט ווי מען האַלט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט... ער וואָלט זיך באַדאַנקט אין די הויזן פֿון שרעק...

— ווען ער איז דער רעוואָלווער, אַז נישט זיינער?...

— עט, נאַרישקייטן... מן־הסתם האָט ער דאָס אַלטע שטיקל אייזן געפֿונען ערגעץ אויפֿן מיסט... — האָט דער עלטערער ברודער גענומען דעם רעוואָלווער אין דער האַנט אַריין — עס איז גוט אויף שמעלץ...

פֿון דעסטוועגן האָט ער געגנבֿ באַקוקט דאָס שטיקל אייזן, מיט איין אויג אַריינגעבליקט אין דער לופֿע, אַ קוועטש געטאָן דאָס צינגל און צו זיין חידוש האָט אַלץ גוט געאַרבעט. אַז ער האָט אַ קוועטש געטאָן דאָס צינגל, האָט זיך דער יונגערער דייסלער אָפּגערוקט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז מען גייט אים שיסן. הגם דער עלטערער ברודער האָט ווייטער אַלץ געמאַכט צו קליינגעלט, איז די מורא ביי דעם יונגערן מיסטער דייסלער געוואַקסן. ער האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף אייזיקלען; און ווי נאָר יענער האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים:

— וואו האָט איר גענומען דעם רעוואָלווער? ווען גייט איר שיסן?

אייזיקל האָט נישט געוואוסט וואָס דאָ איז געשען. לכתחילה האָט ער אפֿילו נישט געזען וואָס זיין באַלעבאָס האַלט אין די הענט. זיינע קליינע אייגעלעך האָבן אָנגעהויבן אַרומצולויפֿן איבערן פּנים, ווי דערשראָקענע מייזעלעך. די שפּיציקע נאָז איז אים נאָך שפּיציקער געוואָרן. דער קײלעכדיק־פּולער גוף האָט זיך ביי אים אַראָפּגעלאָזט ווי אַן אויסגעליידיקטער זאַק. ווי ס'איז שטענדיק געווען זיין טבֿע ווען מען זעצט זיך אויף אים אָן, האָט ער אָנגעהויבן צו שטאַמלען, אַז מען האָט נישט פֿאַרשטאַנען קיין וואָרט:

— ממ... מניע... רעוו... כ'ווייס נישט. כ'ווייס... רעוואָלוו... ווער...

ער איז שטיל געבליבן, דאָס לשון איז אים געוואָרן פֿאַרהאַקט און ער האָט מער גאָרנישט געקענט אַרויסברענגען פֿון זיך. אָבער ווען דער באַלעבאָס האָט אים צוגעטראָגן צום פּנים דעם רעוואָלווער, האָט

ער אים אַרויסגעריסן פון זײַנע הענט און באַהאַלטן הינטער דער פּלייצע, ווי אַ קינד וואָס פאַרשטעקט אַ פאַרוועררט שפּילעכל.

זינט דעמאָלט איז אײַזיקל יענגאַלקי נאָך מער אײַנגעהילט געוואָרן אין סודות און מען האָט נישט געוווּסט ווער ער איז און וואָס ער איז. כאָטש דער יונגערער מיסטער דיילסער איז דווקא באַשטאַנען דערויף מען זאָל אײַזיקלען אַרויסוואַרפן פון געשעפט, האָט זיך אײַזיקל אָפּגעבעטן און איז ווײַטער געבליבן אַרבעטן. נאָך מער ווי ביז איצט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט די קינדער, וואָס האָבן זיך נאָך דער שול געשפּילט אין ליקל און זיי זענען אים געקראָכן אויפן קאָפּ. ער האָט זיי דערציילט פאַרשידענע מעשיות און זיי פלעגן זיך אַרומשטעלן אַרום אים און זיך צו אים צוהערן. איין מאָל האָט ער זיך פאַרטרויט פאַר זיי, אַז ער איז געוווען אַ געטאָ־קעמפער...

— וואָס איז אַ געטאָ־קעמפער? — האָבן די קינדער אויסגערופן אין אַ כאָר — מיר ווייסן נישט...

אײַזיקל האָט זיי אויפגעקלערט, לאַנג געגעבן צו פאַרשטיין, ביז זיי האָבן עפּעס באַנומען.

ער האָט דערנאָך דערציילט דעם קליינוואַרג וועגן וואַרשע אין מדינת פּוילן, וואָס איז אָפּגעטיילט פון דאַנען מיט אַזוי פיל לענדער און ימים. דאָרטן האָבן יידן געלעבט, געהאַנדלט, געוואַנדלט, דערצויגן קינדער — ביז ס'איז אויפגעשטאַנען אַ רוצח מיטן נאָמען היטלער, וואָס האָט פאַרכאַפּט פּוילן און אויסגעהרגעט די יידן צוזאַמען מיט די קינדערלעך... אָבער נישט אַלע יידן האָבן זיך געלאָזט קוילען, זיך געלאָזט פירן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואו ס'האָט אויף זיי געוואַרט דער טויט. זיי האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט און גענומען קעמפן קעגן די דייטשן ימח שמם... אין וואַרשעווער געטאָ זענען די יידן אויסגעגאַנגען פון הונגער און פּײַן... אָבער די לײַדן פון די יידן און פון זייערע קינדערלעך איז דעם דייטש נישט גענוג געווען און ער האָט זיי אַלע געוואָלט אַרויספירן אין די טויט־לאַגערן און זיי דאָרטן פאַרברענען... דעמאָלט איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד פון די יידן, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט מער פירן ווי די שאָף צו דער שחיטה...

הגם די קינדער האָבן זיך צוגעהערט מיט מויל און אויערן צו דער דאָזיקער מעשה נורא, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער מדינה פּוילן, האָבן זיי אַלע פאַר רגעס איבערגעריסן אײַזיקלען; פאַרוואָרפן אים מיט כלערליי קשיות. עס האָט זיי סכנותדיק פאַרכאַפּט די מעשה ווי מ'האָט אים, אײַזיקלען, אַליין געפירט צום אומשלאַג־פּלאַץ בשעת

דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און זיי האָבן געוואָלט וויסן וואָס מיט אים איז געשען. אייזיקל האָט דערציילט:

— בעת מען האָט מיך, מיט נאָך יידן, געפירט צום אומשלאַג־פּלאַץ און יאַך האָב געזען אַן מיין לעבן הענגט אויף אַ האָר, האָב׳ך געזאָגט צו מיר אַליין: אייזיקל יענגאַלקי, אויב דו וועסט דיך נישט אַרויסרייסן באַצייטנס פון די רוצחימס הענט, וועט זיין אַ בראָך צו דיר! אָדער מ׳וועט מאַכן פון דיר קרעפּל־פליש באַלד אויפן אָרט, אַז נישט וועט מען דיך אַוועקפירן אין אַ לאַגער און דו וועסט שוין פון דאָרט נישט צוריקקומען קיין לעבעדיקער... ס׳וועט פון דיר נישט בלייבן קיין שום געדעכעניש! האָב׳ך צוגעמאַכט די אויגן, געזאָגט שמע ישראל און זיך אַ וואַרף געטאָן אויפן דייטש... יאַך האָב אים גע־נומען קאָפּען און בייסן די האַנט און ס׳איז געשען אַ נס — ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם רעוואָלווער. האָב׳ך אַ כאַפּ געטאָן דעם רעוואָלווער און געשאָסן צום דייטש... דערנאָך האָב׳ך געמאַכט ויברח, בעת־מעשה אַ געשריי געטאָן צו די אַנדערע יידן:

— יידן, אַנטלויפט!

— ס׳איז געוואָרן אַ גראַטשקע... און מיר האָבן דערוויל עוקר־געווען. יאַך האָב געהערט ווי מען לויפט אונדז נאָך, מ׳שיסט צו אונדז. אָבער מיר זענען אין איין אָטעם געלאָפן און זיך נישט געשראָקן פאַר די קוילן. מיר זענען אַריין צווישן די ברענענדיקע הייזער, זיך געדראַ־פּעט אויף ווענט, אויף דעכער, אויף בוידעמס. ווען כ׳בין געבליבן ליגן פאַרשטעקט אין אַ ווינקל פון אַ חורבה, האָב׳ך זיך מיט די ציטערדיקע הענט אַליין באַטאַפּט, צי כ׳בין גאַנץ...

בשעת אייזיקל האָט דאָס דערציילט, איז ער געווען אַזוי פאַר־יאַכמערט, גלייך ער וואָלט דאָס נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט. אַ קליינער, אַ צעגאָסן־ברייטער, איז ער געשטאַנען צווישן די קינדער און ער האָט אויסגעזען ווי איינער פון זיי. ער האָט שנעל געפאָכעט מיט די הענט און די קליינע אויגן זענען געווען ביי אים אויפגעריסן און ס׳האָט אין זיי געטליעט אַ פאַרבאָרגן פייערל.

— ר׳האָט דערשאָסן דעם דייטש צום טויט? — האָט מיט אַ מאָל אַ יינגלעריש דערשראָקן קול אַ פרעג געטאָן.

— מסתמא... וואָדען... אוודאי, כ׳האָב זיך נישט אומגעקוקט... ווער האָט געהאַט צייט זיך אומצוקוקן. ס׳איז געווען אַ גרויסע סכנה...

— פאַר וואָס הייסט איר יענגאַלקי? — האָט דאָס זעלבע יינגלע־רישע קול געפרעגט, קוים געקענט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט — כ׳האָב

נישט געהערט ס׳זאָל ווער אַזוי הייסן. ס׳איז אַ קאָמישער נאָמען. זייער פּאָני...

— ווייל כ׳האָב ליב יענגאַלקיס. אַזעלכע קליינע באַרנעס... אין וואַרשע, ווען כ׳בין געשטאַנען לעבן מיין סטראַגאַן אויף דער וואָלוווקע, האָב יאָך שטענדיק געגאַשט יענגאַלקיס פון אַ שקאַרמיץ אַרויס... ס׳האָט געקאָסט אַ שיבוש. איין מאָל איז געטאָ האָבן מיר סכנות־נפשות פאַרשמעקט יענגאַלקיס. כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳גיי אויס...

דעם אַנדערן טאָג, נאָך דעם ווי אייזיקל האָט דאָס אַלץ מגלה געווען פאַרן קליינוואַרג, איז אַריינגעקומען צו אים דער יונגערער דייסלער. זיינע איינגעפאַלענע באַקן זענען געווען נאָך מער איינגעפאַלן און די איבערגעשראָקענע אויגן — נאָך מער איבערגעשראָקן. ווי זיין טבע, איז ער נישט גלייך צוגעקומען צו אייזיקלען, נאָר זיך קודם־כל געדרייט אַרום אים מיט פאַרזיכטיק־שטילע טריט, גלייך ער וואָלט אויף עפּעס געטשאַטעוועט. ערשט שפּעטער איז ער צוגעשפּרונגען צו אייזיקלען, ווי אַ קאַץ וואָס דערזעט אַ מייזל.

— וואָס שרעקט איר די קינדער?! — איז ער באַלד אַרויס מיט אַ געבייזער — וואָס דערציילט איר זיי נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע מעשיות! וואָס נאָך וועט אייער קאָפּ אויסקלערן?! קנאַפּ צרות האָבן מיר פון אייך?

אייזיקל האָט לכתחילה זיך נישט געכאַפּט וואָס דער באַלעבאָס וויל פון אים האָבן, נישט געוואוסט פון קיין פּותר חלום. אָבער ביסלעכווייז איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן. ווען ער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, איז אַקוראַט אַריין צו אים מיט אַ טענה דער עלטערער דייסלער:

— וואָס דערציילט איר יונגע קינדער די מעשיות?! נאָך וואָס דאַרפן זיי דאָס וויסן? עפּעס אַנדערש קענט איר שוין נישט אויסטראַכטן? מיין ייִנגל האָט נישט געקענט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. כ׳בין קוים געוואָר געוואָרן פון אים, אַז איר זענט אין דעם שולדיק... וואָס דאַרפט איר זיך באַרימען פאַרן קליינוואַרג מיט אַזעלכע אויסגעקלערטע סטאָריס?!

דער עלטערער באַלעבאָס פלעגט זיך קיין מאָל נישט בייזערן אויף אייזיקלען, נאָר דאָס מאָל האָט ער זיך שטאַרק געכעסט. אייזיקל האָט אים געוואָלט ענטפערן, אָנגעהויבן עפּעס צו שטאַמלען, אָבער דאָס מויל איז אים געוואָרן פאַרקלעמט און ער האָט גאָרנישט געקענט אַרויסברענגען. אָנשטאָט עפּעס צו זאָגן, האָט ער אָנגעהויבן אַרומצוטענצלען

איבער דער שטוב מיט זיינע דריבנע טריטלעך און די פּלייצע איז געוועזן ביי אים נאָך מער איינגעהויקערט ווי געוויינלעך.

צו דעם אַלעמען האָבן זיך צוגעהערט די קינדער. בעת זיי האָבן געזען, אַז אייזיקל ענטפערט גאָרנישט, זענען זיי געווען זיכער, אַז ער האָט טאַקע אַלץ אויסגעקלערט. ער האָט זיך באַרימט פאַר זיי און זיי האָבן אים געגלויבט יעדעס וואָרט. פּונקט ווי ער איז פריער אויסגע־וואַקסן אין זייערע אויגן, אַזוי איז ער איצט מיט אַ מאָל אַראָפּגעפאַלן. זיי האָבן זיך נישט געקענט שענקען וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט אַזוי לייכט פון אים אָפּנאַרן. פון דעמאָלט אָן האָבן זיי אים אויסגעמיטן און אָנגעהויבן פון אים חוזק צו מאַכן. זיי האָבן געלאַכט פון זיין הילוך, פון זיין פאַרהיקען זיך ביים רעדן. תחילת האָבן זיי אים גערופן מיט כלערליי צונעמען, און אַז ער האָט זיך נישט אָקעגנגעשטעלט, האָבן זיי אים אַרומגערינגלט און געשריגן צו אים:

— ליגנער! לייער! ביסט אַ גרויסער ליגנער!

נישט איין מאָל האָט אייזיקל אַריינגעכאַפּט אַ שאָלעכץ פון אַ פּאָמעראַנץ, אַ גלאָמב פון אַן עפּל, וואָס די קינדער האָבן אים געוואָרפן. בעת זיי האָבן געזען, אַז ער רעדט גאָרנישט, זענען זיי געוואָרן חוצפּה־דיקער, אָנגעהויבן אים צו שלעפּן ביי די פּאָלעס און געצופּט אין אים שטיינדלעך פון אַלע זייטן. איין פאַרנאַכט האָט אַ שטיין געטראָפן אין אַ שויב און זי אויסגעהאַקט. די קינדער האָבן באַלד געמאַכט יד־אחת און געזאָגט, אַז אייזיקל האָט דאָס געטאָן. דאָ האָט שוין אייזיקל זיך אָקעגנגעשטעלט און געלייקנט, אַז דאָס איז זיין שולד. אָבער דאָס קליינוואַרג האָט ווייטער געטענהט, אַז ער איז אין אַלץ שולדיק. ס'זענען אַרויסגעקומען די עלטערן פון די קינדער און ס'איז געוואָרן אַ צוזאַ־מענגעלויף. אייזיקל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן. ווען מען האָט אים געפרעגט וואָס ער וויינט, האָט ער זיך פאַרקלאָגט, אַז די קינדער וואַרפן אויף אים שטיינער און האָבן געמאַכט אויף אים אַ בלבול.

— וואָסי, אייערע הענט ליגן אין קימפּעט? וואָס לאָזט איר זיך פון די לאָבוזעס? — האָט זיך ווער פון עולם אָנגערופן.

אייזיקל האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז ווייטער געזעסן אויף דער שוועל און זיך געווישט די טרערן פון די אויגן.

זינט דעם טאָג האָט אייזיקל מער מיט קיינעם נישט אויסגערעדט אַ וואָרט, שטיל געטאָן זיין אַרבעט. אויך צו באַלעבאַטים האָט ער גערעדט זייער ווייניק, בלויז געטאָן דאָס וואָס זיי האָבן אים געהייסן.

ס׳זענען אַוועק וואָכן און חדשים און מען האָט אפילו נישט געדענקט, אַז אין די הינטערשטע שטובן פון דעם וואַרן־הויז ביי די ברידער דייסלער אַרבעט אייזיקל יענגאַלקי. די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין ליקל, האָבן אים מער נישט געטשעפּעט און פאַרגעסן אין אים. פּונקט ווי אַ מאָל איז אייזיקל מיטן ראָוּער געפאָרן צו דער אַרבעט. ער איז געקומען דער ערשטער און זיך אין דרויסן געשטעלט וואַרטן ביז די באַלעבאַטים האָבן אויפגעשלאָסן דאָס וואַרן־הויז.

אייזיקל פלעגט איצט אָפטער קומען צו די יידישע פאַרלעזונגען, צו די הזכרות און געטאָ־פייערונגען. אָבער מען האָט אים וויניק באַמערקט, וואָרים ער איז געזעסן אין די הינטערשטע רייען און נישט אויפגעמאַכט דאָס מויל. בלויז פון צייט צו צייט האָט מען געזען ווי ער שאָקלט מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, גלייך ער וואָלט פּאַטאַקעוועט צו די רייד פון די רעדנער אויף דער בינע. ער האָט דענצמאָל אַרויסגעגעבן פון זיך שטילע קולות, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין. טייל מאָל פלעגט ער זיך אויפשטעלן און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער גייט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט און ווייטער געשאָקלט מיטן קאָפּ. בעת זיין אויפּפירעכץ איז עמעצן געפאַלן אין אויג, האָט ער זיך גענומען אויספרעגן ביים שכן:

— גיטץ נאָר אַ קוק אויף דעם פאַרשוין, ס׳איז עפּעס אַ טשודאַק! ער רעדט צו זיך אַליין. איר ווייסט ווער ער איז?

— אסור צי איך ווייס ... כ׳זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין בייז.

נאָך די אָוונטן האָט זיך אייזיקל נישט געשטופּט צום אַרויסגאַנג. ער האָט געוואַרט ביז אַלע זענען אַרויסגעגאַנגען און איז דערנאָך אַוועק אַהיים.

אין שטאָט האָט מען זיך געגרייט אויפצונעמען אַ רעדנער — צו אַ געטאָ־פייערונג — וואָס האָט זיך אַליין באַטייליקט אין די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ. מען האָט וועגן אים געשריבן נישט בלויז אין דעם יידישן בלאַט, נאָר אויך אין די אויסטראַלישע צייטונגען. מען האָט כסדר פאַרעפנטלעכט זיין בילד און געשילדערט זיינע העלדישע מעשים. יעדע וואָך אויפסניי איז געווען וועגן אים אַן אַרטיקל, וואָס האָט געלויבט זיין גבורה. ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן, כדי צו ראַטעווען אַנדערע. מיט די בלויזע הענט האָט ער זיך געוואָרפן אויף באַוואָפנטע דייטשן... ס׳איז אַ הייליקער חוב פון יעדן ייד צו קומען צו דער געטאָ־פייערונג, כדי זיך צו טרעפן מיטן גרויסן העלד! קינד־און־קייט דאַרף קומען צו גיין...

בשעת אייזיקל האָט געלייענט די ידיעה און דערזען דאָס בילד פון דעם געטאָ־קעמפער אין דער יידישער צייטונג, האָבן זיך זיינע קליינע אויגן אָנגעשפּיצט און דאָס פּנים איז געוואָרן ביי אים אָנגעצויגן, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט. ער האָט געמאַכט כלערליי העוויות צום בילד, ווי ער וואָלט זיך דערמיט אויסגעשמועסט. דאָ האָט זיך זיין פּנים אויסגעקרומט צום לאַכן און דאָ צום וויינען. סוף־כל־סוף האָט ער אויסגעשניטן די פאָטאָגראַפיע און זי פאַרזיכטיק באַהאַלטן אין קעשענע.

צו דער הזכרה איז ער געקומען דער ערשטער; די טירן זענען נאָך געווען געשלאָסן. בשעת מען האָט געעפנט די טירן און דער עולם האָט זיך גענומען שטופּן און פאַרכאַפּן די ערטער, האָט מען אייזיקלען גע־טאָרעט און געשטויסן און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט קוים געפונען אַן אָרט אויף דער לעצטער באַנק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, אָבער ס׳האָט אים כסדר געעקבערט אין קאָפּ, צי דער גאַסט איז געווען צווישן דער גרופּע יידן, וואָס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פון די דייטשן. אייזיקל האָט דעמאָלט געשאָסן דעם דייטש... אויף דער פאָטאָגראַפיע האָט ער אים דערקענט... ס׳זענען שוין אָבער זינט דעמאָלט אַוועק אַ היפּש ביסל יאָרן און פון אַ פאָטאָגראַפיע אין אַ צייטונג האָט מען נישט געקענט וויסן קיין סך.

באותו רגע, ווען דער גאַסט איז אַרויס אויף דער בינע, האָט אים אייזיקל דערקענט; דאָס איז טאַקע געווען עמיל גרין. פון פרייד איז אים דער אָטעם געוואָרן פאַרשפּאַרט. ער האָט זיך אויפגעריסן פון אָרט, געוואָלט עפּעס אַ געשריי טאָן, נאָר ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. ער האָט נאָך געפּרוווט רופן מיט די הענט — אָבער קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט און געזען. אין זאַל איז געווען שטיל, ס׳האָט זיך נישט געהערט קיין שאָרך. די שטילקייט איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען דער חזן האָט אָנגעהויבן צו זאָגן „אל מלא רחמים". דער גרויסער זאַל מיט יידן האָט ווי איינגעהאַלטן דעם אָטעם. בלויז פון מאָל צו מאָל האָט אַ פאַרשטיקטער ווייבערישער שלוכץ איבערגעריסן די פאַרגליווערט־טויטע שטילקייט. און ווער דער חזן האָט געענדיקט זאָגן קדיש און די יידן האָבן אים נאָכגעזאָגט, האָט זיך דער זאַל צעוויגט פון אַ הויך געוויין...

נאָך דעם ווי מען האָט פאַרגעשטעלט דעם געטאָ־העלד פאַרן עולם האָט ער באַקומען דאָס וואָרט. ער האָט גערעדט וועגן די גרויסע ליידן

און פּיין, וואָס די יידן זענען אויסגעשטאַנען אין וואַרשעווער געטאָ; געריעדט וועגן די קינדער, וואָס זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער און קרענק; גערעדט וועגן די מתים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף די גאַסן, וואָרים ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל זיי באַגראָבן. לאַנגע שורות מיט לאַסט־וואַגאָנען, אָנגעפּאַקט אַזוי געדיכט מיט יידן, אַז מען איז דערשטיקט געוואָרן, האָבן די דייטשן געפירט אין די לאַגערן, פון וואַנען מען האָט זיך שוין קיין מאָל מער נישט אומגעקערט... האָבן בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן נישט געוואָלט מער גיין גוטוויליק צום טויט, געמאַכט אַן אויפשטאַנד. זיי זענען אַרויס אין קאַמף, גערופן די יידן זיי זאָלן זיך אַקעגנשטעלן די דייטשן...

עמיל גרין איז געשטאַנען אויף דער בינע, אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער און ער האָט דערציילט דעם עולם, ווי ער האָט זיך געפונען צווישן אַ גרופּע יידן, וואָס די נאַציס האָבן געפירט צום אומשלאַג־פּלאַץ. אָבער די יידן האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט און דערהרגעט אַ דייטש. ס'איז געוואָרן אַ בהלה און ס'איז געלונגען די יידן זיך צו צעלויפן.

אייזיקל איז די גאַנצע צייט געזעסן שטיל, זיך גאַרנישט אָנגערופן, כאָטש ער האָט נישט איין מאָל געוואָלט איבעררייסן עמילן. ער האָט דאָס אַלץ, וואָס עמיל האָט דערציילט, אַזוי גוט געדענקט. ער האָט אים געוואָלט דערמאָנען, אַז דעם דייטש האָט מען דערשאָסן אויף די נאַ־לעווקעס, נאָענט צו דער שמאָלער מילע, וואו ס'איז געווען קאַגאַנס בעקעריי. דאָס געטאָ איז געשטאַנען אין פלאַמען. אייזיקל האָט זיך עטלעכע מאָל אויפגעשטעלט, זיך צוריק אַוועקגעזעצט, און פּלוצים האָט ער אָנגעהויבן עפּעס צו שרייען. אָבער ווי שטענדיק, ווען ער איז געוואָרן צעקאָכט, האָבן זיך אים די ווערטער פאַרפּלאָנטערט אין מויל און מען האָט נישט געוואוסט וואָס ער וויל.

דער עולם אויפן זאַל איז געוואָרן אומרואיק, ס'האָט זיך דערהערט אַ סקריפּען פון שטולן. מען האָט נישט געוואוסט ווער עס שרייט און פון וואַנען מען שרייט. מען האָט זיך אויפגעשטעלט, געקוקט אין אַלע זייטן. קולות האָבן זיך געטראָגן פון אַלע עקן זאַל:

— שטיל זאָל זיין... שטיל!

—אַ חוצפּה און אַ העזה צו שטערן דעם רעדנער פּונקט אין אַזאַ מינוט!

— ווער איז דאָס די ווילדע ברואה, וואָס האָט נישט קיין שום דרך־ארץ?

— וואַרפּטץ אים אַרויס!

— אַרויס מיט אים!

פּלוצים זענען די קולות פאַרשטומט געוואָרן — ס'איז געוואָרן צוריק שטיל. אַלעמענס אויגן זענען געווען געוואַנדן צו דער בינע, וואו ס'איז געשטאַנען עמיל גרין און עפּעס אַראָפּגעשריגן צו די מענטשן אין זאַל. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז מען האָט זיך געכאַפּט, אַז ער וויל מען זאָל אייזיקלען צורו לאָזן. ער האָט אים דערקענט... אייזיקל איז געווען צווישן די יידן, וואָס מען האָט געפירט מיט אים צוזאַמען צו דער שחיטה. זאָל אייזיקל אַרויפגיין אויף דער סצענע. ער האָט געשאָסן דעם דייטש! ...

ווען עמיל גרין האָט אַרויסגעזאָגט די לעצטע ווערטער, איז אויפן זאַל שטיל געוואָרן, אַז מען האָט געהערט דאָס זשומען פון אַ פליג. ס'האָט אַלעמען אָנגענומען אַ פאַרכט. מ'האָט זיך געהויבן פון די ערטער, געזוכט מיט די אויגן אייזיקלען. עמיל האָט ווידער געבעטן, אייזיקל זאָל אַרויפגיין אויף דער סצענע — אָבער אייזיקל האָט נישט געוואָלט גיין. מען האָט אים געמוזט לאַנג בעטן, ביז מען האָט דאָס ביי אים געפּועלט.

— ניטע... מען דאַרף נישט... — האָט ער געהאַלטן אין איין מורמלען.

אַ קליינער, אַ ברייטלעכער, ווי אַן אָנגעשטאָפּט זעקל, האָט זיך אייזיקל סוף־כל־סוף מיט שלאַבעריקע טריט געשלעפּט צו דער בינע. ווי זיין שטייגער איז, האָט ער טייל מאָל אַ ביסל אונטערגעטענצלט, נאָר ער האָט באַלד צוריק פאַרהאַלטן דעם טראָט. די מענטשן האָבן אים אָנגעקוקט, נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים קיין אויג. אָבער ער האָט אויף קיינעם נישט געקוקט. ס'האָט גענומען אַ לאַנגע צייט, ביז ער איז צו־געקומען צו עמילן. מ'האָט געמיינט, אַז דער וועג וועט זיך ביי אים קיין מאָל נישט ענדיקן. עמיל האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אייזיקלען, אים אַרומגענומען און זיך מיט אים צעקושט. דערנאָך האָט ער אים געבעטן ער זאָל דערציילן עפּעס פון זיינע איבערלעבענישן דעם עולם. אָבער אייזיקל האָט גאָרנישט געוואָלט דערציילן.

— ניטע... מען דאַרף נישט... האָט ער געמורמלט ווי צו זיך.

די גאַנצע צייט וואָס אייזיקל איז געזעסן אויף דער בינע, האָט ער געהאַלטן אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. ער האָט געזען פאַר זיך אַזוי פיל פּנימער, אַז ס'האָט אים אַזש געשווינדלט אין די אויגן. אַלע האָבן גע־

קוקט אַרויף צו אים — און ער האָט געקוקט ערגעץ אַוועק. ס׳האָט אים געחידושט וואָס מ׳קען זיצן אַזוי אין דער הויך, אַז אַלע זאָלן קענען קוקן און זען. אַזוי לאַנג ווי ס׳האָט געדויערט די געטאָ־פּייערונג, האָט ער זיך געדרייט אויפן בענקל, גלייך ס׳וואָלט אים עפּעס וויי געטאָן. ווען אַלץ האָט זיך געענדיקט און די יידן האָבן זיך גענומען פונאַנדער־גיין, האָט ער זיך אויסגעמישט מיטן עולם און איז פאַרשוואונדן. מען האָט אים לאַנג אַרומגעזוכט, אָבער מען האָט אים נישט געקענט גע־פינען...

בושות פון אַ טאַטן

— וויפיל קען איצט זיין דער זייגער? האַ, דו שלאָפסט שוין, סעם?

דאָס פאַרזיכטיק־שעפּטשענדיקע קול, אָנגעפילט מיט מורא, האָט זיך קוים געהערט אין דער פינצטערער שטוב. אָבער אַז פונעם שכנות־דיקן בעט איז נישט געקומען קיין ענטפער, האָט זיך דאָס קול אויפגע־הויבן אַ ביסל העכער און שוין מיט מער דרייסטקייט איבערגעחזרט דאָס זעלבע:

— וויפיל איז איצט דער זייגער? האַ, דו שלאָפסט שוין, סעם?

פונעם שכנותדיקן בעט איז ווייטער נישט געקומען קיין שום ענטפער און דאָס קול איז פאַרשטומט געוואָרן. מער גאָר נישט גע־ענטפערט. אין שטוב איז געבליבן שטיין אַ טויבע שטילקייט, וואָס האָט ווי איינגעהאַלטן דעם אָטעם. די שטילקייט האָט זיך געצויגן לאַנג און ווי געוואָרט אויף עפּעס. פּלוצים, נאָך אַ לאַנגן שווייגן, האָט דאָס שכנותדיקע בעט אַ קרעכץ געטאָן און צוזאַמען מיטן קרעכץ איז געקו־מען אַ פאַרשפּעטיקטער ענטפער:

—נייך, כ׳שלאָף נישט... כ׳שלאָף נישט! ביסט צופרידן וואָס כ׳האָב נאָך נישט צוגעמאַכט קיין אויג? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר... ווי קענ׳ך אין דער פינצטער וויסן ווי שפּעט עס איז? וואָס בין׳ך, אַ נביא? ...

סעם האָט לכתחילה נישט געוואָלט ענטפערן דעם ווייב, זיך גע־מאַכט שלאָפן. ער האָט געמיינט, אַז פרימטשע וועט אַזוי גיך נישט אָפּלאָזן. ערשט ווען פרימטשע איז אַנטשוויגן געוואָרן און מער נישט צוגעשטאַנען צו אים, האָט ער דווקא געוואָלט זיך מיט איר פאַרטשעפּען. ער האָט געשאָסן אויף איר די ווערטער ווי קוילן פון אַ ביקס:

— כ׳שלאָף נישט! כ׳שלאָף נישט! ביסט שוין צופרידן?

פרימטשע האָט זיך מער נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. זי האָט געוואוסט, אַז סעם איז אין כעס און ס׳איז נישט די צייט מיט אים אָנצוהויבן. זי איז געלעגן שטיל און געקוקט אַרויף צום פינצטערן

סופיט. נאָר ביסלעכווייז האָבן די רייד אָנגעהויבן צו פליסן פון איר מויל, כאָטש זי האָט דאָס גאָר נישט געוואָלט:

— כ'דערקען מער נישט דאָס יינגל. אַזאַ טייערער בחור איז דאָס געווען... שטענדיק האָט ער זיך אַזוי גוט געלערנט... באַקומען סקאָ־לערשיפּס! מאַמעס האָבן זיך געוואונטשן צו האָבן אַזאַ קינד. מיט אַ מאָל איז פאַרגעקומען אַזאַ ענדערונג... כ'דערקען אים נישט מער!...

פרימטשע האָט נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער פונעם מאַן, גע־רעדט ווי צו זיך אַליין. איר קול איז געפלאָסן שטיל, זיך ווייך געגליטשט אין דער פינצטערניש פון דעם שלאָפצימער. אָבער דווקא דאָס ווייכע, שטילע קול, וואָס איז כלומרשט גאָר נישט אויסן געווען, האָט סעמען געגרילצט אין די אויערן. ער האָט קיין מאָל נישט געקענט ליידן ווען זי רעדט צו אים אַזוי איידל. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי גיט אים דערמיט אָנצוהערן: זי איז אַ רבניש אייניקל און ער דאַרף פאַר איר האָבן דרך־ארץ. פרימטשע האָט ווייטער גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— ער איז קיין מאָל נישט געקומען שפּעט ביינאַכט. זיך שטענדיק געפאָלגט. היינט קומט ער אַהיים ווען ס'איז גרויסער טאָג! אַ גאַנצע נאַכט ליג איך אויף און כ'וואַרט ער זאָל אַריינקומען... ער האָט איבער־געריסן מיט שערלין. דאָס מיידל האַלט אין איין קלינגען. ער וויל אפילו נישט צוגיין צום טעלעפאָן...

סעם האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ער זאָל נישט אַרויסשפּרינגען פונעם בעט. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט וואָס דאָס ווייב איז אויסן. נישט בלויז מאַכט זי אים אַ מענטליק מיט איר יחסנישן אָפּשטאַם, נאָר זי גרייסט זיך אויך מיטן זון. זי האַלט, אַז ער איז אין גאַנצן געראָטן אין איר און זי וויל אים פאַרכאַפּן פאַר זיך. נישט איין מאָל דאַכט זיך סעמען, אַז זי באַרעדט אים פאַר דעניך. דאָס ברענגט אים אַרויס פון די כלים, וואָרים ער האָט ליב דאָס יינגל, ער וואָלט פאַר אים אַוועקגע־געבן דאָס ווייסל פון אויג. סעם האָט אַרויסגעזייעט צווישן די ציין:

— פאַר וואָס קומסטו נישט אַרויס מיט קלאָרע דיבורים?! פאַר וואָס רעדסטו שטענדיק פאַרשטעלט? גייסט מיט הינטערוועגלעך... איך בין אַן אָפענער איין־און־דרייסיק. דו ביסט זיכער אויסן, אַז צוליב מיין פרנסה האָט זיך דעני אַזוי געביטן. אָבער פון דעם געלט פירסטו אַ ברייט לעבן! ווער וואָלט דעניך געקענט געבן די אַלע „פּלעזשערס" ווען נישט איך מיט מיין פרנסה?

— ס'איז נישט מיין טבע צו באַליידיקן יענעם — האָט פרימטשע ווייטער גערעדט ווי צו זיך אַליין—אָבער אין שטאָט רעדט מען, צווישן

דעניס חברים רעדט מען, און מען שמועסט אויך זיכער וועגן דעם ביי שערלין אין שטוב... שערלי איז אַן אײדל מײדל און אירע עלטערן זענען אַזעלכע אײדעלע מענטשן. אמתע אַריסטאָקראַטן! ס׳וואָלט געווען אַ גליק, דאָס ייִנגל זאָל אַרײַנפאַלן אין אַזאַ הויז...

— אײדעלע מענטשן... אײדעלע מענטשן! שמיסטאָקראַטן! — האָט סעם נאָכגעקרימט דעם ווײַב — פאַר אַ פּעני וועלן זײ זיך לאָזן קוילן! טאָמער וועלן זײ דערשמעקן, אַז ס׳האָט זיך בײַ מיר אויסגעלאָזט דאָס געלט, וועלן זײ זײַן די ערשטע זיך אָפּצוקערן פון מיר!

— שערליס מוטער שפּילט פּיאַנע... שטודירט אין אוניווערסיטעט... ס׳איז „מאַרוועלעס„ אַ פּרוי אין איר עלטער זאָל דאָס טאָן...

סעם האָט שוין נישט געהערט דעם ווײַבס רייד. ס׳האָט אים פּאַרדראָסן וואָס פּרימטשע האָט זיך גאָר נישט איבערגענומען מיט דעם וואָס ער האָט געזאָגט, אַז דאָס געלט קען זיך בײַ אים אויסלאָזן. ס׳איז אַפּנים נישט איר עסק, אַבי זי לעבט אַ גוטן טאָג פון דעם געלט וואָס ער ברענגט איר. צום סוף האָט זי נאָך אַ טענה צו אים, דערקוטשעט אים מיט אירע ריידעלעך, וואָס זענען מיקלאָמפּערשט גאָר נישט אויסן. אָבער אים דאַרף מען נישט לייגן קיין פינגער אין מויל. אַז אַליין וויל ער גאָר פּטור ווערן פון דער פּרנסה זײַנער. ער האָט טאַקע געטאָן אַלץ פאַרן זון, געוואָלט אים געבן דאָס וואָס זײַן טאַטע האָט אים נישט געקענט געבן. אָבער אַז דער זון האָט דערפון בושות, וואָס־זשע דאַרף ער דאָס? ציטערט אים נישט דאָס האַרץ ווען ער האָט טייל מאָל צו טאָן מיט די סחורות, וואָס מען ברענגט צו אים פון די שיפן און ער ווייסט אַז מען האָט זײ אַרײַנגעשמוגלט אין לאַנד? טייל סחורות פירט מען גאָר נישט צו די אייגנטימער, נאָר מען ברענגט זײ גלייך צו אים אין גאַראַזש. ווען מען כאַפּט אים בײַ דער האַנט, קען מען אים אײַנזעצן אין תּפיסה דערפאַר. תּחילת, ווען מען האָט נישט געוואוסט דערפון, איז ער געווען חשוב בײַ יעדן. כאָטש דאָס ווײַב פלעגט אים סײַ ווי אַלע מאָל פאָרוואַרפן, אַז ער פירט זיך נישט שיין אויף צווישן מענטשן.

— שריי נישט אַזוי — פלעגט זי אים אַרײַנשושקען אין אויער, ווען ער האָט בלויז אויפגעהויבן דאָס קול — וואָס דאַרפסטו אַזוי שרייען? קיינער איז נישט טויב...

אָבער ער האָט זיך נישט געמאַכט פון איר און אויף להכעיס האָט ער נאָך העכער געשריגן, זיך געריסן דעם גאָרגל. שבת־צונאַכטס, ווען זײ זענען געגאַנגען אין קינאָ אין דער געזעלשאַפט פון באַקאַנטע, האָט ער זיך נישט אויפגעפירט ווי פּרימטשע האָט געוואָלט. ווען אויפן

עקראַן האָט מען געוויזן דעם פילם און אין זאַל איז געווען פינצטער און שטיל, האָט ער גערעדט הויך צום שכן, ווי קיין מאָל גאָרנישט. פון אַלע זייטן האָט מען צו' אים גערופן „ש־ש" — אָבער ער האָט זיך דערפון נישט געמאַכט. ער פלעגט אין דער פינצטערניש אויך פאַר־קריכן מיט דער האַנט צו אַ חברס אַ ווייבל און ער האָט די האַנט ערשט אַוועקגענומען דעמאָלט, ווען ער האָט דערפילט אַ דין־עקבערדיקן קניפּ פון זיין פרימטשען. נאָכן קינאָ, בעת מען איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ קאַפע־הויז עסן „סאַפּער", האָט ער זיך געשטופּט מיט זיין ברייט געש־שטעל, כדי צו פאַרכאַפּן דאָס בעסטע אָרט פאַר דער גאַנצער חברה. ביים טיש האָט ער געמאַכט אייגלעך צו דער קעלנערקע און זי געשיקט אַהין און צוריק, כדי זי זאָל זיך וואָס מער מיט אים פאַרען.

— נו, כ'האָב אייך געזאָגט, אַז די שיקסלעך ווערן די כפּרה פאַר מיר — האָט ער זיך גערימט פאַר די באַקאַנטע און דער עיקר פאַר זייערע ווייבער, וואָס האָבן זיך געשטיקט פון געלעכטער.

ער האָט זיך אויפגעפירט אין מעלבורן פונקט אַזוי ווי אין די אַמאָליקע יאָרן אינעם שטעטל, ווען ער איז געווען אַ גימנאַזיסט; און אָנשטאָט זיך צו לערנען, האָט ער אָפּגעטאָן פאַרשידענע שטיקלעך סיי די לערער און סיי די שילער.

פרימטשע, וואָס האָט ליב געהאַט צו דערמאָנען כסדר איר יחוס, איז אויסגעשטאַנען פון אים בושות און חרפּות. דאָ איז איר איידל פּנימל מיט די בלויע, דינע אָדערלעך אונטער דער דורכזיכטיקער הויט געוואָרן ווייס ווי קרייד, און דאָ האָט זיך עס צעפלאַמט, ווי זי וואָלט ערשט אַרויס פון אונטערן שפּריץ. זי האָט כלומרשט אויך געלאַכט פון זיינע הלצהלעך און געפעפערטע וויצן. זאָל מען מיינען, אַז זי האָט פון זיי הנאה. נאָר הינטן אַרום האָט זי אָפּגעמאָסטן דעם מאַן מיט אַזאַ בייזן בליק, אַז ביי סעמען וואָלט דאָס בלוט געדאַרפט פאַרגליווערט ווערן. נאָר ער האָט ווייטער געטאָן וואָס זיין האַרץ האָט געוואָלט. ס'קען מעגלעך זיין, אַז אויך די חברים וואָלטן זיך מיט אים נישט אָפּגע־געבן, ווען ער וואָלט זיך נישט געשטופּט דער ערשטער מיטן בייטל און זיך נישט געריסן צו צאָלן. חוץ דעם האָבן זיי אים נישט געוואָלט פאַרלירן, וואָרים זיי האָבן נישט איין מאָל געכאַפּט ביי אים אַ גוט פאַרדינסטל. זיי האָבן אפשר נישט געוואוסט, אַז זיינע געשעפטן זענען נישט אין גאַנצן כשר; און די וואָס האָבן זיך יאָ עפּעס אָנגעשטויסן, האָבן זיך געמאַכט כלא־ידע...

פרימטשע האָט דווקא געוואָלט, אַז דער מאַן זאָל זיך אויפפירן ווי זי וויל. איר חלום איז געווען, זי זאָל אַרויסגיין צוזאַמען שבת־צונאַכטס מיט שערליס עלטערן, וואָרים דער יחוס איז איר שוין גאָר אָנגעשטאַנען. נישט געגוג זי פלעגט זיך אַליין פוצן שעהן לאַנג אין שפיגל, האָט זי אויך געוואָלט אויספוצן דעם מאַן. ער האָט נישט גע־טאָרט אַרויסגיין פריער אין גאַס אַריין, ביז זי האָט נישט געמאַכט קיין גענויע רעוויזיע צי ער איז גוט אָנגעטאָן. ער פלעגט דעמאָלט מיט איר טרייבן שפּאַס, זיך אויסציען ווי אַ זעלנער פאַר אַ קאָמענדאַנט.

— אַלע קנעפּלעך אָנגעגנייט! — איז זיין פּנים געווען טויט־ערנסט — די שיך געפּוצט ווי די שפּיגעלעך!

סעם האָט ליב געהאַט אַ סך צו עסן. אַז ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער אכילה, האָט ער נישט געוואוסט ווען אויפצוהערן. ער איז געוואָרן אַזוי פעט, אַז אַלע אָנצוגן האָבן אויף אים געפּלאַצט. צוליב די אויסגעשטאָפּט־פעטע אַקסלען און דעם גרויסן בויך, איז דער קאָפּ ביי אים געוואָרן קלענער. די דאָקטוירים האָבן אים פאַרשריבן אַ דיעטע, ווייל דאָס פעטס איז אים דערגאַנגען צום האַרץ, נאָר ער האָט זיי געהערט ווי דעם קאָטער. פרימטשע האָט פאַרשטעקט פאַר אים די שפּייז, אָבער ווען זי האָט נישט געזען האָט ער זיך צוגעכאַפּט צום „פרידזש״ און דאָרט גאָרנישט איבערגעלאָזט. פון דעסטוועגן האָט ער זיך אַלע מאָל אַרויפגעשטעלט אויף דער וואָג, געמיינט אַז ס׳איז אים עפּעס אָפּגעקומען, און ווי באַלד די וואָג האָט געוויזן, אַז ס׳זענען אים צוגעקומען עטלעכע פונט, האָט ער זי מיט כעס אַוועקגעקאָפּעט פון זיך...

סעם האָט דערפילט איצט אין בעט ווי די אויגן הייבן זיך אים אָן צו קלעפּן. פון די אַלע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך אים געבאָמבלט אין קאָפּ, איז אים געוואָרן זייער קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. ער האָט געמוזט זיך אַליין מודה זיין אַז ער איז נישט קיין לייט און דאָס ווייב איז גע־רעכט. צוליב דעם זון דאַרף ער זיך איצט אַנדערש אָנהויבן צו פירן. קודם־כל וועט ער מוזן אויפגעבן זיינע נישט־כשרע געשעפטן. דער זון ליידט זיכער צוליב דעם. אַז מען רעדט שוין וועגן דעם אין שטאָט, מוזן אוודאי אויך דעניס חברים עפּעס וויסן און זיי טוען אים אָן צרות. זיי ווילן זיך מסתמא מיט אים נישט חברן, מיידן אים אויס. ער האָט דעניץ געשיקט אין יידישן קאָלעדזש, וואו עס גייען רייכע זינדלעך, וואָס ווייסן נישט וואָס מיט זיך צו טאָן... דעני גיט טאַקע גאָרנישט אָנצוהערן פון די אַלע צרות, וואָס ער האָט אויסצושטיין אָבער מען זעט, אַז ער

ליידט אין דער שטיל. ס'זעט אויס, אַז צוליב דעם אַלעם האָט ער אָפּגעהאַקט מיט שערלין, וויל מער מיט איר נישט אַרויסגיין. אפשר ווייסט מען שוין אויך פֿון דעם, אַז ער, סעם, גיט זיך אָפּ מיט לינאַן, אַן אלמנה נאָך אַן אויסטראַליער אַרכיטעקט? כאָטש ער האָט דאָס געהאַלטן בסוד־סודות פֿאַרן ווייב, שטויסט זי זיך אָן; און ס'קען זיין, אַז דאָס איז שוין דערגאַנגען צום זון. דעני איז אַלע מאָל געווען אַזאַ וואויל קינד, נישט געקענט אויפמאַכן דאָס מויל. היינט, ביי אַ ליאַדע־וואָס הויבט ער אויף דאָס קול און האָט באַקומען חוצפּה צו טאַטע־מאַמע. ער נעמט זיך איבער מיט די געגנג פֿון זיינע חברים, וואָס ווידערשפּעניקן די פּראָפעסאָרן אין אוניווערסיטעט, גייט נאָך זייער קאָפּ... ער האָט זיך פֿאַרלאָזט לאַנגע האָר, וואָס דערגרייכן אים שוין צו די אַקסלען און גייט אַרום אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן. פֿון וואַנעט קומט צו אים אַזאַ פּירעכץ? צוליב די אַלע מעשים, קען מען אים נאָך אַרויס־וואַרפֿן פֿון אוניווערסיטעט. נאָך דערצו, אַז ער איז אַ ייִד... עס קען געמאָלט זיין, אַז צוליב דעם וואָס דעני איז בייז אויפֿן טאַטן, לאָזט ער אויס דעם כעס צו אַנדערע. ווי עס זאָל נישט זיין, איז דאָס אַ שטראָף פֿון הימל פֿאַרן טאַטנס חטאים...

די אויגן האָבן זיך ביי סעמען, פֿון מידקייט, געקלעפּט. אָבער ווי נאָר ער האָט געכאַפּט אַ דזשים, האָט ער מיט אַ מאָל דערהערט דעם ווייבס קול וואָס האָט זיך ווייך געגליטשט אין דער אַרומיקער שטילקייט. אַפֿנים זי האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן די גאַנצע צייט. ס'איז שוין זיכער גאָר שווער און ער דאַרף זיך אויפהויבן זייער פֿרי. ער איז טאַקע קיין מאָל נישט אַראָפּגעפֿאַלן ביי זיך, זיך איביק געשטעלט גרעסער ווי ער איז געווען, נאָר איצט האָט ער דערפילט ווי עס באַפֿאַלט אים אַ מורא, וואָס דרינגט אַריין אין אים טיף. צו וואָס וועט ער זיך קענען נעמען, ער זאָל ציען חיונה? ער איז שוין צוגעוואוינט געווען צו דעם שטייגער לעבן וואָס ער האָט געפירט, און ס'איז נישט אַזוי לייכט אַריינצוקריכן אין אַן אַנדערער הויט.

סעם האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ער וועט זיך שוין די טעג נעמען אַרומזען וועגן אַן אַנדערער פּרנסה. אָבער דעם ווייב וועט ער גאָרנישט דערציילן. להכעיס איר וועט ער שווייגן, האַלטן פֿאַר איר סוד. זי צאַפּט אים געוווג דאָס בלוט בייטאָג מיט אירע אידעלע, יחסניש־שטילע רייד, נאָר אַז עס קומט ביינאַכט לאָזט זי אים אין גאַנצן נישט צוטאָן קיין אויג. אַלע נאַכט חזרט זיך איבער דאָס זעלבע. ס'העלפֿט נישט וואָס ער מאַכט זיך שלאָפֿן. אַקוראַט ווען ער גייט כאַפּן אַ דרימל, דערהערט

ער אין דער פינצטערניש איר קול, וואָס גיסט זיך אַזוי אומשולדיק־שטיל, אָבער ס'קען אויפוועקן אַ טויטן אין קבר.

בעת זי דערפילט אַז ער איז בייז, לאָזט זי אויף אַ רגע אָפּ, נאָר באַלד הייבט זי ווידער אָן. זי רעדט ווי צו זיך אַליין. די לעצטע עטלעכע נעכט האָט זי זיך אויף אים אָנגעזעצט צוליב זיין באַקאַנטשאַפט מיט לינאַן דער יונגער אלמנה. אַלע צרות מיטן זון נעמען זיך דערפון וואָס ער פאַרשוואַרצט איר דאָס פּנים און גיט זיך אָפּ מיט דער־אַ... פרימטשע האָט אפילו נישט געוואָלט אַרויסזאָגן דעם נאָמען, ווי זי וואָלט זיך געמיאוסט — אָבער סעם האָט געוואוסט וועמען זי מיינט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וועט נאָך אַרויסקומען מיט דעם. תחילת האָט זי מורא געהאַט, נישט געוואָלט מיט אים אָנהויבן, און סוף־כל־סוף איז זי אויך מיט דעם אַרויס.

— אוודאי... אוודאי... — האָט זי זיך געקרעקט מיט די ווערטער

— וועלכער מאַן טוט דאָס אַזאַ זאַך? וואו איז דאָס געהערט אין אַ יידישער שטוב, ווען מען האָט שוין אַן אויסגעגעבענע טאָכטער און אַ זון, וואָס שטייט אין שידוכים? כ'האָב נאָך דאָס נישט געהערט... וואָס קען זיך אַ זון אָפּלערנען פון אַ טאַטן, וועלכער גייט אויף אַזעלכע וועגן? וואָס פאַר אַן השפעה קען ער אויף אים האָבן?

— כ'האָב געוואוסט אַז זי וועט נאָך מיט דעם אַרויסקומען — האָט זיך סעם ראַפּטום אויפגעזעצט אויפן בעט — איך האָב שוין מיט לינאַן מער נישט צו טאָן... דעם אמת געזאָגט האָב איך קיין מאָל מיט איר קיין שייכות נישט געהאַט...

— מען ווייסט שוין... מען ווייסט שוין! וועלכער יידישער מאַן אין די יאָרן לויפט נאָך אַ שיקסע? נאָך דערצו אַזאַ אויסגעלאַסן שטיק!

— לינאַ איז נישט קיין אויסגעלאַסן שטיק. זי האָט מיך ליב געהאַט. ליב געהאַט אַזוי ווי איך בין. זי האָט מיך נישט געמוטשעט מיט קיין דיעטעס, נישט קאָמאַנדעוועט מיט מיר. כ'האָב זי שוין נישט געזען מער ווי אַ האַלב יאָר...

ס'איז אמת געווען, וואָס סעם האָט געזאָגט; ער האָט שוין נישט געזען לינאַן אַ לאַנגע צייט. ער טאָר דאָס נישט צוליב דעניך. בשעת ער האָט זיך מיט לינאַן געזעגנט און געזאָגט, אַז ער וועט מער צו איר נישט קומען, האָט זי שטאַרק געוויינט. אויך ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און זיך מיט אַ טיכעלע געווישט די טרערן. מיטן זעלבן טיכעלע האָט ער אויך געווישט די טרערן פון אירע בלויע אויגן, פון

איר שמאָל לענגלעך פּנים. זינט דעמאָלט האָט ער זיך שוין מער מיט איר נישט באַגעגנט.

— הערסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן — האָט זיך סעם מיט אַ מאָל אָנגערופן — קיינער מאַכט נישט קאַליע דעם זון, נאָר דו אַליין! דו „ספּאָילסט״ אים! דו לויפסט אים צו פיל נאָך. לאָזט אים נישט אָפּ־עטעמען. דו פּייניקסט אים, פּונקט ווי דו פּייניקסט מיך. דעני זוכט אַ געלעגנהייט ווי פּטור צו ווערן פון דיר.

— איך מאַך קאַליע דעם זון?... אַ־יי־ך?! — האָט זיך פּרימטשע צעלאַכט און איר שטיל געלעכטער האָט זיך לאַנג געקייקלט אין דער פינצטערער שטוב — אַז מענטשן וועלן דאָס הערן, וועלן זיי לאַכן פון דיר אין די פויסטן... ער ספּאָילט נישט דעם זון, נאָר איך!

— וואָס רעדסט איר בלויז פון מיר? קיין אַנדערע טעמע קענט איר זיך שוין נישט אָפּזוכן? גאַנצע נעכט רעדן זיי נאָר פון מיר — האָט זיך פּלוצים אויפגעריסן די טיר פון שלאָפצימער און ס׳איז אויסגע־וואַקסן דעני, וואָס האָט אַרויסגעדרייט די עלעקטרי — כ׳קען זיך אין גאַנצן נישט לערנען. שוין לאַנגע וואָכן ווי כ׳האָב נישט אַריינגעקוקט אין אַ בוך. און זיי? נאָר זיי שושקען זיך און רעדן! גאַנצע נעכט רעדן זיי פון מיר! כ׳פיל, אַז כ׳וועל משוגע ווערן!

סעם און פּרימטשע זענען געבליבן ליגן ווי געליימט. פון דעם ליכט, וואָס האָט פּלוצים אַרומגעכאַפּט די גאַנצע שטוב, האָבן זיי גע־פינטלט מיט די אויגן. לכתחילה האָבן זיי נישט געוואוסט וואָס דאָ איז געשען. ערשט ווען זיי האָבן זיך צוגעוואוינט אַ ביסל צו דער ליכט און דערזען דעניִן, האָבן זיי זיך געכאַפּט: ער האָט זיך אַריינגעריסן צו זיי אין שלאָפצימער. זיין קליין, אַ ביסל מיידלעריש פּנים, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון דער צעוואָקסענער האָר־געדיכטעניש, איז געווען אויסגעקרומט פון כעס. די אויגן זענען געווען געשוואָלן און רויט־אַרומגעזוימט. די הויכע און דינע פיגור האָט זיך געוואַקלט אַהין און צוריק, נאָר צום אומפאַלן. פון דעם צעכראַסטעטן, אָפּגעקראַכענעם לע־דערנעם רעקל האָט אַרויסגעקוקט אַ נאַקעטער האַלדז און אַ שטיק ברוסט־קאַסטן. פון די צעדריוולטע, שמאָלע „אָוועראָלס״, וואָס האָבן אויסגעזען ווי דינע צעקנייטשטע רערן, האָבן אַרויסגעשטאַרט גרויסע צעפּאָרענע שיך. מען האָט בפירוש געזען, אַז ער האָט זיך נישט גע־לערנט ביי זיך אין צימער, נייערט ער איז ערשט אָנגעקומען פון גאַס.

נאָך דעם ווי דעני האָט אָפּגעשריגן, האָט ער שוין מער גאָרנישט געזאָגט און איז געבליבן שטיל. ער האָט אויסגעלאָשן די עלעקטרי,

געזאָגט „גוד נייט" און איז האַסטיק אַרויס פון שטוב, פּונקט אַזוי האַסטיק ווי ער האָט זיך דאָ אַריינגעריסן. ס'איז געבליבן שטיין אַ טויבע שטילקייט. בלויז אין חלל האָבן נאָך געציטערט דעניס געשרייען. סיי פּרימטשע און סיי סעם האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם, מורא גע־האַט אַרויסצוברענגען אַ וואָרט פון די ליפּן. מיט אַ מאָל האָט זיך אין חלל אַ טראָג געטאָן פּרימטשעס געוויין, וואָס איז זיך פאַרגאַנגען העכער און העכער. סעם איז אַראָפּגעגאַנגען פון געלעגער, אַרומגענומען דאָס ווייב, זיך צוגעזעצט לעבן איר.

— נו, זיי שוין שטיל, פּרימטשע — האָט ער זיך ביי איר געבעטן — זיי שטיל...

אָבער דאָס ווייב האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון וויינען, און אירע הייסע טרערן, וואָס זענען געראָנען איבער זיינע פינגער, האָבן זי דערנענטערט צו אים. ס'איז געקומען אויפן רעיון, אַז טאָמער ווילן זיי אויספירן עפּעס ביים זון, מוזן זיי זיך אַליין אויפהערן צו קריגן און מאַכן שלום. אין זיינע אויגן מוזן זיי האַלטן איינער פאַרן אַנדערן. אָבער צי וועט דאָס מעגלעך זיין אויסצופירן ביים ווייב?

סעם האָט דערפילט ווי ס'האַרץ הייבט אים אָן צו ציען און ס'באַ־פאַלט אים אַ שטאַרקער הונגער. ער האָט זיך בשתיקה אַריינגעכאַפּט אין קיך, נישט אָנגעצונדן די עלעקטרי, כדי נישט צו שטערן דעם זון. ער האָט אויפגעמאַכט דעם „רעפרידזשערעיטאָר", אַרויסגענומען אַלץ וואָס דאָרטן איז געווען, זיך אַוועקגעזעצט עסן אין דער פינצטער. כאָטש ער האָט כסדר געדענקט, אַז ער איז אויף אַ דיעטע, האָט ער אַזוי גע־שלונגען, אַז ער האָט זיך נישט געקענט מער רירן...

באַלד פון דעם אַנדערן טאָג אָן, האָט סעם גענומען ליקווידירן זיינע „ביזנעס". טאָמער האָט מען אים פאַרגעשלאָגן עפּעס אַ לינק געשעפטל, האָט ער דערפון נישט געוואָלט הערן און געדענקען. ס'זענען געקומען צו אים מעקלער, פאַרגעלייגט אים סחורות וואו ס'איז געשטאַנען צו פאַרדינען שטיקער גאָלד, אָבער ער האָט זיי נישט געוואָלט זען. האָבן די מעקלער געצויגן מיט די פּלייצעס, געמאַכט הלצהלעך אויף זיין חשבון:

— סעם איז געוואָרן אַ צדיק... אַ צדיק אין פעלץ... דער גראָ־בער פעלץ! ...

סעם האָט איבערגערעדט מיט פּרימטשען, אַז זיי דאַרפן באַשטימען מיט דעניין אַן אָוונט, כדי אַריינצוגיין צו אים און כאַפּן מיט אים אַן

ערנסטן שמועס. זיי מוזן וויסן וואו זיי שטייען מיט אים אין דער וועלט. דעני האָט נישט געוואָלט הערן פון דעם, אָפּגעלייגט פון איין מאָל אויפן צווייטן, ביז ער האָט סוף־כּל־סוף מסכּים געווען. צו דעם שמועס האָבן זיך די עלטערן געגרייט, גלייך זיי וואָלטן זיך געקליבן רעדן מיט עפּעס אַ פּרעמדן מענטש. פרימטשע האָט זיך אויסגעפּוצט, און סעם האָט אָנגעטאָן אַזאַ רעקל, וואָס האָט אַ ביסל פאַרשטעלט ביי אים דעם גרויסן בויך. זיי האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך וואָס צו רעדן מיט דענין. דער עיקר האָבן זיי באַשלאָסן זיך נישט אַריינצופאַרן אין די רייד און נישט צו זאָגן פּונקט דאָס קאַפּויערדיקע וואָס דער אַנדערער האָט געזאָגט. איידער זיי זענען אַריין צום זון, האָבן זיי אפילו אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. דאָס האָט ביי דענין באַלד אַרויסגערופן אַ שמייכל און ער האָט אַ מורמל געטאָן:

— אָך, ווי איר זענט שיין דערצויגן... כ'האָב דאָס נאָך קיין מאָל נישט געזען ביי אייך. אַזוי איידל! כ'בין צוגעוואוינט אַז איר זאָלט מיר נאָכשפּיאָנירן, רעווידירן ווען איך בין נישטאָ אין שטוב... אַריינקומען נישט געפרעגטערהייט!

פּונקט ווי די עלטערן האָבן זיך געגרייט צום שמועס מיטן זון, אַזוי האָט ער זיך צו דעם אין גאַנצן נישט געגרייט. אין שטוב איז געווען אָנגעוואָרפן, די ביכער צעלייגט אין אַלע ווינקעלעך, דאָס געלעגער נישט צוגעבעט. דעני, אַ צעכראַסטעטער, איז געזעסן אויף אַ שפּיץ בעט און ער האָט אפילו די אויגן נישט אויפגעהויבן צו טאַטע־מאַמע. אויף אַלע פראַגן האָט ער געענטפערט כּלאחר־יד, מיט אַ ווינקל מויל. סעם האָט געשוויצט, זיך געפילט זייער נישט באַקוועם מיט זיין צעגאָסענעם גוף, זיך געווישט כּסדר דעם שווייס, וואָס האָט זיך פון אים געגאָסן. פרימטשע האָט נאָכאַנאַנד געשנורעוועט דאָס דינע מויל, קוים איינגעהאַלטן די ווערטער, וואָס האָבן געזוכט אַ וועג אַרויס. גאָרנישט איז איר געפעלן, וואָס דער מאַן האָט גערעדט צו דענין. נאָר אַזוי ווי ס'איז געווען אַן אָפּמאַך צווישן איר און דעם מאַן נישט אָקעגנצורעדן זיך אין דעם זונס אויגן, האָט זי זיך באַמיט מיט אַלע כּוחות צו האַלטן דעם אָפּמאַך.

— איך מיט מיין טאַטן זענען געווען צוויי וועלטן — האָט סעם אַ ביסל אונטערגעהוסט — ער איז געווען פרום און איך בין שוין פון דעם אַוועקגעגאַנגען. אָבער פון דעסטוועגן האָבן מיר זיך פאַרשטאַנען. איך האָב פאַר מיין טאַטן געהאַט דרך־ארץ. היינט פיל איך ערשט ווי מיין טאַטע איז געווען גערעכט און ס'טוט מיר באַנג וואָס כ'פלעג אים

ווי טאָן... צווישן מיר און דיר, דעני, איז נישטאָ אַזאַ גרויסער אונטער־שיד ווי ס'איז געווען צווישן מיין טאַטן און מיר. דאַרפן מיר זיך אוודאי פאַרשטיין.

סעם איז געווען זיכער, אַז די רייד האָבן געטראָפן אין פּינטל אַריין און דער זון ווייסט וואָס ער מיינט. אָבער צום סוף האָט זיך דעני נישט צוגעהערט צו אים און אפילו נישט אין זינען געהאַט צו ענטפערן. האָט סעם ווידער אָנגעהויבן:

— גלויב מיר, דעני, אַז פאַר מיר און פאַר דער מאַמען קענסטו זיך אַראָפּרעדן פונעם האַרץ ווי פאַר אַ ברודער און אַ שוועסטער. מיר זענען נישט צוריקגעשטאַנען און מיר קענען דיך פאַרשטיין. מיר גע־הערן צו דער היינטיקער וועלט...

— איר געהערט נישט צו דער היינטיקער וועלט! איר זענט צו־ריקגעשטאַנען! — האָט דעני אָפּגעפּסקנט — איר ווילט כ'זאָל טאָן אַלץ וואָס אייך געפעלט!

— מיט וואָס זענען מיר צוריקגעשטאַנען? — האָט סעם זיך גע־ווישט מיט אַ טיכעלע דעם שווייס פון האַלדז — אוודאי זענען מיר נישט געגאַנגען אין קיין אוניווערסיטעטן ווי דו. איך האָב אַלץ געטאָן כדי דיר צו געבן בילדונג, וואָס מיין טאַטע האָט מיר נישט געקענט געבן. אָבער מיר זענען פון דער היינטיקער וועלט! פאַר וואָס האָסטו זיך אויפגעהערט צו לערנען, דעני? פאַר וואָס גייסטו אויף די וועגן פון אַזעלכע פלאַטער־קעפּ? וואָס דאַרפסטו דאָס? צו וואָס וועט דאָס דער־פירן?! כ'פיל אַז דיינע חברים מיידן דיך אויס... אפשר איז דאָס צוליב מיר? צוליב מיין פּרנסה? אָבער איך בין שוין אַוועק פון דעם...

— וואָס פאַר אַ פּרנסה? פון וואָס ביסטו אַוועק? — האָט דעני לכתחילה נישט פאַרשטאַנען — לאָז מיך געמאַך... וואָס האָסטו זיך אָנ־געזעצט אויף מיר? ליוו מי אַלאָן! כ'וויל אַ ביסל רו! דעט'ס אָל...

— זע נאָר ווי ער רעדט צום ייִנגל! — האָט זיך פרימטשע נישט געקענט מער איינהאַלטן און געבראָכן דעם אָפּמאַך — ער דרייט אים אַ קאָפּ מיט נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע מעשיות! דאָס ייִנגל פאַרשטייט זיך נישט אויף דעם. ווייסט נישט וואָס ער וויל! וואָס פרעגסטו אים נישט בעסער פאַר וואָס ער האָט איבערגעריסן מיט שער־לין? דאָס מיידל קלינגט יעדן טאָג און ער וויל נישט צוגיין צום טעלעפאָן... אירע עלטערן זענען אַזעלכע פיינע מענטשן. גאַנצע אַריסטאָקראַטן!

— כ'האָב געוואוסט אַז זי וועט זיך נישט איינהאַלטן און אַלץ קאַליע מאַכן! — איז סעם אַרויסגעפּאַרן איפּן ווייב — כ'האָב פֿאַר־שטאַנען, אַז זי וועט נישט האַלטן דעם צוזאָג!

— ווער האָט נישט געהאַלטן דעם צוזאָג? איך צי דו? אַז דו קענסט נישט רעדן, לאָז מיך בעסער. מיך פֿאַרשטייט דעני בעסער. איך בין די מאַמע... כ'וויל וויסן פֿאַר וואָס דעני האָט איבערגעריסן מיט שערלין? אַזאַ וואויל מיידל...

— איך גיי שוין אַרויס! — האָט סעם מיט אַ מאָל אַ געשריי געטאָן — מיט דיר קען מען גאָרנישט מאַכן! דו שטאַמסט טאַקע פֿון גרויס יחוס, אָבער דו פֿאַרשטייסט גאָרנישט... האָסט אַ נאַרישן ווייבערישן שכל!

סעם איז אַרויסגעגאַנגען, פֿאַרהאַקט נאָך זיך די טיר. אויף יענער זייט האָט ער נאָך געהערט ווי דאָס ווייב שרייט אים נאָך:

— ניין, ביסט נישט גערעכט. האָסט נישט געדאַרפֿט אַזוי רעדן צום יינגל!

בשעת דער פֿאָטער איז אַוועק, האָט זיך די מוטער אַוועקגעזעצט לעבן זון, אַרומגענומען אים מיט גרויס צערטלעכקייט, אַוועקגעשאַרט די פֿאַרוואַקסן־לאַנגע האָר פֿון בלאַסן, אויסגעצערטן פּנים. אָבער ער האָט אַראָפּגענומען אירע הענט פֿון זיך און זיך אָנגערופֿן:

— ס'איז מיר אַזוי ענג מיט אייך. כ'האָב דאָ נישט קיין לופֿט צו אָטעמען. לאָז מיך געמאַך, מאַם. דער טאַטע איז אַרויס, גיי אויך דו אַרויס און לאָז מיך צו רו...

דעם זונס רייד האָבן דער מאַמען זייער באַליידיקט. אויך אירע יחסנישע עלטערן. טרערן האָבן זיך געגאָסן פֿון אירע אויגן און די דינע אַקסלען האָבן ביי איר געצוקט ווי פֿון אַ שטאַרקן ווייטיק. זי איז אַריין אין שלאָפֿשטוב, זיך אַריינגעלייגט אין בעט, געפּרוווט עפּעס זאָגן דעם מאַן, נאָר ער האָט זיך נישט אָנגערופֿן צו איר קיין וואָרט.

סעם איז גאַנצע טעג אַרומגעלאָפֿן פֿון איין באַקאַנטן צום צווייטן, געזוכט אַ „ביזנעס" פֿאַר זיך. ער איז געשטאַנען האַלבע טעג ביים טעלעפֿאָן, געקלונגען צו פֿריינד און זיך שואל־עצה געווען מיט זיי. לכתּחילה האָט מען אים אויסגעהערט, געגעבן אים כלערליי עצות, געוואָלט אים צונעמען אַפֿילו פֿאַר אַ שותּף. אָבער ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נישט אַזוי פֿיל געלט ווי מען האָט אים געשאַצט, האָט מען זיך געגנומען פֿון אים אָוועקשאַרן. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז אַ גרויסער בעל־חוב. מען האָט אָפּגעריסן ביי אים די טירן, געקר־

מען אויפמאַנען די חובות. וואָס מער ער האָט עס אַריינגעלאָזט אין דער לאַנגער באַנק, זיך געקווענקלט, נישט געוואוסט צו וואָס זיך צו נעמען, אַלץ מער האָט מען זיך פון אים אָפּגעקערט. אַז מען האָט אים געטראָפן אין גאַס, האָט מען זיך געמאַכט ווי מען דערקענט אים נישט. פונעם כסדרדיקן אַרומלויפן איז ער אויסגעדאַרט געוואָרן און דאָס פלייש איז אים נאָכגעהאַנגען. לויזע הויט־זעקעלעך האָבן געציטערט ביי אים אויפן פנים. אונטער די אויגן האָט ער באַקומען געשוואָלענע קישעלעך.

— וואָס איז מיט איך, סעם? איר זענט אָל־רייט? איר זעט מיר אויס צו זיין עפּעס חולהוואַטע... וואָס הערט זיך אין די ביזנעס? אין די בזיונות? — האָט מען זיך געמאַכט מיט אים אַ הלצהלע.

— כ׳בין אָל־רייט — האָט סעם אָוועקגעדרייט אַ ביסל אויף אַ זייט דאָס פנים — כ׳האָב זיך נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן. נאָר מיט די ביזנעס איז נישט אַזוי פויגלדיק...

— אַבי געזונט... — האָט מען אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע — דאָס איז דער עיקר. מיט פּרנסה איז נישט געדאגהט. אַזאַ מענטש ווי איר וועט נישט פאַרפאַלן ווערן...

אַז סעם האָט זיך נישט געקענט צושלאָגן צו קיין שום געשעפט, האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן וועגן אַ „דזשאַב“. ער איז געגאַנגען צו זיינע גוטע־ברידער, געטאַפּט ביי זיי דעם דופק, צי זיי וועלן אים אַנשטעלן ביי זיך. אָבער זיי האָבן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— דו וועסט אַרבעטן אויף אַ דזשאַב? ס׳איז אַ געלעכטער! דו און אַ דזשאַב? ביסט צו עפּעס אַנדערש באַשאַפן געוואָרן...

בשעת סעם איז געקומען אַהיים נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן, האָט אים פרימטשע אָנגעקוקט מיט פאַרדאגהט־פאַרשנדיקע אויגן, נאָר זי האָט מורא געהאַט אים עפּעס צו פרעגן. ער האָט גאָרנישט געוואָלט נעמען אין מויל אַריין, זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטול און געקוקט אויף דער טעלעוויזיע מיט אַ פאַרגלעזערט־שטאַרן בליק. פונעם קעסטל איז אויפגעגאַנגען אַ הויך גרעגערן. אויפן זילבערנעם עקראַן זענען מענטשן געלאָפן, געפאַדעט, געריידט עפּעס, געשריגן, אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי שרייען, וואָס זיי ווילן. האָט ער אויסגע־לאָשן די טעלעוויזיע און גאַנצע שעהן געזעסן אַליין אין דער פינצטער. ער האָט אָנגעשפּיצט אַן אויער, געוואָלט וויסן צי דער זון איז דאָ אין דער היים, אָבער פון זיין שטוב איז נישט געקומען קיין שאָרך.

שפּעט ביינאַכט האָט זיך דעני אומגעקערט פון גאַס. אַז ער האָט געטראָפן דעם פאָטער זיצן אַליין אין דער פינצטערניש, האָט ער זיך צו אים אָנגערופן:

— וואָס זיצסטו עפּעס אין דער פינצטער, דעד? דו וואַרטסט אויף מיר?

— ניין, כ'וואַרט נישט אויף דיר... אַבי דו רעדסט צו מיר אַ וואָרט, דעני. כ'האָב געמיינט אַז ביסט מיט מיר ברוגז. אַז כ'האָב דיר עפּעס שלעכטס געטאָן...

— ווער זאָגט, אַז דו האָסט מיר שלעכטס געטאָן?

— כ'האָב אַזוי געמיינט... כ'האָב געמיינט אַז כ'טו דיר אָן בו־שות... האָב איך שוין מער נישט קיין ביזנעס... נאָר דו ביסט נישט בעסער געוואָרן... איך האָב אַלץ אויפגעגעבן...

— ווער האָט דיך געהייסן דאָס טאָן? מן־הסתם האָסטו אַליין געפילט אַז דו דאַרפסט אַזוי טאָן. ס'איז ווייניק דאָ ערלעכע מענטשן אויף דער וועלט... מען גענאַרט זיך אַליין. אין דער אמתן האָט מען מורא צו זיין אַנדערש פון דער אַרומיקער סביבה... יעדער האָט דאָס רעכט צו לעבן ווי זיין געוויסן זאָגט אים. מען טאָר זיך נישט אָנוואַרפן אויף יענעם...

— נו, גוט, דעני... כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי וואָס דו מיינסט. אָבער קעגן שטראָם קען מען נישט גיין. אַזוי איז שוין דער סדר פון דער וועלט. און מיר, יידן, דאַרפן נישט פאַרזאָרגן די וועלט. קודם־כל דאַרפן מיר זיך אַליין פאַרזאָרגן. גיי, לייג זיך שלאָפן, דעני. ס'איז שוין זייער שפּעט...

סעם איז ווייטער געבליבן זיצן אין דער פינצטער. ערשט ווען ס'האָט שוין אָנגעהויבן צו גרויען, האָט ער זיך שטיל אַריינגעגנבעט אין שלאָפצימער, כדי נישט אויפצוּוועקן דאָס ווייב. ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט, אָבער ער האָט נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. מיט אַ מאָל האָט ער דערהערט דאָס שעפּטשענדיק־איינגעהאַלטענע קול פון פרימטשען:

— וויפיל קען איצט זיין דער זייגער? האַ, דו שלאָפסט שוין, סעם?...

מיין ברודער שוניע דער העלד

פאַר יאָסל בערגנער

רחוב גורדון איז געווען איינגעטונקען אין דער פרימאָרגנדיקער שפּעט־זומער־זון. אויף דער גאַס האָבן זיך געשפּילט קינדער אין „קלאַסן". כ'בין צוגעגאַנגען צו אַ מיידעלע מיט שוואַרצע, טאַנצנדיקע לאָקן און זי געפרעגט אויף דעם הויז־נומער, וואָס כ'האָב געזוכט. לכתחילה האָט זיך דאָס מיידעלע אַפילו נישט אומגעקוקט אויף מיר און איז געשפּרונגען אויף איין פוס אַרום די שווימענדיקע פלעקן זון, וואָס האָבן זיך אַדורכגעריסן צווישן בלעטער־געפלעכט פון די ביימער אויף דעם טראָטואַר. נאָר באַלד האָבן זיך די קינדער אויפגעהערט צו שפּילן, מיך אָנגעקוקט מיט נייגעריקייט און מיר אָנגעוויזן וואו צו גיין.

— שם... שמה! — האָבן די קינדער געטיילט מיט דינע אויסגעשטרעקטע פינגערלעך און אויסגעזונגען אין אַ כאָר — אָט דאָרטן... דאָרטן, אדוני...

— תודה רבה... — האָב איך אַ שמייכל געטאָן צום קליינוואַרג און מיט פאַמעלעכע טריט אָוועק ווייטער.

איך בין געגאַנגען לענגאויס דער גורדון־גאַס און געטראַכט וואָס כ'וועל זאָגן דער פרוי, וואָס איז מיט לאַנגע יאָרן צוריק געווען דאָס אויסדערוויילטע מיידל פון מיין ברודער שוניע. זי מוז שוין זיין אַ זקנה; ווער ווייסט צי זי געדענקט נאָך אַפילו מיין ברודער. איר נאָמען איז איצט שושנה קאַפף און זי איז אַ באַבע פון אַ היפּש ביסל אייניקלעך און אור־אייניקלעך. עטלעכע פון זיי זענען חילים. מיט יאָרן צוריק האָט זי נישט געוואָלט מיטפאָרן מיט מיין ברודער שוניע קיין ארץ־ישראל. זי איז פאַרבליבן אינעם שטעטל און חתונה געהאַט מיט אַ ציוניסטישן עסקן, וואָס איז דאָרט געווען דער גאַנצער רעדל־פירער. בעת איך בין געקומען קיין ישראל, האָב איך באַשלאָסן זי אויסצוזוכן, כדי זי זאָל מיר דערציילן אַ ביסל מער באריכות וועגן מיין ברודער,

וואָס כ'האָב געדענקט ווי אין אַ חלום. היינט איז זי אין ישראל — און שוניע איז מער אויף דער וועלט נישטאָ...

כ'בין נאָך געווען אַ קליינער צוציק און זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס פון די „גרויסע", בשעת שוניע האָט געזעצט מיט די פויסטן אין טיש און געשריגן אויפן הויכן קול:

— כ'וועל פאָרן קיין ארץ־ישראל! כ'וועל פאָרן! קיינער וועט מיך נישט איבערשפּאַרן. איך האָב אַזוי באַשלאָסן און אַזוי וועט עס בלייבן!...

ביי אונדז אין שטוב זענען דענצמאָל געווען עטלעכע יידן — די סאַמע נאָענטסטע ידידים פון מיין טאַטן. דער ראש־המדברים איז געווען ר' איציק־לייב בער — אַ ייד אַ למדן און אַ שאַרפער קאָפּ. ער איז געווען אַ שטיקל משכיל און געוואוסט אַלץ וואָס טוט זיך אויף דער ברייטער וועלט. ווען ער האָט געקליבן אין קאָפּ זיינע פּיקחותדיקע רעיונות, וואָס זאָלן רעדן דעם ברודער צום שכל־הישר, האָט זיך ביי אים דער ציביק געלאָשן און די געפלאָכטן־געלע באָרד, ווי אַ קוילעטש, האָט זיך געהויבן אויף און אָפּ.

אַלע זענען געווען קעגן שוניען, וואָס האָט זיך נאָך אין יענע צייטן, האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געקליבן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. מיין טאַטע איז געווען פון די חובבי־ציון, אָבער ער האָט געוואָלט אַז דער זון זאָל פריער מאַכן מאַטורע און דערנאָך פאָרן. שוניע האָט געקליבן געלט אויף הוצאות, האָט דער טאַטע ביי אים עטלעכע מאָל צוגעגנבעט דאָס קניפּל פון אונטערן קישן צוקאָפּנס. כאָטש מיין ברודער איז געווען אַ גרויסער, אַ שטאַרקער, און זיינע קליינע שוואַרצע אויגן האָבן ווילד געברענט און די לענגלעכע, אַ ביסל אויסגעבויגענע נאָז האָט אויסגעדריקט אַזוי פיל עקשנות, האָב איך פון דעסטוועגן געהאַט אויף אים רחמנות. כ'האָב אים דערגרייכט אַ ביסל העכער פון די קני און אַרויפגעקוקט צו אים. ער האָט זיך קיין מאָל נישט אומגעקוקט אויף מיר, אָבער איך האָב אים ליב געהאַט. אַז ער האָט זיך צומאָל צו מיר דערנענטערט, האָב איך אַזש אויפגע־ציטערט. ס'האָט זיך געטראָגן פון אים אַזאַ מענעריש־האַרבער ריח, וואָס האָט מיך פאַרשיכורט. דעם אמת געזאָגט, האָב איך נישט געוואוסט אין וואָס דאָ גייט און צו וואָס עס זענען די אַלע קולות, נאָר איך בין געווען אויף שוניעס צד. איך בין שוין געווען שטאַרק מיד, סיי פון די געוואַלדן און סיי פון דעם פּאַפּיראָסן־רויך, וואָס האָט מיך פאַרטשאַ־

דעט, און ווען שוניע האָט זיך ווידער צעשריגן, האָב איך אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

— דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן! — האָט דער טאַטע זיך אָנ־גערופן צו דער מאַמען — כ׳האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז דער קליינער פּעמפּיק הערט זיך צו דעם אַלעמען צו. נעם אים שוין אַרויס!

איך האָב זיך נישט געלאָזט אַרויספירן, וואָרים איך האָב נישט געוואָלט איבערלאָזן שוניען אַליין. איך האָב זיך נאָך העכער צעוויינט און די מאַמע האָט מיך געמוזט נעמען אויף די הענט און אַרויסטראָגן פון דער שטוב.

שוניע האָט אויסגעפירט זיינס און איז אַוועק קיין ארץ־ישראל. ס׳האָבן געזאָלט מיטפאָרן מיט אים עטלעכע חברים, נאָר זיי האָבן חרטה געהאַט אויפן וועג. דאָס מיידל זיינס, רויזע, וואָס ער האָט באַ־געגנט אין דעם שכנותדיקן שטעטל, וואו ער האָט זיך געלערנט, האָט אויך חרטה געהאַט אין דער לעצטער מינוט און מיט אים נישט גע־פאָרן. אין רעדים האָט מען נאָך אַ שטיקל צייט גערעדט וועגן שוניען און זיינע אַלע מעשים און דערנאָך וועגן אים פאַרגעסן. אָבער ביי אונדז אין דער היים האָט מען אים נישט פאַרגעסן. ביי אַלע סדרים האָט דער טאַטע געוויינט און גערעדט וועגן שוניען. די מאַמע האָט שוניען ליבער געהאַט פון אַלע קינדער — אפשר דערפאַר ווייל ער איז געווען אַזאַ גיבור און אפשר גאָר דערפאַר ווייל ער האָט איר אַזוי פיל צרות פאַרשאַפט — און זי האָט אויף קיין רגע נישט אויפגעהערט נאָך אים צו בענקען. און ביי מיר איז מיין ברודער אויסגעוואַקסן אַלע מאָל מער פאַר אַ גרויסן העלד...

זייער ווייניק האָט שוניע געשריבן אַהיים און טאַטע־מאַמע האָבן זיך געמוזט די אויגן אויסקוקן נאָך זיינס אַ בריוו. ער האָט וועגן זיך גאָרנישט געשריבן, אָבער ס׳זענען אָנגעקומען בריוו פון אַנדערע וואָס האָבן דערציילט וואָס ער מאַכט. ער איז געווען אַ שומר און געהיט ראָטשילדס קאָלאָניעס. נישט איין מאָל איז אים אויסגעקומען צו שלאָגן זיך מיט בעדואינער, וואָס פלעגן באַפאַלן די קאָלאָניעס אין מיטן דער נאַכט. ביי אונדז אין שטוב, איבער דעם טאַטנס שרייב־טישל, איז גע־האָנגען אַ פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיע פון שוניען. דער זעלבער עקשנותדיק־ווילדער בליק אין די ברענענדיק־שוואַרצע אויגן, די זעל־בע אויסגעבויגענע נאָז, בלויז די גאָמבע איז געווען מער קאָנטיק און פאַרהאַרטעוועט. די אויסגעבויגענע נאָז איז שוניען געקומען פון אַ

צוואַנג־געבורט — ער האָט אַפּנים זיך נישט געאײַלט צו קומען אויף דער וועלט...

איך האָב קוים צום טיש דערגרייכט און ס'איז מיר שווער געווען צו קוקן און צו באַוואונדערן די פאָטאָגראַפיע. האָב איך זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ בענקל און גאַנצע שעהן געקוקט אויף שוניען. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן פּונקט ווי אַ בעדואינער. פון הינטער דער קעפיע האָט דער שוואַרצער שטרענגער בליק פון זײַנע אויגן געקוקט גלײַך אויף מיר. איך האָב זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און אים אויך אַרײַנגעקוקט גלײַך אין די אויגן. איך האָב באַוואונדערט די אַבייע, וואָס האָט ווי אַ טלית אַרומגעוויקלט זײַן שטאַרקן גוף. דער עיקר האָב איך נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער פּאַטראָנען־טאַש, וואָס איז אין דער קרום געהאָנגען אויף זײַן ברוסט און פון דער ביקס, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן אויף זײַנע מעכטיקע אַקסלען. ער האָט זי מיט אַזוי פיל זיכערקייט צוגעהאַלטן מיט איין האַנט...

איך בין שוין געשטאַנען פאַרן הויז, וואו ס'האָט געוואוינט שושנה קאַפף און ס'איז אין מיר געוואַקסן די טענה צו איר, הלמאי זי האָט דעמאָלט נישט עולה געווען צוזאַמען מיט שוניען קיין ארץ־ישראל. ער האָט זי אַזוי ליב געהאַט און ווען ער וואָלט געפילט די צערטלעכקייט פון אַ פרויאישער האַנט, וואָלט ער נאָך היינט געלעבט... ס'איז די טבע פון אַזעלכע שטאַרקע כאַראַקטערן, ווי ער איז געווען, געשטרויכלט צו ווערן דווקא ביי אַ ליאַדע נאַרישקייט...

צווישן דער ליסטע פון די לאָקאַטאָרן, האָב איך געזוכט דעם נאָמען שושנה קאַפף און מיט שאַרנדיקע, פאַרטראַכטע טריט אַרויף אויף דעם צווייטן גאָרן. איך האָב אָנגעקלונגען אין דער טיר איין מאָל און נאָך אַ מאָל און קוים געהערט אַ הייזעריק קול פון אינעווייניק:

— מי שם? מי שמה?

כ'האָב אַ שנאָפּל געטאָן אונטער דער נאָז מיין נאָמען, אָבער דאָס קול פון דער אַנדער זייט טיר, האָט זיך שוין געבייזערט מיט אומגעדולד:

— מי שם? מי שמה?...

אַזוי ווי איך האָב נישט געענטפערט פאַרשטאַנען, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס קול רופט: מישאַ... מישאַ... דאָס האָט מיך אויפגערעגט, וואָרים שושנה דאַרף וויסן וועך ס'קלינגט אין דער טיר. איך האָב געזאָגט מיין נאָמען און זי דאַרף פאַרשטיין אַז איך בין אַ ברודער פון שוניען. נישט אַנדערש, נאָר זי האָט שוין אין גאַנצן פאַרגעסן אין

מיין ברודער און מחמת דעם ווייסט זי נישט ווער ס׳קלינגט. מיט כעס האָב איך אָנגעהויבן אויסצושרייען מיין נאָמען — ערשט דעמאָלט האָט זיך אויפגעלענט פאַר מיר די טיר. איך האָב דערזען פאַר זיך אַן איינגעהויקערטע זקנה, וואָס האָט געטראָגן אַ האַנטעך אויפן קאָפּ. זי האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר מיר, אַז זי האָט זיך ערשט געוואַשן דעם קאָפּ און צוליב דעם האָט זי באַלד נישט געעפנט די טיר. דאָס האָט מיך אויפגעקאָכט; שושנה האָט זיך נישט געדאַרפט וואַשן די האָר אַקוראַט אין דער מינוט, וואָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע איבערלעבעניש.

— וואַרט צו אַ רגע... איר זענט דאָך שוניעס ברודער... — האָט די אַלטע זיך אָנגערופן — איך וועל זיך נאָך אַ ביסל צורעכט מאַכן און באַלד אַריינקומען צו אייך... איך האָב געהערט, אַז איר זענט אין ישראל... ס׳איז גוט וואָס איר האָט מיך אויפגעזוכט...

— פאַר וואָס האָט איר מיך נישט אויפגעזוכט? — בין איך אַרויס מיט אַ טענה צו איר.

זי האָט נישט פאַרשטאַנען מיין טענה, פאַרלעגן אַ קוק געטאָן אויף מיר און זיך פאַרענטפערט:

כ׳בין שוין נישט יונג... כ׳גיי ווייניק אַרויס פון שטוב...

זי איז אַריין אין אַן אַנדערער שטוב און ס׳האָט לאַנג נישט גע־דויערט ווי זי איז צוריק אַריינגעקומען צו מיר. זי האָט געטראָגן אַ זיידן געבלימט קליידל און זי איז געווען אָנגעשמינקט און אָנגעפאַרבט. כהאָב באַמערקט אַז אירע האָר זענען געפאַרבט אויף בלאָנד און זיי שטייען אויפגעשטעלט אויפן קאָפּ ווי אַ טורעמל. דאָס אַלץ האָט זיך נישט געפּאַסט צו איר עלטער, און דער רוזש אויף אירע טויטע, בלאַסע באַקן, האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן אירע יאָרן. איך האָב אַוועק־געדרייט דעם קאָפּ פון איר, זיך געשעמט איר צו קוקן אין די אויגן. ס׳האָט מיר שוין באַנג געטאָן וואָס כ׳בין געקומען אַהער. זאָל דאָס זיין שושנה, מיין ברודערס אויסגעחלומט מיידל, וואָס ער האָט אַזוי גע־בענקט נאָך איר און זי באַזונגען אין פיל בריוו. כהאָב אומזיסט גע־זוכט די סימנים פון איר אַמאָליקער שיינקייט, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אויף מיין ברודער. כ׳האָב קוים דערבליקט אירע פולע ליפּן, וואָס האָבן נאָך פאַרמאָגט אַ פּיטשלעכע זאַפטיקייט פון די יונגע יאָרן.

שושנה האָט זיך גענומען שנעל פאַרען, אַראָפּגענומען די אָנגע־שטעלטע זאַכן פון קרעדענץ, געווישט, געשטויבט, אַוועקגעלייגט אַ טישטעך אויפן טיש, צוגערוקט בענקלעך, ווי זי וואָלט זיך געריכט

אויף מער געסט. איך האָב באַמערקט ווי איר איינגעהויקערטע פּלייצע באַוועגט זיך שנעל און די איינגעדאַרטע קליינע הענטלעך לויפן גיך פון איין חפץ צום אַנדערן. פון אירע שנעלע באַוועגונגען האָט מיר אַזש אָנגעהויבן צו שווינדלען אין קאָפּ. פּלוצים איז די אַלטע געבליבן שטיין מיט פאַרלייגטע הענט און זיך געפרעגט ביי מיר:

— אָנגיסן אַ גלעזל קאָניאַק?.. מיר אין ישראל האָבן גוטן קאָניאַק... תוצרת הארץ. און אפשר אַרויפשטעלן אַ גלעזל טיי?

— ניין, אַ דאַנק, גברת קאַפּף... כ'בין נישט געקומען צו אייך נאָך קיין כיבוד... איך וויל איר זאָלט מיר דערציילן אַ ביסל וועגן מיין ברודער שוניע... ער איז נאָך מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק געקומען אַהער... געהאָלפן בויען דאָס לאַנד... היינט, ווען מיר האָבן שוין אַן אייגענע מדינה, איז ער מער אויף דער וועלט נישטאָ!

— וואָס קען מען זיך העלפן... נישט קיין לייכטער מענטש געווען, אייער ברודער... איך האָב מורא געהאַט פאַר אים... ער האָט פאַרמאָגט אַזאַ כוח! פון איין זייט האָט ער פאַרמאָגט גבורה און פון דער צווייטער זייט איז ער געווען אומבאַהאָלפן ווי אַ קליין קינד... זאָגט וואָס איר ווילט טרינקען, ד"ר בערגנער... איך וויל אייך מיט עפּעס מכבד זיין... איך ווער היינט אַלט פינף־און־זיבעציק יאָר און מיינע פריינד גייען מיר פּראַווען אַ יובל... לאָמיר עפּעס אויסטרינקען...

— מזל־טוב! אָבער וואָס רופט איר מיך עפּעס דאָקטאָר? כ'בין נישט קיין שום דאָקטאָר — האָב איך זיך אַ בייזער געטאָן, וואָרים כ'האָב פאַרשטאַנען אַז די זקנה מוז ליב האָבן חשובע לייט, אומזיסט וואָלט זי זיך נישט געיאָגט נאָך דעם ציוניסטישן רעדל־פירער און איבערגעלאָזט מיין ברודער.

— נו, גוט... גוט... ד"ר בערגנער... — האָט די אַלטע ווידער געמאַכט דעם טעות — גלויבט מיר, אַז ס'איז מיר אויך נישט אין לעבן געגאַנגען... ווען כ'האָב חתונה געהאַט מיט מיין מאַן, זענען מיר געפאָרן קיין דייטשלאַנד. דערנאָך זענען מיר געקומען אַהער. דאָ איז מיין מאַן באַלד געשטאָרבן און מיך איבערגעלאָזט אַן אלמנה מיט קליינע יתומים.

— נו. זאָל זיין... מיר וועלן אויסטרינקען צו אייער געזונט — האָב איך אויך יוצא צו זיין געזאָגט — אָבער איך וויל איר זאָלט מיר דערנאָך דערציילן וועגן מיין ברודער. איך האָב אים מיין גאַנץ לעבן באַוואונדערט. אַלע מאָל געוואָלט וויסן עפּעס מער וועגן אים.

די אַלטע איז אַריין אין קיך צוצוגרייטן כיבוד. און איך האָב זיך צוריק דערזען ווי אַ קינד און דאָס מאָל אין ווין, וואו מיינע עלטערן זענען בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אַנטלאָפן פונעם שטעטל אין גאַליציע. איך בין דעמאָלט געווען זייער צעלאָזן. איך האָב זיך אָנגעהאָנגען אין די ווינער קאָטשן און מיין מאַמע האָט געמוזט נאָך מיר לויפן, כדי מיך צו באַשיצן פון די קוטשערישע בייטשן. אַז איך האָב זיך נישט נאָכגעהאָנגען אין די קאָטשן, האָב איך ליב געהאַט זיך צו לאָזן לויפן אין אַ גאַלאָפּ איבער דער גאַס, ווי איך וואָלט געווען אַ פערדל. איך האָב זיך אַליין אונטערגעשמיסן אויפן געזעס און געשריגן: „וויאָ, וויאָ־ווישטאַ״. מחמת דעם וואָס מיר זענען געווען „פליכטלינגע״, האָט די מאַמע געוואָלט האַלטן פּאַסאָן, אָבער איך האָב איר אָנגעמאַכט בושות און חרפּות. נישט איין מאָל האָב איך געשלעפּט פאַר עטלעכע גרייצער בינטלעך האָלץ פאַר פרעמדע ווייבער, אין דער צייט ווען די פאַרהאָרעוועט־מידע מאַמע האָט דאָס אַליין געטאָן. דער סוף איז געווען, אַז אַ ווינער גראָב־צעוואַקסענע גויע האָט מיר אָנגעפּייפּט דאָס געלט און מיר נאָך צוגעגעבן עטלעכע פּעטש. איך האָב דערנאָך שטאַרק באַדויערט סיי מיך און סיי מיין אויסגעמאָגערטע, נישט יונגע מאַמע און כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל וויינען, וואָס כ׳האָב איר נישט געהאָלפן. הייסע טרערן פון חרטה זענען גערונען איבער מיינע באַקן.

איך בין געווען אַ ווילד ייִנגל און מיין מאַמע האָט מיך געקענט בלויז איינשטילן מיט איין זאַך — מיט די מעשיות וועגן מיין ברודער שוניע. זי האָט די מעשיות מיר דערציילט פון קאָפּ און אויך אַרויסגעלייענט פון אַ זשורנאַל, וואו דער ברודער האָט געדרוקט זיינע איבערלעבענישן. צום מייסטנס איז דאָס געווען שבת נאָכמיטאָג, ווען דער טאַטע האָט זיך צוגעשפּאַרט אַ ביסל אויפן בעט. די מאַמע האָט זיך אויסגעפּוצט אין אַן אָרעם אָבער שיין קלייד, אָנגענומען מיך פאַר אַ האַנט און זיך אַרויסגעלאָזט מיט מיר שפּאַצירן אויף דער עליזאַבעט־פּראָמענאַדע. איך האָב זיך געלאָזט פון איר פירן, וואָרים איך האָב געוואוסט אַז זי גייט מיר דערציילן די מעשיות. ווי נאָר די מאַמע האָט געפונען אַ ליידיק אָרט אויף אַ באַנק, האָט זי זיך מיט מיר אַוועקגעזעצט, און איך בין באַלד געווען אין אַן אַנדערער וועלט. איך האָב געזען ווי מיין ברודער דראַפּעט זיך איינער אַליין אויפן באַרג חרמון, וואו דער שניי ליגט אויפן שפּיץ אַפילו אום זומער... ער וואַנדערט אַרום אויפן באַרג און אַז ס׳פאַלט צו די נאַכט, לייגט ער זיך אין שניי

שלאָפֿן... געוויינטלעך איז שוניע ביינאַכט נישט געשלאָפֿן, געשטאַנען אויף דער וואַך און געהיט די קאָלאָניעס קעגן די בעדואינישע אָנפֿאַלן. אָפֿט מאָל איז ער געריטן אויף אַ פֿערד אַרום און אַרום די הייזער און זיין אויג האָט דורכגעשטאָכן די פֿינצטערניש, צי גנבעט זיך נישט הינטער צו אים אַ רוצח מיט אַ קינזשאַל אין דער האַנט. די נאַכט איז שטיל, מען הערט נישט קיין שאָרך, בלויז דאָס געוויין פֿון די שאַקאַלן קומט אַלע מאָל נענטער און נענטער...

איך בין געווען זייער שטאָלץ מיט מיין ברודער, אַז כ'בין אַזש געוואָרן אייפֿערזיכטיק ווען שוניע האָט דערציילט וועגן די גרויסע מעשים פֿון זיין חבר מאיר, וואָס די שומרים האָבן גערופֿן פֿאַרצויגן: מאירקע. שוניע האָט דאָס אַליין באַשריבן אַזוי שיין, אַז איך האָב זיך נישט געקאָנט העלפֿן און זיך פֿאַרליבט אין מאירקען. אַזוי פֿלינק רייטן אויף אַ פֿערד האָט אַפֿילו שוניע נישט געקענט. מאירקע האָט געוויזן פֿאַרשיידענע קונצן אויף די אַראַבישע פֿערדלעך. אין מיטן רייטן האָט ער געקענט אַנידערקניען, זיך אויפֿשטעלן און אויך זיך אַזוי אַראָפּבייגן, אַז ער איז געווען ביכולת אַ כאַפּ צו טאָן דאָס היטל פֿון דער ערד. ער האָט באַוויזן אַזעלכע קונצן ווי די קאַזאַקן. וואָס זענען פֿון דור־דורות געווען רייטער און זענען צווישן די פֿערד אויפֿ־געוואַקסן...

מאירקע איז נישט געווען בלויז אַ גוטער רייטער, נאָר אויך אַ גוטער שיסער. ער האָט זיך געקאָנט שלאָגן מיט עטלעכע בעדואינער אויף אַ מאָל און ער האָט באַקומען אַ גרויסן שם. ווי נאָר די בעדואינער האָבן אים דערזען, האָבן זיי באַלד געגומען שטעלן פּיס...

איך בין פֿון די מעשיות געווען זייער פֿאַרכישופֿט, אַז איך האָב זיי געקאָנט הערן צו עטלעכע מאָל. די מאַמע איז שוין געווען מיד און איך האָב געוואָלט הערן נאָך און נאָך. מיין שפּיציק־דאַר פּנימל האָט אַרויפֿגעקוקט צו דער מאַמען און די גרויע אויגן זענען געווען אויפֿגעריסן און פֿול מיט דורשט.

ס'איז אַריינגעקומען שושנה מיט אַ טאַץ, אָנגעשטעלט מיט כיבוד. און איך בין נאָך אַלץ געווען אַריינגעטאָן אין מיין קינדערישער וועלט, אַז כ'האָב די אַלטע קוים באַמערקט. זי האָט אָנגעגאָסן פֿאַר מיר אַ פֿול גלעזל קאָניאַק און פֿאַר זיך אַ האַלבס און איך האָב אויסגעטרונקען פֿאַר איר געזונט צו דעם יובל וואָס מען גייט איר פּראַווען. אַז כ'האָב אַרויסגעזאָגט איר נאָמען שושנה, האָב איך זיך מיט אַ מאָל געוואָנדן צו איר:

— איר הייסט טאַקע רויזע... כ'מיין שושנה?...

— יאָ, אַזוי הייס איך... אין אַלע געזעלשאַפטן וואו איך גיב אַוועק מיין צייט, פיגוריר איך אויף דעם נאָמען... אין מועצת הפועלות... אין אמהות עובדות...

— עפּעס קלינגט דער נאָמען אַ ביסל צו זיס... האָט זיך מיין ברודער געקאָנט ליבן אין אַ מיידל מיט דעם נאָמען?

איר פּנים האָט אויסגעדריקט חידוש, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט אַ קליין ביסל כעס. זי האָט די באַליידיקונג אַראָפּגעשלונגען, זיך געמאַכט ווי זי וואָלט גאָרנישט געהערט און אויף אַ קלוגעטשקן אופן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן עפּעס אַנדערש. באַלד ווי איך האָב זי באַגעגנט האָב איך באַמערקט אַז זי איז קלוג, אַפילו אַ ביסל כיטרע און וויזט אויס, אַז כ'האָב נישט געמאַכט קיין טעות.

— דערציילט מיר אַ ביסל פון מיין ברודער... איך בין צו אייך צוליב דעם געקומען... — בין איך ווידער צו איר צוגעשטאַנען — כ'האָב שוניען כמעט נישט געקענט... ווען ער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל בין איך נאָך געווען אַ קינד. איך האָב בלויז געהערט וועגן אים פון די מעשיות וואָס מען פלעגט מיר דערציילן... די מעשיות האָבן אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן רושם... ער איז געווען אַן אויסטערלי־שער מענטש. אין גאַנצן אַנדערש פון אונדזער משפּחה... ער האָט פּרייוויליק געדינט אין יידישן לעגיאָן אונטער די ענגלענדער... ווען די טערקן האָבן פאַרלאָזט תל־אביב, איז ער געווען פון די געציילטע וואָס זענען געבליבן היטן די שטאָט איידער די ענגלענדער זענען אַריין... ביי דעם אַלעמען איז ער געווען אַזאַ באַשיידענער... זיך שטענ־דיק געהאַלטן פון דער זייט...

— כ'ווייס... כ'האָב אויך געהערט וועגן דעם... דאַכט זיך, אַז כ'האָב געלעזן וועגן דעם אין אַ בוך וואָס איז הי דערשינען... — האָט שושנה זיך אַ ביסל פאַרלוירן.

— כ'פאַרשטיי נישט ווי איר קענט זיין אַזוי גלייכגילטיק!... ווי קענט איר וועגן דעם אַזוי רואיק רעדן? — האָב איך זיך אַ הויב געטאָן פון שטול — אַזוי רעדט מען וועגן אַן ערשטער ליבע?! איך האָב אין אַ זשורנאַל געלייענט וועגן ברודער... מען באַשרייבט אים ווי ערלעך און געווויסנהאַפט ער האָט געאַרבעט ביים האַקן שטיינער אויפן כביש. זיין אַרבעט האָט מען באַלד דערקענט. צו דעם אַלעם איז ער נאָך געווען זייער פּינקטלעך.

— פאַרוואָס נעמט איר דאָס אַלץ אַזוי צום האַרץ?... וואָס דענער־ווירט איר זיך? דאָס אַלץ איז דאָך געשען מיט פיל יאָרן צוריק... אַוודאי איז אייער ברודער געווען אַזוי אַנדערש פון אַלע... זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דער וועלט... — האָט די אַלטע געזאָגט און איך האָב באַמערקט, אַז זי הערט זיך איין אין די טריט וואָס קומען פון קאָרידאָר.

— וואָס, איר וואַרט אויף עמיצן?... — האָט עס מיך ווידער אַ הייב געטאָן פון אָרט. — אויף וועמען וואַרט איר? וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן, אַז מיין ברודער האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דער וועלט? ווען ער פאָרט נישט אַוועק פון ארץ־ישראל וואָלט ער נאָך היינט געלעבט... אין ארץ־ישראל האָט מען אַנטדעקט ביי אים דעם גרויסן מאָלערישן טאַלאַנט... די בצלאל־שולע אין ירושלים האָט אים געשיקט קיין ווין אין דער קונסט־אַקאַדעמיע צו פאַרענדיקן זיינע שטודיעס. דאָרט האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ פרוי פון אַ קונסט־מאָלער... זי האָט אים נישט געוואָלט... ליב געהאַט איר מאַן... שוניע האָט דערפון זייער געליטן... פון תמיד אָן איז ער געווען אַזאַ שטאָל־צער... ער האָט אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן... ער איז געווען זייער איינזאַם... אין ארץ־ישראל וואָלט ער דאָס נישט געטאָן... מען האָט אַזוי פיל האָפענונגען געלייגט אויף אים...

ס'האָט זיך געהערט אַ קלונג אין דער טיר. איך האָב איבערגע־ריסן דאָס רעדן, ווי כ'וואָלט זיך דערשראָקן פאַרן קלונג. שושנה האָט צוגעטענצלט צו דער טיר און זי געעפנט. ס'האָט זיך באַוויזן אַ יונג בחורל מיט אַ גרויסן קויש בלומען אין דער האַנט. שושנה האָט ווי פאַרגעסן אין מיר און זיך גענומען פאַרען ביי די בלומען. זי האָט אַרויסגעצויגן פון דאָרט אַ וויזיט־קאַרטל און שנעל מיט די אויגן אַ לויף געטאָן איבער די געשריבענע שורות. דערנאָך האָט זי אָנ־געזאָטלט די ברילן אויפן קליינעם נעזל. געענוי דורכגעלייענט די שו־רות און מיר געוויזן דאָס וויזיט־קאַרטל.

— זעט, פון וועמען דאָס איז — האָט זי זיך געוואָנדן צו מיר
— דאָס איז פון מועצת הפועלות. פאַר מיין אָפּגעטועגער אַרבעט... כ'וועל זיך דאַרפן באַלד גיין איבערטאָן. מען וועט מיך קומען נעמען צו מיין יובל... כ'וועל...

זי האָט אָפּגעהאַקט, וואָרים זי האָט דערזען מיין בייז פּנים. דאָס צופרידענע שמייכעלע, וואָס האָט ערשט באַלויכטן איר אַנגעשמינקט קאָקעטיש־אַלט פּנימל, איז מיט אַ מאָל אויסגעלאָשן געוואָרן. זי האָט

זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער מיר ווי אַ פֿאַרזינדיקט מיידעלע, גרייט אויסצוהערן מיינע ווייטערדיקע רייד. איך האָב אַ צייט לאַנג געשוויגן. ערשט שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן אַרויסצוואַרפֿן פֿון זיך ווערטער, פֿול מיט כּעס:

— מיין ברודער האָט געדאַרפֿט האָבן די ליבע פֿון אַ פֿרוי! פּרויאישע וואַרעמקייט וואָס זאָל אים צוטוליען... ווען איר וואָלט דע־מאָלט מיטגעפֿאָרן מיט אים קיין ארץ־ישראל, וואָלט צו דעם אַלעם נישט געקומען! ער וואָלט נאָך היינט געלעבט אין ישראל... ווען נישט אַזעלכע אידעאַליסטן ווי ער, וואָלטן מיר היינט קיין מדינה נישט געהאַט! וואָס־זשע באַרימט איר זיך מיט אייער אַרבעט? איר גייט זיך פֿאַרגלייכן מיט שוניען?! ער איז געווען פֿון די פּיאָנערן, וואָס האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַר אַנדערע...

— איך האָב מורא געהאַט פֿאַר אים... — האָט זיך די אַלטע צעטומלט — איך האָב אים ליב געהאַט אָבער כ'האָב זיך פֿאַר אים געשראָקן... ער האָט פֿאַרמאָגט אַזאַ כּוח! ער איז געווען אַ געפֿערלע־כער עקשן... אַלץ האָט ער געמוזט אויספֿירן... און ביי דעם אַלעמען איז ער געווען אומבאַהאָלפֿן ווי אַ פּיצל קינד... כ'האָב אַליין נישט געוואוסט צי ער ליבט זיך אין מיר... ער האָט מיר נישט געזאָגט... ער איז געווען צו שעמעוודיק און דערצו אַ גרויסער שוויגער... אין איין שיינעם טאָג האָב איך באַקומען פֿון אים אַ בריוול אַז ער פֿאָרט קיין ארץ־ישראל און כ'זאָל מיט אים מיטפֿאָרן... ס'האָט געקלונגען כּמעט ווי אַ באַפֿעל!

— נו, וואָס־זשע זענט איר מיט אים נישט געפֿאָרן?! — האָב איך אַ געשריי געטאָן — ער איז געווען אַ גרויסער העלד, געקענט קוקן דעם טויט אין די אויגן אַריין! ווען ער פֿילט פֿרויאישע צערטלעכקייט, וואָלט צו דעם אומגליק נישט געקומען... ווי זאָגט מען: אַ פֿרויאישע האַנט, וואָס זאָל אים צוטוליען צו זיך — האָב איך מיט אַ טראָפּעלע חוזק און ביטערניש אונטערגעשטראָכן.

— אָבער אַלץ איז געקומען אַזוי אומגעריכט... אַז ער האָט מיר קיין מאָל נישט געזאָגט ער האָט מיך ליב... — האָט זיך די אַלטע ווי געבעטן ביי מיר — ווען כ'האָב געזאָגט דעם טאַטן, אַז כ'וויל פֿאָרן קיין ארץ־ישראל מיט שוניען, האָט ער מיך נישט געלאָזט... איך בין געווען אַ גוטע טאָכטער, נישט ווידערגעשפּעניקט די עלטערן. בכלל בין איך אַלע מאָל געווען אַ גוטע און אַ געהאָרכזאַמע... אַלע האָבן מיך

ליב געהאַט פאַר מיין גוטסקייט... סיי די חברים און סיי מיין גאַנצע משפחה. מען האָט מיך ליב געהאַט און רעספּעקטירט...

איך האָב איר געוואָלט ענטפערן, אַז אויב זי איז אַזאַ גוטע, פאַר וואָס איז זי נישט געווען גוט צו שוניען — אָבער איך האָב איר גאָר־נישט געענטפערט. איך האָב ליבערשט געטראַכט וועגן דעם ווי אַזוי מיין ברודער האָט געקענט זיין פאַרליבט אין אַ מיידל, וואָס האַלט זיך אין איין לויבן. ווי אַזוי קען מען אַליין זאָגן אויף זיך, אַז מען איז גוט? כ׳האָב אָבער געמוזט מודה זיין, אַז שושנה איז טאַקע אַ גוטע — און דאָס האָט מיך פאַרדראָסן. כ׳האָב בעסער געוואָלט זי זאָל זיין אַ שלעכטע...

בינו לבינו האָט מען ווידער אַ קלונג געטאָן אין דער טיר און ס׳האָט זיך ווייטער אַריינגעשטעלט אַ בחור מיט אַ קויש בלומען. די בלומען זענען געווען פון אַ צווייטער אָרגאַניזאַציע וואו שושנה האָט געאַרבעט. ווידער אַ מאָל האָט זיך שושנה גענומען פאָרען ביי די בלומען, געלייענט דאָס וויזיט־קאַרטל און אין מיר פאַרגעסן. דאָס האָט מיך שוין גאָר פאַרדראָסן און אַרויסגעבערענגט פון די כלים. איך האָב געקוקט אויף איר ווי זי לייענט דאָס צוגעלייגטע בריוול. דאָס אַלטע פּנימל אירס האָט זיך דערביי געהאַלטן אין איין בייטן. אָט האָט עס געשמייכלט און אָט האָט עס זיך געשמאָלצן פון נחת. לויט דעם האָב איך דערקענט וועז מען גיט איר ווייניקער שבחים און ווען מער. אַלע אירע באַוועגונגען האָבן מיך שטאַרק אויפגערעגט. איך האָב נישט געקענט ליידן איר רירעוודיקייט, די טענצלדיקע טריטלעך אירע, וואָס פּאַסן זיך נישט פאַר אַ זקנה, און דאָס פּנימל אירס, וואָס פאַרמאָגט נאָך קאָקעטעריע. איך האָב אפילו נישט פאַרגינען, וואָס מען גיט איר אָפּ כבוד און מען גייט איר פּראַווען אַ יובל...

אַפּנים אַז שושנה האָט דערפילט ווי כ׳קוק אויף איר, ווייל איר פלייצעלע האָט מיט אַ מאָל אַ צוק געטאָן און זי האָט זיך מיט אַ שול־דיק שמייכעלע אָנגערופן צו מיר:

— פאַר וואָס זענט איר זיך נישט מיט עפּעס מכבד? אפשר וועט איר נאָך אויסטרינקען אַ גלעזל קאָניאַק?...

— כ׳האָב שוין איין מאָל אויסגעטרינקען פאַר אייך! — האָב איך איר איבערגעהאַקט — ווי איך זע, איז אייך אייער יובל גוט אַריין אין קאָפּ... כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, אַז כ׳בין געקומען צו אייך בלויז צוליב דעם איר זאָלט מיר דערציילן וועגן מיין ברודער שוניע...

ס'האָט זיך ווידער דערהערט אַ קלונג אין טיר, נאָר דאָס מאָל איז אָנשטאָט אַ בחורל אַריינגעקומען אַ פרוי, וואָס האָט געטראָגן אַ קויש בלומען. זי האָט נישט באַוויזן צו פאַרמאַכן די טיר הינטער זיך ווי ס'איז אַריינגעפאַלן אין שטוב מיט אַ פריילעך געשריי אַ גאַנצע חברה יוגנוואַרג. די חברה האָט אַרומגערינגלט די אַלטע, זי געקושט אין די הענט, אין פנים און געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— מזל־טוב, סבתא... מזל־טוב... עד מאה ועשרים... באָבעשי... באָבעניו...

דערנאָך האָט דאָס יונגוואַרג אָנגעהויבן צו דערלאַנגען דער אַלטער בלומען און מתנות, וואָס זענען געווען איינגעוויקלט אין קאָליריק־שיינע פּאַפּירן און בענדעלעך. די אַלטע איז געשטאַנען צווישן די קינדער און טרערן פון פרייד האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן.

— תודה רבה, אורי... תודה רבה, חנה... — האָט זי מיט דאַנקבאַרקייט געמורמלט — אַ ברכה אויף אייערע קעפּלעך, מיינע טייערע קינדערלעך...

באַלד נאָך די קינדער זענען אין שטוב אַריינגעקומען זייערע עלטערן, און אַ ביסל שפּעטער עטלעכע שכנים און גוטע פריינד. די ווייבער פון די כלערליי אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען געקומען זען שושנהן זענען געווען פונקט אַזעלכע זקנות ווי זי. זיי האָבן זיך פול מיט קוראַזש געדרייט אַהין און צוריק, אַריינגעשמעקט אין יעדן ווינקל. שטאַרק פאַרסאַפּעט, ווי ער וואָלט זיך פאַרשפּעטיקט, איז אַריינגעפאַלן צווישן עולם אַ זעלנער אין אַ גרינעם מונדיר און מיט שווערע שיך אויף די פיס, וואָס האָבן געקלאַפּט ביי יעדן טריט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די באָבען אויף די הענט און זיך מיט איר אַ דריי געטאָן. אַלע זענען צוגעקומען צו שושנהן און איר געוואונטשן:

— מזל־טוב... מזל־טוב... איר זאָלט נאָך לאַנגע יאָרן זיך ווידמען אייער וויכטיקער אַרבעט פאַרן לאַנד!...

די שטוב איז שוין פול געווען מיט מענטשן, אַז מ'האָט זיך קוים געקאָנט רירן. איך האָב זיך אַן איבעריקער געקוועטשט צווישן עולם. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף מיר, איך האָב זיך קוים צובאַקומען צו שושנהן און צו איר אַ זאָג געטאָן:

— שוניע איז געווען אַזוי באַשיידן! פון קיינעם גאָרנישט פאַרלאַנגט!... די וואָס זענען צוזאַמען מיט אים געקומען אין לאַנד דער־

ציילן אַז זיינע מאַלציייטן זענען באַשטאַנען פון אַ שטיקל פּאַסנע ברויט מיט אַ שעפּ קאַלטע וואַסער...

קיינער האָט מיך נישט געהערט — נישט די אַלטע און אוודאי נישט די אַנדערע מענטשן. מען האָט מיך אַוועקגעטראָגן פון דער אַלטער און איך האָב זיך אַ וויג געטאָן ווי אַ שפּענדל אויף אַ צעכוואַליעט וואַסער. אָבער איך האָב נישט נאָכגעגעבן, זיך ווייטער צוגעשטופּט צו שושנהן און איר אַריינגעשושקעט אין אויער:

— ער איז געווען אַ גרויסער העלד, מיין ברודער! ווען נישט אַזעלכע ווי ער, וואָלטן מיר היינט קיין מדינה נישט געהאַט! דערציילט מיר עפּעס וועגן אים...

מען האָט מיך ווייטער אַוועקגעטראָגן פון דער זקנה. אָבער מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי וויל מיר עפּעס זאָגן, האָב איך זיך צוריק צוגעשטופּט צו איר און מוסיף געווען:

— ער איז געווען אַ גרויסער מאַלער... ער וואָלט געברענגט אַ סך כבוד פאַר ישראל!

פּלוצים האָבן מיך די מענטשן דערזען און זיך געכאַפּט, אַז איך האָב זיך אָנגעזעצט אויף דער זקנה. זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס איך רעד אין איר אַריין און וואָס איך וויל פון איר האָבן. מען האָט איר געזאָגט זי זאָל זיך גיין איבערטאָן, ווייל מען וועט זי באַלד נעמען צו דער יובל־פייערונג — אָבער איך בין איר געשטאַנען אין וועג און זי נישט געלאָזט גיין. דעמאָלט האָט איינער געפרעגט דעם צווייטן, געטייטלט אויף מיר מיט די פינגער:

— ווער איז דאָס דער פאַרשוין? וואָס וויל ער דאָ האָבן? וואָס האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו שושנהן?!

— ער שטערט די שמחה! ביסט אַ מבין, זיך אָנגעזעצט נעבעך אויף דער צדיקת און מאַכט איר דעם טויט? ווער האָט אים דאָ אַריינגעלאָזט? מען דאַרף זען, ער זאָל זיך פאַרנעמען פון דאַנען!

די מענטשן האָבן מיך אַרומגערינגלט, געשטעלט מיר פאַרשידענע קשיות, זיך געבייזערט אויף מיר, אָבער שושנה האָט זיך פאַר מיר אָנגענומען:

— לאָזט אים געמאַך! גייט אַוועק פון אים!... ער איז געקומען צו מיר... געקומען מיר גוטס ווינטשן צו מיין יובל... ער וועט מיט אונדז מיטגיין...

— נייך, כ׳וועל נישט גייך! — האָב איך אַ געשריי געטאָן אַזוי הויך, אַז כ׳האָב זיך פֿאַר מיין אייגן קול דערשראָקן און כ׳בין אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

איך בין געגאַנגען מיט דער רחוב גורדון און טרערן האָבן מיך געוואָרגן אין האַלדז. די שפּעט־נאָכמיטאָגדיקע זון האָט זיך געזיפּט צווישן די צווייגן פון די ביימער און געזייט אַ רויטלעך גאָלד אויפן טראָטואַר. כ׳האָב זיך אָנגעטראָפן אויף די זעלבע קינדער, וואָס האָבן זיך דאָ געשפּילט אין דער פֿרי. זיי האָבן מיך באַלד דערקענט און מיך געפרעגט:

— מצאת, אדוני?... איר האָט געפונען דאָס הויז? מצאת, אדוני?...

זינד וואָס ער איז נישט באַגאַנגען

— כ׳ווייס אַז איר דאַרפט אים קענען... איר האָט מיט אים צוזאַמען געאַרבעט אויפן דאָרף... פאַר וואָס ווילט איר זיך נישט מודה זיין? פאַר וואָס שאָקלען זיך אַלע פון אים אָפּ?

זי האָט די ווערטער אַרויסגעוואָרפן פון זיך כלאחר־יד, נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער. זי איז געלעגן אויף מיין בעט און פון אירע אויגן זענען גערונען טרערן. נאָר זעלטן האָט זי זיך אַ באַוועג געטאָן; בלויז אירע אַ ביסל צו לאַנגע, שיין־געפורעמטע הענט האָבן נישט גערוט. דאָ האָבן זיי אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן קישעלע, דאָ האָבן זיי זיך אויסגעשטרעקט לענגאויס דעם בויגעווודיק־שלאַנקן גוף און דאָ האָבן זיי זיך אויפגעהויבן אין דער הויך ווי צו אַ תפילה.

זי האָט כסדר עפּעס געמורמלט, אָבער אירע ווערטער זענען געווען אַזוי שטיל און אָפּגעהאַקט, אַז כ׳האָב קוים פאַרשטאַנען וואָס זי זאָגט. ס׳האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך אַליין און ס׳גייט איר נישט אָן צי מען הערט זיך צו איר צו. אָבער איך האָב זיך סיי־ווי נישט שטאַרק צוגעהערט צו איר, נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון אירע הענט, וואָס זענען געווען דין און איידל. די הענט האָבן דערציילט אַזוי פיל...

כ׳ווייס נישט צי זי איז געווען שיין. אָבער אין דער רגע ווען זי איז געלעגן אויפן בעט און פון אירע אויגן זענען גערונען קלאָרע זילבערנע טרערן אויף די איינגעפאַלענע, אָליוו־גרינלעכע באַקן, האָט זיך מיר געדאַכט אַז ס׳איז נישטאָ עפּעס שענערס אויף דער וועלט. די אויגן זענען געווען געשלאָסן. ווען זי האָט זיי געעפנט האָב איך באַמערקט אַז זיי האָבן אַ העל־בורשטינענעם קאָליר. טייל מאָל זענען זיי העל און טייל מאָל טונקל־ברוין ווי מעד.

— גלויבט מיר, אַז ער איז נישט אַזוי שלעכט ווי מען זאָגט. פאַרקערט, ער איז זייער אַ גוטער! די מענטשן האָבן טויבע אויערן און ווילן זיך נישט צוהערן צו מיר! זיי ווילן ער זאָל בלייבן ביי דעם

שלעכטן שם!... אָבער איך וועל נישט שווייגן! פאַר וואָס זענט איר זיך נישט מודה, אַז איר קענט אים? פאַר וואָס?...

זי האָט נישט גערעדט צו מיר, אָבער כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז זי מיינט מיך. מן־הסתם האָט זי איבערגעלעבט עפּעס, וואָס האָט געלאָזט אויף איר אַ טיפן חותם און זי קאָן פון דעם נישט פּטור ווערן. איך האָב שוין וועגן דעם אַ ביסל געוואוסט. צו מאָל האָט זיך מיר געדאַכט אַז אַלץ וואָס זי זאָגט איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. זי זויגט אַלץ פון פינגער אַרויס... וואָס רעדט זי מיר איין אַז כ׳האָב געאַרבעט מיט סאַניען אויף אַ פאַרם? אַז כ׳האָב קיין מאָל מיט אַ סאַניען אויף אַ פאַרם נישט געאַרבעט; קיין מאָל אים פאַר די אויגן נישט אָנגעזען...

כ׳האָב געוואוסט אַז איצט איז נישט די צייט צו באַוואונדערן איר שיינקייט, וואָס האָט אַרויסגערופן ביי מיר טייל מאָל זינדיקע מחשבות. אָבער וואָס מער די טרערן זענען געפלאָסן פון אירע אויגן, אַלץ מער האָט זיך מיר געגלוסט זי אַריינצונעמען אין די אָרעמס און אויסקושן די טרערן. כ׳האָב זיך געזען ליגן לעבן איר און זי טרייסטן מיט מיינע הייסע שעפּטשערייען. כ׳האָב געהערט ווי זי זאָגט צו זיך אַליין:

— פאַר וואָס האָב׳ך דאָס געטאָן? פאַר וואָס?... צי האָב איך געהאַט אַ רעכט צו דעם? ער איז געווען גוט... כ׳האָב עס געטאָן בלויז צוליב נקמה! איך האָב געוואוסט אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק. אָבער כ׳האָב זיך נישט איינגעשטעלט פאַר אים! גאָר נישט זיך אָנגע־רופן צו ראַטעווען זיין כבוד! איצט וויל מען זיך נישט צוהערן צו מיר...

איך האָב זי שוין לאַנג געקענט פון זען. געטראָפן זי אין דער פרי, ווען זי איז מיט מיר אין איין טראַמוויי געפאָרן צו דער אַרבעט. כ׳האָב געוואוסט אַז מען רופט זי רענאַ. אַזוי האָט איר גע־רופן דער יונגערמאַן, וואָס איז טייל מאָל געזעסן ביי איר זייט. זי האָט נישט אויסגערעדט צו אים אַ וואָרט, ווי זי וואָלט געווען מיט אים ברוגז. אַז בכלל האָט זי צו קיינעם נישט גערעדט, געזעסן אַריינגעטאָן אין אירע מחשבות, נישט אויפגעהויבן צו מאָל די אויגן. ווען זי איז צוגע־קומען צום אָרט וואו זי האָט געזאָלט אַראָפּגיין האָט זי זיך שטיל אויפ־געהויבן און זיך אַרויסגעשאַרט פון טראַמוויי ווי אַ שאָטן.

איך בין שוין דעמאָלט געהאַט צוריקגעקומען פון דאָרף, וואו כ׳האָב געאַרבעט אין אַ פאַרם. קיין מעלבורן בין׳ך געקומען בלויז אויף אַ שטיקל צייט און געבליבן שוין דאָ מער ווי אַ יאָר. בינו לבינו האָב איך חתונה געהאַט און די פרוי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט

מיט מיר פֿאָרן אויף דער פֿאַרם. אָבער נאָך דער חתונה האָט זי חרטה געהאַט און מיר געזאָגט כ'זאָל זיך דאָס משוגעת אַרויסקלאַפּן פֿון קאָפּ. װעלכער ייִד אין אויסטראַליע אַרבעט אויפֿן דאָרף ביי אַזאַ שווערער אַרבעט? זענען מחמת דעם פֿאַרגעקומען צווישן אונדז פֿאַרשידענע רייסערייען און ס'האַלט ביי אַ גט. בעת איך האָב זיך אָנגעטראָפֿן אויף רענאַן, האָט זיך פֿאַרגנבעט אין מיר די מחשבה, אַז זי איז דאָס די פֿרוי וואָס וועט מיך פֿאַרשטיין און פֿאָרן מיט מיר אויף דער פֿאַרם. ייִדן קענען אויך אַרבעטן ביי שווערער אַרבעט...

בעת איך האָב געטראָפֿן רענאַן דאָס לעצטע מאָל, האָט זי געהאַט אַ העפֿטיקע מחלוקת מיט דעם יונגעמאַן, וואָס איז טייל מאָל געפֿאָרן מיט איר אין טראַמוויי. אַ געזעמל מענטשן איז געווען אין דעם אַריינגעמישט. ס'איז פֿאָרגעקומען איז אַ ייִדישן רעסטאָראַן. דער גאַנצער רעסטאָראַן איז געגאַנגען אויף רעדלעך. די קולות האָבן געשפּאָלטן דעם סופֿיט. רענאַ האָט געוויינט מיט הייסע טרערן. אין מיטן דערינען האָב איך באַמערקט ווי זי שאַרט זיך אַרויס פֿון רעסטאָראַן, קיינער זאָל נישט באַמערקן, און לאָזט זיך שנעל לויפֿן איבער די גאַסן. איך בין איר נאָכגעלאָפֿן און דעמאָלט האָט זיך ביי מיר פֿאַרגנבעט די מחשבה, אַז זי וועט פֿאָרן מיט מיר אויפֿן דאָרף. איך האָב זי געטרייסט, געווישט איר די טרערן פֿון פּנים, זי גענומען צו זיך אין שטוב אַריין, כּדי זי צו באַרואיקן און זי זאָל אַ ביסל צו זיך קומען. דאָס ווייב האָט שוין נישט געוואוינט מער מיט מיר צוזאַמען.

רענאַ איז געלעגן אויפֿן בעט, נישט באַמערקט אַפֿילו אַז איך געפֿין זיך לעבן איר. ס'האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט זיך אַראָפּגערעדט פֿאַר זיך אַליין פֿונעם האַרץ:

„כ'בין געווען שטאַרק פֿאַרליבט אין אים, כּסדר בלויז געטראַכט פֿון אים... סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט. אַפֿילו איצט, ווען ער קומט מיר בלויז אויפֿן זינען, הייבט מיר אָן דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק צו קלאַפּן און כ'דערפֿיל אַ גרויסן ווייטיק! מיין מאַן האָב איך פֿיינט. כ'קען אויף אים נישט קוקן. ווען ער דערנענטערט זיך צו מיר, שאָקל איך זיך אָפּ... ביי נאַכט, אַז כ'דערפֿיל זיין לייב, קריץ איך אַזש מיט די ציין. כ'באַמי זיך מיט אַלע מיינע חושים צו פֿאַרגעסן ווער ס'געפֿינט זיך לעבן מיר און כ'טראַכט בלויז פֿון סאַניען, וועמען כ'האָב נאָך אַלץ שטאַרק ליב, כאָטש איך ווייס אַפֿילו נישט צי ער לעבט...

„אַז די מענטשן ווילן זיך נישט צוהערן צו מיר. ווען כ'אַנטפּלעק פֿאַר זיי דעם אמת ווער סאַניע איז געווען, האָבן זיי פֿאַרשטאָפּטע

אויערן... מיטן אמת קען מען אין ערגעץ נישט אָנקומען... סאָניע איז שטענדיק געווען אַ גאָלדענע נשמה... ער האָט בלויז געשפּילט די ראָלע פון אַ שלעכטן, גלייך ער וואָלט וועלן אָפּטאָן צו להכעיס די מענטשן, די חברים... דער עיקר די בייזע צינגער אין שטעטל, וואָס האָבן אויף אים אויסגעטראַכט דאָס ערגסטע. ער האָט טאַקע אָפּגעטאָן פּיל בייז, ווייל ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ שלעכטער סביבה... אין דער קאָמפּאַניע פון דער אונטערוועלט... זיין בעסטער חבר איז געווען יאנקל קאַרליק... מען האָט אים אומישנע אַזוי גערופן יאַנקלען, ווייל ער איז דווקא געווען אַ יונג, אַ ריז. סאָניע איז געווען דער קאָפּ. ער איז געווען אַ געלערנט יינגל און די גאַנצע ברודיקע אַרבעט האָט אויסגעפירט יאַנקל קאַרליק. סאָניע האָט געמאַכט די פּלענער און יאַנקל האָט זיי אויסגעפירט. יאַנקל מיט דער גאַנצער חברה וואוילע יונגען...

„געשטאַמט האָט סאָניע דווקא פון אַ שיינער משפּחה, אַ משפּחה פון בלויז יחוס... דער פאָטער איז געווען אַזאַ אײדעלער מענטש; די מוטער אַ זיידענע פרוי. זיי האָבן זיך פון אים פּיל אָנגעליטן, אָבער גאָר נישט געגעבן צו דערקענען אין זיך. ס'האָט געשניטן ביים האַרץ ווען מען האָט זיך צוגעקוקט צו דעם צער פון די דאָזיקע אײדעלע מענטשן, וואָס האָבן געליטן אין דער שטיל... אויך די שוועסטערן זענען פּיל אויסגעשטאַנען פונעם ברודער און נישט געוואָלט דאָס אַרויסווייזן. די מעשים פונעם ברודער האָבן זיי געשטערט צו די שידו־כים... זיי זענען געווען אַזעלכע שיינקייטן, וואָס מען זעט גאָר נישט. סאָניע אַליין איז אויך געווען זייער שיין. ער האָט פאַרמאָגט אַ קאָפּ געלאָקטע האָר, וואָס זענען געווען אַזוי שוואַרץ, אַז זיי זענען אַזש אַריינגעפאַלן אין בלוי. אויגן האָט ער געהאַט בלויע, טיפע, און אַ ווייס פּנים וואָס האָט געלויכטן אין דער פינצטער. ער איז געווען הויך און שלאַנק. אַז כ'האָב אים באַמערקט אפילו פון דער ווייטנס, איז ביי מיר אַנטפאַלן דאָס האַרץ. כ'האָב געציטערט פון אויפרעגונג...

„דאָס באַליבטע אָרט וואו סאָניע האָט פאַרברענגט מיט די וואוי־לע יונגען איז געווען אין עק פון דער הויפּט־גאַס, וואו ס'זענען גע־שטאַנען די „ליאַדעס" און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרק־פּלאַץ. ביי נאַכט, ווען ס'האָט אויפגעהערט דער האַנדל, זענען די וואוילע יונגען געזעסן צעזעצט אויף די ליאַדעס. ס'איז געווען אַ סכנה זיך צו דעם אָרט צו דערנענטערן. אָבער איך בין פון דעם פּלאַץ נישט אַוועק, גע־שטאַנען אַ ביסל פון דער ווייטנס, כ'זאָל קענען קוקן אויף סאָניען... איך בין פון קינדווייז אָן געווען אַ דרייסטע, האָב איך נישט מורא געהאַט

אַליין צו גיין צו דעם אָרט פון דער סכנה... פון דעסטוועגן האָב איך טייל מאָל מיטגענומען מיט זיך מיין קליין ברודערל, ער זאָל זיין מיין שומר. כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען גאָר אַ יונג מיידל. נישט אַלט געווען אפילו קיין פופצן יאָר. אָבער כ׳בין געווען שיין און אַנטוויקלט ווי אַ מיידל פון צוואַנציק. אַז כ׳בין דורכגעגאַנגען די גאַס, האָבן מיר די מאַנסלייט נאָכגעקוקט. איך האָב דאָס גוט געפילט... אָבער מיך האָט געצויגן בלויז צו סאַניען... אפשר האָט מיך געצויגן אַזוי שטאַרק צו אים, ווייל ער האָט געשטאַמט פון אַזאַ שיינער משפחה און איך קום אַרויס פון אָרעמען שטאַנד. מיין טאַטע איז געווען אַ שוסטער, אַ לאַטוטניק, וואָס האָט געאַרבעט ביי טאָג און ביי נאַכט און קוים אַרויסגעשלאָגן דאָס ביסל פּרנסה. די אַלטע ווייבער אין שטעטל האָבן מיר אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע ווען זיי האָבן מיך געטראָפן.״

— שיין איז זי ווי אַ בלום — האָבן זיי אויסגעשפּיגן צו דריי מאָל — פונקט ווי אַ בליענדיקע רויז! פון וואַנען קומען די רויז צו אַזאַ אָרעמען שוסטער?...

„איך האָב געוואוסט אַז כ׳בין שיין און כ׳בין געווען שטאָלץ דערמיט. אָבער צוליב דעם וואָס כ׳בין געווען אַזוי שטאַרק פאַרליבט האָב איך ווייניק אַכטונג געטאָן אויף זיך. כ׳בין געוואָרן אויסגעדאַרט. איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס סאַניע האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ איינדרוק און פאַר וואָס עס זענען מיר געפעלן זיינע אַלע לאַבוזערסקע „שטיק־לעך״. ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט ער אַרומוואַיִוען מיט די ווּאוילע יונגען און די שטאָט האָט געהאַט פון זיי אויסצושטיין געברענטע צרות. זיי האָבן אָפּגעטאָן כלערליי שפּיצלעך די סוחרים. זיך אַריינגעגנבעט צו זיי אין די קראָמען און אויסגעשניטן לעכער אין די זעק, דאָס מעל זאָל זיך אויסשיטן; געמאַכט לעכער אין די באַנקעס, דער נאַפט זאָל זיך אויסגיסן. פון שענק פלעגן זיי אַרויסכאַפּן פלעשער מיט משקה און זיך אָנטרינקען... זיי האָבן זיך אפילו נישט אָפּגעשטעלט פאַר אַ גנבה. שפּעטער פאַרלאַנגט געלט, מען זאָל אויסלייזן די גנבה... ווען די באַלעבאַטישע טעכטער זענען פאַרנאַכט געגאַנגען שפּאַצירן אויפן „קאָרסאָ״, האָבן זיי געמוזט אויסמיידן דאָס אָרט וואו די ליאַדעס זענען געשטאַנען. די ווּאוילע יונגען האָבן זיי פאַרטשעפּעט. דער עיקר סאַניע. אָבער כ׳האָב גאַנץ גוט באַמערקט, אַז ווען ער האָט זיי פאַרטשעפּעט, זענען זיי זיך גאָר נישט אַזוי שטאַרק צעלאָפן... ער איז אַפּנים אויך זיי געפעלן געוואָרן...

„און אפשר האָב׳ך אויכעט פאַרמאָגט אַ קאַליע־געוואָר׳ענע נשמה.

ס׳האָט געשטעקט אין מיר עפּעס אַ דיבוק, ווייל כ׳בין געווען אַזוי באַרוישט פון סאַניען... ווייל ער האָט מיך אַזוי פאַרכישופט. אָבער כ׳האָב באַשיינפּערלעך געפילט, אַז ער איז גאָר נישט אַזוי שלעכט ווי ער מאַכט זיך. אַז מענטשן טרייבן איבער ווען זיי רעדן אויף אים אויס וואָס נאָר אין דער קאָרט... אַז אונטער דער רשעות באַהאַלט זיך אויס אַ גוטע נשמה. סאַניע האָט זיך בלויז אויסגעגליטשט״.

— יאָ!... יאָ! כ׳האָב דאָס געפילט — האָט זיך רענאַ אַזוי האַסטיק אויפגעזעצט אויפן בעט, אַז כ׳האָב זיך אַזש דערשראָקן און צוריקגע־צויגן. איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, געקליבן די ווערטער, אָבער זי האָט נישט געקוקט צו מיר, מיך נישט געזען. זי האָט זיך צוריק אויסגעשטרעקט אויפן געלעגער און ווייטער גערעדט ווי צו זיך אַליין:

„אַז כ׳בין געווען געוועצט אַז סאַניע איז נישט געווען אַזוי שלעכט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, ווען יאַנקל קאַרליק האָט זיך גענומען צו מיר טשעפּען. איך האָב אים אָפּגעשטופּט, גענומען שרייען, קראַצן מיט די נעגל. כ׳האָב קיינעם נישט געוואָלט צולאָזן צו מיר, בלויז סאַניען... דעמאָלט איז סאַניע מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן לעבן אונדז און זיך איינגעשטעלט פאַר מיר. כאָטש יאַנקל קאַרליק איז געווען אַ סך שטאַרקער פון סאַניען, האָט ער פון דעסטוועגן נישט געוואָלט מיט אים אָנהייבן... נאָך דער געשעעניש האָט סאַניע מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, ווי אַ קליין קינד, און מיך אָפּגעפירט אַהיים. בעת כ׳האָב דער־פילט דעם באַריר פון זיין האַנט, האָב איך אויפגעציטערט. אויפן גאַנצן וועג האָב איך געפיבערט, געוואָלט ער זאָל מיר אַ קוש טאָן, אָבער פאַר דער טיר פון אונדזער הויז האָט ער בלויז געזאָגט צו מיר „אַ גוטע נאַכט״ — און איז אַוועק. כ׳האָב אים דעמאָלט פיינט באַקו־מען, וואָרים ער האָט מיך באַהאַנדלט ווי אַ קינד, באַליידיקט די פרוי אין מיר... צי האָט ער נישט געזען אַז כ׳בין שיין, אַז די מענער באַגערן מיך? אַז זיינע אייגענע חברים לאָזן נישט אַראָפּ דעם בליק פון מיר? שלינגען מיך מיט די אויגן?

„כאָטש כ׳בין געווען באַליידיקט, בין איך פון דעסטוועגן באַלד דעם אַנדערן טאָג געקומען צו דעם אָרט וואו כ׳האָב געקאָנט זען סאַ־ניען. כ׳האָב זיך אָוועקגעשטעלט אַ ביסל פון דער ווייטנס, ווי מיין שטייגער איז געווען, און ווי געוואָרט אויף עפּעס. אַז די וואוילע יונגען האָבן מיך דערזען, האָבן זיי באַלד אונטערגעשטאָרקעט סאַניען און

אָנגעוויזן אויף מיר. כ'האָב געהערט ווי זיי זאָגן צו אים מיט חוזק:

— זע, זי איז שוין דאָ דיין ליאַלקע! זי וואַרט דיך שוין אָפּ... האָסט עפּעס נעכטן אויפגעטאָן מיט איר? געמאַכט מיט איר אַ לעבן? דערצייל, סאַניע... דערצייל אונדז מיט אַלע פּיטשעווקעס...

„סאַניע האָט זיי עפּעס אַריינגעשושקעט אין אויער און זיי האָבן גענומען הויך לאַכן, זיך געבויגן אין דרייען פון געלעכטער. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זיי הירזשען ווי די פערד!... כ'האָב זיך אָנגעשטויסן וואָס סאַניע האָט זיי געמוזט זאָגן און דאָס האָט מיר זייער ווי געטאָן. וואָס האָט ער זיי געזאָגט עפּעס אַ ליגן, זיך באַרימט פאַר זיי? אין דער אמתן האָט ער מיך אפילו נישט אָנגערירט... ער איז אַפּנים נישט קיין דרייסטער, דערצו נאָך אַ באַרימער... אָבער כ'האָב געזען אַז מיט אַנדערע מיידלעך איז ער שוין גאַר אַ דרייסטער. כ'בין צוליב דעם שוין נישט איין מאָל געווען אייפערזיכטיק. מיך האַלט ער אַפּנים נאָך פאַר אַ קינד...

„דאָס האָט זיך איבערגעחזרט יעדע נאַכט. נאָך דעם ווי איך בין געשטאַנען לעבן די ליאַדעס און אַ פאַרבענקטע געקוקט צו סאַניען, האָט ער מיך שפּעטער אָנגענומען פאַר אַ האַנט און מיך אָפּגעפירט אַהיים. אויף צומאָרגנס האָבן אים די יונגען ווידער אויסגעפרעגט:

— זי מוז זיין אַ היציק מיידל?

— ווערט אַן עבירה, האַ, סאַניע?

— אַריינגעפאַלן גלייך אין די הענט אַריין...

— האָסט מזל ווי אַ גוי!...

„די יונגען האָבן געקוקט אויף מיר און צווידייטיק אונטערגעוואונקען מיט די אויגן. סאַניע האָט זיי ווידער עפּעס אין דער שטיל דערציילט און זיי האָבן געהירזשעט ווי די פערד. איך האָב זיך צו דעם צוגעהערט און געפלאַמט פון בושה.

„אין דער שטאָט האָט מען גענומען שמועסן, אַז סאַניע האָט מיך פאַרפירט. דאָס איז דערגאַנגען צו מיין טאַטן, דעם שוסטער, און ער האָט מיך גענומען שלאָגן און פייניקן. ער איז געגאַנגען צו סאַניען און געפאָדערט ער זאָל מיט מיר חתונה האָבן... ער האָט זיך געכאַפּט צו אים שלאָגן... פאַר די וואוילע יונגען איז דאָס געווען אַן אמת טעאַטער. זיי האָבן פון מיין טאַטן חוזק געמאַכט, אָנגערייצט אים קעגן סאַניען. איך אַליין האָב געוואוסט דעם גאַנצן אמת, אַז סאַניע איז גאָט די נשמה שולדיק... פון דעסטוועגן האָב איך געשוויגן, עקשנותדיק געשוויגן...

כ'האָב געשוויגן צוליב נקמה ווייל סאַניע האָט זיך קיין מאָל נישט צו־געריירט צו מיר, ווי כ'וואָלט קיין פרוי נישט געווען...

„בעת ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה און די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל, האָט מען אויף סאַניען געגומען שטאַרק רעדן, געזאָגט אויף אים דאָס ערגסטע. מ'האָט געזאָגט אַז ער אַרבעט מיט די דייטשן, אַז ער נעמט ביי זיי געצאָלט און גיט אויס יידישע באַהעלטענישן, אַז ער האָט מיך איבערגעגעבן צו אַ דייטשן אָפיציר...

„אָבער דאָס איז געווען אַ בילבול! סאַניע האָט מיך גאָר אויס־געלייזט פון דעם אָפיצירס הענט, איינגעשטעלט זיין אייגן לעבן. ס'איז געווען דעמאָלט ווען מען האָט די יידן אַרויסגעטריבן פון געטאָ. די קולות זענען אויפגעגאַנגען ביז צום הימל. עלטערן האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער... מענער און ווייבער האָבן זיך אַרומגעזוכט. די דייטשן האָבן געשלאָגן, געשאָסן, געטריבן די יידן ווי רינדער... ס'איז געווען אַ גרויסע בהלה... דער אָפיציר האָט מיך געהאַלטן ביי דער האַנט, מיך נישט געוואָלט אָפּלאָזן. מיין ברודערל האָט מיך געשלעפּט ביים קלייד, פון פחד געוויינט מיט ביטערע טרערן, אַז ס'האָט געריסן ביים האַרץ. אָבער דער דייטש האָט אים אָפּגעשטויסן מיט אַזאַ רוגזה, אַז ער איז אַ פאַל געטאָן צו דער ערד... דעמאָלט איז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן סאַניע און מיט עפּעס אַ פאַרטל מיך אַרויסגענאַרט פון אָפיצירס הענט... ער האָט מיט מיר און מיטן ברודערל געגומען שנעל לויפן, אַז מיר האָבן נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. ווען מיר זענען אַרויסגעקומען הינטער דער שטאָט, האָבן מיר זיך באַהאַלטן אין אַ חרובער מיל. מען פלעגט זאָגן אַז אין דער מיל וואוינען שדים, אָבער מיר זענען דאָרט געלעגן פאַרשטעקט עטלעכע טעג...

„קיינער איז פון דער מיל נישט אַרויס אפילו אויף עטלעכע טריט, בלויז סאַניע. ער איז אַרויס ביי נאַכט און אונדז געבראַכט עפּעס אין מויל אַריין. איין מאָל האָט ער געבראַכט אַ קענדל מיט וואַסער, כ'זאָל זיך קענען אַרומוואַשן. ביים וואַשן האָב איך אַראָפּגעלאָזט דאָס העמד איבער די אַקסלען, אַנטפּלעקט מיין לייב, אָבער ער האָט נישט געקוקט אין מיין זייט אַריין. ער האָט בלויז אַרויפגעוואָרפן אויף מיר דאָס זשאַקעטל, מיך צוגעדריקט און זיך אָנגערופן:

— וועסט דיך צוקילן רענאַ... אין דער חורבה איז קאַלט...

„דאָס האָט מיך אַזוי פאַרדראָסן, אַז טרערן האָבן זיך מיר גע־

שטעלט אין די אויגן. הגם ס'איז געווען אַ גיהנום אויף דער וועלט און אַלץ אַרום אונדז האָט געברענט, האָב איך אין זינען געהאַט בלויז איינס — מיין ליבע צו סאַניען. כ'בין געווען גליקלעך וואָס ער איז מיט מיר צוזאַמען... כאָטש כ'האָב אים געהאַסט ווען ער האָט מיך צוגעדעקט מיטן זשאַקעטל...

„אַפּנים דער זעלבער האַס האָט מיך באַגלייט, ווען כ'האָב נאָכן גיהנום צופעליק צוריק זיך אָנגעטראָפן אויף סאַניען אין אַ דייטשן לאַגער. איינציקע יידן, וואָס זענען געבליבן לעבן פון אונדזער שטעטל, האָבן זיך דאָ באַגעגנט און מיט אומגעדולד געוואַרט זיי זאָלן קענען אַוועק פון דעם טומאה־לאַנד... אַז זיי האָבן דערזען סאַניען, האָבן זיי אים צעשלאָגן פאַר זיינע אָפּגעטוענע חטאים... צום מיינסטן האָט אים דערלאַנגט מיין מאַן, כאָטש איך האָב אים נישט איין מאָל געזאָגט, אַז סאַניע איז אומשולדיק. ער האָט אים אַפּנים געשלאָגן דעפאַר ווייל ער האָט געוואוסט, אַז כ'האָב סאַניען קיין מאָל נישט געקענט פאַרגעסן...

„איך האָב זיך צוגעקוקט צום געשלעג... דאָס האַרץ האָט מיר געשניטן פאַר ווייטיק, אָבער כ'האָב זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. און גאָט זאָל מיר מוחל זיין, איך האָב אפילו דערפילט אַ הנאה... איך האָב זיך אויף אַ רגע אָנגעטראָפן אויף סאַניעס שטומען בליק, וואָס האָט ביי מיר געמאָנט יושר; און כאָטש דאָס האַרץ האָט מיר געבלו־טיקט פון צער, איז דאָס מויל געווען פאַרהאַקט אויף זיבן שלעסער... ביזן היינטיקן טאָג פאַרשטיי איך נישט פון וואַנען ס'האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ אכזריות...״

ווען רענאַ האָט אַרויסגעברענגט פון זיך די לעצטע ווערטער, האָט זי אָנגעהויבן צו ציטערן און אירע שיינע, איידעלע, אַ ביסל צו לאַנגע הענט האָבן זיך געשטרעקט אין דער הויך, גלייך ס'וואָלט איר אויסגעפעלט אָטעם. רענאַ האָט נישט געקוקט אין מיין זייט און ווייטער געמורמלט צו זיך אַליין ווערטער פול פיין. ס'האָט אויסגעזען ווי דאָס פייניקן זיך אַליין וואָלט איר געברענגט אַ דערלייזונג.

„כ'האָב דעמאָלט באַלד חרטה געהאַט אויף מיינע מעשים, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. סאַניע איז ערגעץ פאַרשוואונדן און כ'האָב אים מער נישט געזען. דאָס געוויסן האָט מיך געגעסן און מיך שוין מער נישט אָפּגעלאָזט. פאַר וואָס האָב איך געשוויגן?! דאָ, אין אויס־טראַליע, בין איך פלוצים געוואָר געוואָרן, אַז סאַניע געפינט זיך אין אַ דאָרף און ער האָט מורא צו קומען אין שטאָט אַריין. כ'האָב אָנגע־

הויבן באַלד צו רעדן צום געוויסן פון מיין מאַן, פון מיינע חברים, געפּאָדערט ביי זיי יושר, אָבער זיי ווילן זיך נישט צוהערן צו מיר. די וועלט האָט פאַרשטאָפּטע אויערן צו די רייד פון די גערעכטע! אָבער כ׳וועל נישט אָפּלאָזן אַזוי לאַנג ביז מ׳וועט אַראָפּנעמען פון סאַניען די זינד, וואָס ער איז נישט באַגאַנגען און ער וועט זיך קענען באַווייזן צווישן יידן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ!

„און אפשר איז גאָר סאַניע אין צווישן צייט געשטאָרבן? אַז כ׳בין געפּאָרן אים זוכן אויפן דאָרף, האָב איך אים נישט געפונען. כ׳בין געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, זיך אויסגעפרעגט אויף אים, אויסגעמשלט ווי ער זעט אויס, אָבער קיינער האָט נישט געהערט פון אים. ס׳האָט זיך דעמאָלט באַזעצט אין מיר אַ ליידיקייט און אַ בענקשאַפט האָט מיך גענומען פרעסן. מיין איינציקע טרייסט איז דעמאָלט געווען אַז סאַניע איז געקומען אַ ריינער צו גאָט... גאָט ווייסט בעסער פון אַלע אַז ער איז ריין פון זינד...

„אָבער ווי קען עס מעגלעך זיין אַז סאַניע איז געשטאָרבן? אַ סך מאָל אין טראַמוויי אויפן וועג צו דער אַרבעט, פיל איך אַז ער זיצט לעבן מיר. ער רעדט נישט צו מיר, אָבער איך הער זיין קול. איך זע זיינע האָר, וואָס זענען געלאָקט און אַזוי טיף שוואַרץ, אַז זיי פאַלן אַזש אַריין אין בלוי... איך פיל אויף זיך זיינע טיפע בלויע אויגן און דעם באַריר פון זיין האַנט, וואָס מאַכט מיך אויפציטערן פונקט ווי מיט יאָרן צוריק ווען ער האָט מיך אָפּגעפירט ביי נאַכט אַהיים...״.

רענאַ איז געבליבן ליגן מיד און אויסגעשעפּט, ווי די כוחות וואָלטן זי פאַרלאָזט. זי האָט אַ קוק געטאָן לעבן זיך מיט פאַרחידושטע אויגן. שפּעטער אַ ביסל האָט איר בליק פּאַוואָליע און נישט זיכער געבלאָנדזשעט איבער די ווענט פון מיין שטוב, איבערן סופיט, איבער די מעבל און בילדער; צום סוף זיך אָפּגעשטעלט אויף מיר.

— וואו בין איך? — האָט זי מיט חידוש אין קול אַ פרעג געטאָן — איר זענט די גאַנצע צייט געווען דאָ. געזעסן לעבן מיר?

— יאָ —האָב איך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איר האָט זיך צוגעהערט צו אַלץ?...

איך האָב ווידער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ. זי האָט שוין מער גאָר נישט געפרעגט, אַנטשוויגן געוואָרן. זי איז געבליבן ליגן אָן באַוועגונג. אפילו אירע שיינע, לאַנגע הענט, וואָס האָבן פריער גערעדט אויף זייער שטום לשון, זענען געבליבן פאַרשטילט. זיי זענען

געלעגן לעבן איר בויגעוודיק־שלאַנקן קערפּער, ווי צוויי מידע פליגלען פון אַ פויגל, וואָס האָט דורכגעשניטן גרויסע מרחקים.

כ'בין שוין געווען זיכער, אַז זי וועט מיט מיר אויפן דאָרף נישט פאָרן, ווי איך האָב געקלערט ווען כ'האָב זי געברענגט צו מיר. דאָס איז געווען בלויז מיינס אַן איינרעדעניש, וואָס איז ביסלעכווייז אין מיר צערונען. ווער ווייסט צי איך וועל זי נאָך זען? כ'האָב דער־פילט אַ בענקשאַפט, וואָס האָט זיך אין מיר צעוואָקסן, ווי רענאַ וואָלט שוין געווען פון מיר ווייט...

מיט יידן אויף אַן עראָפּלאַן

כ'האָב זי באַמערקט זיצן אין דעם עראָפּלאַן עטלעכע רייען פאַר מיר. באותו רגע האָב איך דערפילט אַ נאָגנדיקן ווייטיק, וואָס איז זיך צעגאַנגען איבער מיינע אברים. צי איז דאָס טאַקע זי? צי מאַך איך נישט אַ מאָל אַ טעות? די שאַטינע האָר, אַדורכגעוואָרפן געדיכט מיט זילבער, זענען אירע. די לענגלעך־דינע פינגער און די באַוועגונגען פון די הענט זענען אירע. כ'האָב מורא געהאַט אויפצוהייבן דעם קאָפּ און קוקן אין איר זייט אַריין, טאָמער האָב איך געמאַכט אַ טעות. פאַר וואָס האָב איך זי נישט געזען ביים איינשטייגן אין עראָפּלאַן? ס'זענען טאַקע געווען אַ היפּש ביסל יידן אינעם וואַרטזאַל אויפן פלי־פּלאַץ — מענער, ווייבער און קינדער; וואָס זענען געקומען באַגלייטן זייערע משפּחות. די יידן, וואָס האָבן זיך געקליבן אויף דער נסיעה, האָבן געלאָזט קאָנטראָלירן זייערע בילעטן, אָפּוועגן זייער געפּעק. זיי זענען געווען יום־טובדיק אויסגעפּוצט און אויף זייערע העלדזער האָבן זיך געבאָמבלט שפּאָגל־נייע פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַטן. קינדער וואָס האָבן זיך געשפּילט אין דעם גרויסן זאַל זענען אַלע פאַר רגעס געלאָפן קוקן צי ס'קומען נישט אָן קיין עראָפּלאַנען. ס'איז געווע אַ געדרענג און אַ שטופּעניש און ס'האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. אָבער ווען זי וואָלט זיך געפונען צווישן דעם עולם, וואָלט איך זי זיכער באַמערקט...

איך האָב פאַרמאַכט די אויגן. די לעצטע פאַר טעג בין איך שוין געווען מיד פון צוגרייטן זיך צו דער נסיעה און איך האָב געוואַרט אויף דער מינוט ווען כ'וועל זיצן אין עראָפּלאַן און זיך אויסרוען. דער עראָפּלאַן, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געשריגן בעת ער האָט זיך אָפּגעריסן פונעם נאָפּל פון דער ערד, האָט שוין רואיק געשוועבט אין דעם גאָלדיק־בלויען חלל. ווייסע וואָלקנס האָבן ווי רויכיקע אינדזלען זיך געוויגט אַרום אונדז. זיי האָבן מיט אַ לייכטן פּוך פאַרבעט די שטאָט צופּוסנס און האָבן זיך פאַרפלאָנטערט אין די זילבערנע פליגל פון עראָפּלאַן. איך האָב אויפגעשנאַלט דעם פאַרזיכערונגס־גאַרטל און זיך דערפילט פרייער. ס'האָט מיך אָפּגעלאָזט די מורא וואָס האָט מיך

אַרומגעכאַפּט די ערשטע פּאָר רגעס בשעת דער אַעראָפּלאַן האָט זיך געשניטן אין די הייכן. כ'האָב אין גאַנצן נישט געהאַט דאָס געפיל, אַז כ'געפין זיך אַזוי הויך איבער דער ערד. איך האָב געוואָלט אויפ־מאַכן די אויגן און קוקן אין דער זייט וואו זי איז געזעסן — אָבער איך האָב מורא געהאַט, אַז אַלץ איז בלויז געווען אַן אויסדאַכטעניש און דאָס איז גאָר אַן אַנדערע פרוי. ס'איז מיר גוט געווען צו זיצן אין דער אויסגעבעט־ווייכער שטול און האָבן דאָס געפיל, אַז זי געפינט זיך אַזוי נאָענט פון מיר...

אין דעם אַעראָפּלאַן איז געווען אַ טומל. יידן האָבן גערעדט הויך צווישן זיך, איבערגעשריגן דאָס לייכטע רוישן פונעם אַעראָפּלאַן. מען האָט זיך באַקענט, זיך אָנגעטראָפן אויף באַקאַנטע, וואָס מ'האָט שוין נישט געזען יאָרן. מען איז געפאָרן קיין ישראל אויף פסח, צו באַזוכן דאָס אייגענע לאַנד. היינט צו טאָג האָט מען שוין נישט געדאַרפט שניידן אומלעגאַל די ימים, כדי זיך צו דערשלאָגן צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל... און איך האָב זיך דערמאָנט די אונרא־לאַגערן אין דייטשלאַנד, וואו איך בין אָנגעקומען נאָך די געטאָס און אוישוויץ. מיט דער „בריחה" האָב איך זיך געשמוגלט איבער גרענעצן זיך געגנבעט איבער ימים און ווען מיר זענען נאָך לאַנגע וואַלגערנישן אָנגעקומען צו די ארץ־ישראלדיקע וואַסערן, האָבן מיר געמוזט אַ גאַנצע נאַכט וואַרטן כדי אַריינצוקומען אין לאַנד. צווישן אַ סך שוויסיקע גופים בין איך געלעגן פאַרקוועטשט אינעם שיפל און געזען ווי ווייסע סנאָ־פּעס ליכט לויפן איבער די נאַכטיקע הימלען, איבער די געדיכט־שוואַרצע וואַסערן און זוכן די אומלעגאַלע עולים. די נישטערנדיקע ענגלישע פּראָזשעקטאָרן, וואָס האָבן זיך געשטרעקט אין דער פינצ־טערניש מיט זייער בלענדיק־ווייס ליכט, האָבן אויסגעזען ווי מעכטיקע דראָענדיקע אָרעמס. אַ ליאַדע מינוט קאָנען זיי אונדז דערגרייכן און אויסגעבן וואו מיר זענען... ס'האָט שוין באַלד אָנגעהויבן צו גרויען ווען מיר זענען אַרויס פון שיפל, אַריין אין וואַסער און זיך קוים דער־שלאָגן צום ברעג. אויף דער יבשה האָט שוין געוואַרט אויף אונדז אַ מיליטערישער לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט אונדז געפירט צו אַ קיבוץ... איך האָב עטלעכע חדשים שפּעטער געקעמפט אין דער מלחמת־השיח־רור, געווען צוויי יאָר אין לאַנד — אָבער סוף־כל־סוף האָב איך דאָס יידישקייט נישט אויסגעהאַלטן און כ'בין געפאָרן קיין אויסטראַליע צו מיינס אַ ווייטן קרוב...

— אוודאי... וואָ־דען... סערטענלי... אַ סדר אין קיבוץ איז גאַנץ

אַנדערש ווי מיר ריכטן אָפּ ביי זיך... ווי מען האָט אָפּגעריכט אין פּוילן... זיי זאָגן נישט די הגדה. זיי שרייבן זיך אַליין אָן אַ הגדה... און דאָס האָט אַ טעם, ווער מיר גוטס גינט... אַלץ איז פון דער היינ־טיקער צייט... אַקטועל... זיי זאָגן אַריין בן־גוריונען... האָבן נישט מורא פאַר קיינעם. דאָס זענען דאָך עפּעס קיבוצניקעס! כ'האָב אַ פרענד, אַ חבר אין קיבוץ און ער וועט מיך נעמען צו אַזאַ סדר... — האָט אַריינגעשריגן מיר גלייך אין אויער אַריין אַ געדיכט, פּאַרליי־כעצט־גראָב קול און מיך אַרויסגעשלאָגן פון מיינע רעיונות.

איך בין געווען אַ בעלן צו וויסן צו וועמען דאָס קול געהערט און אויפגעמאַכט די אויגן. כ'האָב זיך אָנגעטראָפן אויף אַ קליינעם, ברייטן פאַרשוין, וואָס האָט זיך אַזוי געדרייט אויפן געזעס, גלייך ווי ער וואָלט זיך געגרייט ערגעץ אַראָפּשפּרינגען. ער איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס און וויזט אויס אפילו נישט געהאַט קיין געדולד צו דער קפיצת־הדרכ־דיקער נסיעה מיטן אַעראָפּלאַן. ער האָט געוואָלט האָבן וואָס מער צוהערערס אַרום זיך און אַזוי ווי ער האָט געמוזט זיצן צוגעטשוועקט צום אָרט, האָט ער געשריגן אין אַלע זייטן.

איך האָב אַ קוק געטאָן אין דער זייט אַריין, וואו זי איז געזעסן — אָבער כ'האָב גאָר נישט געקענט זען. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געמאַכט באַקוועם אויף זייערע ערטער און מען האָט זי פון מיר אין גאַנצן פאַר־שטעלט. איך האָב צוריק צוגעמאַכט די אויגן, נאָר דער ברייטער פאַרשוין האָט מיך נישט געלאָזט רואיק איינזיצן. ער האָט מיר ווייטער אַריינגעשריגן אין אויער, געהעדט איבער מיין קאָפּ צו זיינס אַ באַ־קאַנטן וואָס איז געזעסן אָפּגערוקט פון אונדז. דאָס גערעדעריי צווישן די צוויי יידן גלייך אין מיינע אויערן און איבער מיין קאָפּ, האָט מיך געהויבן פון אָרט. איך האָב געהערט אַ דין, ווייבעריש־עקבערנדיק קולעכל, וואָס האָט דווקא געהערט צו אַ מאַנספּערשוין:

— איך האָב מיטגענומען מיינע צוויי קינדער אויף דער רייזע... זאָלן זיי זען דאָס לאַנד און שטאָלץ זיין דערפון וואָס יידן האָבן אויפ־געבויט! זאָלן זיי זען אַז יידן האָבן אַ לאַנד און זענען אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער צוגלייך! שור! איך אַליין פאַר שוין זען דאָס לענדעלע צום צווייטן מאָל... כ'בין געווען אַזוי „עקסייטעט" ווען כ'האָב געזען יידישע פּאָליציי, יידישע פּאָסט־טרעגער, יידישע גאַסן־קערער, אַז כ'האָב זיי געוואָלט אויסקושן יעדעס ביינדל!... הערסט אַ מעשה... אַלץ יידיש! אבי מען זאָגט, אַז יידן טויגן בלויז צו מסחר... כ'האָב דאָס אַלץ אויפגעקלערט מיין שיקסע אין אָפיס... זאָל זי אויך דערפון וויסן!

איך האָב מיט עקשנות געהאַלטן פאַרשלאָסן די אויגן, זיך בשום אופן נישט געוואָלט איינהערן צום שמועס פון די יידן און געטראַכט מיינע אייגענע רעיונות, וואָס זענען תחילה געווען אַ ביסל מטושטש, נאָר ביסלעכווייז זיך דייטלעך אויסגעשיילט אין מיין מוח. כ׳האָב זיך געפונען הויך איבער דער ערד, דער עראָפּלאַן האָט געשוועבט אין די הימלען, אָבער איך האָב אַלץ געזען קלאָר אין מיין דמיון. דער עיקר האָב איך זי געזען אַזוי קלאָר. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף איר בעת איך בין געקומען שניידן דאָס גראָז צו אירס אַ קרוב. איך האָב געאַרבעט ביי גערטנעריי. כ׳האָב זיך געהאַט געקויפט אַן עלעקטרישן גראָז־שניידער און מיין פרנסה איז געווען צו גיין שניידן דאָס גראָז אין רייכע הייזער. נאָך דעם ווי איך בין געקומען פון ישראל קיין אויסטראַליע צו מיין עלטער־פעטער, האָט ער זיך דווקא איינגעשפּאַרט כ׳זאָל אַרבעטן אין זיין פאַבריק און פירן דאָרט די בוכהאַלטעריע. מיין עלטער־פעטער איז געווען אַ געגריוועטער שוסטער אין וואַרשע. ער האָט געהאַט זיין וואַרשטאַטל אויף דער סטאַווקע־געסל לעבן דער וואַלוווקע. אין מעלבורן איז ער געוואָרן אַ גרויסער שיך־פאַבריקאַנט און דווקא באַשטאַנען דערויף כ׳זאָל ביי אים אַרבעטן אין „אָפיס״. אַנדערש האָט אים נישט געפּאַסט. אָבער איך האָב נאָך גוט געדענקט ווי מען האָט מיר אין לאַגער געזעצט מיט אַ שטיין איבער מיינע הענט און געמאַכט חוזק פון זיי, ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט הויבן די גרויסע שטיינער, וואָס מען האָט איבערגעטראָגן פון איין אָרט אויפן אַנדערן. מיינע הענט זענען דעמאָלט פול געווען מיט גרויסע וואונדן און די צעקוועטשטע פינגער זענען נאָכגעהאָנגען ווי פאַרבלוטיקטע שמאַטעס...

ס׳איז געווען אַ נס, וואָס מיינע הענט האָבן זיך אויסגעהיילט און כ׳האָב צוריק איז זיי דערפילט אַ כוח. כ׳האָב מיר דעמאָלט אין לאַגער געגעבן אַ וואָרט, אַז טאָמער וועל איך אַרויס אויף דער פריי, וועל איך די הענט אויסנוצן — אויסנוצן צו אַרבעט און נקמה און קיינער וועט פון זיי מער נישט לאַכן. נאָך דער באַפרייאונג האָבן מיינע הענט נקמה גענומען טאַקע אין די דייטשן... און אין ישראל, האָב איך אויף צו להכעיס אונדזערע שונאים געאַרבעט מיט זיי ביי די שווערסטע באַדינגונגען... אין אויסטראַליע האָב איך אויך געוואָלט אַרבעטן מיט די הענט און זיך באַלד צעקריגט מיט מיין עלטער־פעטער, וואָרים ס׳איז אים נישט אָנגעשטאַנען איך זאָל זיך נעמען צו עפּעס אַ מלאכה. אין מיין משפחה האָב איך געשמט פאַר אַ געלערנטן בחור, וואָס קען זיך

אויס אין די קליינע אותיותלעך... פאַרוואָס־זשע זאָל איך עפּעס אַר־בעטן ביי גערטנעריי, ביי לייגן שאָסייען, אָדער גאָר אין אַ פאַרם? — דאָס האָט מיין עלטער־פעטער, וואָס האָט זיך קוים געקענט אונטער־שרייבן, נישט געקאָנט תופס זיין.

אָבער מיר האָט אָנגענומען אַ חשק זיך דווקא צו רייצן מיט מיין געטרייען קרוב און להכעיס אים האָב איך זיך אויסגעזוכט אַ „דזשאָב" ביים פאַרריכטן די טראַמוויי־שינעס אויף די וועגן. כ'האָב געאַרבעט צוזאַמען מיט איטאַליענער און גריכן. אַז מיין עלטער־פעטער איז אַ מאָל אַדורכגעפאָרן אין זיין גרויסן אַמעריקאַנער אויטאָ לעבן אונדז און מיך געטראָפן ביי דער אַרבעט, האָט ער זיך שיער נישט באַגראָבן פאַר חרפּה...

און נישט בלויז מיין איבערגעגעבענער קרוב האָט נישט געקאָנט באַשטיין וואָס כ'האָב זיך אויסגעזוכט אַזאַ מלאכה, נאָר אויך די אַנדערע יידן אין מעלבורן האָבן דאָס נישט געקאָנט באַנעמען מיטן קלאָרן שכל. אַז ס'איז געקומען צו רייד וועגן מיר האָבן זיי אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— אָט דער אשר? ער איז נישט קיין לייט און וועט שוין קיין לייט נישט זיין! נעבטיקע טעג... די אַלע וואָס זענען געקומען מיט אים פון די לאַגערן זענען אַל־רייט... און וואָס טוט ער אויף? ער פירט זיך אויף ווי אַ יאַק! האָט נישט קיין יידישן אָדער אין זיך!...

איך האָב זיך לאַנג נישט געהאַלטן ביי מיין מלאכה, כ'האָב נישט געהאַט קיין זיץ־פלייש און ס'האָט מיך געצויגן צו טאָן עפּעס אַנדערש. איך בין אַוועק אויף אַ פאַרם, וואו איך האָב געאַרבעט אויף אַ פעלד. שפּעטער האָב איך זיך אויסגעלערנט שערן שעפּסן און איך האָב דער־ביי נישט שלעכט פאַרדינט. כ'האָב געשפּאָרט, צוזאַמענגעלייגט אַ פונט צו אַ פונט און אַז כ'האָב שוין געהאַט אַ נישטקשהדיקן באַנק־ביכל, האָב איך מיך אומגעקערט קיין מעלבורן. איך האָב זיך געקויפט אַן עלעקטרישן גראָז־שניידער און זיך פאַרנומען מיט גערטנעריי.

איין מאָל, בעת איך בין געקומען שניידן דאָס גראָז אין אַ גרויסן גאָרטן, האָב איך זי געטראָפן דאָרט זיצן צוזאַמען מיט עטלעכע ווייבער און מענער. אַזוי ווי ס'איז געווען אַ הייסער טאָג, זענען זיי אַרויס טרינקען טיי אין גאָרטן. אמת איז, אַז מיין עלעקטרישער גראָז־שניי־דער האָט זיי נישט געלאָזט רואיק פאַרברענגען און רעדן צווישן זיך, ווייל דער מאָטאָר האָט געליאַרעמט און געקנאַקט ווי אַן אַלטער קאַנאָן — אָבער מיך האָט עס געאַרט ווי די פאַראַיאָריקע בלאָטע.

פאַרקערט, איך האָב נאָך אָנגעמאַכט אַ גרעסערן גערויש. נישט איך שטער זיי, נאָר זיי שטערן מיר — האָב איך זיך געטראַכט. אַז עס געפעלט זיי נישט, קאָנען זיי אַריינגיין צוריק אין שטוב. איך האָב זיך געמאַכט באַקוועם, ווי קיינער וואָלט נישט געווען אין גאָרטן. אַזוי ווי ס׳האָט זיך געגאָסן פון מיר דער שווייס, האָב איך אַראָפּגעשלעפּט דאָס העמד פון זיך און געאַרבעט האַלב־נאַקעט. כ׳האָב געוואוסט אַז מיין פּלייצע און מיינע אָרעמס, וואָס זענען פון דער אַרבעט געוואָרן מוס־קולירט, זענען אָפּגעברענט אויף בראָנז פון דער זון — און כ׳האָב געוואָלט אַז אַלע זאָלן דאָס זען. דער עיקר זי זאָל דאָס זען...

בשעת דער אַרבעט האָב איך טייל מאָל פון דער זייט אַ בליק געוואָרפן אויף איר און כ׳האָב באַמערקט אַז זי שיידט זיך אונטער פון אַלע מיט איר אויסזען און מיט איר פירן זיך. זי איז פּרויאיש־צאַרט, אָבער זי פאַרמאָגט עפּעס קרענקלעכס אין אירע באַוועגונגען. אויך אירע שאַטינע האָר זענען אַדורכגעוואָרפן מיט זילבער, געשוירן קורץ ווי נאָך אַ קרענק. דערפאַר זענען אירע זילבער־העלע אויגן אַזוי לוי־טער און פלאַטערן אַרום איר פּנים מיט פיל מילדקייט. איך האָב געהאַלטן אַז איך בין זייער פאַרהאַרטעוועט און ס׳זענען מיר געפעלן פרויען, וואָס זענען געווען דער היפוך פון מיר. זי איז מיר באַלד גע־וואָרן נאָענט. כ׳האָב דערפילט, אַז נאָר זי וועט מיך פאַרשטיין; זי וועט וויסן פאַר וואָס איך האָב זיך גענומען צו אַזאַ שווערער אַרבעט און נישט געוואָלט זיין אַ ביורא־אָנגעשטעלטער ביי מיין עלטער־פעטער אין פאַבריק...

— איר ווילט טרינקען טיי? גיבן אייך אַ קאַפּ אָף טי? איר מוזט זיכער זיין דורשטיק. — האָב איך אינעם גערויש פון דעם מאָטאָר דערהערט אַ קול. איך האָב אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר, כדי בעסער צו הערן און דערזען דעם באַלעבאָס פונעם הויז הינטער מיר.

ווען איך בין געזעסן אויף אַ שפּיץ פון דער וועראַנדע און גע־טרונקען טיי, האָט מיך דער באַלעבאָס פאָרגעשטעלט פאַר די געסט. ער האָט מיך אויך פאָרגעשטעלט פאַר איר און געזאָגט מיט ערנסט און אַ צומיש פון אַ קאַפּעלע לצנות:

— דאָס איז פרידע און דאָס איז אשר... אשר איז ביי אונדז אַ יוצא מן הכלל... ער איז איין פּראָלעטאַריער צווישן לויטער יידישע פאַבריקאַנטן... מען דאַרף אים אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ... די יאַיק־לעך קענען שוין נישט זאָגן אַז אַלע יידן נעמען זיך צו לייכטע פּרנסות...

איך האָב אָפּגעווישט די האַנט אין די הויזן און אַ דריק געטאָן

אירע לאַנגע איידעלע פינגער. כ'האָב דאָס געטאָן אומגעלומפּערט און צו שטאַרק אַ קוועטש געגעבן איר האַנט, מחמת אַלץ איז געשען אַזוי אומגעריכט און איך האָב זיך אַ ביסל פאַרשעמט. שפּעטער, ווען איך האָב שוין צוריק געהאַלטן דאָס הענטל פון דעם גראָז־שניידער אין מיינע הענט, האָב איך אַלץ געפילט דעם איידעלן באַריר פון אירע פינגער, וואָס האָט אַזוי אָנגענעם־פיבערדיק געריזלט אין מיינע אברים. כאָטש איך האָב נישט געקוקט אין איר זייט אַריין און מיינע אָנגע־שטרענגטע, פון דער זון צעצונדענע אויגן האָבן געקלעפּט צום גראָז־שניידער, האָב איך אין די אָפּגעהאַקטע שטיקלעך גראָז וואָס זענען געשפּרונגען פאַר מיר, כסדר געזען דעם מילדן און איבערגעשראָקענעם פלאַטער פון אירע זילבער־גרויע אויגן.

— האָסט מיך ליב? זאָג, צי דו האָסט מיך ליב?... — האָב איך מיט אַ מאָל דערפילט ווי עס נעמען מיך אַרום אַ פּאָר ווייכע, גלאַטיקע אָרעמס. איך האָב אויפגעריסן די אויגן און דערזען לעבן מיר אַ קליין מיידעלע מיט שטיפערישע חן־גריבעלעך איןביידע באַקן. אין דער ערשטער רגע האָב איך נישט געוואוסט וואו איך געפין זיך, אָבער באַלד האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך בין אין אַעראָפּלאַן. דאָס מיידעלע האָט מיך פאַרוואָרפן מיט קשיות:

— ביסט געשלאָפן? פאַר וואָס ביסטו געשלאָפן? וואָס האָט זיך דיר געחלומט? מיר פאָרן קיין ישראל און מען טאָר נישט שלאָפן!... דער טאַטע נעמט מיך קיין ישראל, כ'זאָל זען דאָס שיינע לאַנד, וואָס יידן האָבן אויפגעבויט... צי האָסטו געזען אין חלום אונדזער לאַנד? זאָג מיר... דו פאָרסט דאָס ערשטע מאָל מיט אַן אַעראָפּלאַן?...

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צום דזשענטלמען? וואָס לאָזסטו אים נישט צו רו? ער איז געשלאָפן און דו האָסט אים אויפגע־וועקט! אַ דרייסטקייט פון מיין טאָכטער צו פאַרטשעפּען פרעמדע מענטשן און דווקא מענער... — האָב איך דערהערט דאָס ווייבערישע קולעכל פון דעם מאַנספאַרשוין וואָס האָט געשמועסט מיט מיין שכן.

דאָס מיידעלע האָט מיך אָבער נישט אָפּגעלאָזט און ווייטער אַריינ־גערעדט אין מיר. זי האָט זיך אפילו אַרויפגעזעצט אויף מיינע קניען און ווידער געשטעלט פאַרשידענע קשיות. ס'האָט נישט לאַנג גע־דויערט און ס'איז צו אונדז צוגעקומען איר ברודערל, וואָס איז לכת־חילה געווען נישט דרייסט, נאָר באַלד זיך אויך אַרויפגעזעצט אויף מיר און געווען אייפערזיכטיק אויף דער שוועסטער וואָס טוליעט זיך צו מיר. דאָס ייִנגל איז געווען זייער דיק, מיט ווייבעריש־גראָבע פיס,

וואָס האָבן אויסגעשטופּט די ענגע קורצע הייזלעך. ער האָט מיך געדריקט מיט זיין שווערער משא.

— זאָג אַז דו האָסט מיך אויך ליב... פאַר וואָס האָסטו בלויז ליב מיין שוועסטער? — האָט דער קליינער געהאַט צו מיר טענות — אַלץ כאַפּט זי ביי מיר צו! אַלץ וויל זי האָבן!

— איר מוזט זיי „עקסקיוזן”... — האָט זיך צו מיר געוואָנדן דאָס ווייבערישע קולעכל — דאָס זענען נאָך קינדער... „בייביס”... זיי זענען זייער „עקסייטעט” וואָס זיי פאָרן קיין ישראל... איר מוזט זיי מוחל זיין...

איך האָב זיי מוחל געווען, אָבער ס'איז שוין געווען אַ ביסל צופיל. נישט גענוג וואָס די קינדער זענען געזעסן אויף מיר — דער עיקר דאָס בחורל מיט דער שווערער משא — האָבן נאָך די עלטערן אַריינ־געגרעגערט אין מיינע אויערן. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די פרוי פון דעם מאַנספאַרשוין מיטן ווייבערישן קולעכל קען העברעאיש רעדן ווי אַ וואַסער און דערצו נאָך מיט דער הברה ספרדית. אין ישראל וועט זי זיך פילן מיט איר עברית ווי אַ פיש אין וואַסער. זי האָט זיך טאַקע נישט געפוילט און שוין אין אַעראָפּלאַן אָנגעהויבן צו רעדן צו יעדן איינעם העברעאיש, צי יענער האָט פאַרשטאַנען, צי נישט. די גרייזן האָבן געלעכערט די אויערן. ס'קאָן זיי אַז טאַקע צוליב איר העברעאיש האָב איך געוואָלט פּטור ווערן פון אירע קינדער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף מיר ווי ביים טאַטן אין ווייגאַרטן. כ'האָב געהאַט חשק אַ קניפּ טאָן דאָס דיקע ייִנגל אין דעם ברייטן געזעס, אָבער כ'האָב זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות. כאָטש איך בין נישט שווה־בשווה געוועזן מיט די יידן מכמה טעמים, האָב איך דאָך נישט געוואָלט אויס־קומען אין זייערע אויגן ווי אַ פּרא־אדם און כ'האָב אַפּנים אויך געוואָלט נושא־חן זיין ביים קליינוואַרג...

איך האָב זיך באַמת נישט צו הערן וואָס די קינדער און וואָס די עלטערן רעדן און מיין בליק איז געבליבן הענגען אויפן פענצטער. כ'האָב זייער געוואָלט וויסן, צי פרידע געפינט זיך אין אַעראָפּלאַן, צי דאָס איז בלויז געווען מיינס אַן אויסדאַכטעניש. מיינע אויגן האָבן געוואָנדערט דאָרט אַהין וואו זי איז געזעסן, נאָר כ'האָב גאָרנישט געקענט זען. האָב איך זיך אויפגעהויבן און זיך אַדורכגעשפּאַצירט אַ ביסל איבערן אַעראָפּלאַן. איך האָב געפילט ווי ס'באַזעצט זיך אין מיר אַ מורא און די הענט און די פיס ציטערן ביי מיר. איך האָב זי דערזען. דאָס איז טאַקע געווען זי... זי האָט געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן און

איז געשלאָפֿן רואיק, ווי אַ קינד. די שאַטינע האָר, אַדורכגעוואָרפֿן געדיכט מיט זילבער, זענען געווען צעוואָרפֿן אויפֿן אָנלען פֿון דעם זיץ־פּלאַץ. זי האָט לייכט געאָטעמט און דאָס זשאַקעטל האָט זיך ביי איר געהויבן אַרויף און אַראָפּ. איך בין שנעל אַוועק פֿון איר, גלייך איך וואָלט מורא געהאַט אַז איך קאָן זי נאָך אויפֿוועקן. איך האָב זי שוין אַ מאָל געזען שלאָפֿן, נאָר דעמאָלט איז זי נישט געווען אַזוי רואיק ווי היינט... דאָס איז געווען ביי איר קרוב, וואו איך בין געקומען שניידן דאָס גראָז. זי האָט דאָרט געוואוינט אין „באַנגעלאָו" וואָס איז געשטאַנען אין גאָרטן. איך האָב זי שוין געהאַט געטראָפֿן אַ סך מאָל, נאָר מיר האָבן ווייניק צווישן זיך גערעדט. געוויינטלעך בין איך גע־קומען צו איר קרוב אין דער צייט ווען זי איז געווען אין דער היים, כ'זאָל זיך מיט איר אָנטרעפֿן. דאָס מאָל האָב איך זיך נישט גערעכט, אַז זי וועט זיין אין איר שטיבל. ווי נאָר איך האָב זי דערהערט, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַן אומרו. דאָס געפֿיל איז מיר געווען באַקאַנט; אַלע מאָל איז מיר באַפֿאַלן אַזאַ ציטערדיקע בענקשאַפֿט ווי נאָר איך האָב זי דערזען.

ווייזט אויס, אַז פרידע האָט זיך נישט געפֿילט מיט אַלעמען אָרט איז זיך אין מיטן טאָג געגאַנגען צולעגן. איך האָב שוין רואיק נישט געקאָנט אַרבעטן און מיינע הענט האָבן זיך געטרייסלט. איך האָב גע־הערט אַלץ וואָס טוט זיך אין דעם שטיבל. מיין אָנגעשפּיצטער בליק האָט דורכגעשטאָכן די וואַנט און איך האָב געזען ווי זי טוט זיך אויס. זי שלעפּט אַראָפּ דעם פּולאָווער איבערן קאָפּ און די קורץ־געשוירענע האָר ווערן ביי איר צעשויבערט. דער האַלדז און די אַקסלען זענען ביי איר נאַקעט. דערנאָך לאָזט זי אַראָפּ דאָס קליידל, וואָס בלייבט ליגן ביי אירע פֿיס. פּלוצים האָט זיך דער ראָלעט פֿאַרהויבן אין ווינט און איך האָב זי דערזען אַן אויסגעטועטע. זי איז אַזוי צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און פֿאַרצויגן דאָס פֿאָרהענגל. האָט זי מיט אַ כוונה דאָס געטאָן? אָדער זי קרעמפּירט זיך נישט פֿאַר מיר מחמת איך בין אַ גערטנער? די פּריצטעס האָבן זיך נישט געשעמט פֿאַר זייערע באַדי־נער.ו איך האָב זי פֿיינט באַקומען און נישט געוואָלט מער פֿון איר קלערן.

ווען זי איז אָבער שוין געלעגן אין בעט און זיך געדרייט אין שלאָף, האָב איך אויף איר רחמנות באַקומען. דאָס פֿאָרהענגל האָט געפֿלאַטערט אין ווינט און איך האָב געזען איר בלאַס פּנים וואָס האָט אויסגעדריקט פּיין. מן־הסתם האָט זי זיך ווידער צעווערטלט מיט איר

באַקאַנטן, וואָס פלעגט אַזוי אָפּט צו איר קומען. כאָטש זי האָט אים אויסגעמיטן, איז ער איר נאָכגעלאָפן. איך האָב דאָס נישט איין מאָל באַמערקט. איך האָב אויך באַמערקט, אַז זי איז פון דעסטוועגן נישט גלייכגילטיק צו אים. ווען זי דערזעט אים, בייט זיך די מראה אויף איר פנים...

אָבער פאַר וואָס זעט זי מיך נישט? כ'האָב געהאַלטן אַז כ'פאַרמאָג געננוג מעלות וואָס זי דאַרף דערזען. צי שטויסט זי זיך נישט אָן, אַז איך אַרבעט ביי גערטנעריי וואָרים איך וויל זיין אַנדערש פון די אַלע וואָס רינגלען זי אַרום? צי באַמערקט זי נישט, אַז איך בין אַ הויכער, אַ געזונטער און מיין שוואַרץ־אָפּגעברענט פנים פאַרמאָגט איידלקייט? ווען זי גיט אַ בליק אַריין אין מיין בחורישער שטוב, וואָלט זי זיך אָנ־געטראָפן אויף אַ סך ביכער, וואָס שטייען נישט בלויז ווי אַ צירונג, ווי אין אַנדערע הייזער, נאָר איך לייען די ביכער ביז שפּעט ביי נאַכט...

נישט איין מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, ווען איך בין געלעגן אויף מיין בחוריש בעטל און מיינע צעצונדענע פיבערדיקע מחשבות זענען געווען פול מיט איר, אַז עס מאַכט זיך אויף די טיר און זי קומט אַריין צו מיר אין שטוב. זי זעצט זיך שטיל אַוועק לעבן מיר און פונקט אַזוי שטיל רופט זי זיך אָן אַז זי פאַרשטייט מיך. דערנאָך לענט זי זיך צו אויף מיין בעטל און זי בלייבט שוין מיט מיר אַ גאַנצע נאַכט.

אַכטונג!... אַכטונג! — האָט דער הילכער אינעם אַעראָפּלאַן מיט אַ מאָל וואָרנענדיק אַ כאָרכל געטאָן — מאַכט צו די פאַרזיכערונגס־פאַסקעס! רויכערן איז פאַרבאָטן! אויב מען וועט דאַרפן, ליגן ביי יעדן גרייט פאַפירענע בייטלען... מאַכט צו די פאַרזיכערונגס־רימענס... אַכטונג... אַכטונג!...

איך האָב אויסגעפּילט דעם באַפעל, זיך אַריינגערוקט טיפער אי־נעם געזעס. דער אַעראָפּלאַן האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו רוישן און מ'האָט געהערט ווי ער ראַנגלט זיך מיטן ווינט. פון מאָל צו מאָל האָט זיך געדאַכט, אַז דער מאָטאָר האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן און דער אַעראָפּלאַן האָט פאַרלוירן דעם וועג. אויף אַ רגע האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז מיר פאַלן ערגעץ אַראָפּ אָבער באַלד האָט זיך דער אַעראָפּלאַן אַ ריס אַרויף געטאָן צוריק אין דער הויך און זיך בלויז לייכט גע־וואַקלט. ס'איז געווען אַזוי שטיל, גלייך ס'וואָלט זיך דאָ נישט געפונען קיין לעבעדיקער נפש. אַן אויסגעצויגן־היסטעריש געשריי פון אַ פרוי און אַ פלוצימדיק־איבערגעשראָקן געוויין פון אַ קינד האָבן נאָך בולטער געמאַכט די טויטע שטילקייט, וואָס האָט זיך לאַנג געצויגן. כ'האָב

דערפילט אַ מידקייט אין די ביינער און די שטילקייט האָט מיך איינגעשלעפערט. כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט ערשט דענסטמאָל ווען דער אַעראָפּלאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין באַנגקאָק.

אין באַנגקאָק האָט אַ לייכטע היץ איינגעוויקלט דעם פלי־פּלאַץ אין אַ צעפּראַלטן נעפּל. פון די מענטשן האָט זיך געגאָסן דער שוויס. יידן האָבן באַלאַגערט די קיאָסקן כדי איינצוהאַנדלען מציאות. זיי האָבן באַקוקט די אַלע שניצערייען, קרעלן, בראָשקעס און איינגעקויפט מתנות פאַר זייערע משפחות און באַקאַנטע אין ישראל. דאָס מיידעלע, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעזעצט אויף מיר אין אַעראָפּלאַן, איז געווען באַהאָנגען מיט פאַרשידענע צאַצקעס וואָס די עלטערן האָבן איר געקויפט און זי האָט מיר געשטופּט דאָס אַלץ אין פּנים אַריין. איר אויסגעפּאַשעט ברודערל מיט די נאַקעטע, אָנגעטאָפּטשעט־דיקע פּיס איז באַלד געוואָרן אייפערזיכטיק אויף דער שוועסטער און מיר געשטופּט זיינע שפּילעכלעך צום פּנים. די מוטער פון די קינדער האָט אָבער גאָר נישט אין זינען געהאַט. מחמת דער היץ האָט זי אפילו אויפגעהערט צו רעדן עברית, געבאָזן נאַכאַנאַנד מיטן מויל און געריסן פון זיך דאָס קליידל, וואָס האָט זיך איר געקלעפּט צום לייב.

* * *

איך האָב געטראָפן פרידען זיצן אויף אַ שטול אינעם גרויסן וואַרטזאַל. איר פּנים איז געווען זייער בלאַס און האָט אויסגעדריקט מידקייט. לכתחילה האָט זי מיך אָנגעקוקט מיט חידוש, גלייך זי וואָלט זיך נישט געריכט מיך דאָ צו טרעפן. באַלד האָט זי מיך מיט די אויגן פאַרבעטן צו זעצן לעבן זיך.

— כ׳האָב עפּעס יאָ געוואוסט און נישט געוואוסט, אַז איר פאָרט קיין ישראל — האָבן אירע אויגן מיך אָנגעקוקט מיט דער צופרידנקייט פון אַן איינזאַמען פּאַסאַזשיר, וואָס טרעפט זיך אָן אויף אַן אַלטן באַקאַנטן ערגעץ אויף אַ ווייטער סטאַנציע — ווען כ׳וואָלט דאָס זיכער געוואוסט, וואָלטן מיר זיך אויסגעקליבן צוזאַמען... ס׳איז אָנגענעמער צו פאָרן אין איינעם... נישט אַזוי? — האָט זי מיר מיט אַ פרעגנדיקן שמייכל אַריינגעקוקט אין פּנים.

— אוודאי... זיכער... — האָב איך פאַרלוירן געשטאַמלט און צוליב איר דרייסטן זאָג זיך פאַרשעמט, אַז כ׳האָב נישט געקאָנט צונויפקלייבן די ווערטער.

איר דרייסטקייט האָט מיך צעמישט. כ׳האָב נישט געקאָנט קוקן איר גלייך אין פּנים אַריין און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. דאָס איז דאָך

געווען מיין חלום זי זאָל פאָרן מיט מיר צוזאַמען און ס'האָט מיר גאָר נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז דער חלום קאָן אַ מאָל מקוים ווערן. צי מאַכט זי פון מיר חוזק? צי האָט זיך דאָס גלאַט ביי איר אַרויסגעכאַפּט? זי פלעגט מיך קיין מאָל נישט זען. אמת איז, אַז אויך דעם באַקאַנטן, וואָס איז צו איר געקומען, האָט זי אויסגעמיטן. נאָר דאָס איז געווען עפּעס אַנדערש. דאָס האָט זי געטאָן מיט אַ כוונה — אים אויף להכעיס. וואָס־זשע איז זי אַליין געפאָרן קיין ישראל און פּלוצים זיך אָנגערופן צו מיר, אַז זי וואָלט זיך אויסגעקליבן מיט מיר צוזאַמען? און אפשר... אפשר איז זי אויך צו מיר נישט גלייכגילטיק און בלויז געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי קען מיך נישט. ס'האָט מיך זייער פאַרדראָסן וואָס זי האָט גערעדט צו מיר איצט אויף אַזאַ אופן ווי זי וואָלט זיך אין גאַנצן נישט גערעכנט מיט מיינע געפילן. כ'האָב זיך צוזאַמענגענומען און איר געוואָלט ווייטאָן, פּונקט ווי זי האָט מיר ווי געטאָן:

— פאַר וואָס עפּעס גראָד מיט מיר? — האָב איך אַ זאָג געטאָן מיט געמאַכטן קוראַזש, אָבער כ'האָב געפילט ווי דאָס קול ברעכט זיך ביי מיר — איר קענט מיך אַזוי ווייניק... פאַר וואָס זייט איר נישט גע־פאָרן מיט אייער פריינד, וואָס איז אַלע מאָל צו אייך געקומען?...

ס'זעט אויס אַז כ'האָב געטראָפן אין פּינטל אַריין, וואָרים זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. דאָ איז איר פּנים נאָך בלאַסער געוואָרן און דאָ האָט זיך עס פאַרדעקט מיט אַ קרענקלעך־געלער מראה. זי האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגן, זיך אויפגעשטעלט, זיך צוריקגעזעצט און מ'האָט געקאָנט זען אַז זי פירט מיט זיך אַ געראַנגל. מיר האָט שוין באַלד באַנג געטאָן וואָס כ'האָב איר אַריינגעזאָגט און כ'האָב דערפילט צו איר אַ רחמנות. אָבער מיט אַ מאָל האָט זי אָנגעהויבן צו רעדן, אַרויסצו־וואַרפן פון זיך שנעלער די ווערטער, גלייך זי וואָלט וועלן פון זיי וואָס גיכער פטור ווערן.

— איך פאָר קיין ישראל טאַקע צוליב מיין באַקאַנטן!... — האָט זי געזאָגט און מען האָט געזען אַז די רייד פאַרשאַפן איר פּיין — כ'פאָר נישט אַזוי ווייט צו באַזוכן די מדינה ווי צו אַנטלויפן פון מיין חבר, צו זיין וואָס ווייטער פון אים! אפשר טאַקע דערפאַר וואָס איך האָב אים נאָך אַלץ ליב, ווייל איך זיין וואָס ווייטער פון אים. כ'קען אים נישט פאַרגעבן די זינד וואָס ער איז אַ מאָל באַגאַנגען לגבי מיר. זינט דעמאָלט האָב איך אַזוי פיל איבערגעלעבט, אָבער איך קען אים אַלץ נישט מוחל זיין...

זי איז אויף אַ רגע שטיל געוואָרן, אָבער באַלד האָט זי אָנגעהויבן

ווייטער צו רעדן, אויפגעהויבן דאָס קול, גלייך זי וואָלט זיך אויף מיר געבייזערט. בעת מעשה זענען אירע באַוועגונגען געוואָרן פאַרשאַרפט, אָנגעשפּיצט און אירע זילבערנע אויגן האָבן אָנגעוואוירן די פרויאישע מילדקייט און עס האָט זיך אין זיי באַוויזן אַ קאַלטער, שטאָלענער שימער. אין איר געבייזער האָט זי אויסגעזען קרענקלעך, אָבער דווקא דאָס האָט מיך שטענדיק אַזוי שטאַרק צוגעצויגן כ׳זאָל זי באַגערן.

— ער האָט מיך אַ מאָל טיף באַליידיקט, נישט בלויז באַליידיקט ווי דערנידעריקט, דער חבר מיינער... דעמאָלט האָט ער אַרויסגעוויזן זיין אמתדיק פּנים... — האָט זי געוואָרפן די ווערטער און זיך ווי גע־ישובט, צי זי זאָל פאַר מיר פאַרטרויען, צי נישט — מיר זענען געווען אַלטע באַקאַנטע... אַרומגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט און זיך געקליבן חתונה צו האָבן... ער האָט פאַרקערט אין די סטודענטישע קרייזן אין וואַרשע... איך האָב שטענדיק געמיינט, אַז ער איז אַ גאַנצער העלד... אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן. אָבער ווייזט אויס, אַז כ׳האָב געהאַט אַ טעות. דאָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, ווען מען האָט געמיינט, אַז מיינע לונגען זענען אָנגעגריפן... אַז כ׳האָב טובערקולאָז... מען האָט מיך אַרויסגעשיקט קיין אָטוואָצק אין אַ סאַנאַטאָריע... ער איז צו מיר בלויז איין מאָל געקומען און שפּעטער האָב איך אים שוין מער נישט געזען... ער איז שטענדיק געווען דער מאַמעס אַן אָפּגעצערט זינדל און עס זעט אויס, אַז די מוטער האָט געהאַט אויף אים אַן השפעה און אים אָפּגערעדט פון מיר... צו וואָס זאָל ער איינשטעלן דאָס געזונט?...

פרידען האָבן די אייגענע ווערטער ווי געטאָן: זי איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. ס׳איז מיר אַדורך אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז מן־הסתם איז זי נישט גלייכגילטיק צו מיר, אומזיסט וואָלט זי מיר דאָס אַלץ נישט דערציילט. נאָר פאַר אַ נאָענטן מענטש פאַרטרויט מען זיך אויף אַזאַ אופן. בשעת איך האָב געטראַכט מיינע מחשבות, האָב איך צוריק דערהערט איר קול, וואָס איז שוין געווען שטיל און איינגעהאַלטן:

— כ׳געדענק ווי כ׳האָב געבענקט נאָך אים... כ׳בין געזעסן ביים פענצטער אין דער סאַנאַטאָריע, געקוקט אויף די פאַרשנייטע נאָדל־ביימער און אויסגעקוקט ער זאָל קומען... אָבער ער איז נישט געקו־מען... ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה... מען האָט מיך גענומען אין לאַגער... כ׳בין אפנים נישט געווען קראַנק, ווייל איך האָב דורכגע־לעבט אַלע צרות און לייד... מיין חבר האָב איך צופעליק געטראָפן אין מעלבורן... כ׳האָב גאָר נישט געוואוסט אַז ער לעבט... נישט גע־

וואוסט אַז ער געפינט זיך אין אויסטראַליע. כ׳האָב אים נאָך אַלץ ליב, כאָטש איך האָב אים אַזוי גוט דערקענט... כ׳קען אים אָבער נישט מוחל זיין די עוולה, וואָס ער איז באַגאַנגען לגבי מיר... ער לויפט מיר נאָך, בעט און חלשט, נאָר כ׳קען נישט זיין מער מיט אים צוזאַמען. איך האָב אים אפילו קיין מאָל נישט אַנטפּלעקט די סיבה... ווער ווייסט צי ער שטויסט זיך אָן. כ׳פאָר קיין ישראל נישט אויף אַ באַזוך. מסתמא וועל איך שוין דאָרט פאַרבלייבן...

זי האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן ווי דער הילכער האָט אָנגעזאָגט, אַז מיר דאַרפן איינשטייגן אין עראָפּלאַן. אַז מיר זענען אַרויס פון וואַרטזאַל האָט אונדז צוריק אַרומגעכאַפּט די פייכטע היץ. דער נעפּל איז שיטערער געוואָרן און האָט זיך געדריוולט ווי אַן אָפּגעטראָגן בגד. די פּאַסאַזשירן זענען איינציקווייז אַריין אין עראָפּלאַן. דאָס מיידעלע מיטן ברודערל זענען געווען באַלאָדן מיט די מתנות און זיי זענען געווען פריילעך ווייל זיי קלויבן זיך ווייטער אין וועג אַריין. איידער פרידע האָט זיך געזעצט אויף איר אָרט, האָט זי צו מיר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט וואָס זי האָט צוגענומען מיין צייט. דער עראָפּלאַן האָט שטאַרק גערוישט און דער הילכער האָט געמאָלדן מיר זאָלן צומאַכן די פאַרזיכערונגס-גאַרטלען.

איך בין געזעסן אויף מיין פּלאַץ און געטראַכט אַז כ׳וועל בלייבן אין ישראל. פרידע איז זיכער קראַנק. זי איז געווען בלייך, ווען זי האָט זיך אַראָפּגערעדט פאַר מיר פון האַרץ. דער קאַצעט האָט איר זיכער נישט געבערענגט קיין געזונט... אָבער איך האָב נישט קיין מורא; כ׳וועל זי אָפּהיטן און טאָן פאַר איר אַלץ. מיינע הענט זענען אין לאַגער געווען באַדעקט מיט וואונדן און האָבן אויסגעזעען ווי פאַרבלוטיקטע שמאַטעס. כ׳האָב דעמאָלט צו מיר געזאָגט, אַז די הענט וועלן זיך מיר אויסהיילן און כ׳וועל אַרויס פון לאַגער, וועל איך מיט זיי טאָן שווע-רע אַרבעט און כ׳וועל נקמה נעמען אין די דייטשן. דעם צוזאָג האָב איך געהאַלטן. עטלעכע פאַרשווינען פונעם הערן-פּאָלק האָבן זיך פאַר מיר געבוקט, געלעגן ביי מיינע פיס, כ׳זאָל זיי שענקען דאָס לעבן. מיט די הענט האָב איך שווער געאַרבעט אין אויסטראַליע. איצט וועל איך מיט זיי אַרבעטן אין ישראל. כ׳וועל מער פון דאָרט נישט אַוועק. דער עראָפּלאַן האָט נאָך אַלץ גערוישט. כ׳האָב געפילט ווי ער רייסט זיך הויך צו די הימלען...

זאָרגן פון מאַוריצי פידלער

ער איז געלעגן אין בעט און זיך איינגעהערט אין דער נאַכטיקער שטילקייט, וואָס האָט געפליסטערט צו אים מיט אָן אַ שיעור שטימען. עס האָבן זיך טויב אָפּגעשלאָגן אין זיינע מידע אויערן די אויסגייענדיקע טענער פון אַ ווײַנענדיקן פידל אויף אַ היימישער חתונה, די פאַרבאָרגן־אָפּשטאַרבנדיקע קלאַנגען פון אַ טורעם־זייגער אויף אַ פּוסטן מאַרק־פּלאַץ און דאָס בענקענדיק־פּחדימדיקע פייפן פון אַ באַן ערגעץ אויף ווייטע וועגן. דאָס ווייב איז געשלאָפן אין שכנותדיקן בעט — זי איז געשלאָפן אַזוי שטיל, אַז ער האָט קוים געהערט איר אָטעמען. טאָמער איז ער פון מידקייט אַנדרימלט געוואָרן אויף עטלעכע רגעס האָבן אים באַלד אויפגעוועקט די קעץ, וואָס האָבן זיך געדראַפּעט אויף פאַרקנס, זיך געפּאָרט ביי די מיסט־בלעכן און געלאָפן איבער דעכער. ביים פראַוועןן זייערע ליבעס האָב זיי געוויינט מיט באַנומענע קולות, גלייך ס'וואָלטן זיך געריסן קינדער אין די וויגן. ס'איז אָנגעפאָרן אַן אויטאָ און ס'איז פון דאָרט אַרויס אַ פּאַרליבט פּאָרל, וואָס האָט זיך געגנומען שושקען ביים טויער. מאַוריצי פידלער האָט זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע, כדי נישט צו הערן די שושקערייען — אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. ער האָט דייטלעך געהערט דאָס שעפּטשען פונעם פּאָרל און געזען וואָס דער בחור מיטן מיידל טוען דאָרט אָפּ אין דער פינצטער.

— און נאָטקע איז נאָך אַלץ נישטאָ! ס'איז שוין אַזוי שפּעט און זי איז נאָך נישט געקומען! — האָט ער זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער און הויך אַ זאָג געטאָן צו זיך — פון די קינאָס איז מען שוין אַהיים געגאַנגען... די קאָפּע־הייזער זענען שוין געשלאָסן... אָבער זי איז נישטאָ! וואָס וועט זיין דער סוף מיט דעם מיידל?!

— דו פּאָפּסט! ס'אַרט דיך גאָרנישט! — האָט מאַוריצי אַראָפּגעלאָזט זיינע ביינערדיקע פיס פון בעט, געזוכט די שטעק־שיך און אַ געשריי געטאָן אויפן שלאָפנדיקן ווייב — כ'ווייס נישט ווי דו קענסט אַזוי רואיק שלאָפן ווען די מויד שלעפּט זיך אַרום ערגעץ ביז אַזוי

שפּעט איר דער נאַכט... זי האָט זיך שוין אויסגעזוכט אַן אַנדער יונג! כ'האָב אַליין געזען ווי ס'פּירט זי אָפּ אַ שייגעץ אַהיים!

מאַוריצי האָט זיך צוגעשאַרט צום ווייבס בעט, זיך איינגעהערט צי זי שלאָפט און אַז ער האָט געזען ווי זי ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן און אָטעמט שטיל, איז אים מיט אַ מאָל באַפאַלן אַ גרויסער כעס. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אין דער האַנט אַריין דעם גראָבן שטעקן מיט דער זיל־בערנער גאַלקע, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען לעבן זיין בעט און זיך ווי פאַרמאָסטן אויפן ווייב. ער האָט אָבער דעם שטעקן אויף איר נישט אַראָפּגעלאָזט, בלויז אַ פּאָר מאָל מיט אים אַ זעץ געטאָן אין דער פּאָד־לאָגע, אַז די שויבן האָבן אַ ציטער געטאָן. דאָס ווייב איז ווייטער רואיק געשלאָפן ווי קיין מאָל גאָר נישט. אירע פאַרפלאַמטע בעקעלעך האָבן אין שלאָף געשמייכלט, ווי זי וואָלט געהאַט זיסע חלומות...

— ביסט אַלטפרענקיש, טאַטע! צוריקגעשטאַנען... ביסט נישט פון דער היינטיקער וועלט! — האָט ער מיט אַ מאָל דערהערט דער טאָכטערס קול, וואָס איז געווען זייער געלאַסן, אָבער דווקא די געלאַסנ־קייט האָט אים אַלע מאָל אַרויסגעבערענגט פון די כלים — דו דאַרפסט מיך נישט היטן... כ'בין שוין אַ דערוואַקסן מיידל... כ'גיי אין אוני־ווערסיטעט...

ער האָט זיך דערמאָנט אַז דאָס זעלבע, וואָס די טאָכטער זאָגט צו אים היינט, פלעגט ער מיט יאָרן צוריק אין יאַבלאָוו זאָגן צו זיין אַלטער מאַמען. זי האָט געטראָגן אַ גרויס שייטל אויפן קאָפּ און איז געזעסן אין אַ ווינקל און געזאָגט עפּעס אַרויס פון אַ צעשיטן טייטש־חומש. ווי נאָר זי האָט דערפילט, אַז ער איז דאָ אין שטוב, האָט זי אים געזאָגט מוסר, נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון טייטש־חומש:

— וואָס וועט זיין פון דיר דער תכלית?... האָסט דיך אָנגעזעצט אויף אַן אַלטער מאַמען, אַן אלמנה און זויגסט ביי איר דאָס בלוט! וואָס שלעפּסטו זיך אַרום מיט אַזוי פיל מיידן... שוין צייט זאָלסט חתונה האָבן, פאַרדינען אַ גראָשן און ווערן אַ לייט מיט לייטן צוגלייך. עך האָב שוין נישט קיין כוח אויסצוהאַלטן אַזאַ גרויסן יונג ווי דו ביסט...

ער האָט דעמאָלט געענטפערט דער מאַמען דאָס זעלבע, וואָס די טאָכטער ענטפערט אים היינט:

— ביסט אַלטפרענקיש, מאַמע! דו ביסט נישט פון דער היינטי־קער וועלט... גלייבסט אין זאַבאַבאָנעס.. ביסט צוריקגעשטאַנען און דו קענסט מיך נישט פאַרשטיין...

די מאַמע האָט געגערדט אירס און ער האָט זיך ווייטער געטאָן זיינס. כאָטש ער האָט געלעבט אויף דער מאַמעס אָרעמע געלטער, וואָס עס איז איר געבליבן פון דעם טאַטן, האָט ער זיך געהאַלטן אין איין פּוצן. ער האָט געהאַט אין שטאָט אַ שם מיט די אָנצוגן, וואָס ער האָט גע־האַלטן אין איין טוישן. דאָ האָט ער אַרומפּאַראַדירט אין אַ יעגער־אַנצוג מיט ברייטע בופן־הויזן און אין אַ גרין קאַפּעליושל מיט אַ לאַנגן פעדער אויפן קאָפּ; דאָ איז ער ווידער אַרויס שפּאַצירן אויפן „קאָרזאָ" אין אַ גראַנאַט געפּאַסט רעקל מיט גאָלדענע קנעפּ, ווי עס טראָגן שיפס־קאַפּיטאַנען. דעמאָלט האָט ביי אים געשטעקט אין מויל אַ קליין אויסגעבויגן פּייקעלע ווי ביי די ים־לייט. זיינע שאַליקלעך, וואָס זענען געווען זייער רוישיק און האָבן פּאַרמאָגט אַלערליי קאָלירן, פלעגט ער פּראַנטיש פאַרוואַרפן אַרום האַלדז און די עקן האָבן געפלאַטערט אין ווינט, ווי פליגל. זומער איז ער אַרומגעגאַנגען אין ווייסע שטייף־אויסגעפּרעסטע הויזן, אין ווייסע „מעשטעס" און אין אַ שטרויען־העלן הוט. ווינטער האָט ער געטראָגן געטרעס און אַ מעלאָניק, כאָטש די אויערן זענען אים אָפּגעפרוירן געוואָרן...

מאָוריצי פידלער האָט קיין מאָל נישט פאַרמאָגט קיין גראָשן ביי דער נשמה און מען האָט נישט געוואוסט פון וואַנען עס קומען צו אים די אַלע טייערע זאַכן. ער האָט אייביק אָפּגעוואַרט אַ פּאַסיקע געלעגנ־הייט, ער זאָל קאָנען כלאחר־יד אַ פרעג טאָן זיינס אַ חבר:

— אפשר ביסטו רייך אין אַ פּאָר זלאָטעס, קאָלעזשקאָ? בלויז אויף אַ פּאָר טעג וויל איך ביי דיר כאַפּן אַ גמילת־חסדל... כ'האָב אַ ראַנדקע מיט אַ שיין קינד פון דער גימנאַזיע — האָט ער איינגערוימט דעם חבר אַ סוד אויפן אויער — אַ מיידל בלוט און מילך... צום שלימזל האָב'ך איבערגעלאָזט דעם טייסטער אין דער היים...

תחילת האָט מען אים געגלויבט, געבאָרגט אים דאָס געלט, אָבער אַז ער האָט דאָס געכאַפּטע גמילת־חסדל קיין מאָל נישט אָפּגעגעבן, האָט מען אים אויפגעהערט צו באָרגן.

פון דעסטוועגן האָט ער ווייטער פאַרקערט מיט די אויבערשטע פון שטייסל אין יאַבלאָוו — מיט די דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן. ער איז אַפילו געבליבן וויצע־פּרעזידענט פון ספּאָרט־קלוב „דרור", וואו מען האָט געדאַרפט האָבן אַ בייטל מיט געלט. בשעת ער איז אַרומגע־גאַנגען אין גאַס מיט די הענטשקעס אין איין האַנט און מיטן שטאָק מיט דער זילבערנער גאַלקע אין דער צווייטער, האָבן זיינע גרויסע

אויגן געניִשטערט און זיין ברייטע נאָז האָט געשנאַפּט, צי ס'באַווייזט זיך נישט עפּעס אַ באַקאַנטער דאָקטאָר, צי אַן אַדוואָקאַט.

— האַבע די ערע, הער דאָקטאָר... מיינע האָכאַכטונג, פּאַניע מעצענאַסיע... מאַיע אושאַנאַוואַניע... — האָט ער אויסגערופן הויך אויפן קול און אויפגעהויבן דעם קאַפּעליוש אין אַ האַלבן קרייז איבערן קאָפּ, ווען ער פּלעגט זיך אַנטרעפן מיט די פּני פון שטאָט.

די ווייבער פון די פּני פּלעגט ער קושן אין די הענט. מיט זיינע זינלעך־דיקע ליפּן האָט ער פּאַצעטיש אַראָפּגעקוקט ביי די דאַמעס אַ ביסל נידעריקער די הענטשקע, כדי ער זאָל קענען אַ קוש טאָן די נאַקעטע האַנט.

— קיס די האַנט... — האָט ער בעת־מעשה זיסלעך געשעפּטשעט אויף דייטש.

פּונקט ווי ער האָט זיך געפירט שאַרמאַנט מיט די ווייבער, אַזוי האָט ער זיך געפירט שאַרמאַנט מיט די יונגע מיידלעך, וואָס ער פּלעגט שטענדיק נאָכפּאָלגן. אַז ער האָט די גימנאַזיסטקעס געקושט אין די הענט און גערעדט צו זיי די זיסע רייד, זענען זיי געווען אין זיבעטן הימל. דעם גרעסטן דערפאָלג האָט ער געהאַט ביי די גימנאַזיסט־קעס וואָס ער איז געגאַנגען אָפּוואַרטן צו דער באַן, ווען זיי זענען געקו־מען פון שכנותדיקן שטעטל קיין יאַבלאָוו אין דער גימנאַזיע. זיי האָבן אים געקוקט אין מויל אַריין און אַלץ געגלייבט. ער האָט זיי געפירט הינטער דער שטאָט, דערציילט זיי פאַרשידענע מעשיות און איז אָפּגע־לעגן מיט זיי גאַנצע שעהן אין גראָז. טייל מאָל האָט ער זיי געבראַכט צו זיך אין שטוב, איינגעאָרדנט אַלץ אַזוי קונציק, אַז די אַלטע מאַמע האָט זיך גאָר נישט געכאַפּט. נישט איין מאָל האָט ער צוגעכאַפּט ביי אַ גימנאַזיסטקע אַ טיכעלע, אַ זאָקנבענדל פאַר אַן אָנדענק.

מאָריצי פידלער האָט איצט אַרומגעטאָפּטשעט אין די שטעק־לאַטשן איבער דער שטוב — און געקלאַפּט מיט דעם שטעקן אין דער פּאָדלאָגע. פון די אַלטע גוטע צייטן איז אים געבליבן בלויז דער שטעקן, ווי ער וואָלט געווען זיין איינציקער אָנשפּאַר. ער האָט אים געהיטן ווי אַן אוצר. ווען ער איז געצוואונגען געוואָרן חתונה צו האָבן צוליב דעם נדן, האָט ער שוין מער פון אַ מאָל גאָר נישט פאַרמאָגט, ווי נאָר דעם שטעקן. זיין קליין און דאַר ווייבעלע גוסטע האָט אים קיין מאָל נישט געטרויט און איז אים אומעטום נאָכגעגאַנגען. זי האָט אים אפילו חושד געווען אין אַרבעטס־לאַגער אין רוסלאַנד, וואו זיי זענען פאַרוואַלגערט געוואָרן אין דער מלחמה, אַז ער גיט זיך אָפּ מיט אַנדערע

ווייבער, כאָטש ער האָט שוין דעמאָלט צו גאָר נישט קיין כוח געהאַט. נישט איין מאָל האָט זי אים אָפּגעשפּילט איפּערזוכט־סצענעס אין דעם פינצטערן, קאַלטן באַראַק, וואו זיי האָבן געוואוינט. זי האָט די טאָכטער נישט אין זינען געהאַט, בלויז אים. און ער האָט דווקא זיין טעכטערל ליב געהאַט און זי אָפּגעהיטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. נאָך דער שווע־רער אַרבעט אין דעם קנאַקנדיקן פראָסט אין וואַלד, האָט ער זיך ביי נאַכט באַוויזן מיט די מאַלערייען, וואָס נאַטקע האָט געמאַכט. כאָטש די מענטשן זענען געווען אויסגעהאָרעוועט פון דער אַרבעט, האָט ער דעם טעכטערל געהייסן פאַר זיי דעקלאַמירן אַ ליד און דערנאָך זי געקושט מיט פאָטערישער ליבע אין קאָפּ...

דעמאָלט טאָקע האָט ער פּלוצים באַמערקט ביי דער נאַכט, ווען ער האָט אויסגעטאָן די טאָכטער צום לייגן שלאָפן, אַז זי איז שוין מער נישט קיין קינד, נאָר אַ פרוי. ער האָט געזען ווי אירע יונגע ברוסטן בערגלען זיך הינטערן העמד. ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ מורא פאַרן גורל פון זיין קינד. אַז עס האָט זי איינגעלאַדן עפּעס אַ בחור צו אַ „זאַבאַווע" אין דאָרף, איז ער זיי נאָכגעגאַנגען און געוואַרט אַזוי לאַנג אין דרויסן, ביז זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. בעתן וואַרטן האָט ער אַריינגעקוקט אין הויז דורך אַן אויסגעהוילט לאָך אינעם פאַרפרוי־רענעם שייבל און געזען ווי די טאָכטער טוליעט זיך צום בחור. ער האָט זיך דערמאָנט ווי די מיידלעך האָבן זיך געטוליעט צו אים און ער האָט מורא באַקומען, אַז דאָס ייִנגל קאָן נאָך דער טאָכטער עפּעס שלעכטס טאָן. ער האָט געציטערט פון שרעק.

— ביסט אַלט־פרענקיש, דעד... צוריקגעשטאַנען! די וועלט איז געגאַנגען פאָרויס, אָבער דו ביסט געגאַנגען צוריק... — האָט ער ווי־דער דערהערט דער טאָכטערס קול אין דער פינצטערניש.

— ווער איז צוריקגעשטאַנען? א־י־ך? — האָט ער זיך אַ ריס געטאָן צו דער טאָכטער — קענסט שוין עפּעס אַנדערש אויף מיר נישט אויסקלערן?!

— יאָ, דו! — האָט נאַטקע צוריקגעענטפערט — גייסט מיר אומעטום נאָך! לאָזט מיך נישט גיין מיט קיינעם. איך האָב חברים פון אוניווערסיטעט... אָבער דו לאָזט מיך מיט זיי נישט אַרויסגיין!

— דאַרפסט קיינעם נישט גלויבן! מען וויל דיר שלעכטס טאָן!
— האָט ער אַזוי הויך אַ געשריי געטאָן, אַז ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגן קול. מיט אַ מאָל האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער רעדט

צו זיך אַליין, וואָרים די טאָכטער איז אין גאַנצן נישטאָ אין דער היים. ער איז זי געלאָפן זוכן צו איר אין שטוב, אָבער ס'איז דאָרט קיינער נישט געווען. איר בעטל איז געווען צעוואָרפן און די ביכער האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע. ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעק, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק מיט איר. ער האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן דעם שטערן, צי ער האָט היץ. ער האָט געפילט ווי די קני ציטערן ביי אים — אָט ברעכן זיי זיך איבער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, אָנגעצונדן די עלעקטרי און מיטן בליק אַרומגענומען דאָס אָרעמע שטיבל. פון די קאַרגע פאַרדינסטן אין דער „פעקטאָרי" קען ער אפילו נישט אויסמעבלירן די קליינע וואוינונג.

— און נאָטקע איז אַלץ נישטאָ! — האָט מאָוריצי אַ זאָג געטאָן צו זיך אויפן קול און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. אויף דער גאַס האָט שוין געגרויט אויף טאָג. ליכטיק־בלאַסע פאַסן האָבן זיך איינגעשניטן אינעם טונקעלן הימל, אַראָפּגענידערט אויף דער ערד און זיך איינגעעקבערט אין דער פינצטערניש. די קעץ, וואָס האָבן געיאָמערט אויפן דאַך, זענען אַנטשוויגן געוואָרן. דאָס פאָרל, וואָס האָט זיך גע־טוליעט אין טויער, איז שוין מער נישט געווען. דער מענטש, וואָס ברענגט יעדן אין דער פרי די מילך אינעם געסל, איז שלעפעריקלעך נאָכגעגאַנגען דעם וועגעלע מיט די פלאַשן מילך און האָט געשריגן אַלע מאָל צום פערד: „געט אַפּ". די טאָכטער האָט מען אין ערגעץ נישט געזען...

מאָוריצי פידלער האָט זיך צוריק אַריינגעלייגט אין בעט, זיך געצוואונגען אַנטשלאָפן צו ווערן — אָבער ער האָט נישט געקאָנט צו־טאָן קיין אויג. ער האָט זיך באַמיט צו ליגן רואיק, איינגעלייגט די קנאָכיקע פיס, די דאַרע הענט, נאָר ס'האָט אים געהויבן פון אָרט און ער האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער. ווי ער האָט זיך נישט געלייגט איז אים נישט געווען באַקוועם. ער האָט מיט די פיס אָנגעהויבט צו קאָפּען דאָס בעטגעוואַנט און אין עטלעכע רגעס איז דאָס בעט געווען צעטרייבערט. ער האָט נישט געוואָלט פון גאָר נישט טראַכטן. אָבער די געדאַנקען האָבן ביי אים אַרומגעפויזעט אין מוח און געדריקט מיט אַזאַ שווערקייט, אַז עס האָט אים פאַרפּעלט אָטעם.

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיין טאָכטער?! דאָס מיידל איז נאָך אַזוי יונג, ווייסט פון גאָר נישט! זי איז נישט פאַר אייך... דאָס איז נאָך אַ יונג קינד! אויב איר וועט זיך נישט אָפּטשעפּען פון איר מיט גוטן, וועל איך לויפן צו דער פּאָליציי!... — האָט מאָוריצי

גענוי געהערט דאָס באַזאָרגט־וואָרנדיקע קול פון די מאַמעס, וואָס פלעגן צו אים צושטיין ער זאָל אָפּלאָזן זייערע טעכטער.

דאָס זעלבע וואָס די מאַמעס פלעגן צו אים זאָגן, חזרט ער איבער צו די יונגעלייט, ווען זיי קומען באַגלייטן זיין טאָכטער אַהיים. ער האָט פיינט, אַז די בחורים שטעלן זיך אָפּ מיט נאַטקען ביים טויער און ער פאַרבעט זיי אין שטוב אַריין. ער האָט שטאַרק מורא, אַז די אַלע בחורים וועלן זיך בלויז מיט נאַטקען אַרומשלעפּן, אָפּטאָן איר עפּעס שלעכטס און זיי וועלן מיט איר קיין מאָל נישט חתונה האָבן. מיט וואָס פאַר אַ זאָרג ער האָט דאָס מיידל אָפּגעהיטן אין לאַגער, אַוועקגעגעבן איר דעם ביסן פון מויל און אַליין געהונגערט. נאַטקע איז געווען אַ שוואַך קינד און ער האָט געציטערט איבער איר יעדן שריט. און אַז ער האָט דאָס מיידל אָפּגעראַטעוועט פון די אַלע סכנות, וואָס האָבן אויף איר געלויערט, וויל ער אַז זי זאָל חתונה האָבן און ער זאָל דערלעבן פון איר נחת... ער וויל אַז עס זאָלן נאָך אַרויסקומען פון אים דורות... דעם מיידלס אויפפירעכץ איז זיכער אַ נקמה פאַר זיינע אַמאָליקע חטאים... אַ מאָל איז ער געווען אַ גאַנצער קנאַקער, האָט געפיפן אויף דער וועלט. היינט איז ער אַזאַ פּחדן, אַז ער האָט מורא פאַרן אייגענעם שאָטן. ער קוקט אויף זיך ווי אויף אַ קרבן, וואָס קומט אָפּ פאַר זיינע בחורישע זינד...

שוין נישט איין מאָל האָט מאָוריצי פידלער פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַריין די בחורים, וואָס האָבן באַגלייט נאַטקען און ער האָט זיי אין דער גיך געשטעלט איין קשיא נאָך דער אַנדערער:

— וואָס טוט איר? איר שטודירט? וואָס שטודירט איר? ס׳איז עפּעס אַ תכלית? מען קען דערפון פאַרדינען געלט? אויסהאַלטן אַ ווייב מיט קינדער?... פאַר וואָס שטודירט איר נישט אויף דאָקטאָר?

— דעד, וואָס טוט זיך מיט דיר? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט מיט אַזעלכע פראַגן? וואָס מאַכסטו מיר אָן בושות און חרפות? — האָט די טאָכטער שטיל געשעפּטשעט און אויף איר קליין פּנימל זענען אַרויס עטלעכע גרויסע בושהדיקע פלעקן.

— דו מיש זיך נישט! שטעק נישט אַריין די נאָז דאָרט וואו מען דאַרף נישט! לאָז אַלץ איבער צו מיר! עך ווייס וואָס כ׳רעד! — האָט דער פאָטער אָפּגעשייגעצט דאָס מיידל און זיך ווייטער געטאָן זיינס.

— אַז איר וועט האָבן פּרנסה פון אייער שטודירן, איז עפּעס אַנדערש! אָבער צי וועט איר חתונה האָבן מיט נאַטקען? גיט נאָר אַ קוק אויף איר, ווי שיין זי איז! אַ שיינהייט. און אינטעליגענט איז זי,

אַז מען דאַרף זוכן אירס גלייכן. זי איז אַ מאַטעמאַטיקערין, האָט אַ שם אין אוניווערסיטעט!

דעדי! — גיט ווידער די טאָכטער אַ סיגנאַל דעם פאָטער, ער זאָל אויפהערן צו רעדן און אויף איר דין העלדזל שלאָגן זיך אַרויס אַזעלכע גרויסע רויטע פלאַמען, ווי זי וואָלט באַקומען שאַרלאַך.

— מיש זיך נישט צו מיר! — גיט מאָוריצי אַ שטופּ אָפּ די טאָכטער — אפשר זאָג איך ליגן? האָסט נישט באַקומען קיין סקאָלאַרשיפּ, אַזוי אַז דאָס לערנען קאָסט דיך גאָרנישט?! מען דאַרף נישט זיין אַזוי באַשיידן ווי דו ביסט. האָבן נישט די צייטונגען וועגן דיר געשריבן? אַלע צייטונגען זענען געווען מיט דיר פול. דו האָסט געבערענגט כבוד די יידן אין שטאָט!

— דעדי! — האָט די טאָכטער שוין אַ ציפּ געטאָן דעם פאָטער ביי דער פאָלע מיט אַזאַ כעס אַז ער האָט זיך שיער נישט איבערגעדרייט — אַז דו וועסט דיך נישט באַרואיקן וועל'ך אַרויס פון שטוב!

— גיי, ווער האָלט דיך צו! — האָט מאָוריצי אַ געשריי געטאָן אויף דעם מיידל און ער האָט זיך ווייטער געוואָנדן צום יונגענמאַן, זיך איינגעבויגן צו אים — איר וועט חתונה האָבן מיט מיין טאָכטער? לאָזט אָפּ אייער פילאָזאָפיע און שטודירט בעסער אויף דאָקטאָר. פון דעם קען מען זען אַ פונט פאַר די אויגן... וואָס טויג אייך פילאָזאָפיע. ס'איז גוט פאַר בטלנים!

נאָטקע האָט זיך מער נישט אַזוי שטאַרק געשעמט, ווען דער פאָטער האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אירע חברים, וואָס זענען געווען אין אירע יאָרן. אָבער אַז ער האָט אויך פאַרשטשעפּעט אירס אַן עלטערן באַקאַנטן פון אוניווערסיטעט, אַן אויסטראַליער, וואָס האָט איר געגעבן פאַרשידענע אָנווייזונגען ביים לערנען, האָט זי זיך שיעור נישט באַגראָבן פון חרפּה. מאָוריצי פּידלער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז דער באַקאַנטער איז נישט קיין ייד און זיך אויף אים אָנגעזעצט. דער באַקאַנטער איז געווען זייער אַ הויכער, מיט אַ לאַנגן האַלדז ווי ביי אַ גאַנער, מיט דיקע שוואַרץ־געראַמטע ברילן און מיט לעדערנע לאַטעס אויף די עלנבויגנס, די סחורה זאָל זיך נישט אויסרייבן. ער האָט זיך קיין מאָל נישט דערקלערט נאָטקען אין ליבע און קיין מאָל נישט געפאָדערט ביי איר דאָס, וואָס אַנדערע סטודענטן האָבן ביי איר געפאָדערט. מיט אירע מילדע אויגן האָט זי דורך די גרויסע ברילן אַריינגעקוקט אין זיינע שוואַרץ־געראַמטע ברילן און; זי האָט זיך מיט דרדך־ארץ צוגעהערט צו אַלץ, וואָס ער האָט איר אויפגעקלערט. אַז זי האָט

אים עפּעס געענטפערט, איז איר שטיל שטימעלע, וואָס איז געווען ענלעך צום פּישטשען פון אַ פייגעלע, נאָך שטילער געווען, אַז מען האָט זי קוים געקענט הערן. דאָס פויגלישע שוואַכע גופל האָט זיך דערביי אין גאַנצן איינגעקורטשעט. מאַוריצי האָט טאַקע נישט געקאָנט ליידן, וואָס דאָס מיידל ווערט אַזוי נתפעל פאַר דעם לאַנגן פאַרשוין...

מאַוריצי פידלער האָט זיך מיט אַ מאָל אַ ריס געטאָן פון בעט, ווי איינער וואָס איילט זיך צו דער באַן און ער איז זיכער אַז ער האָט שוין פאַרשפּעטיקט. אין שטיבל האָט געגענעצט אַ טריבער פרימאָרגן, זיך פויל געצויגן, גלייך ס'וואָלט זיך אים נישט געגלוסט אויפצושטיין פון שלאָף. מאַוריצי האָט זיך פּלוצים געכאַפּט אַז דאָס וואָס ס'קומט נישט אויף אים דער שלאָף, נעמט זיך זיכער דערפון וואָס זיין האַנט־זייגערל ליגט אויפן בענקל לעבן זיין בעט און קלאַפּט אָן אויפהער: טיק־טאַק... טיק־טאַק... אמת איז אַז דאָס האַנט־זייגערל קלאַפּט זייער שטיל, אָבער פון דעסטוועגן לאָזט עס אים נישט שלאָפן. דעם וועק־זייגער האָט ער שכל געהאַט צוצודעקן, קודם־כל מיט אַ האַנטוך, דערנאָך מיט אַ סוועטער, און שפּעטער מיטן שלאָפראָק און אויפן טיש איז אויסגע־וואַקסן אַ באַרג פון אַלע מלבושים... אָבער אַז דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן און פון אונטערן באַרג האָט זיך אַלץ געהערט דאָס צוגעדו־שעט־אָפּגעהאַקטע אָטעמען פונעם זייגער, האָט ער אויף דעם אַלעמען אַרויפגעפּאַקט אַ קישן... וואָס־זשע איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס שטילע אָטעמען פונעם האַנט־זייגערל קאָן אויך צורויבן ביי אים דעם שלאָף? מאַוריצי האָט מיט רציחה אַ כאַפּ געטאָן דאָס זייגערל אין האַנט און ער האָט עס געטראָגן פון איין אָרט אויפן אַנדערן. אַז ער האָט שוין דערמיט אַרומגעוואַנדערט אין אַלע שטיבלעך און געקוקט אין אַלע לעכער, וואו עס צו פאַרשטופן, האָט ער עס אַריינגעפּאַקט אין אַ טאָפּ אין דער קיך. אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט, איז ער אַלץ נישט געווען צופרידן, וואָרן ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס ווייב קען נאָך אַ מאָל אָפּקאָכן דאָס זייגערל. ער האָט עס פון דאָרט אַרויסגענומען און ס'האָט זיך צוריק אָנגעהויבן זיין וואַנדערונג. ס'האָט אים דערמאָנט אין זיינס אַן אַ ביסל צעדרייטער מומען, וואָס איז ביי זי געשלאָפן און נישט געקאָנט צוטאָן קיין אויג ביז זי האָט אַרויסגעטראָגן אַלע זייגערס פון שטוב...

בשעת מאַוריצי האָט זיך פּלוצלונג דערזען אינעם שפּיגל מיטן זייגערל אין האַנט, איז אים די גאַנצע מראה אַוועק פון פּנים. דער פליך איז געווען ביי אים זייער גערונצלט. די לאַנגע שיטערע האָר ביי

די זייטן קאָפּ זענען ווייס ווי ביי אַ טויב און זענען געווען אויפגעשטעלט ווי שפּיזיקע נאָדלען. די לאַנגע דינע הענט, די אויסגעדאַרטע ציטער־דיקע פּיס זענען אַרויסגעפאַלן פון דער ברייטער זעקלדיקער פּידזשאַ־מע. בלויז די שוואַרצע גרויסע, ציטערדיקע אויגן זענען געווען גלאַנ־ציק־פאַרטרערט און האָבן מיט אַ מבולבלדיק פּייערל אַרויסגעקוקט פונעם ווייס־גיפּסענעם פּנים. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין, ווייל ער האָט דערזען פאַר זיך דעם פּאַיאַץ אין יאַבלאָוו, וואָס איז גע־שטאַנען פאַרן צירק און אַריינגערופן מענטשן אין דער אויפגעשטעל־טער צירק־בודע...

מאַוריצי פידלער האָט קוים געכאַפּט אַ דרימל אויף עטלעכע רגעס און ס'האָט אים אויפגעוועקט דאָס סקריפּען פון דער אַלטער שאַפע. ער האָט זיך אויפגעריסן מיט שרעק און אין דער ערשטער רגע נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. באַלד האָט ער זיך אין אַלץ דערמאָנט און זיך איינגעהערט צי די טאָכטער איז שוין דאָ. אָבער פון איר צימער איז נישט אַרויסגעקומען קיין שאָרך. ער האָט זיך צוריק אויס־געשטרעקט אויפן בעט און מיט אַ מאָל דערהערט אַ שעפּטשען פון דער קיך. ער האָט גענומען אין דער האַנט דעם שטעקן און אויף די שפּיץ־פינגער זיך צוגעשאַרט צו דער קיך־טיר, גלייך ווי ער וואָלט זיך וועלן וואַרפן אויף אַ גנב. ער האָט אָבער דייטלעך דערהערט דער טאָכטערס קול, וואָס האָט גערעדט צו עפּעס אַ בחור. זיי האָבן אַרומגעהוליעט אַ גאַנצע נאַכט און זיי זענען דאָ געקומען ענדיקן זייער הוליאַנקע! מי־יודע אין וואָס פאַר אַ מעמד ער וועט טרעפן דעם יונגענמאַן מיט דער טאָכטער.

מיט אַ פאַלעש האָט מאַוריצי אויפגעפּראַלט די טיר און ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף צוויי פּאָרברילן, וואָס האָבן אים אָנגעקוקט מיט אַזוי פיל חידוש און תמימות, גלייך דאָס פּאָרל וואָלט זיך נישט אַרומגעשלאָנדערט ערגעץ אַ גאַנצע נאַכט. אויפן טיש זענען געלעגן עטלעכע ביסקעטס און דער טשייניק האָט היימישלעך געפּיפן. מאַוריצי האָט באַלד דערקענט דעם „לאַנגן דראַגאָנער" — ווי ער האָט גערופן דעם הויכן יונגענמאַן. ער האָט אַפילו נישט געפרעגט וואו ער איז געווען מיט זיין טאָכטער, זיך צוגעזעצט צו אים און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער אַלטער שמועס:

— וואָס שטודירט איר אויפן אוניווערסיטעט? וויפיל פאַרדינט איר? וואָס דאַרפט איר שטודירן פילאָזאָפיע? אַ „קעמיסט" פאַרדינט מער געלט. אַ דענטיסט נאָך מער!

— דעדי!... — האָט נאַטקע אַ וואָרן געטאָן דעם פּאַטער.
— מיין עצה איז איר זאָלט שטודירן אויף דענטיסט. אַ דענ־טיסט פאַרדינט מער ווי אַ דאָקטאָר.. הערט מיין עצה... עך בין עלטער פון אייך מיט אַ טאָג...
— דעדי! — האָט זיך ווידער דערהערט דער טאָכטערס דין־פּישטשענדיק קולעכל.
— ווער מיר דעדי!... וואָס מיר דעדי!... כ'האָב שוין געהערט! דו וועסט זיין שטיל, צי נייך?! — האָט מאָוריצי אָפּגעפּאָרן דאָס מיידל און זיך צוריק אַ נעם געטאָן צום יונגענמאַן — איר וועט חתונה האָבן מיט מיין טאָכטער, צי נישט?! כ'וויל וויסן! איר קענט זיך נישט מיט איר אַזוי אַרומשלעפּן! גלייבט מיר, זי איז אַ טייער קינד! אַ וואויל מיידל! כ'בין זיכער, אַז איר זענט זי גאָר נישט ווערט...
— דעד... דעדי, באַליידיק נישט קיינעם! ער איז דאָך נישט קיין ייד... און דו ווילסט איך זאָל חתונה האָבן מיט אַ ייד... ער איז מיינס אַ לערער... אַ „טיטשער". ער איז פיל עלטער פון מיר... גיט מיר פאַרשידענע אָנווייזונגען אין מאַטעמאַטיק...
— ווער מיר ייד! וואָס מיר ייד! טראַכט נישט אויס קיין תרו־צים... צו דער חופּה גייט! און שוין די מינוט! כ'וועל אייך נעמען צום רבי! — האָט מאָוריצי אויפגעהויבן דעם שטעקן אויפן פּאַרל, גלייך ער וואָלט זיי וועלן אונטערטרייבן — שוין געגאַנגען! איר הערט!
דערנאָך האָט מאָוריצי אַ כאַפּ געטאָן דעם יונגענמאַן ביים אַרבל און נאַטקען ביים בלוזקעלע און זיי ביידע גענומען שלעפּן. ער האָט דערביי געמאַכט אַזעלכע הויכע קולות, אַז דאָס ערשטע האָט זיך אויפ־געכאַפּט דאָס ווייב און שפּעטער די שכנים, וואָס זענען אַריינגעקומען אין זייערע פּידזשאַמעס. עס האָט זייער לאַנג געדויערט ביז מען האָט מאָוריצין באַרואיקט און אַריינגעלייגט אין בעט. ער האָט באַקומען היץ און ס'האָט אים שטאַרק געוואָרפן. דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן בלייבן ליגן אין בעט אַזוי לאַנג ביז ער וועט אַ ביסל קומען צו די כוחות...

אַ חתונה אין תל־אביב

איך האָב געפילט ווי ער קוקט מיר נאָך. שוין עטלעכע מאָל ווי ער האָט זיך אומגעקערט, פאַרלאָפן דעם וועג און מיר אַריינגעבליקט אין פּנים. פון מאָל צו מאָל איז ער געבליבן הינטערשטעליק און איך האָב געמיינט, אַז כ'בין שוין פּטור פון אים. אָבער ער איז באַלד ווידער אויסגעוואַקסן לעבן מיר. כ'בין צעטומלט געוואָרן און די פיס האָבן זיך מיר אָנגעהויבן צו פּלאָנטערן. וואָס וויל ער פון מיר? אמת, אין תל־אביב האָט מען זיך געקענט אָנטרעפן אויף באַקאַנטע, אויף חברים, וואָס מען האָט שוין נישט געזען יאָרן. מ'האָט געמיינט, אַז זיי זענען שוין מער אויף דער וועלט נישטאָ — און פּלוצים האָט מען זיי אָנגעטראָפן פּנים אל פּנים. אָבער דער פאַרשוין, אַנשטאָט צוגיין צו מיר, האַלט מיר אין איין נאָכקריכן.

— דאָס ביסטו, הערץ? — האָב איך מיט אַ מאָל דערהערט אַ קול לעבן זיך — איאָ, איך מאַך נישט קיין טעות? דו ביסט אַ רעדימער... אפרים בערגנערס זון.

איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער זייט. ווייזט אויס, אַז יענער האָט זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און אָנגעהויבן רעדן צו מיר. איך האָב אים אָנגעקוקט, געוואָלט דערגיין צי איך דערקען אים, צי איך ווייס ווער ער איז. אַזוי ווינציק יידן זענען געבליבן לעבן פון אונדזער שטעטל...

— וואָסי, דערקענסט מעך נישט? כ'בין שוין אַזוי אַלט געוואָרן, אַז מען קען מעך מער נישט דערקענען? אַז עך האָב דיך דערזען, האָב'ך באַלד געוואוסט ווער דו ביסט. דו האָסט נישט קיין גוטן טביעת־עין, הערץ... דו ביסט'ך עפּעס אַ שרייבער...

— פאַרוואָס זענט איר באַלד נישט צוגעקומען? — האָב איך נישט געוואוסט, צי כ'זאָל אים „אירצן" צי דוצן" — ביסט מיר נאָכגעגאַנגען און איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַטייט... האָב נישט קיין פאַריבל, נאָר כ'קען זיך אַלץ נישט דערמאָנען ווער דו ביסט... כ'דערקען נאָר, אַז דו ביסט אַ רעדימער...

— נו, קוק זיך איין בעסער אין מיין פּנים — האָט ער זיך נאָענט צוגערוקט צו מיר — כ׳בין בערל, חיים דעם בלעכערס זון... איין ישראל רופט מען מיך דוב... דו דאַרפסט געדענקען בערל חיימס... דו האָסט זיך געליבט אין מיין געשוועסטערקינד... אין מינדלען... אַ שיין מיידל געווען.

איך האָב זיך דערפרייט, וואָס איך האָב אים סוף־כל־סוף דער־קענט און געהאַט אַ טענה צו זיך אַליין פאַרוואָס כ׳האָב באַלד נישט געוואוסט ווער ער איז. ווי האָב איך געקענט פאַרגעסן די מאַזאַליעדיק־פאַרהאַרטעוועטע הענט פון בערלען? דעם געדיכטן שויבער זיינעם, וואָס איז שוין היינט היפשלעך גרוי, אָבער ער איז נאָך אַלץ אַזוי פאַר־קאַלטנט ווי אַ מאָל? זיין קוטשמע האָר האָט געהאַט אַ שם אין רעדים, פונקט אַזוי ווי זיינע מאַזאָליעדיקע הענט. ער איז אפשר נישט געווען אַזאַ גרויסער גיבור, נאָר זיינע הענט זענען געווען ווי האַמערס. טאָמער האָט מען זיך געוועט ווער עס וועט ביי ווענמען לייגן די האַנט, איז ער אַלע מאָל אַרויס דער זיגער. פאַרשטייט זיך, מיין האַנט האָט ער איינס־און־צוויי אַוועקגעלייגט...

— וואו איז מינדל? — האָב איך געפרעגט און באַלד חרטה גע־האַט אויף מיין פרעגן. וואָרן כ׳האָב נישט געוואוסט צי זי לעבט. איך בין געווען פאַרליבט אין איר. כ׳בין נאָך געווען אַ יינגל און דאָס איז געווען מיין ערשטע ליבע...

— זי איז אין דער מלחמה אַוועק קיין רוסלאַנד מיט איר מאַן און קינדער און מער האָב׳ך נישט געהערט פון איר... — האָט בערל מיט צער פאַרקנייטשט זיין קורצן שטערן.

איך האָב דערזען פאַר זיך מינדלען. שוין יאָרן ווי איך האָב אין איר נישט געדענקט. איצט איז זי געשטאַנען פאַר מיר אַזוי לע־בעדיק, פונקט ווי דעמאָלט ווען איך האָב געלעכצט זיך מיט איר צו טרעפן. איך האָב געזען אירע שוואַרצע לאָקן און די גרינע, אַביסל־צוגעמרוזשעטע אויגן, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַזאַ פייערל, ווי זיי וואָלטן שטענדיק געשמייכלט. אַט־דאָס שמייכלען האָב איך געטראָגן אין זיך אומעטום: ביים לערנען, ביים גיין שפּאַצירן און אַפילו בעתן דאַווענען; כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז ס׳איז אַ זינד. איך פלעג אַלע מאָל זיך דרייען לעבן זייער הויז. אַז כ׳האָב געהערט ווי זייער טיר האָט זיך געעפנט און ס׳האָבן זיך באַוויזן אירע לאָקן, האָט מיך אַנגענומען די גרויסע בענקשאַפט. איך בין נישט געווען דרייסט מיט איר זיך צו באַגעגענען אויג אויף אויג, האָב איך אויסגעזוכט כלערליי תירוצים,

אַז נאָך עמעץ אַנדערש זאָל זיין דערביי. טיילמאָל בין איך געקומען צו זיי אין שטוב אַריין פּאָרצולייענען פאַר איר און איר חברטע יידי־שע ביכער. כאָטש זי איז געווען אַ בלעכערס אַ טאָכטער און איך בין אַרויסגעקומען פון אַ יחסניש־באַלעבאַטישער היים, האָב איך דערויף נישט געקוקט. איך האָב שוין אָנגעהערט צו די „פּועלי־ציון". דערפאַר האָב איך זיך געפילט דערהויבן דערפון, וואָס איך האָב זיך פאַרליבט אין אַ בלעכערס טאָכטער. פונדעסטוועגן האָב איך כסדר געדענקט אין מיין יחוס. כ'האָב דאָס אַריינגערעכנט אין השבון און געטראַכט, אַז מינדל דאַרף זיין צופרידן וואָס זי געפעלט מיר אַזוי שטאַרק...

— וואָס איז געוואָרן מיט מינדלס חברטע? ווי האָט מען זי גע־רופן? כ'דערמאָן זיך בלויז דעם צונאָמען, באַגאַטש. דאַכט זיך, אַז פייגעלע באַגאַטש... — האָב איך זיך אָנגערופן צו בערלען — זי איז געווען זייער געראָטן. ביידע חברטעס האָבן געהאַט אַ שם אין שטאָט צוליב זייער ווילן זיך צו לערנען. פייגע באַגאַטש'ס פאָטער איז געווען אַ טרעגער... פאַרוואָס האָט מען אים גערופן באַגאַטש?...

— גלויב מיר, אַז דו ווייסט נישט — האָט זיך אַ שמייכל צעגאָסן אין אַלע קנייטשעלעך פון בערלס פּנים — דו ביסט פרי אַוועק פון דער היים, פון וואַנען זאָלסטו וויסן? דאָס געדענקסטו אַוודאי, אַז לייבעלע באַגאַטש האָט זיך שטענדיק געהאַלטן גרויס. טאַקע אַ טרע־גער, אָבער משה גרויס. צו זיין קאָפּ האָט מען נישט געקענט צוקומען. איין מאָל האָט זיך ר' לייבעלע געדאַרפט אַרויסכאַפּן, אַז עס וועט נאָך קומען דער טאָג ווען ער וועט זיין שטיין־רייך... אַ גרויסער באַ־גאַטש! רעדים האָט מער נישט געדאַרפט און ער איז געבליבן ביי דעם צונאָמען זיין גאַנץ לעבן.

— האָסט פאַרגעסן צו ענטפערן, וואָס מיט פייגען איז געוואָרן. אפשר דאַרף איך גאָר נישט פרעגן? — האָב איך געזאָגט — איז פייגע צוזאַמען מיט מינדלען אַוועק קיין רוסלאַנד? כ'פאַרשטיי, אַז לייבעלע באַגאַטש איז שוין מער נישטאָ אויף דער לעבעדיקער וועלט. שוין נישט געווען קיין יונגערמאַנטשיק...

— שטעל דיר פאָר, אַז דווקא דער אַלטער באַגאַטש לעבט. ער איז דאָ אין ישראל. ער וואוינט אין רמת־גן צוזאַמען מיט זיינס אַן אייניקל, אַ טאָכטער פון פייגעלען. פייגעלע האָט פאַר דער מלחמה חתונה געהאַט, זי האָט געהאַט אַ סך קינדערלעך. ווען דער דייטש האָט געטריבן די יידן איבערן סאַן צו פּאָניען, האָט מען זי געזען צווישן זיי. וואָס מיט איר און די קינדער איז שפּעטער געוואָרן, ווייסט

קיינער נישט. איין טאָכטער לעבט אין ישראל. טאַקע זי וואוינט מיטן זיידן...

— וואו גייסטו? — האָב איך פּלוצים געפרעגט בערלען — דו דאַרפסט ערגעץ גיין, אָדער דו גייסט זיך אַביסל איבער? האָסט צייט זיך אַרומצודרייען אין סאַמע מיטן טאָג? כ'וויל טאַקע וויסן אַלץ וועגן רעדים, אָבער כ'וויל נישט פאַרנעמען דיין צייט... וואָס טוסטו, בערל? פון וואַנען נעמסטו חיונה?

— עך בין אַ בלעכער, פּונקט ווי אין רעדים... כ'וואוין אין גבעתיים. עך האָב אַ שיינעם שיכון. מיין ווייב און קינדער זענען אומגעקומען אין לאַגער ביי היטלערן... כ'האָב אין ישראל נאָכאַמאָל חתונה געהאַט מיט אַן אלמנה פון לאָנצוט. זי האָט אָנגעוואוירן איר מאַן מיט די קינדער אין געטאָ. עך וויל זאָלסט צו אונדז צוקומען, הערץ. כ'על פאַרבעטן עטלעכע רעדימער. בחיי, כ'האָב אַזוי ליב, אַז די רעדימער קומען זיך אַביסל צוזאַמען...

— וואו־זשע גייסטו איצט, בערל? כ'האָב זיך געזאָלט ערגעץ צוכאַפּן, נאָר כ'וועל עס לאָזן אויף אַ צווייט מאָל. אפשר וועט מען זיך אַריינכאַפּן אין אַ קאַפע, וועט מען קענען בעסער שמועסן. דו ביסט'ך אַ היגער און קענסט בעסער די פּלעצער פון ביר. אָבער בתנאי, אַז דו האָסט צייט...

מיר זענען דורכגעגאַנגען שדרות רוטשילד און זיך אַריינגעדרייט אין אַלענבי. אויף אַלענבי איז געווען אַ געדראַנג פון מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען איינקויפן און בעת־מעשה זיך אָפּגעשטעלט באַקוקן די שויפענסטער. ס'איז געווען אַ שיינער סוף־זומערדיקער טאָג און גילדענע פעדימלעך זון האָבן געציטערט אין בלויען חלל, אָבער ס'איז נישט געווען הייס. פונדעסטוועגן האָבן זיך מענטשן געשטופּט ביי די געוועלבלעך מיט „גזוז" און „מיץ". קינדער האָבן געקויפט „גלידה" און נאַשוואַרג. ביי די ציַיטונגס־קיאָסקן האָבן די פאַרבייגייער געכאַפּט אַ קוק אין די קעפּלעך מיט נייעסן.

— עך האָב זיך היינט גענומען חופש — האָט בערל מיך אָנגענומען ביים אָרעם, כדי ער זאָל מיך נישט פאַרלירן — כ'בין געקומען קיין תל־אביב, ווייל עך האָב דאָ אַ סך צו טאָן... כ'האָב דיר נישט געוואָלט אַלץ דערציילן, אָבער מיר וועלן האָבן בקרוב אַ חתונה פון צוויי רעדימער קינדער. אַ חתונה פון רעדימער אין ישראל! אין אונדזער מדינה! און דו פון אויסטראַליע, וועסט אויך זיין אויף דער

חתונה. ווען כ'קען, וואָלט'ך פאַרבעטן די רעדימער פון אַנדערע מדי־נות. אויף צו פּיקעניש היטלערן, וואָס פוילט אין דער ערד!

— ווער האָט חתונה? — האָב איך אים איבערגעהאַקט — פון וואָס פאַראַ קינדער רעדסטו? דו מאָלסט עס אַזוי שיין, ווי אַ גאַנצער פּאָעט...

— כ'וועל דיר באַלד זאָגן. אָבער קודם־כל וויל'ך דיר דערציילן ווער ס'וועט אַלץ אָנפירן מיט דער חתונה. געדענקסט'ך אוודאי דעם אַלטן רעדימער מאַרשעליק, יאַנקעלע סימע קיילעס? זיין זון איז דאָ אין ישראל און ער איז נאָך בעסער פון דעם טאַטן. ער קען פריילעך מאַכן אַ וועלט! אין ירושלים וואוינט דעם רעדימער רב'ס אַ קרוב. ער וועט געבן חופּה־קידושין...

— אָבער ווער זענען די קינדער? — האָב איך אים ווידער איבערגעריסן — מן־הסתם קען איך זייערע עלטערן.

— צווערשט קום צוריק אויף שדרות רוטשילד. אויף אַלענבי קען מען נישט הערן קאַ וואָרט. אויף שדרות רוטשילד איז שטילער. כ'בין דאָ טאַקע געקומען דינגען אַ חתונה־זאַל. איצטער הער מיט קאָפּ. ווייסט ווער דאָס מיידל איז? פייגעלעס טאָכטער, וואָס וואוינט מיטן זיידן, לייבעלע באָגאַטש... דער בחור איז אין דער צבא. ער איז אַ זון פון מונדעקן, יואל מאַדיאַר'ס מוזשינעק. יואל מאַדיאַר וואוינט אין תל־אביב. ער איז שוין אַ זקן, נאָענט צו די שמונים. אָבער ער איז נאָך אַלץ די זעלבע פּרי וואָס אַמאָל... איינגעשפּאַרט! מען קען אים פון אָרט נישט רירן! אויך לייבעלע באָגאַטש איז פּונקט אַזאַ עקשן ווי יואל דער מאַדיאַר. אַ שטאָלצער פאַרך. האָבן זיך ביידע זיידעס איינגעשפּאַרט, אַז זיי ווילן נישט דעם שידוך...

— וואָס איז די מעשה? פאַרוואָס ווילן זיי נישט דעם שידוך?

— דו ביסט'ך עפּעס אַ שרייבער דאַרפסטו פאַרשטיין. כ'געדענק, אַז נאָך אין רעדים האָסטו שוין געפּרוווט צו שרייבן. פאַרוואָס פאַר־שטייסטו נישט? יחוס! יואל מאַדיאַר ציט דעם יחוס פון לויטער רבנים און באָגאַטשעס טאַטע איז שוין געווען אַ טרעגער. גייט מען דאָ אין ישראל זיך שפּילן אין אַזעלכע מעשיות! האָט מען שוין אַן אייגענע מדינה, מאַכט מען זיך ווייטער צום נאַר מיט שמאָכטעס! און דו זאָלסט אָנקוקן די צוויי פאַרשוינען, די צוויי זיידעס? ביידע שמעקן שוין אין פּעלד אַריין! בחיי...

— כ'גלויב מיר נישט, אַז אין ישראל זאָל מען זיך נאָך שפּילן

אין אַזעלכע שמאַנצעס. דער בחור מיטן מיידל האָבן זיך ליב זיי געפעלן זיך? דאָס איז דער עיקר!

— אין דבר, צי זיי געפעלן זיך. דאָ איז נאָך פאַראַנען אַן אַנדערע סיבה, וואָס די צוויי זקנים ווילן נישט צולאָזן די קינדער זאָלן חתונה האָבן. מונדעק יואל דעם מאַדיאַר'ס איז אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען מיט פייגען. פאַרשטייט זיך, אַז דער פאָטער האָט געפייערט קעגן דעם. אָבער מונדעק איז געווען אַ צעלאָזענער בחור, האָט ער דעם טאַטן געהערט ווי דעם קאָטער. דאָס האָט זיך אַזוי לאַנג געשלעפּט, ביז ס'איז מונדעקן אונטערגעקומען אַ מיידל מיט אַ גרויסער אַפּותיקאַ, האָט ער געלאָזט שטיין פייגעלען. זי האָט דאָס איבערגעקרענקט, נישט געקענט קומען צו זיך...

מיר זענען צוגעקומען צו אַ קאַפע־הויז און בערל האָט מיך פאַרבעטן אינעווייניק. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט פון פראָנט ביי אַ טישל. ס'איז צוגעקומען אַ קעלנערקע מיט אַ גרין פאַרטוכל און גריי־נעם טשעפּיק אויפן קאָפּ. זי האָט אָפּגעווישט דאָס טישל מיט אַ שטשערקע און געפרעגט וואָס מיר ווילן באַשטעלן.

— וואָס ווילסטו טרינקען, הערץ? — האָט מיך בערל געפרעגט

— ווילסט אַ קפה־הפוך? כ'וועל באַשטעלן צוויי קאַוועס מיט עוגות... מיר האָבן גוטע קאַווע אין ישׂראל...

— פאַר מיר אַן עוגות — האָב איך געזאָגט און ממשיך געווען דעם שמועס — בערל, כ'פאַרשטיי נישט די גאַנצע זאַך. פייגע האָט'ך חתונה געהאַט. זי האָט געהאַט קינדער. אַז איין טאָכטער וואוינט מיט דעם זיידן. האָסטו מיר אַליין דערציילט.

— זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן. נאָר מונדעקן האָט זי שוין נישט געקענט פאַרגעסן. מען האָט געזען ווי זי גייט איין...

— אַצינד פאַרשטיי איך שוין... און וואָס איז געוואָרן מיט מונדעקן?

— מונדעקן האָבן די דייטשן געשאָסן אין מיטן מאַרק, פאַר אַלעמען אין די אויגן. ער איז געווען אַ תקיף, אַ רייך זונדל... האָט ער אָקעגנגערעדט אַ דייטשן אָפיציר. דעראָ פיציר האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און אים באַלד אויפן אָרט אַוועקגעלייגט... אויך זיין ווייב און קינדער האָבן געהאַט נעבעך אַ ביטערן סוף. די דייטשן האָבן זיי ערגעץ פאַרשלעפּט און מען ווייסט נישט וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען. בלויז דער זון, אלי, וואָס איז היינט אין דער צבא, איז געבליבן לעבן.

— דער אַלטער באַגאַטש דאַרף נישט זיין אין כעס אויף אליין — האָב איך זיך אַזוי שטאַרק צוגעהערט צו דער גאַנצער מעשה, אַז כ'האָב זיך נישט צוגערירט צו דער קאַווע — אַ זון איז נישט פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַרן טאַטנס חטאים! און וואָס פאַראַ טענה האָט יואל דער מאַדיאַר? ער האָט דאָך נישט געהאַט קיין עוולה!

— שפּילסט זיך מיט אַ מאַדיאַר? ער איז נאָך אַלץ דער זעלבער ווי געווען! ער וואוינט דאָ ביי אַ טאָכטער, פירט זי אים נאָך אונטער. ער בלאָזט אַלץ פון זיך... ער קען נישט קוקן אין לייבעלע באַגאַטשעס זייט. לייבעלע באַגאַטש טענה'ט ווייטער, אַז דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע; אַז אלי מוז נישט זיין בעסער פונעם טאַטן... אָבער ס'וועט זיין מעטשעשעם אַ חתונה! ס'זענען געבליבן לעבן אַביסל רעדימער, ווילן זיי דאָס זאָל זיין די ערשטע חתונה זייערע אין יש־ראל... זיי האָבן זיך אַריינגעלייגט אין דעם. ווילן זיך לאָזן קאָסטן אויך...

בערל האָט זיך אויפגעשטעלט און פּלוצלונג זיך אַנגעהויבן זייער צו איילן, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט אַז ער קען נאָך עפּעס פאַר־שפּעטיקן. איך האָב דערפילט ווי זיין מאַזאַליעדיק־שטאַרקע האַנט האָט אַ קוועטש געטאָן מיינע פינגער, בעת ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט.

— נו, הערץ — האָט ער אַ זאָג געטאָן — דו ביסט איינגע־לאַדן אויף דער חתונה... מיר, רעדימער אין ישראל, פאַרבעטן דיך... זאָלסט געדענקען די דאַטע! און איצט מוז עך שוין גיין, וואָרן כ'דאַרף נאָך אַ סך זאַכן באַזאָרגן... קום, כ'וועל דיך אויפזעצן אויפן אויטאָבוס.

— ניין, מ'דאַרף נישט... כ'וואוין נישט ווייט פון דאַנען. כ'וועל צוגיין צו פוס. שלום...

— שלום, שלום... להתראות אויף דער חתונה... אָבער עך וועל דיך נאָך זען פריער. כ'וויל, זאָלסט צוקומען צו אונדז. זאָלסט באַ־קענען מיין פרוי און קינדער...

ער איז אַוועק. איך האָב אים מקנא געווען מיט זיין זיכערקייט. נאָר אַזאַ האָרעפּאַשניק ווי ער קען פאַרמאָגן אַזאַ גלויבן. ער האָט אָנגעוואוירן זיין ווייב און קינדער און ער בויט שוין ווידער אַ היים — אַ נייע היים אין ישראל. ער איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין דער מעשה מיט דער חתונה, אַז ער האָט אַפילו נישט אויסגעפרעגט וועגן מיר, ווי ער וואָלט פון פאָרויס אַלץ געוואוסט. איך האָב אים איצט געזען צוריק אין רעדים, אין זיין טאַטנס בלעכער־וואַרשטאַט; געזען

זיין געשוועסטער־קינד מײַנדל, וואָס איז מיר אַזוי שטאַרק געפעלן, אַז כ׳האָב כסדר געטראַכט פון איר. איך האָב נאָך געזען אַנדערע יידן אין רעדים: מיינע חברים פון די קינדער־יאָרן, מיינע פעטערס, מיינע מומעס, מיין גאַנצע משפּחה... פאַרוואָס האָב איך אים נישט געפרעגט, וועד פון די רעדימער ס׳איז דאָ אין ישראל... אפשר ווייסט ער עפּעס מער וואו מיין מאַמע איז אַהינגעקומען... דער טאַטע איז עטלעכע וואָכן פאַר דער מלחמה געשטאָרבן. ער איז אַפּנים געווען אַ צדיק, פאַר־שפּאָרט די אַלע שבעה מדורי גיהנום...

זינט איך האָב געטראָפן בערלען, האָב איך נאָכאַנאַנד געקלערט פון דער חתונה; געטראַכט וועמען פון די רעדימער איך וועל דאָרט באַגעגענען. ס׳איז מיך באַפאַלן אַן אומרו און איך האָב געציילט די וואָכן און די טעג ביז צו דער חתונה. בעת ס׳איז סוף־כל־סוף גע־קומען דער אויסגעוואַרטער טאָג, האָב איך זיך אויסגעפּוצט אין די שענסטע מלבושים, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך, און זיך געקליבן צו גיין. בערל האָט מיר, נאָך פאַרן גיין, אָנגעקלונגען צי ער דאַרף נאָך מיר קומען, אָדער איך וועל אַליין טרעפן. כ׳האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך ווייס גענוי וואו דאָס איז, און ער האָט מיר געענטפערט אין טרייבל:

— בסדר, בסדר. זעט אויס, אַז דו קענסט זיך שוין אויס אין תל־אביב...

איך בין אַרויס פרי פון שטוב, און מחמת דעם וואָס איך האָב נישט געוואָלט אָנקומען דער ערשטער, האָב איך באַלעמוטשעט אויפן וועג. בשעת איך האָב פון די שדרות רוטשילד פאַרקערעוועט אין אַ שמאָלער גאַס, האָט שוין פון דער ווייטנס אויפגעהעלט פאַר מיר דער חתונה־זאַל מיט די ליכטיק־צעצונדענע פענסטער. דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן צו קלאַפּן, ווי איך וואָלט געגאַנגען צו דער אייגענער חופּה. כ׳האָב דערהערט מוזיק און מיינע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט די היימישע טענער פון אַ קאַדריל און פון אַ וואַלס, וואָס כ׳האָב אַמאָל געהערט שפּילן אויף די חתונות אין שטעטל. איידער איך בין אַריין אין זאַל, האָב איך זיך בגנבה צוגערוקט צו אַ פענסטער און אַריינגע־קוקט אינעווייניק. כ׳האָב דערזען אַ געזעמל פון גופים און פּנימער, וואָס זענען מיר געווען פרעמד. ס׳האָבן זיך געשטרעקט הענט מיט אָנגעפולטע גלעזלעך משקה. אויסגעפּוצטע ווייבער האָבן געטאַנצט אַ קאַדריל. זיי האָבן זיך אַקעגנגעטאַנצט, זיך געבוקט און זיך צוריקגע־צויגן הינטערוויילעכץ. מיילער האָבן זיך געקושט, זיך געוואונטשן

„מזל־טוב". טרערן זענען געראָנען פון אויגן. כ'האָב זיך שטאַרק איינ־געקוקט אין די פּנימער, געוואָלט עמעצן דערקענען — אָבער כ'האָב נישט געקענט. איך האָב אין אויסטראַליע נישט געוואוסט, צי עמעצער פון די רעדימער איז געבליבן לעבן און ס'האָט מיך אָנגענומען אַ מורא, צי איך האָב נישט פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל צו אַ פרעמדער חתונה...

אַז איך בין אַריין אין זאַל, האָבן זיך מיטאַמאָל געשטעקט צו מיר הענט און מיר אָפּגעגעבן „שלום". שטימען האָבן זיך געפרעגט איינס און דאָס זעלבע:

— דערקענסט מיך נישט, הערץ? לאָמיר זען, צי דו ווייסט ווער עך בין?

— איי, ס'איז נישט שיין פאַר דיר זאָלסט מעך נישט דערקע־נען! נו, דו ווייסט נאָך אַלץ נישט?

— כ'בין יאַנקל ברכה'ס... מיר זענען געגאַנגען צוזאַמען אין חדר צו אייזיק מלמד...

— כ'בין יאָשקע פענע... כ'האָב געוואוינט אויפן ווידעטש.

— כ'בין נתן זיינוול'ס... עך בין נישט איין מאָל געקומען צו אייך אין דער קאַמעניצע... מיר האָבן צוזאַמען געלערנט גמרא...

אַ קליינע, אויסגעפּוצטע יידענע האָט זיך דערנענטערט צו מיר, אָוועקגעשטופּט די אַנדערע און מיר אַריינגעקוקט אין פּנים מיט אַזאַ צווידייטיק היימיש קוקעלע, ווי זי וואָלט געוואוסט אַלע מיינע פאַר־באָרגנסטע סודות.

— אוי, ביסטו געווען אַ באַטיאַר, הערץ... אַ שייגאָץ — האָט זי מיר געגראָזיעט מיט אַ פינגער פאַר דער נאָז — מיט אַלע מיי־דעלעך ביסטו געווען קוצעניו־מוצעניו... און מיין ברודערל האָסטו גע־רופן חמור־אייזל... האָב איך אַמאָל אַראָפּגערוקט ביי דיר די הייזעלעך און דיר אָנגעשמיסן אַ זייטשע־מוחל...

ס'איז צוגעקומען צו מיר אייגער אין מיינע יאָרן און מיר גע־זאָגט, אַז קליינערהייט איז ער געווען מיין בעסטער חבר. ער האָט אָנגעגאָסן פאַר מיר און פאַר זיך צו גלעזלעך בראָנפן און מיר גע־וואונטשן:

— לחיים, הערץ... מעטשעשעם ביי דיינע קינדער... איאָ, כ'דאַרף דיר ווינטשן? וואָס האָסטו — יינגלעך, צי מיידלעך?

איך האָב אים אַריינגעקוקט אין פּנים און אים לכתחילה נישט דערקענט, אָבער מיטאַמאָל האָב איך מיט שמחה אַ געשריי געטאָן:

— שימעלע?! שימעלע פוי...

— שימעלע פויער... שעם זיך נישט... מען האָט מיך אין רעדים אַזוי גערופן, ווייל כ'האָב געהאַט רויטע פיסקעס ווי די שמחת־תורה־עפל...

שפּעטער האָב איך שוין אַלעמען באַלד דערקענט. אַז מען איז צוגעקומען צו מיר, האָב איך אויפן אָרט אויסגערופן:

— יאָסלע פּאַלאַנט... יענטע די נייטאָרין... און דו ביסט ריווטשע... ריווטשע קאָזע — האָב איך מוסיף געווען און אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— לאָזטע אים שוין אָפּ! — האָט זיך ווער אָנגערופן — לאָזטע אים אָפּדעכען! זאָל ער עפּעס טועם זיין... פאַרבייסן... אפשר וועט ער כאַפּן אַ טענצל... און טאַקע מיט דער „קאָזע". זי איז נאָך אַלץ אַ שיין ווייבל...

איך האָב פאַרבעטן ריווטשען צום טאַנץ. בעתן טאַנצן האָב איך זי זייטיק באַטראַכט און נאָך באַמערקט אויף איר פּנים בולטע סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט. מיט יאָרן צוריק איז זי געווען גאָר אַ שיין מיידל, וואָס פלעגט זיך כסדר רויטלען און אונטערשפּרינגען אַביסל ווי אַ יונגע קאָזע. זי האָט מיר דערציילט וואָס זי האָט זיך אַלץ אָנ־געליטן אין די לאַגערן. נישט איין מאָל געזען דעם טויט פאַר די אויגן. היינט איז זי ביי זיך אין דער היים, אין ישראל. זי האָט אַ וואוילן מאַן און געראָטענע קינדער. דער עלטסטער זון, אַ יונג ווי אַ בוים, איז אין דער צבא. ער איז אַ סגן־אלוף. דערגרייכט אַזאַ הויכן ראַנג...

נאָכן טאַנצן האָב איך זיך אָנועקגעשטעלט מיט ריווטשען אויף אַ זייט און מיר האָבן באַטראַכט די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. איך האָב זיך דערמאָנט אין אַ סך רעדימער, וואָס זענען דאָ נישט געווען און זיך נאָכגעפרעגט ביי ריווטשען אויף זיי. זי האָט מיר געזאָגט, אַז די אַלע רעדימער זענען אויסגעגאַנגען אין די געטאָס, אין רוסלאַנד און זענען אומגעקומען אין די לאַגערן...

פלוצים האָב איך דערפילט ווי עמעצער האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע. אַז כ'האָב זיך אויסגעדרייט, האָב איך דערזען בערלען. ער האָט אויסגעזען צו זיין שטאַרק פאַרשמייעט און זיך אַנטשולדיקט פאַר מיר, וואָס ער האָט זיך ביז איצט מיט מיר נישט פאַרנומען. ער האָט אָבער קוים באַוויזן אויסצורייד מיט מיר עטלעכע ווערטער ווי מ'האָט אים אַוועקגערופן. אויך ריווטשע איז אַוועק, וואָרן

ס'איז אַרײַן אין זאַל איר זון, דער סגן־אַלוף. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט מיך פֿאָרשטעלן פֿאַרן זון.

איך בין אויף אַמאָל געבליבן אַליין. קיינער האָט מיך נישט געזען, ווי מען וואָלט אין מיר פֿאַרגעסן. איך האָב געקוקט אויף דעם העל־באַלויכטענעם זאַל, אויף דעם ווייס־געדעקטן טיש מיט דעם גלייך־איינגעלייגטן באַשטעק. די קלעזמער האָבן געשפּילט און דער צע־יאָכמערטער עולם האָט אַלץ געטאַנצט, געהאָפּסעט, זיך אַלע מאָל מער צעוואַרעמט. כאָטש די קלעזמער האָבן געשפּילט עפּעס פֿריילעכס, האָט עס אין מײַנע אויערן אָפּגעקלונגען אַזוי טרויעריק. איך האָב די גאַנצע צײַט נישט געוואוסט וויפֿל רעדימער ס'האָבן זיך געראַטעוועט — און אַז כ'האָב זיי איצט געזען טאַנצן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי זענען אַרויס פֿון די קבֿרים, אויפֿגעשטאַנען פֿון אַש... תּחית־המתים. טרערן זענען מיר גערונען פֿון די אויגן.

ווידער האָט מיר עמעצער גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע. ס'איז אויסגעוואַקסן פֿאַר מיר אַ הויכער פֿאַרשוין, וואָס האָט מיר אַרײַנגעלאַכט אין פּנים מיט אַ פֿול מויל געלע, געזונטע, אַביסל קרומלעכע ציין. ער האָט נישט געפֿרעגט, צי איך געדענק אים יאָ, צי נישט. כּהרף־עין האָט ער אָנגעהויבן רעדן צו מיר היימישלעך, גלייך ווי ער וואָלט פֿאַרקנופּט אַן איבערגעריסענעם שמועס פֿון נעכטן:

— האַ, הערץ, וואָס האָסטו געזען אין מינדלען דעם בלעכערס טאָכטער? איי, ביסטו געווען פֿאַרלאַבטשעט אין איר! וואָס איז דײַן טועכץ דאָרט, אין די מרחקים? עך האָב געהערט, אַז דו ביסט אַ שרײַבער. אָבער פֿון שרײַבערײַ אַליין קען מען הײַנט נישט האָבן אויף קיין פּאַפּע. קיין ראָטשילד ביסטו אַוודאי נישט געוואָרן אין אויסטראַ־ליע. אַזעלכע מענטשעלעך ווי דו האָבן נישט קיין סיגל צו מאַכן געלט... גלויב מיר, ס'איז אַ נס אַז כ'בין געבליבן לעבן. עך בין שטענ־דיק געווען אַ גוטער פֿאַרדינער. אַפֿילו דאָ מאַך עך די פּרוטה...

מײַן לאַנדסמאַן האָט נישט אויפֿגעהערט רעדן, געשיט ווי פֿון אַ זאַק און בשעת־מעשה האָבן זײַנע קינדעריש־בלויע אויגן מיר אַרײַנ־געקוקט אין פּנים מיט אַ קלוגעריש שמייכעלע. כאָטש זײַנע גרויע האָר האָבן אים פֿאַרענדערט, האָב איך געדענקט ווער ער איז. נאָר כ'האָב זיך בשום אופֿן נישט געקענט דערמאָנען זײַן נאָמען און דאָס האָט מיך געמוטשעט. ער האָט גערעדט — און איך האָב כּסדר גע־טראַכט ווי ער הייסט. ער האָט געהאַט אַ טבֿע אָנצוהויבן זײַן שמועס פֿון מיטן, אָדער גאָר פֿון סוף.

— עך בין דאָ אַ דזיעדזיץ... כ'האָב אַ פּאָלוואַרק נישט ווייט פון חיפה. מילא, מיינע קינדער זענען אין קיבוץ, ווילן נישט זיין ביי מיר... געדענקסט קישעלעווסקין, דעם דזיעדזיץ פון רעדימ? עך פּאַר־מאָג באַלד אַזאַ הויף ווי ער! מיין פּרדס איז אַביסל שענער פון זיינעם! זאָלסט אָנקוקן מיינס אַ תּפוח־זהב! אַ שטיק זון... ביי מיר איז היינט אַלץ בסדר, בסדר גמור! דו דאַרפסט קומען אַהער, הערץ! וואָס טוסטו דאָרט אין אויסטראַליע צווישן גויים? אַ שרייבער דאַרף זיצן צווישן אייגענע...

ס'איז געוואָרן פּלוצים אַ געלויף, אַ געשטופּעריי. בערל האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ בענקל און אויפגעהויבן דאָס קול:

— לאָזט אַדורכגיין! מאַכט אַ וואַרע. מען פירט די כלה צו דער חופה...

איך האָב זיך קוים אַדורכגעשטופּט צווישן די געסט און גע־כאַפּט אַ קוק אויף דער כלה און אויפן חתן אונטער דער חופה. כאָטש די כלה איז געווען איינגעהילט אין אַ ווייסן וועלאָן, האָב איך געקענט זען איר פּנים, וואָס איז געווען בלוט און מילך. דער חתן האָט גע־טראָגן ציווילע קליידער, אָבער פון זיין ברוין פּנים, פון זיינע אָפּגע־ברענטע הענט און פון זיין יעדער תּנועה האָט זיך געפילט דער זעלנער. די ווייבער האָבן געוויינט, געשלוכצט, זיך געווישט מיט טיכלעך די אויגן. נאָר די מענער האָבן זיי נישט געלאָזט וויינען און זיך געבייזערט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געוויין?! שטיל זאָל זיין, ווייבער... מיר דאַרפן זיין גליקלעך, וואָס מיר האָבן דערלעבט צו דער דאָזיקער שעה. מען הערט נישט אַפילו זאָגן דעם חתן דעם „הרי את”!

נאָך דער חופה איז צוריק געוואָרן אַ געשטופּעריי און דער עולם האָט זיך געקושט און געהאַלזט. ס'האָבן זיך געטראָגן קולות:

מזל־טוב... מזל־טוב! מעטשעשעם ביי דיין זון... מעטשעשעם ביי דיין טאָכטער... ביי אונדזערע קינדער.

— ס'זאָל שוין פון היינט אָן זיין שלום ביי אונדז אין דער מדינה! ס'זאָל זיין שלום אין ישראל און אויף דער גאַנצער וועלט!

— יידן זאָלן מער נישט געפּרוווט ווערן מיט קיין שלעכטס! זאָלן מער נישט דאַרפן אויסשטיין דאָס אַלץ, וואָס זיי זענען אויס־געשטאַנען ביז איצט!

— אָמן... אָמן סלה...

איידער דער עולם האָט זיך געזעצט עסן די סעודה, איז בערל

צו מיר צוגעקומען און געזאָגט, אַז ס'איז צוגעגרייט פאַר מיר אַן אָרט אויבן־אָן ביים טיש. איך בין געזעסן נאָענט פון חתן־כלה, לעבן דעם רעדימער רב'ס קרוב, וואָס האָט מסדר־קידושין געווען. פון מיין צווייטער זייט איז געזעסן דער סגן־אלוף, ריוווטשעס זון. ריוווטשע האָט איצט געהאַט די בעסטע געלעגנהייט מיך פאַרצושטעלן פאַר אים. בלויז די צוויי הויפט־מחותנים, די צוויי זיידעס פון חתן־כלה, זענען געזעסן אָפּגערוקט און נישט געקוקט איינער אין דעם אַנדערנס זייט. זיי זענען געווען אָנגעדרודלט און געקוקט ערגעץ אַוועק, ווי די גאַנצע חתונה וואָלט מיט זיי נישט געהאַט קיין שייכות. לייבעלע באַגאַטשס פּנים איז געווען רויט־אָנגעדראָלן און די פלײשיקע נאָז האָט פאַר־מאָגט אַ סך ברוגזלעכע אָנגעלאָפן־בלויע אָדערלעך. צווישן דער וויס־קייט פון זיין דאַר בערדל, האָבן זיך דורכגעוואָרפן רויטע, אויסגע־בליאַקעוועטע פּעדים. זיינע אַלטע יאַסלעס האָבן שטאַרק געציטערט, גלייך ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין. ער האָט שוין קוים געקענט עפּעס טועם זיין פון די מאכלים, וואָס די סאַרווערס, אָנגעטאָן אין געפּרעסטע קאַפּעלעך אויפן קאָפּ, האָבן אים דערלאַנגט. יואל מאַדיאַר איז געווען שטייף, ווי אַ ווירע און ער האָט אַלע פאַר רגע'ס איינגע־דרימלט. אָבער אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָבן זיינע קויל־שוואַרצע אויגן אינעם טונקעלן פּנים זיך צעגליט. אַז די סאַרווערס האָבן אים געוועקט און אים אונטערגעשטופּט דאָס עסן, האָט ער כמעט גאָרנישט געוואָלט נעמען אין מויל אַריין און זיך מיט גאווה געגלעט די גרייז־גרויע באָרד.

בשעת דעם רעדימער מאַרשעליקס זון האָט פריילעך געמאַכט די געסט און זיי האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, האָבן סיי יואל מאַדיאַר און סיי לייבעלע באַגאַטש נישט קיין שמייכל געטאָן. דער מאַרשעליק האָט געשיט מיט חכמהלעך, מיט הלצהלעך, וואָס האָבן אַ שייכות געהאַט צו פוילן, צו ישראל און צו די געסט אויפן זאַל. דאָ איז ער געווען מילד און דאָ שטעכיק; ער האָט געלויבט און אַריינ־געזאָגט. ער האָט געפלאָכטן גראַמען באַלד אויפן אָרט און אַז ער האָט אויסגעזונגען די לידלעך, האָט ער זיך געוואָנדן צו דער קאַפּעליע:

— אויפגעשפּילט זאָל ווערן! כלים!...

בעת כ'האָב בערלען אָנגעוויזן אויף די ברוגזע מחותנים, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— זיי זענען שוין צוביסלעך עובר־בטל... אַלטע לייט נעבעך! קענען שוין מער נישט מיטגיין מיט דער היינטיקער צייט!

בערל איז נישט געזעסן אויבן־אָןביים טיש. ער האָט געמוזט אַכטונג טאָן אויף אַלץ און אַלעמען און ער איז געווען אומעטום. ער האָט געבעטן דעם עולם ס'זאָל זיין שטיל, וואָרים דעם רעדימער רב'ס קרוב, ר' גבריאל, וועט באַלד בענטשן. אָבער קודם־כל וועט ער זאָגן עטלעכע ווערטער. ר' גבריאל האָט גערעדט זיצנדיקערהייט, געמורמלט מער צו זיך אין דער לאַנגער באָרד אַריין, ווי ער האָט גערעדט צום עולם. מען האָט קוים געקענט אויפכאַפּן אָפּגעריסענע רייד וועגן דעם חתן אלי און וועגן דער כלה צפורה, וואָס זענען מיט דעם אויבערשטנס הילף באַשערמט געוואָרן פון אַלדאָס בייז... אַרויס פון די הענט פונעם משחית, רחמנא לצלן... זייערע עלטערן, עליהם השלום, זענען אומ־געקומען על קידוש השם... האָבן לא עליכם נישט דערלעבט צו פירן זייערע קינדער צו דער חופה... אָבער דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, אין דעם לאַנד פון די אָבות... אָפּגעזאָגט די ווערטער, האָט ר' גבריאל אָנגעהויבן צו בענטשן.

נאָכן בענטשן האָט בערל אויסגערופן, אַז אַצינד וועלןביידע זיידעס, פון חתנס און פון דער כלהס צד, טאַנצן אַ מצווה־טענצל מיט דער כלה. אָבער די זיידעס האָבן זיך נישט געאיילט, זיך געשאַרט מיט אַלטע דריבנע טריט און מען האָט זיי געמוזט אונטערפירן. דער ערשטער האָט געטאַנצט לייבעלע באַגאַטש. ער האָט מיט זיינע אויס־געהאָרעוועט־קורצע, שטומפּיקע פינגער אָנגענומען אַ שפּיץ פאַטשיילע און די כלה האָט מיט איר דין, אײדל הענטל קוים אָנגענומען דעם צווייטן שפּיץ. צפורה האָט פאַרהויבן אַ ביסל דעם שלעפּ פון איר חופה־קלייד און מיט יונגע פיס לופטיק אַ שוועב געטאָן איבערן זאַל. בשעת־מעשה האָט זי אַכטונג געטאָן, אַז דער זיידע זאָל זיך קענען מיטדרייען מיט איר. דערנאָך האָט יואל מאַדיאַר אַ נעם געטאָן אַן עק פון דער פאַטשיילע אין זיין טונקל־שמאָלער האַנט און געטאַנצט דאָס מצווה־טענצל מיט דער כלה. ער האָט פּאַוואָליע און אַ ביסל ברוגזלעך געשלעפּט זיינע פיס, אויסגעמיטן צו קוקן אין דער כלהס זייט. די קלעזמער זענען זיך לכתחילה פאַרגאַנגען טרויעריק, אָבער באַלד איבערגעגאַנגען צו פריילעכס. דער עולם איז געשטאַנען אַרום אין אַ ראָד און צוגעפּאַטשט מיט די הענט...

ר׳ פּנחסעס אייניקל פּיטער

אַלע יאָרן האָבן די עלטערן געמוזט פּיטערן שטופּן צום לערנען און ער האָט קוים מיט לייד פאַרענדיקט מיטלשול. די עלטערן האָבן אים געקויפט אַ נייעם אַנצוג, אַ ווייס העמד, אַ פּולאָווער און אַ פּאָר שיך, אָבער ער האָט גאָרנישט געוואָלט אָנטאָן. אַז מען האָט אים גע־צוואונגען ער זאָל די אַלע נייע זאַכן אָנמעסטן און ער האָט זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל, האָט זיך זיין פּנים פאַרקרימט, ווי ער וואָלט דערזען פאַר זיך אַ פאַרזעעניש.

— כ׳דאַרף נישט קיין אַנצוג!... כ׳דאַרף נישט קיין שיך! — האָט ער געזאָגט און בשעת־מעשה אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די מלבושים — כ׳האָב געוואָלט „דזשינס״... אַ „סלאָפּי״ סוועטער ווי מען טראָגט היינט. אַלץ וואָס איר האָט געקויפט, איז גוט פאַרן טאַטן! „פּאָפּ״ קען עס טראָגן!

— וו־אָ־אָס?! וואָס זאָגסטו?... כ׳פאַרשטיי נישט... — איז די מאַמע צוגעשפּרונגען צו פּיטערן מיט אַזאַ כעס, גלייך זי וואָלט אים וועלן דורס זיין — מיר האָבן זיך אויסגעלייזדיקט די קעשענעס און אויסגעגעבן אויף דיר, זאָלסט אויסזען ווי אַ מענטש... און דו וואַרפסט זיך נאָך?!

— לאָז אים געמאַך! ער ווייסט דען וואָס ער רעדט? אָט רעדט ער... — האָט זיך דער פאָטער אָנגענומען פאַרן זון און איינגענומען דאָס ווייב — מאָרגן וועט ער זאָגן עפּעס אַנדערש... אַזוי איז דאָס היינטיקע יונגוואַרג... אוודאי, מיר זענען געווען אַנדערש. יעדער דור האָט זיין דרך...

— נעמסט דיך שוין ווייטער אָן פאַרן תכשיט? — האָט זיך ביי דער מוטער אָנגעצונדן דאָס גרויסע, צעגאָסן־טייגענע פּנים — ווי פיל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז דעם בנאַק אין די אויגן אַריין, זאָלסטו האַלטן מיט מיר... זאָלסט נישט זאָגן בוידעם ווען איך זאָג קלאָץ! ער וואַרט נאָר אויף דעם... דו קענסט זיי נאָך נישט די היינטיקע בחורים און מיידלעך... אַז דו וועסט זיך אַזוי פירן ווייטער וועט ער דיר נאָך

אויסדראַפּען די אויגן, דער יונג! ס׳האָט דען אַ האַרץ? ס׳האָט איינזען מיט די עלטערן, וואָס הרגענען זיך אַוועק פאַר אים?

— נו, לאָז שוין אָפּ! הייבסט ווייטער אָן! ס׳וועט נאָך אויס־ברעכן אַ גאַנצע אַוואַנטורע... האָסט שוין פאַרגעסן וואָס איז געווען יענע וואָך? — האָט דער מאַן איינגעקורטשעט זיין לאַנגן גוף און זיך געבעטן ביים ווייב מיט זיין שטיל הייזעריקלעך קול.

— נעם זיך נישט אָן פאַר מיר! כ׳דאַרף נישט דו זאָלסט האַלטן מיט מיר, דעדי! דו ביסט נישט אַזוי גוט ווי דו מאַכסט זיך! — האָט פיטער זיך געבייזערט אויפן פאָטער — כ׳וועל סיי־ווי נישט טראָגן די אַלע זאַכן! קענסט זיי אַליין אָנטאָן, אָדער אַרויסוואַרפן. מיינע אַלטע „דזשינס״ זענען אָל־רייט... כ׳גיי אַלע מאָל אָנגעטאָן ווי אַ בעטלער!

— הער נאָר, ווי ער הויבט אויף דאָס קול! ווערסט זען ער וועט דיך נאָך קוילענען! אַז גאַנצע שעהן קוקט ער אין טעלעוויזיע און זעט זיך אָן מיט די פילמען וועגן באַנדיטן! עס איז נאָך גוט, אַז ער נעמט נישט קיין ביקס אין דער האַנט אַריין און גייט אַרויס אין גאַס שיסן מענטשן... — איז די מוטער אַריינגעפאַרן דעם זון אין די רייד.

— לאָז צו רו! — האָט זיך ווייטער דערהערט דעם פאָטערס גע־דולדיק קול — וואָס דאַרפסטו עס זאָל זיך איבערחזרן די זעלבע חתונה, וואָס איז געווען יענע וואָך... ער וועט נאָך ווייטער אַנטלויפן פון דער היים, פיטער... דערנאָך וועסטו מיך צווינגען, כ׳זאָל אים גיין זוכן!... ער איז נישט שלעכט... עפּעס עסט אים...

— און אַז ער קוקט נישט אויף די „גענגסטער״־פילמען, קוקט ער גאַנצע טעג אויף די ביטלס פון ענגלאַנד... זיי האַקן אין קאָפּ אַריין מיט דער משוגענער מוזיק זייערער... טראָגן אויף די קעפּ גאַנצע בעזימער — האָט דאָס ווייב נישט געהערט וואָס דער מאַן זאָגט — צוליב די לאַנגע האָר וואָס די בחורים טראָגן, דערקענט מען נישט היינט ווער ס׳איז אַ יינגל און ווער אַ מיידל... און דער „זונטיק״ מיינער מוז אַלץ נאָכמאַכן... קוק נאָר אָן דאָס שייטל וואָס ער טראָגט! אַמאָליקע יאָרן האָט מען געגלויבט אין עפּעס... אין וואָס גלויבט היינט דאָס יונגוואַרג?!

— שאַט־אַפּ, מאַדהער! — האָט פיטער אויסגעשריגן און זיך צו־געהאַלטן די אויערן — ווי פיל מאָל וועסטו דאָס זעלבע איבערחזרן? כ׳האָב געמיינט, אַז איר וועט מיך פאַרשטיין... אָבער איר וועט מיך קיין מאָל נישט פאַרשטיין!

פיטער האָט געלאָזט שטיין דעם טאַטן מיט דער מאַמען, פאַרהאַקט די טיר און איז אַריין צו זיך אין „סליפּאַוט״, וואָס האָט זיך געגרענעצט

מיטן ענגן הייפל. זייער הויז איז אַלט און אָפּגעלאָזן — אַ טיפּיש־אַלט־מאָדישער „קאָטעדזש". היינט בויט מען מער נישט אַזעלכע הייזער אין מעלבורן. אָבער אין זיין שטיבל האָט פּיטער געפונען מנוחה; דאָ האָט אים קיינער נישט געטשעפּעט. ס'איז דאָ געווען זייער אָנגעוואָרפן. אויף דער פּאָדלאָגע האָבן זיך געוואַלגערט ביכער, פּליטן, אַש־בעכערס מיט נישט־דערויכערטע פּאַפּיראָסן, העמדער, פּידזשאַמעס און שיך. כאָטש דאָס אַלץ איז געווען צעזייט איבערן גאַנצן שטיבל, האָט פּיטער אַזוי פּאָרזיכטיק געטראָטן צווישן דעם אַלעמען, ער זאָל אויף גאָרנישט אַרויף. ער רוימט קיין מאָל נישט צו און ער לאָזט נישט אַז די מאַמע זאָל ביי אים צורוימען, ווייל דערנאָך קען ער נישט צוטרעפן צו גאָר־נישט. פון דעסטוועגן ווייסט ער, אַז ווען ער איז נישטאָ ביי זיך, קומט די מוטער אַריין און נישטערט אין זיינע זאַכן. כאָטש זי באַמיט זיך אַוועקצולייגן אַלץ אויף דעם זעלבן אָרט, דערקענט ער באַלד אַז זי האָט געמאַכט ביי אים אַ רעוויזיע...

אין שטיבל האָט זיך געקרעקט דער אַלטער ראַדיאָ; דאָ געמורמלט שטיל און באַלד אָנגעהויבן עפּעס צו שפּילן. ווייזט אויס, אַז ער האָט אים פאַרגעסן פריער אויסצודרייען. פּיטער האָט געוואוסט, אַז באַלד וועט אַריינקומען צו אים דער טאַטע. ער וועט אים כלומרשט נישט וועלן זאָגן קיין מוסר — אָבער ער וועט אים ביסלעכווייז אַלץ אַריינ־זאָגן. ער קומט שטענדיק אַריין צו אים נאָך אַ מחלוקת, כדי אַלץ אויס־צוגלייכן און צו באַווייזן, אַז די מאַמע איז פון דעסטוועגן נישט אַזוי שלעכט... דער טאַטע טראָגט אויפן פּנים אַ שמייכעלע, וואָס דערמאָנט אַז ער איז אַזאַ גוטער. לויטן „אַלטנס" שמייכעלע קומט אויס, אַז ער איז אין אַלץ שולדיק און נישט דער זון. נאָר פּיטער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער טאַטע האַלט זיך נישט פאַרן שולדיקן און ער גלייבט אַז עס וועט קומען דער טאָג, ווען דער זון וועט באַקומען שכל און זיך מודה זיין אין זיינע חטאים. אָבער פּיטער וועט זיך קיין מאָל נישט מודה זיין אין קיין זינד, ווייל ער ווייסט אַז ער איז גערעכט...

מחמת דעם האָט פּיטער שוין ליבער די מאַמע, וואָס רעדט אָפענע רייד און ער ווייסט וואו ער האַלט מיט איר אין דער וועלט. זי זעט אַלץ אין שוואַרצע פאַרבן. נישט איין מאָל וואַרפט זי אָן אויף אים אַ מורא מיט אירע אויסטערלישע רייד. ער מאַכט זיך פאַר אַ גאַנצן העלד, אָבער אין זיך פילט ער אַ מורא. טאָמער גייט אים נישט איין עפּעס, באַשול־דיקט ער באַלד אין דעם די עלטערן. וואָלט דען נישט בעסער געווען ווען ער איז נישטאָ אויף דער וועלט... און נישט בלויז אויף די עלטערן

וואַרפט ער אַרויף די שולד פון זיינע דורכפאַלן, נאָר ער האָט אויך אַ טענה צו גאָט צוליב דעם. פאַר וואָס איז גאָט אַזוי שלעכט צו אים? אַז גאָט זאָל וועלן, וואָלט אַלץ געקאָנט זיין גוט און ער וואָלט נישט גע־דאַרפט ליידן...

פיטער האָט זיך אין אַנטוועכץ אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט. ער האָט אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע לעמפל צוקאָפּנס און געוואָלט לייענען, נאָר ער האָט געוואוסט אַז ער וועט נישט האָבן קיין רו, וואָרים דער פאָטער וועט דאָ אַ ליאַדע מינוט אַריינקומען. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס ביכל אויף דער ערד און געפּרוווט אַנטשלאָפן צו ווערן. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַפרייען פונעם געפיל, אַז אָט־אָט וועט ער דערהערן דעם אַלטנס טריט, וואָס וועלן זיך שטילערהייט אַריינגנבענען צו אים. ער וועט זיך טאַקע מאַכן שלאָפן, אָבער דער פאָטער וועט אָנהויבן אונ־טערצוהוסטלען קודם־כל שטיל און דערנאָך אַלע מאָל העכער.

פאַר וואָס קאָן ער נישט ליידן דעם טאַטנס פירעכץ? ער איז דאָך נישט אַזוי שלעכט. יעדער איינער זאָגט אים דאָס. די רייד האָט ער שוין געהערט הונדערטער מאָל, אַז ס'איז אים נימאס און מיאוס פון זיי. דער טאַטע מינטערט אים שטענדיק ער זאָל גיין אין דער יידישער שול, אין דער תלמוד־תורה, אָבער ער וויל נישט. ער האָט אַלע מאָל געהאַט צו מאַכן אַזוי פיל לעקציעס אין דער היים, און איצט אַז ער וועט אַריין אין אוניווערסיטעט, וועט ער נאָך דאַרפן מער לערנען. ער ווייסט אַז דער אַלטער איז אַ גאַנצער מאַכער אין דער יידישער שול און זיינע קעשענעס זענען אַלע מאָל פול מיט פאַרשידענע „רעפלס" און בילעטן צו אַלערליי אונטערנעמונגען. ער פאַרקויפט דאָס אַלץ אויפן „מאַרקעט", וואו ער שטייט צוזאַמען מיט דער מאַמען. די מאַמע האָט סיי־ווי אַ טענה צו אים פאַרוואָס ער קוקט נישט נאָך די קונים און ער האָט בלויז אין זינען אַריינצופּאַקן יעדן די בילעטן. מיט דעם איז פיטער מסכים מיט דער מאַמען. זיינע עלטערן זענען געקומען קיין אויסטראַליע מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק און זיי זענען נאָך אָרעם. אין דעם איז זיכער שולדיק דער טאַטע. פיטערס חברים זענען רייך, וואוינען אין גרויסע הייזער און פאָרן אַרום אין די שענסטע אויטאָס. זיין חבר הערי האָט דער פאָטער, נאָך פאַרענדיקן מיטלשול, געקויפט אַ נייעם אויטאָ און ער קאָן אַרויסנעמען מיידלעך וויפל ער וויל. און אַז פיטערס פאָטער גיט אים שוין אַ מאָל זיין אַלטע טראַנטע, ווילן די מיידלעך מיט אים נישט פאָרן...

פיטער האָט דערהערט טריט, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו זיין

שטוב. דאָס זענען דעם טאַטנס טריט. ער האָט געוואוסט אַז ער וועט קומען. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און זיך געמאַכט שלאָפן. נאָר דער טאַטע האָט זיך אָנגערופן צו אים:

— כ'ווייס אַז דו שלאָפסט נישט, פּיטער... וואָס איז היינט געווען מיט דיר? פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי געבייזערט אויף דער מאַמען? וואָס טוסטו איר אָן אַזוי פיל עגמת־נפש? דו ביסט'ך אַ בחור מיט געפיל...

פּיטער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו דעם טאַטן, אָנגעשטעלט אויף אים זיינע גרויסע ברוינע אויגן, וואָס האָבן כעסדיק געפלעמלט אין זיין אָפּגעצערט בלייך פּנים.

— וואָס לייגסטו אַלץ אַרויף אויף דער מאַמען? דו ווילסט דאָך זאָגן, אַז איך טו אָן דיר „טראָבל"! — האָט ער גיך אַ מורמל געטאָן.

— זאָל זיין אַזוי...

— זאָלסטו אַזוי זאָגן! כ'וויל אַוועק פון דער היים... כ'וויל נישט גיין אין אוניווערסיטעט... כ'האָב נישט קיין קאָפּ צום לערנען... כ'וויל פאַרדינען געלט... כ'מוז שטענדיק בעטן ביי דיר אַ פּאָר פּעניס... כ'האָב פיינט די היים, וואו מען טשעפּעט זיך צו מיר כסדר... וואו מען לאָזט מיך נישט צו רו... וואו מען פאַרשטייט מיך נישט...

— ווער לאָזט דיך נישט צו רו? ... אַז דו ווילסט פאַרדינען געלט, זוך דיר אויס עפּעס אַן אַרבעט... אָבער אין אוניווערסיטעט זאָלסטו גיין. ס'האָט געקאָסט אַזוי פיל געלט דיין לערנען... ווער האָט אויף דיר אַזאַ שלעכטע השפּעה? ... די מאַמע זאָגט, אַז די... ווי הייסן זיי דאָרט... באָדזשיס... דאָס זענען פּוסט־און־פּאַסניקעס... ווער האָט דאָס געזען אַ ייִד זאָל זיין אַ באָדזשי?

— פאַרוואָס נישט? וואָס זענען ייִדן אַנדערש? און דו לייגסט שוין ווידער אַרויף אויף דער מאַמען... וואָס קענסטו נישט זאָגן אין דיין נאָמען? ס'איז נישט זיך אַזוי צו פירן...

— גוט... כ'זאָג עס אויך אין מיין נאָמען...

— קויף מיר אַ קאַר... כ'וויל האָבן אַן אויטאָ פּונקט אַזוי ווי הערי...

דער פאָטער איז צעטומלט געוואָרן, נישט געוואוסט וואָס צו ענט־פערן דעם זון. ס'האָט געדויערט אַ היפּש ביסל צייט ביז ער האָט געקאָנט אַרויסברענגען די פּאָר ווערטער:

— כ'קען דיר נישט קויפן קיין קאַר, ווייל מיר האָבן נישט קיין געלט... ווייל מיר זענען נישט רייך... דאַרפסט פאַרשטיין...

— פאַרוואָס זענען מיר נישט רייך? פאַרוואָס?!...

דער פּאָטער איז אַנטשוויגן געוואָרן, לאַנג אין עפּעס אַריינגע־טראַכט און לסוף זיך אָנגערופן:

— רייכקייט איז נישט אַלץ.. דו הייסט נאָך דיין זיידן, ר׳ פּנחס... דאָס איז געווען דיין מאַמעס טאַטע. ער איז אויך נישט געווען רייך. נישט איין מאָל האָט ער זיך געמוזט באָרגן געלט, כדי דיין באָבע זאָל קענען מאַכן שבת... אָבער אַלע אין שטאָט האָבן געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ. אַ קליינינקייט עפּעס: ר׳ פּנחס כוהן! ווען ער איז דורכגע־גאַנגען די גאַס האָבן אים אַלע אַקעגנגעטראָגן דעם „גוט־מאָרגן!״... יידן און גויים. ער האָט זיך גאָרנישט געשעמט מיט זיין אָרעמקייט. ער איז שטענדיק געזעסן און געלערנט און נישט אין זינען געהאַט קיין געלט. דו הייסט נאָך דעם זיידן... פאַרוואָס זאָלסטו נישט זיין אַזוי ווי ער?

— כ׳האָב שוין דאָס געהערט נישט איין מאָל! — האָט פּיטער זיך אַ וואָרף געטאָן און איבערגעהאַקט דעם טאַטן — כ׳וויל נישט זיין ווי דער זיידע! כ׳פאַרשטיי נישט וואָס דו רעדסט צו מיר. דאָ איז נישט פּוילן! דאָ איז אויסטראַליע! ליוו מי אַלאָן!

— נו, גוט, פּיטער...— האָט דער פּאָטער זיך אויפגעהויבן פון אָרט — מאָרגן וועלן מיר ווייטער רעדן... היינט ביסטו אויפגערעגט. מאָרגן איז אויך אַ טאָג. אַ גוטע נאַכט...

דער פּאָטער איז אַרויס און פּיטער האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צו דער וואַנט. די וואַנט איז געווען אַן אַלטע, אַ ברודיקע און די פאַרב האָט זיך אויף איר געקרישלט. און וואָס מער פּיטער האָט געקוקט אויף דער וואַנט, אַלץ מער האָט ער געזען אין די אָפּגעשיילטע און אָפּגערי־בענע פלעקן כלערליי געשטאַלטן. אָט האָט ער דערזען אַ פלעק, וואָס האָט אָנגענומען די געשטאַלט פון זיין זיידן מיט דער לאַנגער שטאָלצער באָרד. דער זיידע גייט זיך באָרגן געלט, כדי די באָבע זאָל קענען אַריינברענגען דעם שבת אין שטוב אַריין... און דאָ שווימט אַרויס זיין חבר הערי, וואָס פאָרט אַרום אין דעם נייעם קאַר... פּיטער בעט אים ער זאָל אים געבן אַ „ליפט״ — אָבער ער לאַכט אים אין פּנים אַריין און זאָגט אים אָפּ. בעת־מעשה מאָנט ער אים דאָס געלט, וואָס ער איז אים שולדיק... ער טוט דאָס, ווען פּיטערס מיידל שטייט דערביי, כדי ער זאָל אים פאַרשעמען... מיט אַ מאָל האָט פּיטער דערזען די שול, וואו ער האָט געלערנט און די חברים זיינע. זיי האָבן געהאַט אויף אַלץ, וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט, און ער האָט זיך גאָרנישט געקענט פאַרגינען... אפילו זיין בר־מצווה איז געווען אַן אָרעמע... זיין שוועס־טער, וואָס האָט רייך חתונה געהאַט, האָט געמוזט צושטייער געבן צו

דער בר־מצווה... אויף העריס בר־מצווה זענען געקומען אזוי פיל געסט... עס האָבן זיך געשיט אזוי פיל מתנות און קאָנווערטן אָנגעפּילט מיט געלט... הערי האָט אים געוויזן די מתנות און אים געבעטן, ער זאָל אים צוהעלפן ציילן דאָס געלט. נאָר אין מיטן דערינען האָט ער חרטה באַקומען אויפן עסק און פּיטער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער געטרויט אים נישט...

— כאַפּטץ דעם גנב!... — האָט פּיטער מיט אַ מאָל דערהערט ווי מען שרייט פון אַלע זייטן און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ער האָט דערזען אַז ער ליגט אין אָנטועכץ אויף זיין בעטל. דאָס עלעקטרישע לעמפּל צוקאַפּנס ברענט האַלב־טונקל און היצט דעם גוף. ער איז געווען פויל זיך אויסצוטאָן, האָט ער זיך בלויז איינגעוויקלט אין קאָץ און איז ווייטער איינגעשלאָפן.

אויף צומאָרגנס האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן טאָג. די זון האָט שוין אָנגעהיצט דאָס שטיבל. ער האָט זיך אויפגעריסן מיט שרעק, ווי עס וואָלט אים ווער געיאָגט. ס'איז אים געווען אָנגעזאָלצן אויף דער נשמה און כדי זיך אַ ביסל צוצוגעבן קוראַזש, האָט ער אָנגעשטעלט אַ „רעקאָרד”. ס'האָט באַלד אַ זעץ געטאָן אַן אָרקעסטער און אַ זינגער האָט זיך געריסן מיט קולי־קולות. אַז דער זינגער איז אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן, האָבן ווידער געשאַלט די טראָמפּייטן און ס'האָבן געדונערט די פּויקן. פּיטער האָט אָנגעהויבן אונטערצוטאַנצלען אין זיינע שפּיציקע שיך און שמאָל־אויסגעפּאַסטע הויזן צום טאַקט פון דער מוזיק — אָבער ער האָט קוים באַוויזן צו שטעלן די ערשטע טריט ווי עס איז אָנגעלאָפן די מאַמע מיט אַ געשריי:

— אוי, געוואַלד, כ'על טויב ווערן! ער וועט מיך דול מאַכן דער יונג מיט דער משוגענער מוזיק! ביזן האַלבן טאָג שלאָפט ער... דערנאָך הילכט ער מיר אין מיין שוואַכן קאָפּ אַריין מיט זיינע ווילדע רעקאָרדס! שטעל אָפּ די קאַקאַמייקע, זאָג'ך דיר! האָסט דאָך געזאָגט, אַז וועסט דיר אויסזוכן עפּעס אַן אַרבעט איבער די האָלידייס...

פּיטער האָט געוואָלט אַרויספאָרן אויף דער מוטער, זיך קוים איינגעהאַלטן און בלית־ברירה אָפּגעשטעלט די פּליטע. ער איז אַריין אין באָד־צימער, זיך אַרומגעוואַשן אַ ביסל און איז אַרויס אויף דער גאַס. די מוטער האָט אים נאָכגעשריגן ער זאָל עפּעס עסן. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף איר און איר נישט געענטפערט. פּיטער האָט געוואוסט אַז הערי פּאָרט היינט נאָכמיטאָג אַרויס אויף אַ „פּיקניק” אין די בערג צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים און מיידלעך. אים האָט מען נישט פאַר־

בעטן. ער האָט נישט געוואָלט גיין צו הערין, נישט געוואָלט בלייבן פאַרשעמט. חוץ דעם האָט ער געפילט, אַז ס׳קאָן נאָך פון דעם עפּעס שלעכטס אַרויסקומען. קעגן זיין ווילן האָבן אים די פיס געטראָגן צו דעם הויז וואו הערי האָט געוואוינט. ס׳איז שוין דאָרט געשטאַנען אַ חברה בחורים און מיידלעך. מיט אַ מאָל האָט פּיטערן עפּעס אַ זעץ געטאָן אין האַרץ. ער האָט דערזען אַז לעבן מערין שטייט הענאַ. הערים בעקעלעך פלאַמען און ער האַלט הענאַן אַרומגענומען מיט זיינע פליישיקע שטאַרקע הענט. הענאַ איז געווען פּיטערס מיידל און ער איז שוין מיט איר אַרויסגעגאַנגען מער ווי אַ יאָר. בעת הענאַ האָט דערזען פּיטערן, איז זי באַלד צוגעלאָפן צו אים און האָט פאַרוואָרפן אירע שלאַנקע אָרעמס אַרום זיין האַלדז.

— דאַרלינג... — האָבן זיך אירע בלויע אויגן געחנדלט — כ׳וויל אויספּרוּוון ווי ס׳פאָרט זיך אין הערים קאַר... דעט׳ס אָל...

— אָל־רייט! — האָט פּיטער אַראָפּגעוואָרפן אירע הענט פון זיך — אָל־רייט... שור!

בעת הערי האָט דערזען ווי פּיטער שטויסט אָפּ פון זיך הענאַן, האָבן זיך זיינע ברייטע פליישיקע פלייצעס אַ וויג געטאָן און ער האָט זיך פאַוואָליע צוגערוקט צו פּיטערן.

— וואָס האָסטו צו הענאַן? — האָט ער וואוילעריש אַ פרעג געטאָן מיט אַ שפּיץ מויל — זי וויל אויספּרוּוון ווי ס׳פאָרט זיך אין מיין קאַר... זי וויל נישט פאָרן אין דיין אַלטער טראַנטע... אין דיין טאַטנס „באָמב״...

— שאַט אַפּ! — האָט פּיטער אַרויסגעזייט צווישן די ציין — כ׳וועל דיר נאָך אָנלערנען, געדענק! כ׳וועל דיר נאָך געבן אַ לעקציע!

— קוק אים נאָר אָן, דעם העלד! זע נאָר ווער ס׳וועט מיר געבן אַ לעקציע... — האָט הערי אַ לאַך געטאָן פּיטערן גלייך אין פּנים אַריין — דו פּחדן! יו טשיקען!

פּיטער האָט אויסגעשטרעקט די פויסטן ווי אַ באָקסער און אַ שפּרונג געטאָן צו הערין. אָבער יענער האָט אים אַזאַ שטאַרקן שטויס געטאָן, אַז זיין שמאָלער, דינער גוף איז געפאַלן הינטערווייליעכץ און האָט זיך אַ קוילער געטאָן אויף דער ערד.

הענאַ האָט געוואָלט צולויפן צו פּיטערן; באותו הרגע האָט זי הערי אַ כאַפּ געטאָן, זי געשלעפּט צו זיך אין אויטאָ — און די חברה איז אַוועקגעפאָרן.

פיטער איז געבליבן ליגן אַליין אויף דער ערד. ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבן, כדי קיינער זאָל גאָרנישט באַמערקן און טרערן פון בושה האָבן אים פאַרשפאַרט דעם האַלדז. בעת־מעשה האָט ער דערזען פאַר זיך דאָס אָנגעלאָפן־רויטע פּנים פון העריס טאַטן, וואָס איז געוויינטלעך אין דער צייט געקומען אַהיים אויף מיטאָג פון זיין „סעלף סערוויס״־געשעפט.

— אַז מען קען נישט שמעקן קיין פּולווער, גייט מען נישט אין מלחמה אַריין... איך האָב גאַנץ גוט געזען ווי דו האָסט דער ערשטער אָנגעהויבן — האָט העריס פאָטער אַ זאָג געטאָן — הערי האָט דיר נישט געוואָלט ווייטאָן...

אָבער פּיטער האָט גאַנץ גוט געזען דעם חוזקדיק־צופרידענעם שמייכעלע אויף זיין פּנים און איז שנעל אַוועק. ער איז געוועזן זיכער אַז אַ סך אויגן קוקן אים נאָך און לאַכן פון אים אָפּ. ער האָט פאַרשנע־לערט זיינע טריט און אָנגעהויבן צו לויפן. אַז ער האָט דערזען אַ טראַמוויי, האָט ער זיך אין מיטן פאָרן אַרויפגעכאַפּט. ער האָט כסדר געזען ווי הענאַס קאָפּ ליגט איצט אָנגעלענט אויף העריס אַקסל. דער אָפענער ספּאָרטס־אויטאָ יאָגט און דער ווינט שפּילט זיך מיט אירע האָר. די אייפערזוכט האָט אים געגעסן און ער האָט באַקומען אויף זיך אַליין רחמנות.

אַ גאַנץ גייענדיקן נאָכמיטאָג האָט זיך פּיטער געשלאָנדערט אי־בער דער שטאָט. ער האָט באַקוקט די שוי־פענצטער און זיך געפּלאָנ־טערט צווישן די קונים אין די וואָרן־הייזער. אַז ער איז פאַרביי אַ געווער־געשעפט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַריינגעקוקט אינעווייניק. כלערליי ביקסן פון פאַרשידענער גרויס זענען געהאָנגען אויף די ווענט. אויפן בופעט זענען געלעגן אויסגעסדרט רעוואָלווערן און שטי־לעטן. אַן אויסגעשטאָפּטער קאָפּ פון אַ הירש מיט לאַנגע געדרייטע הערנער, ווי צווייגן, האָט אים אָנגעקוקט מיט סאַמעטן־ברוינע אויגן, פול מיט גוטסקייט און רחמנות. אָבער באַלד האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיטן גרינעם בליק פון אַן אָדלער, וואָס האָט זיך מיט דעם קרומען ווילדן שנאָבל געריסן צו אים...׳ פּיטערן איז אַדורך אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז ער וואָלט געדאַרפט קויפן אַ רעוואָלווער. אַנדערש וועט ער נישט קאָנען גובר זיין הערין. איידער וואָס־ווען האָט אים שוין אָנגעפילט אַ זיס נקמה־געפיל. אָבער ער איז נישט אַריין קויפן קיין רעוואָלווער. וואָס קומט אים אַרויס, אַז ער קען אַרויסציען שנעל אַ רעוואָלווער פּונקט ווי די „קאָובאָיס״ אין די פילמען. יינגלוויז האָט ער זיך גאַנצע טעג דאָס

געלערנט, נאָכגעמאַכט די „קאַובאָיס״. פּיטער איז גיך אַוועק פון גע־שעפט; ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע ווייסן שוין וואָס פאַר אַ כוונות ער האָט געהאַט. מן הסתם זענען די חברים זיינע פון „מילק־באַר״ געווען גערעכט, וואָס האָבן געשפּעט פון אים, אַז ער קאָן נישט אָנרירן אַ פליג אויף דער וואַנט. ער פלעגט זיך נאָכשלעפּן די חברים, וואָס האָבן פאַרטשעפּעט פאַרבייגייער אויף דער גאַס. זיי האָבן געזאָגט אַז יידן זענען פּחדנים און האָבן געמאַכט חוזק פון אים...

שפּעט ביינאַכט איז פּיטער אַהיים געפאָרן. ער איז נישט אַריין צו זיך אין שטוב; ער האָט זיך געפילט איבעריק אויף דער וועלט. וואָס וועט זיין פון אים דער תכלית? ער ווייסט נישט צו וואָס זיך צו נעמען. ער האָט אין אַלץ באַשולדיקט די עלטערן, וואָס האָבן אים שטענדיק איבערגעלאָזט אַליין, ווען זיי זענען געגאַנגען האַנדלען אויפן מאַרק. ס'איז געוואַקסן אין אים אַ באַגער צו טאָן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל ווייזן אַז ער איז נישט אַזאַ שלימזל ווי אַלע מיינען. ער האָט זיך לאַנג געדרייט אַרום העריס הויז, אַכטונג געטאָן מען זאָל אים נישט זען. ער האָט געוואוסט, אַז העריס טאַטע זיצט איצט ביי זיך אין שטוב און ציילט דאָס געלט, וואָס ער האָט געבראַכט פון געשעפט. נישט איין מאָל האָט ער דאָס באַמערקט, ווען ער איז געווען ביי הערין. ער האָט אויך גע־דענקט דאָס אָרט, וואו העריס פאָטער באַהאַלט שפּעטער דאָס געלט. פּיטער האָט געוואוסט ווי זיך אַריינצוקריגן אין הויז דורך אַ הינטער־טיר אין דער גלעזערנער וועראַנדע. וואָס־זשע וועט זיין פאַר אַן אומ־גליק, אַז ער וועט נעמען פאַר זיך אַ ביסל געלט? ער דאַרף עס אַזוי שטאַרק האָבן. ער וועט דעמאָלט קאָנען אַוועק קיין לאָנדאָן, קיין ישראל, וואו דער טאַטע רעדט אים צו ער זאָל פאָרן און ער וועט אָנהויבן אַ ניי, ערלעך לעבן...

פּיטערן האָט מיט אַ מאָל באַשלאָגן אַ קאַלטער שוויס און אַ ציטער האָט אַרומגעכאַפּט זיין לייב. ער האָט זיך אַריינגעגנבעט אין גאָרטן און באַשלאָסן צו וואַרטן אַזוי לאַנג ביז דאָס ליכט אין העריס הויז וועט זיך אויסלעשן. ער האָט געזוכט העריס ספּאָרטס־אויטאָ און אים נישט געפונען. מן הסתם מאַכט ער אַ לעבן מיט הענאָן... די איי־פערזוכט האָט פּיטערן ווידער ווייטיקדיק אַ ברי געטאָן. ער האָט געררוי־כערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן. אַז דאָס לעצטע ליכט אין הויז האָט זיך אויסגעלאָשן, איז שוין ביי אים געווען צופּוסנס אַ קליין בערגל פון די נישט דעררויכערטע פּאַפּיראָסן. אַ פּחד האָט אים אַרומגענומען, שטאַרק געקלעמט. ער האָט זיך צוגעגנבעט צו דער גלעזערנער וועראַנ־

דע, נאָר איידער ער האָט נאָך אָנגערירט די טיר, האָט זיין ציטערדיק־שמאָלער גוף איבערגעדרייט עטלעכע אייזערנע גאָרטן־בענקלעך. ס׳האָט זיך דערהערט אַזאַ האַרמידער, גלייך מען וואָלט דאָ אָפּגעשיט אַ וועגע־לע אַלט אייזן... ס׳האָבן זיך באַלד אָנגעצונדן עטלעכע ליכטער און דאָס הויז האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער ליכטיקער לאַמטערן. פּיטער האָט קוים געזען העריס טאַטן און קוים געהערט זיין קול, וואָס האָט געשריגן אויף אים:

— וואָס טוסטו דאָ? כ׳האָב געמיינט אַז ס׳איז עפּעס אַ גנבֿ! אַ חוצפּה דאָס איז צו קומען אַזוי שפּעט ביינאַכט! העריי איז נאָך נישט צוריקגעקומען... גיי שוין אַהיים!

פּיטער איז אַוועק, ווי פון אַ שׂרפֿה. ער איז געלאָפן גלייך צו זיך אין שטוב אַריין און אין אָנטועכץ האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט. ער איז געלעגן אַ שטיק צייט שטיל, זיך צו מאָל נישט קיין ריר געטאָן. דערנאָך האָט ער אויפגעשטעלט אַ פּליטע פון זיינס אַ באַליבטן אַמעריקאַנער זינגער. ס׳האָט זיך שטיל אַ טראָג געטאָן אַ טרויעריק־געבראָכן קול, וואָס האָט געזונגען וועגן דער פוסטער, נישט־יושרדיקער וועלט... טרערן האָבן פּיטערן געוואָרגן אין האַלדז. ער האָט מיט אַ מאָל דערהערט דעם טאַטנס געדולדיק־גוטע טריט און זיין ווייך פאַרשנדיק קול, וואָס האָט אים עפּעס געפרעגט. ער האָט זיך צעשריגן, אַז מען האָט אים געהערט איבער אַלע שטובן:

— וואָס וויל מען פון מיר האָבן?! וואָס קען׳ך נישט האָבן אַ ביסל רו? כ׳על זיך מאָרגן אַרויסציען פון דאַנען! כ׳וועל מאָרגן אַוועק פון דער היים! ...

אַ שירעם מיט לעכער

— ווּעסט נעמען דעם שירעם! הערסט, ווּעסט נעמען דעם שירעם! כ'האָב פֿיינט אַז מען זאָגט מיר אָפּ! — האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף מיר מיט זיין באַפֿעלנדיק, אַ ביסל קוויטשיק קול און זיינע קליינע קורצזיכטיקע אויגן אונטער די גראָבע ברילן־גלעזלעך, האָבן זיך איינגעשטאָכן אין מיר, אַז כ'האָב אַזש דערפֿילט אַ ווייטיק.

— אָבער וואָס דאַרף איך אַ שירעם? עס רעגנט דאָך נישט אין דרויסן — האָב איך זיך געוועהרט קעגן אים און כ'בין צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, כדי אים צו ווייזן, אַז אין גאַס איז טרוקן.

— באַלד וועט זיך אַראָפּלאָזן אַ גאָסרעגן, ווּעסט זען! כ'ווייס וואָס איך רעד... נעם דעם שירעם! — האָט ער זיך געהאַלטן ביי ס'זייניקע און די קליינע שפּיציק־קורצזיכטיקע אייגעלעך זיינע האָבן זיך נאָך טיפֿער איינגעשניטן אין מיר.

— ניין, כ'וועל דעם שירעם נישט נעמען... — האָב איך אַ מורמל געטאָן, אָבער איך האָב דערפֿילט אַ נישט־זיכערקייט אין זיך און כ'האָב שוין פֿאַרשטאַנען, אַז ער וועט ביי מיר אויספֿירן און כ'וועל זיך אונטערגעבן זיין באַפֿעל.

איך בין געשטאַנען ביים פֿענצטער און אַרויסגעקוקט אין גאַס, וואו ס'האָט זיך אויף די ענג־צוזאַמענגעדריקטע דעכער געזעצט די זון. אמת איז אַז אין דרויסן איז געהאַנגען אַ נעפּל, וואָס האָט אַרומגענומען די גאַס, די הייזער, די מענטשן מיט אַ קראַנקער, דינער הויט, נאָר די פֿאַרגייענדיקע זון האָט באַפֿאַרבט די הויט מיט אַ לעבעדיק רויט ליכט. ס'האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ שריפֿה, וואָס לאָזט איבער נאָך זיך אַ דעמפֿנדיקן רויך — אָבער מען האָט נישט געזען אין ערגעץ קיין סימן פֿון אַ רעגן. וואָס־זשע האָט זיך מיין חבר אָנגעזעצט אויף מיר, אַז כ'זאָל באָרגן ביי אים אַ שירעם?

— דו הערסט וואָס כ'זאָג דיר, ס'וועט זיך באַלד אַראָפּלאָזן אַ מבול... ווּעסט ווערן פּיטש־נאַס! אויב דו ווילסט, קענסטו ביי מיר בלייבן שלאָפֿן. כ'על דיר אויסבעטן אויף בענקלעך. אַז נישט ווּעסטו

שלאָפֿן מיט מיר. דו ביסט נישט אַזוי פֿעט ווי איך און וועסט נישט פֿאַרנעמען קיין סך אָרט. — האָב איך ווידער דערהערט מיין חברס קול, וואָס האָט מער נישט געקלונגען אַזוי בעפּעלעריש ווי פֿריער.

— אָבער ווען וועל איך דיר קענען צוריקבאַרענגען דעם שירעם? כ׳בין אַזוי פֿאַרנומען. כ׳האָב פֿיינט צו זיין אַ בעל־חוב — האָב איך זיך אַלץ געפּרוּווט אַרויסדרייען פֿון מיין חבר, וואָס האָט מיר אַרויסגע־וויזן אַזוי פֿיל געטריישאַפֿט — איך קען ביי דיר נישט בלייבן שלאָפֿן. כ׳מוז אַהיימגיין. דאָס ווייב און די קינדער וואַרטן אויף מיר. האָב נישט קיין פֿאַראיבל אויף מיר, שלום...

נאָך איידער איך האָב פֿאַרענדיקט מיינע רייד, איז שלום שוין אויסגעוואַקסן פֿאַר מיר מיט דעם שירעם אין דער האַנט. ער איז גע־שטאַנען, אַ הויכער, אַ פֿעטלייביקער, אַן איינגעבויגענער, ווי אַ געהוי־קערט־אומגעלומפּערטער באַרג און אין זיינע גרויסע הענט האָט זיך געוויגט אַן אַלטער שוואַרצער שירעם. ער האָט דעם שירעם אויפגע־מאַכט, כדי צו ווייזן אַז ער האָט נישט קיין שום פּגם. שלום איז געבליבן שטיין אונטער אַ שוואַרצן דעכל.

— דאָס איז געבליבן פֿון אונדזער גאַנץ פֿאַרמעגן — האָט ער זיך אָנגערופֿן — אַז כ׳בין געקומען אין שטעטל אַריין נאָך דער מלחמה האָט מיר די קראַשינסקעכע אָקעגנגעטראָגן דעם שירעם. דאָס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פֿון אונדזער הויז, האָט זי געזאָגט.

— אָבער צו וואָס דאַרף איך דעם שירעם?! ס׳וועט דאָך זיין אויף מיר בלויז אַן עול. ס׳רעגנט נישט אין דרויסן.

— נעם, זאָג איך דיר! — האָט מיין חבר אָפּגעהאַקט — וועסט מיר ביי אַ געלעגנהייט אָפּברענגען. רעד נישט אַזוי פֿיל.

בלית ברירה האָב איך אַ כאַפּ געטאָן דעם שירעם פֿון זיינע הענט מיט אַזאַ האַסטיקייט, ווי כ׳וואָלט אים אַרויסגעריסן. איך האָב זיך מיט שלומען געזעגנט און כ׳בין אַרויס אויף דער גאַס. כ׳בין שנעל געגאַנגען פֿאַזע די קליינע הייזלעך פֿון דעם אָרעמען געסל און כ׳האָב געפֿילט ווי דער שירעם באַמבלט זיך ביי מיינע פֿיס און שטערט מיר ביים שטעלן די טריט. דער שירעם איז מיר געווען איבעריק און האָט געוואויגן אַזוי שווער, גלייך כ׳וואָלט געטראָגן אַ שווערע משא. נישט איין מאָל האָב איך אים געוואָלט אַוועקשליידערן, ער זאָל זיך צעברעכן אויף שטיק־שטיקלעך. סאַראַ מענטש בין איך, אַז איך האָב זיך געלאָזט צורעדן צו אַ זאַך, וואָס האָט זיך מיר באַלד נישט געלייגט אויפֿן שכל. צי האָב איך אַן אייגענעם ווילן? נאָך פֿון קינדווייז אָן האָט שלום געהאַט איבער מיר

צו זאָגן און ס'האָט נישט געהאָלפן מיין ווערן זיך קעגן אים. נישט איין מאָל האָב איך אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז כ'וועל זיך מער נישט לאָזן — אָבער אַזוי גיך איך האָב אים דערזען, האָט ער צוריק געוועלטיקט איבער מיר.

מיר זענען אַ מאָל געווען געשוואוירענע חברים, כאָטש איך האָב זיך שטענדיק געוואָלט אַרויסדרייען פון אים און געטראַכט ווי נאָר פּטור צו ווערן פון אים. אמת איז, אַז ער איז מיר קיין מאָל נישט נאָכגעלאָפן. דווקא איך בין אים נאָכגעלאָפן, גלייך ער וואָלט מיר אָפּגעטאָן עפּעס אַ כישוף. איך האָב זיך געוואָלט מיט אים חברן, כאָטש ער האָט מיר תמיד אָנגעטאָן צרות. בלויז דער בליק פון זיינע קליינע אויגן האָט מיך געמאַכט אָפּהענגיק, וואָרן איך האָב געפילט אַז ער ווייסט אַלץ וואָס עס טוט זיך ביי מיר. איך בין געווען אַ באַרימער, געוואָלט זיך אַלע מאָל אַרויסשטעלן פון אויבן, גענומען אַלץ לייכט — און ער איז געווען פּונקט דער היפּוך פון מיר. גאָרנישט האָט ער גענומען לייכט, לאַנג אַריינגעטראַכט אין אַלץ, אַזוי אַז דאָס לעבן איז געווען פאַר אים ממש אַן אָפּקומעניש.

פאַר וואָס־זשע האָב איך זיך געוואָלט מיט אים חברן? אפשר דערפאַר ווייל ער האָט מיך אַזוי גוט געקענט און איך האָב אים געוואָלט ווייזן אַז כ'בין גאָרנישט אַזוי שלעכט ווי ער מיינט. כאָטש ווען איך האָב אים נישט געפילט לעבן זיך, האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט, בין איך אים פון דעסטוועגן אומעטום נאָכגעגאַנגען. שוין אין חדר האָט ער מיך שטענדיק געפּאַקט ביי מיינע באַרימערייען, ביי מיינע ליגנס און דווקא געוואָלט כ'זאָל זיך אויפן אָרט שווערן צי כ'זאָג אמת.

— נעם אַרויס די ציצית און שווער דיך ביי דיינע „מאָנעס", צי ס'איז אמת וואָס דו זאָגסט! — פלעגט ער צושטיין צו מיר, ווי אַ שופט און כ'האָב געמוזט אויספירן זיין באַפעל.

איך האָב אַרויסגענומען די ציצית, אָנגעהויבן צו שטאַמלען די שבועה, נאָר אין מיטן דערינען האָב איך זיך פאַרלוירן און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

— זיי־זשע זיך מודה, אַז דו ביסט אַ ליגנער! — פלעגט ער מיך נישט אָפּלאָזן און געוואָלט אויספירן ס'זייניקע ביזן סאַמע סוף — ווועמען גייסטו דאָ אָפּנאַרן? האָסט אַליין געזען וואָס „שייקע" האָט באַוויזן...

אין חדר איז שלום געווען דער מתמיד, דאָס גוטע קעפּל און איך האָב נישט געוואָלט לערנען און נישט געהאַט קיין גוטן קאָפּ. אָבער איך

האָב מיר אַזוי אַן עצה געגעבן, אַז דער רבי האָט מיך זעלטן געכאַפּט ביי אַ חטא. איך האָב פאַרמאָגט אַזאַ ספּריטנעקייט, אַז כ׳האָב זיך גע־קאָנט אַרויסדרייען פון אַלע סכנות. דאָס האָט שלומען פאַרדראָסן, וואָרן ער איז געווען אַ מבין אויף מיר. ער האָט מיר דווקא געוואָלט ווייזן, אַז כ׳וויס גאָרנישט און כ׳בין בלויז אַ פּלוישער. טאָמער האָב איך זיך גערימט, אַז כ׳קען דעם „שיעור״ פון דער וואָך, האָט ער באַלד אויפגע־מישט די גמרא, אַ טייטל געטאָן מיטן פינגער און אַרויסגעוואָרפן פון זיך דאָס איינע וואָרט:

— זאָג! ...

האָב איך טאַקע נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן, נישט געקאָנט אויפ־מאַכן דאָס מויל און דאָס פּנים האָט מיר אָנגעהויבן צו פלאַמען. אמת איז אַז לכתחילה האָב איך זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון דעם עסק מיט מיינע קונצן — אָבער כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ביי שלומען וועט דאָס נישט אָנגיין.

דערפאַר אַז מיר זענען געגאַנגען רייסן אויבס ביים שכן אין גאָרטן און זיך געדראַפּעט בשתיקה אויפן הויכן פּאַרקן — האָב איך אָפּגע־מאַכט ביי זיך אין שלומען נקמה צו נעמען. איך בין דאָ געווען אויפן פּערדל. מיר איז תמיד אַלץ אַדורכגעגאַנגען גלאַטיק און אים האָט דער שכן געפּאַקט און אַראָפּגעצויגן ביי אים די הייזלעך. ווי אַ צולאָג האָט ער אים נאָך אָנגעפּיצקעט אויפן נאַקעטן געזעס. אָבער שלום איז אויך דאָ נישט געווען דער פאַרשפּילטער. זיין דורכפאַל האָט אים אַזוי פאַר־דראָסן, אַז ער האָט מיך לאחר־מעשה גערופן מיט די ערגסטע נעמען און געזאָגט אויף מיר אַז כ׳בין אַ גנב:

— וואָס הייסט איך בין אַ גנב? — האָב איך נישט פאַרשטאַנען

— דו ביסט׳ך דער גנב! מיך האָט מען נישט געפּאַקט...

— אַ גנב בלייבט אַ גנב! — האָט שלום אָפּגעפּסקנט.

אויב איך האָב אין די יינגלישע יאָרן נישט געקאָנט אין שלומען נקמה נעמען — איז מיר דאָס געראָטן בחורוויז ביים גיין זיך באָדן צום טייך ערב אַ גרויסן שטורעם. און מיט אַ מאָל איז מיר געקומען אין קאָפּ אַריין פאַר וואָס שלום האָט איצט, נאָך אונדזער אומגעריכטער באַגעגעניש אין מעלבורן, מיך געצוואונגען צו נעמען דעם שירעם. כ׳בין געגאַנגען איבער די מעלבורנער גאַסן מיטן שירעם, וואָס איז אַלע מאָל שווערער געוואָרן אין מיינע הענט — און אַלץ איז מיר געוואָרן קלאָר. ס׳איז מיר קאַלט געוואָרן אין די אברים וואָרן שלום האָט צוליב מיין שטיקל אַרבעט געליטן לאַנגע יאָרן. שפּעטער בין איך טאַקע

אַרומגעגאַנגען מיט אַ שולדגעפיל. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז שלום ווייסט אַלץ, נאָר ער גיט נישט צו דערקענען אין זיך. ווער נאָך האָט מיך אַזוי גוט געקענט ווי ער? ס'קאָן זיין אַז ער האָט מיר גאָרנישט נישט געזאָגט כדי מיך צו פּייניקן, כ'זאָל נישט וויסן וואו כ'שטיי מיט אים. ס'האָט שוין געהאַלטן דערביי כ'זאָל אים אָנכאַפּן ביי די קלאַפּעס און פרעגן:

— פאַר וואָס שוויגסטו?! דו ווייסט דאָך וואָס כ'האָב דיר אָפּגעטאָן!

אָבער שלום האָט געשוויגן. נאָך מער ווי פריער האָבן זיך זיינע קורצזיכטיקע אייגעלעך אונטער די גראָבע ברילן־גלעזלעך איינגעשטאָכן אין מיר, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ס'איז זיכער, אַז דאָ אין מעלבורן האָט ער נאָך געדענקט פון דער גאַנצער מעשה. ער איז אַזוי פיל אַדורכגעגאַנגען אין די געטאָס, אין די לאַגערן — אָבער די מעשה וואָס כ'האָב מיט יאָרן צוריק אים אָפּגעטאָן האָט ער נישט פאַרגעסן. דעם שירעם האָט ער מיר געגעבן, כדי איך זאָל זיך אין דעם דערמאָנען.

איך בין געגאַנגען איבער די מעלבורנער גאַסן און כ'האָב אויסגעשטרעקט די האַנט, כדי אויסצופּרווון, צי ס'רעגנט, אָבער די האַנט איז געבליבן טרוקן. ס'איז שוין געווען פינצטער און דער נעפּל וואָס האָט אַרומגעהילט די גאַס, ווי אַ קראַנקע הויט, האָט זיך אויפגעהויבן הויך איבער דער שטאָט. כ'האָב אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ צום הימל און כ'האָב פלוצים דערזען אַז ער איז שוואַרץ ווי סאַזשע. עס האָט זיך מיט אַ מאָל אַראָפּגעלאָזט אַ גאָסרעגן און כ'בין באַלד געוואָרן נאַס. איך האָב זיך געאַמפּערט מיטן שירעם, געוואָלט אים אויפמאַכן, נאָר דאָס איז נישט אַזוי שנעל געגאַנגען. בעת־מעשה איז דער רעגן געפאַלן איבער מיר און דער ווינט האָט געריסן מיך מיטן שירעם אין איינעם.

אַז ס'איז מיר סוף־כל־סוף געראָטן אויפצומאַכן דעם שירעם, האָט דער ווינט אים אַ כאַפּ געטאָן און כ'האָב אים געמוזט צוהאַלטן מיט אַלע כוחות ער זאָל נישט אַוועקפליען. עטלעכע רגעס האָט דער שירעם געשאַפן אַ דעכל איבער מיין קאָפּ און כ'האָב זיך געפילט באַשיצט קעגן רעגן. כ'האָב מיט הנאה געהערט ווי די רעגן־טראָפּנס קלאַפּן זיך אָן אינעם צעשפּאַנטן געוואַנט און ס'איז מיר געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן. אָבער דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט, וואָרן אַ שטורעם האָט זיך מיט כוח אַ טראָג געטאָן איבער דער גאַס און אומגעדרייט דאָס דעכל וואָס

האָט אָנגעהויבן צו פליען הויך איבער מיין קאָפּ. כ׳האָב געזען ווי די דראַטן אין שירעם לאָזן נאָך און דאָס געוואַנט הענגט נאָך ווי אַ שמאַטע.

איך בין געבליבן שטיין אינעם שטורעם און כ׳האָב זיך געראַנגלט מיטן שירעם. איך האָב געוואָלט אריינשטעלן צוריק די דראַטן אויפן אָרט, נאָר דאָס איז מיר נישט געלונגען. וויפיל מאָל איך האָב זיי אריינגעשטעלט, זענען זיי צוריק אַרויסגעקראָכן. דאָס גאַנצע עסק איז מיר לסוף דערעסן געוואָרן און ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַזאַ כעס, אַז כ׳האָב געוואָלט צעברעכן דעם שירעם אויף פּיץ־זיצלעך. איך האָב געפילט ווי דער רעגן פאַלט כסדר אויף מיר און כ׳בין אין גאַנצן נאַס. אפילו דאָס העמד איז שוין ביי מיר פּיטש־נאַס און קלעפּט זיך צום לייב.

איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין אנדער ברירה און געמייסטרעוועט אַזוי לאַנג ביז ס׳איז מיר פון דעסטוועגן געלונגען צו פאַרפעסטיקן די דראַטן. כ׳האָב זיך צוריק אַ לאָז געטאָן איבער דער גאַס מיט זיכער־קייט, נאָר די דראַטן האָבן זיך צוריק אַרויסגעצויגן. און ס׳איז געשען נאָך אַ צרה — דער שירעם איז מיט אַ מאָל פול געוואָרן מיט לעכער. דורך די לעכער האָט דער רעגן פראַנק און פריי זיך געגאָסן איבער מיר און כ׳האָב אָנגעהויבן שנעל צו לויפן, כדי זיך אַריינצוכאַפּן ערגעץ אונטער אַ דאַך. צופעליק בין איך אַריין צו מיינס אַ באַקאַנטן אין אַ צוקערריי־געוועלב, וואו ס׳איז געווען פול מיט מענטשן. אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום מיר און האָבן מיך אָנגעהויבן צו באַדויערן, וואָס איך בין אַזוי נאַס געוואָרן פון רעגן.

— וואו האָט איך דער שטורעם געפּאַקט? — האָט אַ יונג מיידל געטייטלט אויף מיינע דורכגעווייקטע מלבושים און איר קול איז געווען פול מיט רחמנות.

— גיי אַהיים און טו זיך שנעל איבער, אַז נישט וועסטו כאַפּן אַ „קאַלד״, וועסטו דערמיט אָפּליגן אַ חודש צייט! — האָט זיך צו מיר צוגערוקט מיינס אַ שכן און געשעפּטשעט צו מיר מיט אַ סך געטריי־שאַפט.

— גיטס נאָר אַ קוק אויפן שירעם — האָט זיך ווער צעלאַכט הויך אויפן קול — דער שירעם איז דאָך פול מיט לעכער! און מיט דער שמאַטע האָט ער זיך געוואָלט באַשיצן קעגן רעגן!

— וואו איז דיין אויטאָ? פאַר וואָס האָסטו נישט גענומען די „קאַר״ אין אַזאַ מבול? — האָט מיך פלוצים אַ פרעג געטאָן דער באַלעבאָס פון צוקערריי־געוועלב — וואָס, האָסט רחמנות אויף דעם אויטאָ? וואַרט צו אַ מינוט, כ׳וועל דיך אָפּפירן אַהיים.

באותו רגע האָב איך זיך דערמאָנט אין מיין אויטאָ, וואָס איך האָב געלאָזט שטיין נישט ווייט פון שלומס שטוב. וואָס האָב איך טאַקע פאַר־געסן דעם אויטאָ? וואָס האָב איך מורא געהאַט צו זאָגן שלומען, אַז די מאַשין וואַרט אויך מיר אין דרויסן און כ'דאַרף נישט זיין שירעם? צי האָט ער נאָך היינט אויף מיר אַזאַ השפּעה, אַז כ'קאָן זיך אים נישט אַקעגנשטעלן? איך האָב דערפילט ווי עס ווערט מיר קאַלט אין אַלע ביינער און כ'הייב אָן צו שווידערן. ס'האָט מיט מיר געוואָרפן, אָבער איך האָב זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן, כדי גאָרנישט אַרויסצווייזן פאַר די אַלע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום מיר און מיך באַקוקט גלייך כ'וואָלט געווען עפּעס אַן אויסטערליש באַשעפעניש. ס'האָט מיך ווער אָנגענומען אונטערן אָרעם און איך האָב דערזען אַז דאָס איז דער באַלעבאָס פון צוקעריי־געוועלב.

— קום — האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר — מיין אויטאָ וואַרט אין דרויסן. כ'גיי דיך אַהיים פירן. דו מוזסט גיין גלייך אין בעט אַריין.

אַרויסגעזאָגט די ווערטער האָט מיין באַקאַנטער אַרויסגענומען דעם שירעם פון מיינע הענט און אים געוואָלט אַוועקשטעלן.

— וואָס האַלסטו דעם שירעם, ווי ער וואָלט געווען אַן אוצר? — האָט ער מיר אַ לאַך געטאָן אין פּנים אַריין — ס'איז דאָך אַ שברי־כּלי! נישט ווערט קיין פּעני. פול מיט לעכער ווי אַ זיפּ.

אָבער איך האָב דעם שירעם נישט געלאָזט אַוועקשטעלן אין ערגעץ און אים אַרויסגעכאַפּט פון מיין באַקאַנטנס הענט. דער שירעם איז מיר פּלוצים געוואָרן נאָענט און כ'האָב אים צו מיר צוגעטוליעט. מיט וואָס פאַר אַ געטריישאַפט האָט שלום אים מיר געבאָרגט, כדי ער זאָל מיך באַשיצן פונעם רעגן. איך האָב דערפילט אַ שינאה צו די מענטשן וואָס זענען געשטאַנען אַרום מיר און מיך באַדויערט. וואָס האָבן זיי זיך אָנגעטשעפּעט אין מיר? אין קאָפּ האָט מיר גערוישט און כ'האָב געהערט דאָס לאַכן פון די מענטשן, וואָס האָבן געשפּאָט פון מיר, אַז כ'האָב זיך פאַרהיטן פאַרן רעגן מיט אַ לעכערדיקן שירעם.

בשעת איך בין אַהיים געקומען, האָט מיר מיין ווייב ערשט געמאַכט דעם אמתן ברוך־הבא. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זי און די קינ־דער האָבן געוואַרט אויף מיר מיטן אָוונטברויט. געוויינטלעך וואַרטן זיי נישט אויף מיר אַז איך קום שפּעט, די קינדער דאַרפן זיך גיין לייגן שלאָפן.

— וואו האָסטו געלאָזט דעם אויטאָ? — האָט דאָס ווייב נישט פאַרשטאַנען די גאַנצע מעשה — האָסט געהאַט, חלילה, אַן „עקסידענט",

צי דער אויטאָ איז קאַליע געוואָרן אין רעגן? גיי שוין אין בעט אַריין, דעיוויד. קענסט נאָך כאַפּן אַ לונגען־אָנצינדונג. האָסטו געזען אַ מבול!

נישט בלויז דאָס ווייב, נאָר אויך די קינדער זענען צו מיר צוגעשטאַנען און זיי האָבן מיך געהאַלטן איז איין פרעגן וואו כ'האָב גענומען דעם שירעם. זיי האָבן אים באַקוקט פון אַלע זייטן און אַז זיי האָבן אים געפּרוווט אויפמאַכן, איז ער זיך צעפאַלן און דאָס וואַסער האָט זיך פון אים אַ גאָס געטאָן.

— ניטע, וואָס טוט איר? — איז דאָס ווייב צוגעלאָפן צום קליינוואַרג מיט אַ געוואָלד — איר וועט פאַרגיסן די שטובן! וואַרפט אַרויס די שמאַטע אין דרויסן. וואו האָט דער טאַטע אויסגעזוכט די מציאה?!

כ'האָב שוין געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די נאַסע מלבושים, זיך געקוויקט מיט דער מחיהדיק טרוקענער פּיזשאַמע, אָבער אַז איך האָב דערהערט ווי דאָס ווייב הייסט אַרויסוואַרפן דעם שירעם, האָב איך זיך אַ שטעל געטאָן אין מיין גאַנצער גרייס און אויסגעשריגן:

— דעם שירעם וועט קיינער נישט אַרויסוואַרפן! ער וועט בלייבן דאָ, אין שטוב. דער שירעם געהערט צו מיין יוגנט־חבר שלום. איר הערט וואָס כ'זאָג?!

איך בין אָפּגעלעגן אין בעט עטלעכע וואָכן צייט מיט אַ שטאַרקער פאַרקילונג. דער דאָקטאָר איז צו מיר געקומען כמעט יעדן טאָג. כ'האָב געהאַט חלומות סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט. דאָס ווייב האָט געהאַט פון מיר געהאַקטע צרות, וואָרן איך האָב גערעדט פון היץ און זי נישט געלאָזט צוטאָן אַן אויג. אין דער היץ האָב איך זיך נאָך אַנאַנד אויסגעשמועסט מיט שלומען. וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין דרייסטקייט צו זאָגן אים אויף דער וואָר, האָב איך אים געזאָגט אין שלאָף. דאָס געוויסן האָט מיך געפּייניקט פאַר וואָס איך טראָג אים נישט אָפּ דעם שירעם. איך האָב אַלצדינג — אַ הויז, אַן אויטאָ, אַ ווייב און קינדער — און ער האָט גאָרנישט. דאַרף איך נאָך פאַרכאַפּן ביי אים דאָס ביסל אָרעמקייט?

אַז כ'האָב מיך ביי נאַכט געוואַלגערט אויפן געלעגער, זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, האָב איך אָפּט געזען שלומען, ווען מיר זענען געווען יינגלעך. כאָטש ער איז געווען אַ מבין אויף מיר, האָט ער מיר פון דעסטוועגן נישט פאַרגינען מיין געשיקטקייט. דער עיקר האָט ער מיר נישט פאַרגינען וואָס מיידלעך האָבן מיך ליב געהאַט און אים נישט. ער האָט זיי צו פיל געקלאַפּט אין קאָפּ אַריין מיט זיינע קענטעניש און זיי האָבן דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן. אָבער צו מיר

האָבן די מיידלעך געקלעפּט. אַזוי ווי איך האָב געהאַט עטלעכע שוועס־טערן, זענען זייערע חברטעס געקומען צו אונדז אין שטוב אַריין. איך האָב אויף די מיידלעך נישט געוואָלט קוקן, וואָרן ס׳איז אַן עבירה, נאָר זיי האָבן מיך אַליין פּאַרטשעפּעט און מיך נישט געלאָזט צו רו.

איין מאָל, האָט אַ חברטע פון מיינע שוועסטערן זיך גענומען שלאָגן מיט מיר אויף אַ געלעכטער און מיר האָבן זיך אַזוי געראַנגלט, אַז מיר האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיך. אַקוראַט דעמאָלט האָט גע־דאַרפט אַריינקומען שלום און אַז ער האָט עס דערזען, האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווי זיין טבע איז געווען, קורץ און שאַרף, בלויז איין־און־איינציק וואָרט:

— חמור־אייזל!

און דאָס איז גענוג געווען, אַז איך זאָל אָנהייבן פאַר בושה צו פלאַמען און דאָס מיידל זאָל מער נישט אַריינקומען צו אונדז אין שטוב.

אין האַלבן דרימל האָב איך אויך געזען שלומען, ווען מיר זענען שוין געווען דערוואַקסענע בחורים. פּונקט ווי ער האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג ביי מיידלעך קליינערהייט, אַזוי האָט ער נישט גע־האַט קיין דערפאָלג ביי זיי בחורוויז. ער איז געווען אָנגעלייענט מיט ביכער און ער האָט זיך מיט דעם געוואָלט באַוויזן פאַר די מיידלעך. ער האָט געשאָטן מיט פראַזן, אָבער זיי האָט דאָס אינטערעסירט ווי די פאַראַיאָריקע בלאָטע. זיי האָבן זיך בעסער צוגעהערט צו מיר, צו מיינע צווידייטיקע וויצן, וואָס איך האָב געשאָטן מיט פיל געניטקייט און זיי האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. אָבער אַז איך האָב זיך אויך געוואָלט באַרימען מיט מיינע קענטענישן האָט שלום מיך באַלד דורכגענומען מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן און איך בין געוואָרן פאַרשטומט.

געשען איז דאָס, ווען מיר, אַ גרופּע בחורים און מיידלעך, זענען זיך געגאַנגען באָדן צום טייך, נישט ווייט פון שטעטל. שלום האָט דע־מאָלט באַוויזן וואָס ער איז און ער האָט דערפאַר טייער באַצאָלט. אַז איך האָב דאָס אַלץ צוריק דערזען אין דרימל, האָב איך אָנגעהויבן צו קרעכצן. דאָס ווייב האָט מיך געטאַרעט, געוועקט:

— וואָס איז מיט דיר, דעיווויד? וואָס קרעכצסטו פון שלאָף? וואָס האָט זיך דיר געחלומט?

איך האָב געשפּירט ווי דאָס ווייב טאַרעט מיך, געהערט אירע רייד

— אָבער איך האָב זיך נישט געלאָזט איבערוועקן און כ׳בין ווייטער געשלאָפן. איך האָב געזען ווי מיר, אַ גאַנצע גרופּע בחורים און מייד־

לעך, שפּאַנען צום טייך. דער הימל איז שיין, לויטער, אָן אַ פּיצל וואָלקן. די תבואה־פעלדער באַשפּרענקלט מיט רויטע מאַקווּקעס און בלויע קאָרנבלומען וויגן זיך גאָלדיק. קרומע שורות פייגל פליען הויך אונ־טערן הימל און ס'זעט אויס ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן צו אַ „פויגלשער חתונה". אָבער פּלוצים לאָזן זיך די פייגל אַראָפּ נידעריק צו דער ערד און פּאַטשן שרעקיק מיט די פליגל. אויף די גאָלדענע תבואה־פעלדער פאַלט אַ גרויסער שאָטן. בעת מיר פאַררייסן דעם קאָפּ צום הימל, זעען מיר אַז ער איז באַדעקט מיט שוואַרצע אָנגעפּוישטע וואָלקנס.

— ס'וועט זיך באַלד אַראָפּלאָזן יענער כליאָפּ — האָט זיך דער־הערט אַ קול — לאָמיר זיך אומקערן אַהיים!

— איך וועל נישט גיין צוריק! — האָט שלום געזאָגט און ס'האָט אויסגעזען אַז ער וויל זיך מיט זיין העלדישקייט באַווייזן פאַר די מייד־לעך — ס'וועט נישט זיין קיין רעגן. איך ווייס!

— אַז דו ביסט אַזאַ צעלייגער, גיי אַליין! ווער האַלט דיך צו? מיר וועלן גיין צוריק... זע, ווי די מענטשן לויפן אַהיים. מיר ווייסן שוין נישט פון היינט אַז דו ביסט אַ צעדרייטער! — האָט ווער אַריינ־געזאָגט שלומען.

— גוט, איך וועל אַליין גיין ווייטער! — האָט זיך שלום איינגע־שפּאַרט און ס'האָט אים שוין נישט געפּאַסט זיך צוריקצוציען — אויב קיינער גייט נישט מיט מיר, גיי איך אַליין! דאַכט זיך אַז דודיע וויל גיין מיט מיר. — האָב איך מיט אַ מאָל דערפילט ווי שלום שטעלט אויף מיר אָן זיינע אויגן און כ'האָב דערהערט זיין באַפעלעריש, אַ ביסל קוויטשיק קול, וואָס כ'האָב קיין מאָל נישט ליב געהאַט.

נישט איין מאָל האָב איך אים שוין געפאָלגט און אויך דאָס מאָל האָב איך נישט געהאַט קיין כוח אין זיך אים אָפּצוזאָגן, כאָטש איך האָב געפילט אַז כ'ביך זיין קרבן. איך בין געבליבן מיט אים. אויפן וועג איז כסדר פינצטערער געוואָרן. די וואָלקנס זענען שוין געהאַנגען גאָר נידעריק אויף דער ערד. מענטשן זענען נאָך אַנאַנד געלאָפן צוריק פון טייך. זיי האָבן אונדז אָנגעקוקט ווי משוגע וואָס מיר גייען זיך באָדן, ווען יעדע מינוט קאָן זיך אַראָפּלאָזן אַ מבול. כ'האָב דערפילט אַ מורא און כ'האָב פון דער זייט געוואָרפן אַלע רגע אַ בליק אויף מיין חבר, נאָר זיין פּנים איז געווען פאַרביסן, און ער האָט מיט אַ סך להכעיסדי־קייט געשפּרייזט ווייטער.

פונקט דענצמאָל ווען מיר זענען אָנגעקומען צום טייך און זיך אויסגעטאָן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שלאַקסרעגן. מיר האָבן נאָך קוים

באַוויזן מיט די הענט צו צעגראָבן דאָס זאַמד און פאַרשטעקן אינעם גרוב דאָס אַנטועכץ. אויפן אָנגעשאָטן בערגל האָבן מיר אָנגעלייגט אַ סך צווייגן און קזשאַקעס, דער רעגן זאָל נישט קאָנען אַוועקשווענקען דאָס זאַמד צוזאַמען מיט די מלבושים.

פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָבן מיר זיך געלאָזט צום טייך. אָן די ברילן האָט שלום קוים געקענט שטעלן אַ טריט. פלוצים איז מיר אַ געדאַנקעלע אַדורך אין קאָפּ, אַז ס'איז געקומען די צייט כ'זאָל אין שלומען נקמה נעמען פאַר די צרות וואָס ער פלעגט מיר אָנטאָן. ער וועט ווערן אַזוי פאַרשעמט, אַז ער וועט מיך האָבן צו געדענקען. אַז שלום זאָל נישט זען, האָב איך מיט אַ פוס אַ צעוואָרף געטאָן דאָס בערגל, וואו עס זענען געלעגן באַהאַלטן זיינע מלבושים, כדי דער רעגן זאָל זיי פאַרשלעפּן. דערנאָך בין איך אַריינגעשפּרונגען אין טייך און געמאַכט אַ נורעק. מיר האָבן די גאַנצע צייט געהאַלטן פאַרשטעקט די קעפּ אונטערן וואַסער. טאַמער האָבן מיר בלויז אויף אַ רגע אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, האָט דער רעגן געשמיסן אונדזערע לייבער ווי מיט בייטשן. קיין לעבעדיק נפש איז נישט געווען ביים טייך.

— גלייב מיר, אַז ס'איז נישטאָ קיין בעסערע זאַך ווי זיך צו באָדן אין אַ רעגן — האָט שלום זיך אָנגערופן צו מיר — דאָס וואַסער איז וואַרעם, אַ מחיה!

מיר זענען אַריבערגעשוואומען דעם טייך און זיך באַהאַלטן הינ־טער די צווייגן, וואָס האָבן פאַרדעקט דאָס וואַסער ביים ברעג. דער טייך האָט זיך געוואָרפן, געשליידערט, געטורעמט, די ביימער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, זענען געפאַלן צו דער ערד, און לאַנגע בלאַנקע בליצן, ווי שווערדן, האָבן זיך געשטרעקט אויפן הימל.

— נישטאָ עפּעס שענערס ווי אַ צעווילדעוועטער טייך, ווי אַ שטורעם! — האָט מיין חבר געזאָגט — הער נאָר ווי די וואַסערן ברומען. אַ צעשטורעמטער ים מוז נאָך זיין פיל שענער. איך וועל נאָך זען אַ ים. הערסט, כ'וועל אַוועק פון שטעטל און זיך לאָזן איבערן ים. געדענק מיינע רייד!

מיר זענען געשטאַנען ביז צום האַלדז אין וואַסער. אין דער שעת־סכנה האָט שלום זיך פאַר מיר אַראָפּגערעדט פון האַרץ, וואָס ער פלעגט קיין מאָל נישט טאָן. איך האָב זיך נישט צוגעהערט צו אים, נאָר גע־קוקט ווי דער טייך בלעזלט זיך, געשווילט און רייסט מיט זיך מיט ביימער און שטיקער ערד. ס'האָט זיך באַזעצט אין מיר אַ פּחד און

כ׳האָב געפּרעפּלט די ברכות איבער די בליצן און דונערן. כ׳האָב געהאַט גרויס חרטה פֿאַר דער זינד, וואָס כ׳האָב ערשט אָפּגעטאָן. שלום וועט זיכער נישט געפֿינען זיינע מלבושים.

דער ווינט האָט זיך איינגעשטילט אַ ביסל און דער רעגן איז גע־וואָרן לייכטער. מיר האָבן דאָס אויסגעוווּנצט און צוריק אַריבערגע־שוואומען דעם טייך. מיר האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויסצוגראָבן דאָס אָנטועכץ — און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מיינע מלבושים זענען דאָ, אָבער שלום האָט זיינע נישט געפֿונען. מיט בלינדע פֿינגער האָט ער געטאַפּט אין זאַמד, געזוכט, געגנישטערט, געגראָבן, אָבער דער רעגן האָט אַוועקגעטראָגן זיינע זאַכן. ער איז געשטאַנען נאַקעט, געציטערט איבער לייב און דאָס וואַסער איז פֿון אים געראָנען. ער האָט זיך ווידער אַראָפּגעבויגן צום זאַמד, געזוכט מיט די צוגעמרושעטע אויגן, גע־גראָבן מיט די הענט טיפֿער און טיפֿער, נאָר אָן שום פּעולה. אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכעלע. אַזאַ שמייכעלע זעט מען גע־וויינטלעך ביי בלינדע, וואָס ווילן זיך נישט אָנוואַרפֿן אויף קיינעם מיט זייער מום...

כאָטש איך האָב זיך געפֿרייט וואָס מיינע מלבושים זענען דאָ און זיינע נישט, האָט מיך אַ רחמנות אָנגענומען אויף אים. איך האָב שוין לאַנג געוואַרט אויף דער מינוט פֿון נקמה, אָבער צום סוף האָב איך גאָר געהאַט חרטה. אַז ער וועט אַריינקומען אין שטאָט אַזוי ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, וועט מען פֿון אים אָפּלאַכן און אָפּשפּעטן.

איך האָב אַרויסגעוויזן צו שלומען אַ סך געמאַכטע געטריישאַפֿט און אים פֿאַרגעלייגט ער זאָל אָנטאָן עפּעס פֿון מיינע זאַכן. לכתחילה האָט ער אָפּגעזאָגט. ערשט אַז כ׳בין גוט צוגעשטאַנען צו אים, האָט ער אַרויפֿגעשלעפּט אויף זיך מיין העמד. ס׳האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט דאָס געפֿיל, אַז שלום ווייסט וועד ס׳האָט אים אָפּגעטאָן דאָס שפּיצל, נאָר ער מאַכט זיך נישט וויסן. בינו־לבינו האָט זיך ווידער אַראָפּגע־לאָזט אַ שטאַרקער רעגן און מיר האָבן זיך געמוזט לאָזן אין וועג אַריין. מיר האָבן אָנגעהויבן צו לויפֿן, אָבער אָן די ברילן האָט שלום קוים מיט די פֿיס דערטאַפּט דעם וועג און זיין גוף האָט זיך לעפּיש געוויגט. חוץ דעם איז דער וועג געווען אַזוי גליטשיק און פֿאַרשווענקט מיט קאַלוזשעס וואַסער, אַז מען האָט געקענט ברעכן האַלדז און נאַקן. האָב און געמוזט פֿירן שלומען ביי דער האַנט ווי אַ בלינדן. מיר זענען גע־גאַנגען טריט ביי טריט און דער רעגן האָט זיך אויף אונדז געגאָסן.

* * *

שלום האָט אַזוי שנעל נישט פאַרגעסן די חרפּה, וואָס ער האָט דורכגעלעבט, ווען ער האָט געמוזט אַריינשפּאַצירן אין שטעטל אַ נאַקעטער, אין בלויזן העמד. דער רעגן האָט אַלץ שטאַרק געגאָסן און די מענטשן וואָס האָבן אים געזען אָנקומען, האָבן פון אים געלאַכט אין די פויסטן.

נאָך דער מעשה איז שלום געוואָרן קראַנק און אָפּגעלעגן שײנע עטלעכע וואָכן אין בעט. אַז ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פירן זייער אויסטערליש. ער האָט זיך קיין מאָל נישט אַרויסגערירט אין גאַס אָן אַ שירעם און מען האָט אים באַקרוינט מיטן צונעמעניש:

— שלום דער ענגלענדער מיטן שירעם...

מיך האָט די חרטה שטאַרק געגעסן און איך האָב שלומען אויסגעמיטן. כ'בין שוין געווען זיכער, אַז ער ווייסט ווער ס'איז אין דעם אַלעם שולדיק.

אפילו איצט אין מיין קרענק האָט מיך די חרטה געפּייניקט, כאָטש ס'זענען שוין זינט דעמאָלט אַוועק אַ היפּש ביסל יאָרן. איך האָב כסדר גערעדט פון היץ. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין חבר האָט מיך געצוואונגען צו נעמען דעם שירעם, כדי איך זאָל זיך דערמאָנען אין דער גאַנצער מעשה. ער האָט נישט פאַרגעסן, וואָס איך האָב אים אָפּגעטאָן. ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך טרעף אים נישט אין מעלבורן. כ'וואָלט פאַרשפּאָרט די אַלע צרות. איך האָב שוין אין דעם אַלעמען פאַרגעסן. איך האָב ליב געהאַט צו נעמען אַלץ לייכט, און שלום האָט מיר אַלע מאָל שווער געמאַכט דאָס לעבן.

אַזוי גיך איך בין געזונט געוואָרן פון מיין פאַרקילעכץ, בין איך דאָס ערשטע געגאַנגען צו שלומען, כדי אים אָפּצוגעבן דעם שירעם. כ'האָב געוואָלט פון שירעם וואָס גיכער פּטור ווערן. כ'האָב געוואוסט, אַז ער איז נישט ווערט קיין צעבראָכענע פּעני, אָבער ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ'האָב שלומען באַגנבעט. ער פאַרמאָגט גאָרנישט. זיין שטוב אין מעלבורן איז פּונקט אַזוי ליידיק ווי ס'איז געווען זיין שטוב אין וואַרשע. נאָך דער מעשה מיטן באָדן זיך, איז ער לאַנג אין שטעטל נישט פאַרבליבן און אַוועק קיין וואַרשע. דאָרטן האָט ער ממשיך געווען דאָס שטודירן; ביי טאָג געאַרבעט און ביי נאַכט געלערנט. ווען איך האָב אים איין מאָל אין וואַרשע אויפגעזוכט, האָב

איך געזען אַז ער וווינט אין אַ קליין אָרעם שטיבל. קיין מעבל איז דאָרט נישט געשטאַנען. אויף אַ וואַנט, הינטער אַ פאַרגעלטער צייטונג, איז געהאָנגען זיין איינציקער אַנצוג, וואָס איז שוין געווען זייער אַלט. אויף אַ נאַפט־מאַשינקע האָט ער זיך געקאָכט דאָס עסן.

שלום איז נישט געווען געפאַלן ביי זיך, אַז כ׳בין צו אים אַריינ־געקומען; פון דעסטוועגן איז ער נישט געווען איבעריק צופרידן מיט מיין וויזיט. פונקט דענצמאָל האָט ער געהאַט אַן אונטערגעהאַקט־שוואַרץ אויג און עטלעכע אויסגעקלאַפּטע ציין. וואָרן מען האָט אים אין אוניווערסיטעט צעשלאָגן. ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם וואָס יידן מוזן זיצן אויף געטאָ־בענק. צוליב די אויסגעהאַקטע ציין האָט ער געריידט שטומפּיק, אַז ס׳איז שווער געווען צו פאַרשטיין אַ וואָרט. בשעת מעשה האָט דאָס אונטערגעשלאָגן־שוואַרצע אויג געבלינצלט ווי אַן אויסגייענדיק פלעמל. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער ווינקט צו עמיצן און דאָס האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ שרעק. איך בין גע־ווען אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, ווייל איך האָב רייך חתונה געהאַט און געלעבט אַ גוטן טאָג. אַז כ׳האָב זיך, ווי מיין טבע, אָנגעגע־הויבן באַרימען מיט מיינע גרויסע געשעפטן, האָט דאָס בלינצלדיק־אונטערגעהאַקטע אייגל אַ בלאָנדזשע געטאָן אויף מיר און כ׳האָב פאַר־שטאַנען, אַז מיין חבר ווייסט דעם אמת...

אין מעלבורן האָט שלום אויך געלעבט אין אַן אָרעם שטיבל. ער האָט מיר דערציילט וואָס ער איז אַלץ דורכגעגאַנגען אין די לאַגערן. ער איז ערשט געהאַט געקומען פון פּוילן — אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אין אויסטראַליע נישט פאַרבלייבן. ס׳געפעלט אים נישט דאָ. ער האָט נישט ליב אַזאַ רייך, פּוסט לעבן. ער וועט פאָרן קיין ישראל. דאָרטן וועט ער געפינען דאָס, וואָס ער זוכט. כ׳האָב אים געוואָלט איבערלאָזן אַ ביסל געלט, נאָר ער האָט עס מיר צוריקגע־שטופּט אין דער האַנט אַריין.

ווען כ׳בין אָנגעקומען צו שלומען מיטן שירעם, איז ער נישט געווען אין דער היים. איך האָב לאַנג געקלאַפּט אין דער טיר, קיינער האָט נישט געענטפערט. כ׳בין געוואָרן אומרואיק און שוין מיט די פויסטן געזעצט אין דער טיר. ס׳איז אַרויס אַ שכנטע און זיך אויף מיר אָנגעבייזערט: — איר זעט דאָך אַז קיינער איז נישטאָ אין דער היים... וואָס־זשע קלאַפּט איר און שטערט די שכנים?

איך האָב זיך אַ טראָפּעלע פאַרשעמט, זיך אַנטשולדיקט און בין שנעל אַוועק. כ׳בין אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועגס, זיך געוואָלט אַריינ־

זעצן אין אויטאָ. מיט אַ מאָל האָב איך זיך צוריקגעקערט און שוין מיט איבערגעטריבענער איידלקייט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דער שכנטע.

— דאָ אין דעם הויז, וווינט מיין יוגנט־חבר שלום — האָב איך זיך געוואָנדן צו דער פרוי — צי קענט איר מיר זאָגן וואו ער איז געגאַנגען.

— פון וואַנען ווייס איך וואו ער איז געגאַנגען. ער גיט מיר נישט אָפּ קיין ראַפּאָרט — האָט מיך די פרוי אָנגעקוקט מיט חידוש.

— איז אפשר ווייסט איר, ווען ער וועט צוריקקומען, כ׳דאַרף אים נייטיק האָבן. — האָב איך נישט געוואָלט אַזוי שנעל אָפּטרעטן.

— פון וואַנען ווייס איך ווען ער וועט צוריקקומען — האָט די שכנטע שוין פאַרלוירן דאָס געדולד — איבעריקנס דאָ וואוינט נישט קיינער שוין לאַנגע חדשים. די שטוב שטייט ליידיק אַ לאַנגע צייט.

— ס׳איז נישט מעגלעך! — האָבן זיך די ווערטער ביי מיר אַרויסגעריסן — כ׳האָב ערשט באַזוכט מיין חבר. ס׳איז נאָך אפילו נישט אַוועק קיין חודש.

— בייזערט זיך נישט אויף מיר, מיסטער — האָט די שכנטע אויפגעהויבן דאָס קול — אַז איר וועט אויף מיר שרייען, וועל איך בכלל מיט אייך נישט רעדן.

— אָבער מיין חבר האָט ערשט דאָ געוואוינט! — האָב איך ערשט איצט אָנגעהויבן צו שרייען — וואָס גענאַרט איר מיך? וואָס מאַכט איר פון מיר חוזק?! איך פרעג אייך וואו מיין חבר איז געגאַנגען און איר ענטפערט מיר נישט געשטויגענע מעשיות.

— זייט אַזוי גוט און פאַרנעמט זיך פון דאַנען! — זענען נאָך דערגאַנגען צו מיר די ווערטער און כ׳האָב דערהערט ווי ס׳האָט זיך פאַרקלאַפּט די טיר אונטער מיין נאָז.

פּאַוואָליע בין איך אַוועק פון דעם הויז. די פיס האָבן זיך מיר געוואַקלט. איז שלום אַוועק קיין ישראל? און אפשר איז גאָר שלום געשטאָרבן? — איז מיר פּלוצים איינגעפאַלן. ער איז אַוועק פון דער וועלט און איך בין אים געבליבן אַ בעל־חוב. ער האָט מיך אַלע מאָל חושד געווען אין פאַרשידענע זאַכן און איז געשטאָרבן מיטן גע־דאַנק, אַז איך האָב אים באַגנבעט. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן אַריין; ווען ער לעבט וואָלט ער זיכער געזאָגט אַז כ׳האָב אים באַגנבעט.

כ׳בין געגאַנגען איבער דער גאַס, אַריינגעטאָן אין מיינע רעיונות. מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט ווי עפּעס אַ משא באַמבלט זיך ביי מיינע פיס און לאָזט מיך נישט גיין. צו וואָס דאַרף איך דעם שירעם? דאָס גלייכסטע וועט זיין, אַז איך וועל אים ערגעץ אַוועקוואַרפן, פּטור ווערן פון אים אויף אייביק. ער וועט מיר שטענדיק דערמאָנען אין מיין חבר.

פּאַמעלעך, ווי אַ גנב, האָב איך זיך צוגעשאַרט צו אַ הויז און אין אַ ווינקל געלאָזט שטיין דעם שירעם. כ׳בין שנעל אַוועק פון דעם אָרט און זיך אפילו נישט אומגעקוקט. אָבער איך האָב זיך באַלד אומ־געקערט און אַ כאַפּ געטאָן דעם שירעם. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט אַז כ׳וועל אים דאָ איבערלאָזן, וועל איך מיט דעם פאַרשווועכן מיין חבר. אין ווינקל שטייט נישט דער שירעם, נאָר שלום...

איך בין אַוועק אַהיים, מיטגענומען מיט זיך דעם שירעם. איך וועל אים באַהאַלטן אויף אַזאַ אָרט דאָס ווייב און די קינדער זאָלן אים קיין מאָל נישט געפינען. שטיל האָב איך זיך אַריינגעגנבעט אין שטוב. אַז מיין ווייב האָט מיך געפרעגט וואָס איך האָב שטעקן הינטער די פּאָלעס, האָב איך זיך אַרויסגעדרייט מיט פאַרשידענע תירוצים. כ׳האָב לאַנג געגראַבלט צווישן מיינע חפצים און סוף־כל־סוף געפונען אַ פּאַסיק אָרט וואו צו באַהאַלטן דעם שירעם.

ביים אָונטברויט בין איך געווען צערודערט, נישט געוואוסט וואָס איך עס. דאָס ווייב האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט:

— האָסט עפּעס „טראָבל״ אין די ביזנעס? האָסט עגמת־נפש? פאַר וואָס דערציילסטו מיר גאָרנישט.

— וואָס האָב איך דיר צו דערציילן. אַלץ איז אָל־רייט! — האָב איך אַ מורמל געטאָן, נישט געקוקט דעם ווייב אין די אויגן אַריין.

ביי נאַכט האָבן איך זיך געדרייט אויפן געלעגער, נישט געקאָנט צוטאָן קיין אויג. פון דעם ווינקל, וואו דער שירעם איז געווען פאַר־שטעקט, האָבן אויף מיר געקוקט שלומס קליינע קורצזיכטיקע אויגן. זיי האָבן זיך איינגעשטאָכן אין מיר, אַז כ׳האָב אַזש דערפילט אַ וויי־טיק. וואו כ׳האָב זיך נישט געדרייט און געקערט, האָב איך געפילט אויף זיך די בוֹיערנדיקע אייגעלעך, וואָס קענען מיך אַזוי גוט.

באַלד אין דער פרי, ווען דאָס ווייב און די קינדער זענען נאָך געשמאַק געשלאָפן, האָב איך זיך אויפגעהויבן און אויף די שפּיץ נעגל אַרויס פון שטוב. איך האָב מיטגענומען מיט זיך דעם שירעם און אים ערגעץ אַוועקגעטראָגן. דערנאָך בין איך אַהיים געגאַנגען און זיך צו־

ריק געלייגט אין בעט אַריין. אָבער דעם זעלבן טאָג, ווען איך בין געקומען פון געשעפט, האָב איך געטראָפן פאַר מיין טיר דעם שירעם.

נאָך עטלעכע מאָל האָב איך געפרווט ערגעץ פטור ווערן פון דעם שירעם — אָבער אָן שום פעולה. אַלע מאָל האָט מען אים מיר צוריק־געברענגט.

איין מאָל האָב איך דעם שירעם פאַרטראָגן עטלעכע גאַסן ווייטער פון מיין הויז; כ׳האָב אים געלאָזט שטיין פאַר אַ פרעמדער טיר. ס׳איז אַוועק אַ וואָך, צוויי וואָכן — און איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל אים שוין מער נישט אָנזען פאַר די אויגן. איין שיינעם טאָג, בעתן פרישטיק, האָב איך דערהערט אַ קלונג און אַז כ׳האָב אויפגעמאַכט די טיר, האָב איך דערזען אַן אַלטיטשקע.

— וועמען זוכט איר, לײדי? — האָב איך זי געפרעגט.

זי האָט מיר באַלד נישט געענטפערט און אירע אויסגעטריקנט־ווייסע לעפצן האָבן זיך נאָך אנאַנד באַוועגט, ווי זיי וואָלטן געזאָגט אַ תפילה בלחש. כ׳האָב באַמערקט אַן אין אירע ציטערדיק־וואַקסענע הענט האַלט זי עפעס אַ פעקל. זי האָט מיר דאָס פעקל דערלאַנגט און ערשט איצט האָב איך דערהערט איר אַלט קול:

— איר האָט דאָס איבערגעלאָזט ביי מיין טיר, כ׳האָב עס אייך צוריקגעבראַכט.

— אַ שיינעם דאַנק, אַ שיינעם דאַנק — האָב איך די ווערטער גיך אַרויסגעוואָרפן פון מויל און ס׳האָט מיר עפעס אַ טיאָכקע געטאָן אינעווייניק, ווייל כ׳האָב באַלד דערקענט אַז דאָס איז דער שירעם — איר האָט זיך נישט געדאַרפט מטריח זיין. ס׳איז אַן אַלטע שמאַטע.

מיין ווייב איז דערביי געשטאַנען, זיך צוגעהערט צו אַלץ, און אַז די אַלטיטשקע איז אַוועק, האָט זי געשאָקלט אויף מיר מיטן קאָפּ, פול מיט באַדויער, ווי כ׳וואָלט געווען אַ חסר־דעה. כ׳האָב איר גאָרנישט געענטפערט און מיטן שירעם געלאָפן גלייך צום גאַראַזש. כ׳האָב אים דאָרט אַוועקגעשליידערט צווישן ברוכוואַרג, באַגראָבן אים טיף אונ־טער אַ קופּע שמאַטעס.

דערנאָך איז געווען אַלץ גוט און וואויל — אָבער אַז אין דרויסן איז געגאַנגען אַ רעגן, האָט זיך באַזעצט אין מיר אַן אומרו. כ׳האָב זיך לאַנג געדרייט פאַרן גאַראַזש, אַריינגעקוקט אינעווייניק מיט אַ שפּיץ אויג, גלייך כ׳וואָלט געגאַנגען אָפּטאָן עפעס אַ גנבה. שפּעטער בין איך אַריין אין גאַראַזש און צוריק אַרויס. דאָס האָט זיך איבערגע־חזרט עטלעכע מאָל. איך האָב געציטערט אויפן לייב, וואָרן כ׳האָב

געוואוסט, אַז איך וועל זיך נישט קענען אָקעגנשטעלן דעם באַגער, וואָס האָט מיך באַהערשט. פּלוצים בין איך מיט האַסטיקייט צוגע־שפּרונגען צו די שמאַטעס און ברוכוואַרג און לאַנג דאָרט געני שטערט, געזוכט און אַרויסגעצויגן דעם אַלטן שירעם. ס'איז דאָך דער זעלבער שירעם, וואָס שלום האָט געטראָגן אינעם שטעטל. דאָס האָט זיך ביי זיי אין הויז אָפּגעראַטעוועט נאָך דער מלחמה.

איך האָב אויפגעמאַכט דעם שירעם און אַרויס פון גאַראַזש. אַז כ'האָב אַרויפגעקוקט צום שירעם־דעכל איבער מיין קאָפּ, האָב איך געזען גרויסע לעכער. אָבער דאָס איז מיר ווייניק אָנגעגאַנגען און כ'האָב זיך געלאָזט גיין איבער דער גאַס. איך האָב געשפּירט ווי דער רעגן צוואָגט מיך און וואַשט מיך. און וואָס מער דער רעגן האָט מיך געצוואָגן און געוואַשן, אַלץ מער האָט מיך אַרומגענומען אַ צופרידנ־קייט, ווי דאָס פּייניקן זיך אַליין וואָלט מיר הנאה פאַרשאַפט. כ'האָב געזען לעבן זיך מיין חבר שלום און כ'האָב געפילט, אַז כ'צאָל אים אָפּ אַ חוב. ווייזט אויס, אַז כ'וועל זיך שוין קיין מאָל נישט באַפרייען פון מיין חבר שלום. נישט פון אים און נישט פון זיין שירעם.

אין אַ פֿרעמדער הויט

עטלעכע טעג נאָך מיין אָנקומען קיין ניו־יאָרק, האָב איך אָנגעקלונגען צו אַבעלען. איך האָב געוואוינט אין אַ האָטעל אויף דער ניין־און־זיבעציקסטער גאַס, נישט ווייט פון בראָדוועי. די ערשטע טעג אין ניו־יאָרק איז מיין גאַנצע עובֿדה באַשטאַנען אין קלינגען צו מיינע חברים פון אַ מאָל, וואָס כ'האָב שוין נישט געזען אַ קיימא־לן פון דרייסיק יאָר. טייל חברים האָבן דערקענט מיין קול; טייל האָבן זיך נישט געכאַפּט ווער איך בין.

בעת כ'האָב אָנגעקלונגען צו אַבעלען, האָט מיר געענטפערט עפּעס אַ שטייף און טרוקן קול פון אַ פרוי, וואָס האָט גערעדט מיט אַ האַרטער „ריש". איך האָב עטלעכע מאָל איבערגעחזרט אַז כ'וויל רעדן צו אַבעלען, אָבער די פרוי האָט מיך נישט פאַרשטאַנען. זי האָט רק געהאַלטן אין פרעגן ווער ס'רעדט און וואָס איך וויל האָבן. אַז זי האָט זיך שוין קוים מיט לייד געכאַפּט וואָס איך וויל, האָט זי געזאָגט רואיק אין טרייבל:

— מיסטער אייב קאָכען איז נישטאָ אין דער היים...

— ווען וועט ער זיין? — האָב איך נאָך באַוויזן אַריינצושרייען אין טרייבל, וואָרים איך האָב געפילט, אַז די פרוי וויל אָפּהאַקן מיט מיר דעם שמועס.

— כ'ווייס נישט! פון וואַנען זאָל איך וויסן? קלינגט אָן אַ צווייט מאָל...

איך בין אַרויס פון דער טעלעפאָן־בודקע מיט אַ פריקרע געפיל. אויף אַזאַ קבלת־פנים האָב איך זיך נישט גערעכט. מיט וועמען האָב איך גערעדט? צי איז דאָס געווען אַבעלעס ווייב, צי זיינס אַ טאָכטער, צי גאָר אַ דינסט־מיידל? איך בין געווען זיכער, אַז אַבעלע איז דאָ אין דער היים, נאָר מען האָט אים נישט געוואָלט צורופן צום טעלעפאָן. אפשר איז ער קראַנק? אפשר איז ער אַזוי רייך געוואָרן, אַז מען לאָזט קיינעם נישט אַריבער די שוועל פון זיין שטוב?... ווי־זשע קען מען

זיך באַלד כאַפּן ווער ס'רעדט? ס'האָט דאָך גריילעך געקענט קלינגען אַ גרויסער סוחר, וואָס האָט געוואָלט אָנביטן צו מאַכן געשעפטן...

די מעשה האָט מיך פאַרדראָסן. איך האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך מער נישט צו קלינגען צו אַבעלען — צו מיסטער אייב קאָרנען אָבער באַלד אויף צומאָרגנס האָב איך ווידער זיך געוואָלט מיט אים פאַרבינדן. עס האָט מיר געענטפערט אין טרייבל דאָס זעלבע טרוקן־שטייפע קול וואָס נעכטן. דאָס קול האָט מיך געפאָרשט, געשטעלט מיר עטלעכע קשיות אויף אַ מאָל, און סוף־כל־סוף, נאָך לאַנגע חקירות, זיך אָנגערופן צו מיר:

— וואַרט צו אַ רגע... כ'וועל געבן אַ קוק צי מיסטער קאָרנען איז דאָ אין דער היים...

— העלאָ... העלאָ... — האָב איך דערנאָך דערהערט אין טרייבל אַ נערוועז מענערישע שטימע, וואָס האָט אַזוי הויך געשריגן, אַז ס'האָט מיר געלעכערט אין די אויערן — ווער רעדט?! כ'הער נישט! ווער רעדט?!

הגם איך בין נישט געווען זיכער, צי ס'רעדט טאַקע אַבעלע, האָב איך געענטפערט, אָן אויפגעהייטערטער, מיט אַ סך געמאַכטן קוראַזש:

— ס'רעדט הערץ... שלום־עליכם, אַבעלע.. כ'מיין אַז דו ווייסט ווער איך בין...

— נאָו, עך ווייס נישט!

— וואָס הייסט דו ווייסט נישט? דאָ רעדט הערץ... דיינס אַ חבר פון רעדים... מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען אין חדר... צו ישׂראל־נחן דעם מלמד... דו ביסט געפאָרן קיין אַמעריקע... איך בין מיט עטלעכע יאָר שפּעטער נאָך דיר אַוועק קיין אויסטראַליע. נו, איצטער ווייסטו שוין ווער איך בין?

— וועל... וועל... דאָס ביסטו טאַקע, הערץ... כ'דערמאָן זיך שוין... פון וואַנען קומסטו אַהער? — האָב איך מיט אַ מאָל דערקענט אַבעלעס קול, כאָטש ס'איז געווען זייער געענדערט. — וואו שטייסטו איין, הערץ? כ'וויל זאָלסט אַריבערקומען צו אונדז..

— אדרבא, איך וויל זיך זען מיט דיר...

— זאָג מיר וואו דו וואוינסט, וועט מיין זון קומען און דיך „אָפּפּיקן". וואַרט צו, איך וועל נעמען אַ שרייבפּענדל און פאַרשרייבן דיין אַדרעס... אין אַ שעה אַרום וועט מיין זון זיין ביי דיר אין האָטעל און דיך נעמען... וועל... וועל... דאָס ביסטו טאַקע, הערץ? כ'קען

מיר נאָך אַלץ נישט גלייבן.. כ׳בין טשיקאַווע צו וויסן ווי דו זעסט אויס. מעך ווען וועסטו נישט דערקענען... כ׳בין געוואָרן אַלט!...

ער האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל. איך בין נאָך עטלעכע רגעס געבליבן שטיין בײם טעלעפאָן, נישט באַמערקט אַז מענטשן וואַרטן אין אַ ריי. ס׳האָט מיך געחידושט וואָס מיין חבר פון די קינדער־יאָרן האָט אַליין אויף זיך געזאָגט, אַז ער האָט זיך זייער געעלטערט, און ס׳איז אים נישט מעגלעך צו דערקענען. גאַנץ אַנדערש איז געווען דאָס שטייגער רעדן פון מיינע אַמאָליקע חברים, וואָס כ׳האָב געטראָפן אויף מיין נסיעה. טאָמער האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי זענען אַלט געוואָרן, האָבן זיי געוואַרט כ׳זאָל דאָס פאַרלייקענען און זיי פּראַווען קאָמפּלימענטן ווי יונג זיי האַלטן זיך... אין אַבעלעס קול האָב איך דערקענט, אַז עס מיינט וואָס ער זאָגט...

אַזוי ווי ס׳איז נאָך געווען אַ ביסל צייט, בין איך אַרויף צוריק אין מיין האָטעל־צימער. אינעם האָטעל האָבן געוואוינט דער עיקר אַלטע לייט: אָפּגעשפּילטע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געזוכט וואו אויפצוטרעטן; פאַרזעסענע מיידלעך, וואָס פלעגן אין זייער איינזאַמקייט רעדן צו זיך אַליין. דורך די ווענט האָט זיך טייל מאָל אַריינגעריסן צו מיר אַ קול, וואָס איז באַלד פאַרשטומט געוואָרן, אַ געלעכטער, וואָס האָט זיך אומעטיק אַ קייקל געטאָן און איז שנעל אויסגעגאַנגען.

איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַ קוק געטאָן אויף ניו־יאָרק, וואָס האָט זיך געוויקלט אין אַ הייסן נעפּל. אַ בלינדע צעשוואומענע זון האָט זיך געראַנגלט מיטן נעפּל און איז געבליבן הענגען אויף די ענג־צוגעטוליעטע פאַרווישטע דעכער. אויף מיין גאַס איז געווען שטיל, אָבער פון נאָענטן בראָדוועי האָט זיך געהויבן אַ טומל. איך האָב געטראַכט פון מיין חבר פון יונגע יאָרן, וואָס וואוינט דאָ נישט ווייט. פאַר וואָס איז אַזוי שווער געווען צו אים צוצוקומען? צי איז ער אַזוי רייך געוואָרן, אַז ער בלאָזט פון זיך און וויל נישט האָבן קיין מגע ומשא מיט זיינע לאַנדסלייט? און פאַר וואָס האָט ער געזאָגט אויף זיך, אַז ער איז געוואָרן אַזוי אַלט? בשעת דער מלחמה איז ער געווען אין אַמעריקע און האָט נישט איבערגעלעבט אויף דער אייגענער הויט די אַלע פּורעניות, וואָס די אַנדערע רעדימער יידן. איך האָב מיט אַבעלען געלערנט צוזאַמען ביי ישראל־נחן דעם מלמד, וואָס איז געווען אַ ייד אַ קפדן. אָבער מיט אַזאַ ווילד־צעלאָזענעם תלמיד ווי עס איז געווען אַבעלע האָט אפילו ער נישט געקאָנט זיך אַן עצה געבן. ישראל־נחן האָט נישט געשמט פאַר אַ גרויסן בקי, נאָר אַ פּרשה חומש מיט

רש"י האָט מען זיך ביי אים געקענט אויסלערנען בעסער ווי ביי די אַנדערע מלמדים. חוץ דעם האָט ער געהאַלטן פון נגינה און אַזוי שיין זינגעז דאָס חומש האָט מען נישט געהערט ערגעץ אַנדערש. מען איז געקומען צו אים אויף חידושים, די מאַמעס פון די חדר־ייִנגלעך פלעגן שטיין הינטער די ווענט פון פאַליש, וואו ער האָט געלערנט, כדי צו הערן ווי זייערע קינדער זינגען בעתן לערנען.

אַז ס'איז געקומען פאַר שבועות איז ר' ישראל־נח געווען גאַר אין די פעדערן. ער האָט געלערנט דעַנצמאָל די קינדער זאָגן אקדמות מיט גאַר אַ מתיקותדיקן ניגון, וואָס איז זיך צעגאַנגען אין אַלע אברים. צו דעם האָט ער די תלמידים אויסגעלערנט זאָגן אַ פיזמון, וואָס זיי האָבן געמוזט קענען פון אויסנווייניק. אַלע האָבן געמוזט זינגען אין אַ כאָר דעם פיזמון וועגן ר' מאיר חזן, דעם מחבר פון אַקדמות; ווער ס'האָט אַ טראָפּעלע געפּעלשט האָט געלייזט קלעפּ.

בלויז איין אַבעלע האָט נישט מיטגעזונגען און דער רבי האָט אים כהרף עין געכאַפּט דערביי. ער האָט אים מיט דער יאַרמעלקע באַלד געגעבן אַ שמיץ איבערן פּנים און ערשט שפּעטער האָט ער געמאַכט אַ גאַנצע חקירה ודרישה.

— זאָג נאָר תכשיט מיינער — האָט דער רבי זיך כלומרשט רואיק אַ קער געטאָן צו אַבעלען — וואָס זינגסטו נישט מיט? וואָסי, ס'שטייט דיר נישט אָן? גרויסער פּריץ מיינער!

און איידער דער תלמיד האָט נאָך באַוויזן אויפצומאַכן דאָס מויל, האָט דער קאַנטשיק זיך צעטאַנצט איבער אים. אַבעלע האָט מיט אַן עלנבויגן זיך פאַרשטעלט פאַר די קלעפּ, אָבער ס'האָט אים געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.

צווישן ישראל־נחן דעם מלמד און אַבעלען איז קיין מאָל נישט געווען קיין שלום. אינעם גאַנצן חדר איז געווען בלויז איין תלמיד, אַבעלע, וואָס האָט ווידערגעשפּעניקט דעם רבין. אַזיסט האָט קיינער נישט געהאַט קיין העזה דאָס צו טאָן. ישראל־נח איז געווען אַ הדרת־פּנים, מיט אַ לאַנגער גרייז־גרויער באָרד, וואָס האָט אים דערגרייכט ביזן גאַרטל. דאָס חדר האָט ער געפירט מיט אַ שטאַרקער האַנט און די תלמידים זענען ביי אים געווען אַזוי אויסמושטרירט ווי די זעל־נער. עס איז געגוג געווען ער זאָל בלויז אויף זיי אַ קוק געבן, זיי זאָלן בלייבן פאַרציטערט. אין אַבעלען האָט דער מלמד געפילט אַ קאָנקורענט, וואָרים אויך ער האָט געוואָלט געוועלטיקן אינעם חדר. ער האָט געפּרווט אָנצורייצן די ייִנגלעך קעגן רבין, זיי געוואָלט אַרי־

בערציען אויף זיין צד. אַזוי ווי ער איז געווען דער שטאַרקסטער פון אַלע, האָט ער זיך צוגעהאָלפן מיט די פויסטן, געסטראַשעט אַז ער וועט ממיתן טאָמער וועט מען אים נישט פאָלגן. עס האָט נישט געהאָלפן וואָס מען האָט אים געוואָלט איבערקויפן מיט כלערליי חפצים. ער האָט אַלץ צוגענומען, דערנאָך האָט ער ווייטער געפאָדערט זיינס.

ר׳ ישראל־נח האָט שטילערהייט געהאַט מורא פאַר אַבעלען, הגם ער איז געווען מסוכן איינגערעדט אין זיך אַליין, אַז ער ווייסט בע־סער פון אַלע מלמדים ווי צו האַלטן דעם חדר. דער שטילער פאַר־ביסענער קאַמף צווישן אים און אַבעלען האָט אַזוי לאַנג אָנגעהאַלטן, ביז ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און בשתיקה באַפוילן, אַז אַבעלעס טאַטע זאָל צונעמען פון אים דעם שיינעם תכשיט.

אַבעלעס טאַטע איז געווען פונקט אַזאַ גיבור ווי דער זון. אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער באותו רגע געקומען צו לויפן צו ישראל־נחן, זיך קוים אָפּגעבעטן ער זאָל דעם זון נישט אַרויסוואַרפן. פון דעסטוועגן האָט ער דעם בן אַזוי מקיים־פּסק געווען אין אַלעמענס אויגן, אַז ס׳האָט אָנגענומען אַ גרויס רחמנות אויף אים. ער האָט אַראָפּגענומען פון די הויזן דעם רימען, געמקלט דעם זון מיט דעם אייזערנעם שנאָל און בשעת־מעשה איבערגעחזרט דעם זעלבן פסוק:

— וועסט שוין פון היינט אָן פאָלגן דעם רבין? וועסט פאָלגן דעם רבין?!...

— כ׳על פאָלגן! כ׳על פאָלגן! — האָט דער זון אַרויסגעפּרעסט צווישן די פאַרקוועטשטע ציין. — ווי כ׳האָב אַ גאָט אין הימל ווי כ׳על פאָלגן...

אַז דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען, איז דער זון געבליבן ליגן אין אַ ווינקל און ער האָט זיך מיט די הענט צוגעהאַלטן די ווייעדיקע ערטער. כאָטש די חברים האָבן דערלעבט אין אים אַ נקמה, האָבן זיי פון דעסטוועגן געהאַט מיט אים מיטלייד. זיי האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים און אים אָנגעקוקט מיט באַדויער. אָבער אַז זיי האָבן אים געוואָלט דערלאַנגען אַ שעפּ וואַסער, אַ טיכל איינגענעצט אין עסיק, כדי צוצולייגן צו די ווייעדיקע ערטער, האָט ער זיך אַ שליידער געטאָן:

—כ׳דאַרף גאָרנישט!

ער איז אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג אָפּגעלעגן אין ווינקל. בעת ער איז אויף צו מאָרגנס געקומען אין חדר, האָט ער פאַרגעסן אַז ער האָט צוגעזאָגט צו זיין גוט און פרום — און ס׳איז געווען דאָס זעלבע וואָס פריער. ער האָט ווייטער אָנגעשטעלט די יונגען קעגן מלמד, זיי

געלערנט זיך צו דראַפּן אויף ביימער און צו זוכן נעסטן פון פייגל. נישט איין מאָל האָט ער אַרויסגענומען די יונגע פייגעלעך פון די נעסטן און זיך צוגעקוקט ווי די פויגלישע מאַמע קרייזט אַרום בהלה־דיק איבער דער ליידיקער נעסט. גאָר אָפט האָט ער אַרויסגעלאָזט זשאַבעס פון די קעשענעס און זיי געלאָזט שפּרינגען איבער טיש אַקוראַט אין מיטן לערנען...

אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר האָט איבערגעריסן מיינע מחשבות. וויזט אויס, אַז מען האָט שוין עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט, נאָר איך האָב נישט געהערט.

— ביטע... קומט אַריין... קאָם אין — האָב איך ווי דערשראָקן געשטאַמלט.

ס'איז אַריינגעקומען אַ הויכער און דינער יונגערמאַן. כ'האָב גע־מיינט אַז כ'וועל דערזען אַן ענלעכקייט צו אַבעלען, אָבער דער פּאַר־שוין האָט לחלוטין נישט געענדלט צום טאַטן. ער איז געווען זייער בלייך און איידל און האָט פאַרמאָגט גרויסע איבערגעשראָקן־וואַסער־דיקע אויגן. ער האָט געטראָגן אַ דורכזיכטיק ניילאָן העמדל, וואָס איז געווען זייער פאַרשוויצט, זיך געקלעפּט צום איינגעפאַלענעם ברוסט־קאַסטן און צום אויסגעצויגן־בלאַסן האַלדז. אַבעלע איז געווען שטענדיק אָפּגעברענט אויף שוואַרץ פון דער זון, האָט געהאַט אַ פּלאַטשיקע נאָז ווי אַ באָקסער און זיינע הענט זענען געווען גרויס און ברייט ווי די לאָפּעטעס.

— מיין טאַטע האָט מיך געשיקט נאָך אייך... — האָט דער יונגערמאַן קוים געעפנט דאָס מויל.

בשעת כ'בין געפאָרן מיט אים אין אויטאָ, האָט ער אויך ווייניק גערעדט, כ'האָב געמוזט אַרויספּרעסן פון אים אַ וואָרט. כ'האָב זיך אַלץ נישט געקאָנט צוגלויבן, אַז דאָס זאָל זיין אַבעלעס זון, און כ'האָב אים כסדר פאַרגלייכט מיטן טאַטן. דער טאַטע האָט דאָך געשמט מיט זיין גבורה אין שטאָט, אפילו די שקצים האָבן מורא געהאַט פאַר אים אימת־מוות. נישט איין מאָל האָט אויך ישראל־נח דער אַלטער מלמד געמוזט אָנקומען צו זיין גבורה. דאָס איז געווען דענצמאָל, ווען די תלמידים זענען אין די ווינטער־נעכט געגאַנגען אַהיים פון חדר מיט די לאַמטערנעס אין די הענט און ס'האָבן זיי אָפּגעוואַרט אַ כאַפּטע שק־צים. דער רבי האָט געהייסן גיין אַבעלען פון פאַרנט, און אַז די שקצים האָבן אים דערזען, האָבן זיי באַלד עוקר געווען... זיי האָבן מורא גע־

האַט מיט אים אָנצוהייבן, וואָרים ער האָט געשלאָגן ביז בלוט איז גערונען...

בעת דער זון האָט מיך אַריינגעפירט צום טאַטן אין הויז, האָב איך איך אים נישט דערקענט. ס'איז מיר אַקעגנגעגאַנגען עפּעס אַ קליין איינגעשרומפּן מענטשל. ווען איך ווייס נישט אַז דאָס איז מיין חבר פון די יונגע יאָרן, וואָלט איך געמיינט אַז דאָס איז עפּעס אַ פרעמדער. איך בין צוגעוואוינט געווען צו זען אַבעלען אַזאַ הויכן און שטאַרקן, און צווישן זיינע לאַנגע זין און אויסגעצויגן־לאַנגער פרוי, האָט ער אויסגעזען צו זיין זייער קליין.

— ביסט אַ מבין עפּעס אויף די ניו־יאָרקער היצן, הערץ? אין דרויסן איז פאַרנע, ווי אַ מאָל אין רעדימער מרחץ... — מיט די ווערטער האָט ער מיך באַגעגנט נאָך אַזוי פיל יאָרן — ביי אייך אין אויסטראַליע איז אויך אַזוי הייס? עך קען נישט אַריבערטראָגן די היצן... וואָס זאָגסטו צו דעם, פּעני? — האָט ער זיך געוואָנדן צו דער פרוי. — טעריבל...

ער האָט ווייניק גערעדט. אָבער טאָמער האָט ער שוין יאָ גערעדט, האָט ער זיך געמוזט אויף עפּעס באַקלאָגן. איך האָב נישט געדענקט אַז ער זאָל אַ מאָל האָבן אַזאַ טבע. פאַרקערט, ער האָט זיך קיין מאָל נישט באַקלאָגט אויף עפּעס. ער האָט זיך אויפגעפירט זייער משונהדיק, פּונקט דער היפּוך פון אַ מאָל. ס'האָט אויסגעקוקט ווי ער וואָלט פאַר אַלעמען מורא געהאַט. יעדע קלייניקייט האָט אים געשטערט, אַרויסגעבערענגט פון גלייכגעוויכט און ער האָט זיך ווי געוואָנדן צום ווייב נאָך הילף.

— ס'וועט זיין אָל־רייט, אייב... — האָט אים דאָס ווייב איינגענומען און געטאָן אַלץ, אַז איר האַרט קול זאָל קלינגען מילד — נאָר נישט געזאָרגט...

אַבעלע האָט פאַרבעטן צו זיך אַ היים זיינע זין און טעכטער, זיי זאָלן זיך מיט מיר באַקענען. זיי אַלע זענען שוין געווען חתונה געהאַט און געהאַט אַליין קינדער. זיי זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ ריי, ווי שילער אין אַ קלאַס, ד'ערלאַנגט מיר די האַנט, און זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט.

נאָך דעם ווי אבעלע האָט זיך מיט מיר אַ טראָפּעלע אָנגעפרייט, האָט ער זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול, וואָס איז געשטאַנען אויבנאָן ביים טיש. ווי נאָר ער האָט זיך געזעצט אויף זיין אָרט, האָט ער זיך דערפילט זיכערער ביי זיך. איך האָב באַמערקט אַז ער האָט

מורא געהאַט זיך אויסצופרעגן אויף די אַמאָליקע חברים, טאָמער לעבן זיי נישט מער... ער האָט בכלל וועגן די אַמאָליקע יאָרן ווייניק גע־רעדט, כאָטש איך האָב דווקא געוואָלט וועגן דעם רעדן. ער האָט זיך אַ סך מאָל נישט געמאַכט הערן, ווען איך האָב אים געפרעגט וועגן די רעדימער יידן. איך האָב געזען, אַז ס'ווייב ווינקט צו מיר און הייסט אים גאָרנישט דערמאָנען. איך האָב נישט פאַרשטאַנען די סיבה, אָבער איך האָב נישט געוואָלט אים מער ווייטער עפּעס פרעגן.

איך בין געזעסןביים טיש און אַריינגעטראַכט אין דער גאַנצער זאַך. דאָס עסק מיט אַבעלען איז מיר געווען קשה. פּעני, אַבעלעס פרוי האָט מיר דערלאַנגט כיבוד, אָבער כ'האָב גאָרנישט טועם געווען. וואָס איז מיט אַבעלען געוואָרן? זאָל דאָס זיין טאַקע אַבעלע, וואָס אַלע האָבן פאַר אים געציטערט? נישט אַנדערש נאָר דאָס ווייב האָט אים אָנגעטאָן כישוף. זי איז געווען אַזאַ הויכע, אָן איבערגעוואַקסענע, הגם אַזוי דאַר, גלייך זי וואָלט זיך געהאַלטן אין איבערברעכן. זי און אירע עלטערן זענען געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע, נאָר זיי האָבן געשטאַמט פון דייטשע יידן. כ'האָב באַמערקט, אַז זי האָט ליב צו באַפעלן, אַז זי האָט אַ טבע מיט אַ סך פּינקטלעכקייט אָפּצוהיטן דאָס יוסטע אַלט־מאָדישע מעבל, און די זין און די טעכטער, וואָס האָבן שוין אַליין קינ־דער, האָבן פאַר איר אָפּשיי. אָבער צי האָט זי אַזאַ דעה איבער איר מאַן, אַז ער רירט זיך נישט אַ טריט אָן איר? צי הערשט זי איבער אים אַזוי, אַז ער האָט זיך שוין מיאש געווען און שלום געמאַכט מיטן גורל?

— ווער האָט שוין ווידער צעוואָרפן מיינע זאַכן אין דער שאַפע? כ'האָב ליב אַז אַלץ ליגט אויף דעם אָרט, וואו איך האָב עס אַוועקגע־לייגט — האָב איך דערהערט אַבעלעס קול — ס'איז אַ שלעכטער סימן! אַלץ דאַרף ליגן ווי איך וויל!

איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס מיין חבר וויל, וואָס ער איז אויסן, אָבער ס'האָט מיך אָנגענומען אַ חשק אויף צו להכעיס אים, און אויף להכעיס זיין ווייב, צו דערמאָנען אים אַ שפּיצל, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן ר' ישראל־נחן דעם מלמד. ער איז דענצמאָל געווען נאָך אַ יינגל, נאָר די שפּיצלעך, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן יעדן האָט מען גע־דענקט לאַנגע יאָרן... אפשר וועט אים דאָס אַרויסשלאָגן פון אומעט און ער וועט פון דעם הנאה האָבן...

— געדענקסט, אַבעלע — האָב איך זיך אַ קער געטאָן צו מיין חבר פון די יונגע יאָרן — געדענקסט, וואָס דו האָסט אַ מאָל אָפּגעטאָן

ישראל־נחן דעם מלמד? ער האָט עס קיין מאָל נישט געקענט מוחל זיין דעם גאַנצן חדר... דער רבי האָט זיך אַלע נאָכמיטאָג געפלעגט צולייגן אַ ביסל אויף דער באַנק און געכאַפּט אַ דרימל... ער האָט בעת־מעשה געהייסן עטלעכע תלמידים זיי זאָלן מיט צווייגלעך אָראָפּטרייבן פון אים די פליגן... אַזוי ווי ישראל־נח האָט געהאַט אַ ברוך, האָט ער פון פאָרנט זיך נישט געקענט צושפּילן די הויזן. איז ער געלעגן מיט דעם אָפענעם קראַק און געשמאַק געשנאָרכט... ער האָט אַפּנים געהאַט גוטע חלומות... ס'האָט זיך אים געחלומט ווי דאָס גאַנצע חדר זינגט אַזוי געשמאַק דעם אַקדמות, אַז ס'איז אַ נחת־רוח צו הערן... איז דיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק מען זאָל דעם רבין אויף די צעקנעפּלטע הויזן אָנשיטן ערד און דאָרטן פאַרפלאַנצן צווייגלעך און בלומען, ס'זאָל וואַקסן... אַז דער רבי וועט זיך אויפכאַפּן און דערזען דעם גאָרטן אויף זיך, וועט ער אריינפאַלן אין אַ גרימצאָרן... ער וועט אָנהייבן חוקר ודורש זיין ווער האָט דאָס געטאָן...

איך האָב אויף אַ רגע איבערגעריסן דאָס דערציילן, וואָרים כ'האָב געפילט, אַז סיי אַבעלע, סיי זיין ווייב און סיי זיינע זין און טעכטער הערן זיך נישט צו מיר צו. ס'איז מיר דורך אַ רעיון אין קאָפּ כ'זאָל מער גאָרנישט דערציילן, אָבער כ'האָב זיך אַליין אַזוי אַריינגעטאָן אין דער מעשה, אַז ס'איז מיר געווען אַלץ איינס און כ'האָב ממשיך געווען.

— און כך הוה... מיר חדר־ייִנגלעך האָבן געטאָן דאָס, וואָס דו, אַבעלע, האָסט געהייסן — האָב איך ווייטער אָנגעהויבן — דער רבי איז געשלאָפן און האָט אפילו נישט געפילט די משה אויף זיך... דער־ווייל האָסטו גענומען תקיעת־כף ביי די חברים, אַז זיי וועלן מאַכן אַ שוויַיג... — מיר האָבן זיך געמוזט שווערן ווי מיר זענען יידן, אַז מיר וועלן נישט אויסזאָגן ווועמענס איינפאַל דאָס איז געווען... אַז דער מלמד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט זיך פון אים אָנגעהויבן צו שיטן די ערד מיט די אריינגעשטעקטע צווייגלעך און בלומען... ער איז געוואָרן מלא כעס און תיכף אָנגעהויבן אויסצופאָרשן ווער דאָס האָט געטאָן. ער האָט אויסגעשטעלט די תלמידים אין אַ שורה, אויס־געפאָרשט יעדן איינעם באַזונדער... מיר האָבן געשוויגן.. ר' ישראל־נח האָט מקים געווען מיטן קאַנטשיק, מיט דער יארמאָלקע... מיר האָבן געשוויגן. אַ ברירה האָבן מיר געהאַט? מ'האָט'ך מורא געהאַט פאַר דיר... דער אַלטער מלמד האָט זיך שוין מסתמא געכאַפּט ווער ס'איז דער חיב... וועמענס שטיקל אַרבעט דאָס איז געווען... האָט ער דיך באַשטראָפט צומיינסטנס פון אַלע... ער האָט דיר געמאַכט אַ פּעקל...

אַריבערגעצויגן ביי דיר דאָס העמד איבערן קאָפּ און דיך אַוועקגע־שטעלט אין אַ ווינקל מיט אַ בעזים אין דער האַנט...

בעת כ׳בין צוגעקומען צו דער שטעל מיטן „פּעקל״, האָב איך דערהערט ווי ס׳האָט זיך אַ רוק געטאָן אַ שטול און פּעני, אַבעלעס ווייב, איז אַוועק די ערשטע פון טיש. אַז די זין און די טעכטער האָבן דערזען ווי די מאַמע איז אַוועק, האָבן זיי איר נאָכגעטאָן און זיך שטילערהייט אויך אָפּגערוקט. בלויז אַבעלע איז געבליבן זיצן אויפן אָרט און די מראה האָט זיך אים געביטן אין פּנים. זיינע ליפּן האָבן זיך געבלעזלט ווי זודיק וואַסער. די פּלאַטשיקע נאָז איך געוואָרן נאָך מער צעפּלאַטשט. איך האָב געמיינט, אַז דאָס דערמאָנען אים זיינע אַמאָליקע קונצשטיקלעך וועט אים אויפהייטערן, צום סוף האָב איך געהאַט אַ טעות. נישט ס׳האָט אים אויפגעהייטערט, נייערט ס׳האָט אים טרויעריקער געמאַכט. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו בייזערן אויף זיין ווייב און קינדער:

— וואו איז דער סידור? פאַר וואָס האָט מען אַוועקגערוקט דעם סידור פון דעם אָרט, וואו כ׳האָב אים אַוועקגעלייגט?! וויפל מאָל האָב עך געזאָגט מען זאָל נישט רירן מיינע זאַכן! צי האָב׳ך נאָך אַ שטיקל דעה אין דער שטוב, צי נישט?!

איך בין געבליבן זיצן ביים טיש אַ געפּלעפטער. כ׳האָב נישט גע־וואוסט ווי זיך נוהג צו זיין. כ׳האָב חרטה געהאַט וואָס כ׳האָב דערמאָנט מיין יוגנט־חבר זיינע אַמאָליקע שטיקלעך. וואָס דאַרף איך אים ווי טאָן? אפנים ער איז אין אַמעריקע געוואָרן אַ גאַנצער שישקע און ס׳שטייט אים נישט אָן צו הערן סאַראַ וואוילער יונג ער איז אַ מאָל געווען. דאָס ווייב האָט מיר טאַקע שפּעטער געזאָגט מוסר און געהאַט טענות צו מיר וואָס כ׳האָב איר מאַן אָנגעמאַכט עגמת־נפש. מער זאָל איך דאָס נישט טאָן! איר אייב איז געוואָרן אַ חשוב אין שטאָט. ער געהערט צו די אָנגעזעענסטע קאָמיטעט־מיטגלידער אין דער סינאַגאָ־גע, וואו ס׳דאַווענען אירע לאַנדסלייט, די דייטשע יידן. ער איז אַ רייכער מענטש, האָט אַ סך „אינוועסטמענטס״. די קינדער פירן פאַר אים די געשעפטן. הגם איך האָב נישט געוואָלט בלייבן אויף מיטאָג, האָט מיך פּעני געצוואונגען כ׳זאָל בלייבן. זי האָט עס אַפנים געטאָן כדי מיר צו דערציילן וואָס פאַר אַ צרות זי האָט לעצטנס פון איר מאַן. ער וויל זיך נישט אַרויסרירן פון שטוב. זי וויל מיט אים גיין שפּאַצירן צום האַדסאָן, אין צענטראַל־פּאַרק, ער זאָל כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט, נאָר ער רירט זיך נישט פון אָרט. אַז די זין ווילן אים אַרויסנעמען

מיטן אויטאָ הינטער דער שטאָט, צום ים, וויל ער נישט פֿאָרן. אַ מאָל איז געווען אַנדערש, ער האָט ליב געהאַט צו גיין זונטיק קיין קאָני־איי־לאַנד און ער האָט דאָרט הנאה געהאַט צו פֿאַרברענגען. אַז ס'איז אויס־געבראָכן ערגעץ אַ געשלעג, האָט ער זיך געוואָלט אַריינמישן און מען האָט אים קוים אָפּגעהאַלטן...

— מען וועט גרייטן צום מיטאָג — האָט פֿעני מיט אַ מאָל זיך געוואָנדן צו די טעכטער — כ'האָב איינגעלאַדן דעם מיסטער בערג־נער, דעם טאַטנס פֿריינד פֿון די יונגע יאָרן ער זאָל מיט אונדז מיטהאַלטן.

ס'האָט זיך דערהערט אַ געקלינגערײַ פֿון געשיר, וואָס מען האָט אַרויסגענומען פֿון שווער־לייביקן קרעדענץ. דאָס גרויסע און שווערע באַשטעק איז געווען פֿון זילבער, און דער סערוויז, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אָן אַ שיעור טעלער, שיסלען און טעצעלעך, איז געווען געליישט מיט גאָלד. אַלץ האָט אוודאי געשטאַמט פֿון דייטשלאַנד און איז איבערגע־גאַנגען בירושה צו פֿעניק.

צום עסן האָט מען געמוזט אָנטאָן די רעקלעך, הגם ס'איז געווען זייער הייס. דאָס האָט פֿאַרלאַנגט די באַלעבאָסטע פֿון הויז. אַבעלע האָט אָנגעטאָן אַ העל־קאָלירן קאָפּעלע מיט עטלעכע אויסגעמאָלענע מגן־דודס און דאָס זעלבע האָבן געטאָן די זין. אויך מיר האָט אַבעלע דער־לאַנגט אַ קאָפּל. ער האָט געמאַכט אַ מוציא, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל ברויט און עס איינגעטונקען אין זאַלץ. ביים עסן איז מען געזעסן שטיל, ווי בעת אַ פֿייערלעכקייט. עס האָט זיך בלויז געטראָגן אַ געקלאַנג פֿון לעפֿל־גאָפּל־מעסער. נאָכן עסן האָט מיך אַבעלע מכבד געווען מיטן בענטשן.

בשעת די זין און די טעכטער האָבן זיך געאיילט אַהיים צו גיין, האָב איך זיך געוואָלט געזעגענען, אָבער אַבעלע האָט מיך פֿאַרהאַלטן.

— וואו גייסטו? וואָס איז דאָס געאייל? — האָט ער זיך אָנגערופֿן מיט בענקשאַפֿט אין קול — ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך נאָך אַ מאָל זען... בלייב נאָך אַ ביסל...

אָפּגעזאָגט דאָס, האָט ער זיך גענומען פֿאָרען ביי זיין טלית־זאַק, אַריינגעשטופּט אינעווייניק אַ גרויסן סידור. דערנאָך האָט ער אויסגע־גלייכט דעם טלית־זאַק, אַוועקגעלייגט אים פּינקטלעך אויף דעם אָרט, וואו ער איז פֿריער געלעגן.

— מוזסט מיר אַנטשולדיקן — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיר — בלויז אויף אַ רגע מוזסטו מיר עקסקיוזן... די אויגן פֿאַלן מיר

צו. כ׳על זיך צושפּאַרן אַ קאַפּעלע... דאָס האָבן מיר אָנגעזאָגט די דאָקטוירים. כ׳על באַלד צו דיר אַרויסקומען...

ער איז אַריין אין אַן אַנדערער שטוב. פּעני האָט ווי געוואָרט דערויף, זיך צוגעזעצט צו מיר. זי האָט פריש אַרויסגעלייגט אירע טענות הלמאי כ׳האָב דערמאָנט דעם מאַן די שפּיצלעך, וואָס ער פלעגט אָפּטאָן דעם מלמד. כ׳האָב עס נישט געטאָרט דערמאָנען! איר אייב פירט זיך די לעצטע צייט אויף שטאַרק אויסטערליש. שוין שיינע יאָרן ווי ער איז געוואָרן זייער פרום. אָבער די לעצטע עטלעכע יאָר איז ער געוואָרן אבערגלויביש... אַז ער טרעפט אַ גלח אין גאַס, וועט ער פון אים אַנטלויפן... אַז אַ שוואַרצע קאַץ לויפט אים אַריבער דעם וועג, וועט ער נישט גיין ווייטער... ער מאַכט זיך פאַרשידענע סימנים... אַלץ מוז ליגן אויף דעם פּלאַץ וואו ער האָט עס אַוועקגעלייגט... טאָמער ליגט עס נישט, וועט אים גיין מיט דער פוטער אַראָפּ — אַזוי זאָגט ער...

— וואָס זאָגט איר נישט צו דעם... מיין אייב גלויבט אין אַזעלכע נאַרישקייטן — האָט פּעני געשאָקלט מיטן קאָפּ — ער שרעקט זיך פאַר בלוט ווי אַ פּיצל קינד... כ׳דערצייל עס נישט קיינעם. איר זענט זיינער אַ יוגנט־חבר, האָב איך זיך פאַר אייך פאַרטרויט... איר פאַרט דאָך אַוועק, וועט קיינער פון אייך גאַרנישט געוואויער ווערן... אַ מאָל איז אייב געווען אַזאַ שטאַרקער... אַזאַ דרייסטער... דאָס האָט מיר אימ־פּאָנירט... כאָטש שוין דעמאָלט פלעגט ער מיר דערציילן ווי דער פּאָטער האָט אים געשלאָגן... ער האָט דעם פּאָטער ליב געהאַט, אָבער ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן וואָס ער האָט אים געשלאָגן... דאָס האָט אים זייער באַליידיקט...

— כ׳בין געבליבן פאַרחידושט, ווען כ׳האָב דערזען אַבעלען... ס׳איז גאַרנישט ער... ס׳איז אין גאַנצן ווער אַנדערש... — האָב איך נישט געוואוסט וואָס פּענין צו זאָגן. — ווייזט אויס אַז ס׳איז ביי אים געבליבן אַ קאָמפּלעקס...

— צוליב דעם וויל איך נישט, מען זאָל קומען צו אונדז אין שטוב אַריין... עס איז נישט פאַר מיין מאַנס נערוון... — האָט פּעני קוים געהערט וואָס איך האָב געזאָגט — אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם וואָס זיינס אַ קרוב האָט אים איבערגעגעבן ווי מען האָט זיין טאַטן אומגעברענגט... דער קרוב איז געקומען אַהער פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ער האָט דאָס געזען מיט די אייגענע אויגן... אַ נאַצי האָט דעם פּאָטער אַזוי לאַנג געשלאָגן ביז ער איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט...

דאָס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, וואָרים דער פאָטער איז געווען זייער אויסהאַלטעוודיק. דער דייטש האָט אים געפייניקט, זיך געמאַכט לוסטיק איבער אים... כאָטש דער פאָטער איז געווען אַן עקשן, האָט ער זיך שוין ביים נאַצי געבעטן ער זאָל אַ סוף מאַכן צו זיין לעבן. אָבער דער קאַלטבלוטיקער רוצח האָט עס אויסגעצויגן, ס'זאָל געדויערן וואָס לענגער...

ס'האָט זיך דערהערט ווי אין דער אַנדערער שטוב האָט זיך אייב אויפגעהויבן פון שלאָף. זיינע אומרואיקע טריט האָבן שטיל אָפּגעהילכט אויף דער פּאָדלאָגע. פּעני האָט נאָך באַוויזן צו ענדיקן:

— איצט האָט מיין מאַן פאַרשידענע חלומות... ער זעט אין חלום דעם דייטש... ער זעט דעם טאַטן ווי ער גייט אָפּ אין בלוט... זינט ער איז געוואָרן געוואָרן, אַז אין זיין געבורט־שטעטל זענען מער נישטאָ קיין יידן, וויל ער נישט מ'זאָל אים דערמאָנען אַז ער האָט אַ מאָל דאָרטן עמיצן שלעכטס געטאָן... ער האָט דערפאַר מורא. דורך דעם וויל איך נישט צולאָזן צו אים זיינע לאַנדסלייט. אַלץ קלינגט ווי אַ האָראָר־סטאָרי...

אין צווישנצייט איז אַריינגעקומען אַבעלע. ווייזט אויס אַז ער האָט נישט געקענט שלאָפן. די אויגן זענען געווען ביי אים אונטערגע־שוואָלן. ס'זענען אונטער זיי געהאַנגען לויזע קישעלעך. די שיטערע האָר זענען געווען צעשויבערט. אויף אַ באַק איז געווען איינגעבאַרקט אַ קנייטש פונעם ליגן. ער האָט אפּנים אויסגעמאַכט וואָס זיין ווייב האָט געזאָגט, וואָרים ער האָט זיך באַלד אָנגערופן:

— מען האָט מיין טאַטן עליו־השלום זייער געפייניקט... כ'זע דאָס אַזוי קלאָר פאַר די אויגן... ער איז געווען אַ געוואַלדיקער עקשן, מיין טאַטע... ער האָט געמיינט אַז ער איז שטענדיק גערעכט. פאַר וואָס האָט ער מיך געשלאָגן? ס'האָט מיר נישט ווי געטאָן. כ'האָב אים סיי ווי מוחל געווען... אָבער זאָל פּעני זאָגן, צי עך האָב אויף מיינע קינדער אויפגעהויבן אַ האַנט. כ'האָב מיר געגעבן ס'וואָרט, אַז כ'וועל זיי קיין מאָל נישט שלאָגן. אַ מענטש טאָר נישט אויפהייבן אויף קיין מענטש אַ האַנט!...

איך האָב זיך געקליבן צו גיין, אָבער אַבעלע האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיך באַגלייטן. ער איז געוואָרן זייער סענטימענטאַל, נישט גע־וואָלט מיך נאָך לאָזן אַוועקגיין.

— בלייב נאָך אַ ביסל — האָט ער געזאָגט — איך וועל דיך שפּעטער מיט פּעניץ צופירן, ווי וועסטו אַליין טרעפן?

— כ'וועל טרעפן... כ'ווייס וואו צו גיין...

— זיי נישט איינגעשפּאַרט... ביסט'ך אַ גרינער ביי אונדז אין שטאָט...

איך האָב אָבער אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו פּעניך, זיך געזעגנט מיט איר. אַז כ'האָב דערנאָך דערלאַנגט די האַנט אַבעלען, האָט ער מיך אַרומגענומען, מיך צוגעדריקט צו זיך און זיך מיט מיר צעקושט.

כ'בין אַרויס אויף דער גאַס. ס'איז שוין געווען נאַכט, אָבער די היץ האָט אַלץ נישט אָפּגעלאָזט. די מויערן זענען געווען באַגאָסן מיט אַ פייכטקייט, ווי זיי וואָלטן געשוויצט. כ'בין אַרויס אויף בראָדוועי. גרויסע קאָליריק־שרייענדיקע רעקלאַמעס זענען געלאָפן איבער די הויכע מויערן, איבער אַ שטיק פון דעם נאַכטיקן הימל. אין מיינע אויערן האָבן זיך אָפּגעשלאָגן כלערליי לשונות — אָבער מיר איז כסדר נאָכגעגאַנגען דאָס יידישע לשון פון מיין יוגנט־חבר, וואָס האָט צו מיר געזאָגט, אַז אַ מענטש טאָר נישט אויפהייבן קיין האַנט אויף אַ מענטש...

בראָדוועי האָט גערוישט, געטומלט. ס'איז דאָ געגאַנגען אַ מענטשן־געמיש פון פאַרשידענע פעלקער, און איך האָב זיך פאַרלוירן צווישן דעם געדיכטן עולם. איך האָב דערהערט דעם ריטם פון דעם גרויסן ניו־יאָרק, אָבער גאָרנישט האָט געקענט פאַרטרייבן די רייד פון אַבעלען...

צייכענונג פון יאָסל בערגנער: „מיין ברודער שוניע דער העלד"

אַנטי סעראַ וואַרט אויף געסט

נאָך דעם ווי איר פּערטער מאַן איז אַוועק אויף יענער וועלט, האָט אַנטי סעראַ שוין מער נישט חתונה געהאַט. מ'האָט איר גערעדט שידוכים, מענער זענען געקומען צו איר און איר פאָרגעלייגט חתונה צו האָבן, אָבער זי האָט נישט געוואָלט דערפון הערן און גערעדנקען.

אַנטי סעראַ איז געווען אַלט. בייזע צינגער האָבן זי געשאַצט אַז זי איז שוין מיט אַ שמיצל איבער די זיבעציק, נאָר אויף להכעיס זיי האָט זי אויסגעזען יונג און די יאָרן האָבן זיך אויף איר נישט אַרויפגעלייגט. זי האָט געהאַט פולכנע אָרעמס, אַ גלאַטיק ראָזע פּנימל, אַ קליין געטאָקט נעזעלע, אַ מויל מיט פאַלשע פּערלדיקע ציינדעלעך און אַ קאָפּ שוואַרץ־געפאַרבטע האָר, ווי טינט. בעת זי האָט אַרומגעטענצלט גיך־גיך אויף די זגראַבנע פיסעלעך, האָט זי אויסגעזען ווי אַ פאָרצעלייען ליאַלקעלע, וואָס דרייט זיך צום טאַקט פון דער מוזיק אויפן דעקל פון אַ שפּיל־קעסטל.

מען האָט קיין מאָל נישט געקאָנט געוואויער ווערן ווי פיל אַנטי סעראַ איז אין דער אמתן אַלט. זי האָט דאָס געהאַלטן בסוד־סודות, נישט געוואָלט דערפון רעדן. בעת מען איז שוין גאָר צוגעשטאַנען צו איר און זי געפרעגט אויף אירע יאָרן, האָט זי זיך אַראָפּגענומען כמעט ווי אַ העלפט און כסדר אויסגעטראַכט אַן אַנדערן ליגנט. פון די אַלע ליגנס האָט זי זיך אַזוי פאַרדרייט, אַז זי האָט פאַרגעסן דעם חשבון, און זיך אַליין איינגערעדט אַז זי איז נאָך זייער יונג. איין מאָל האָבן לצים אונטערגעשיקט אַ קליין מיידעלע זי זאָל פרעגן אַנטי סעראַ וויפיל זי איז אַלט, איז זי געוואָרן זייער אויפגעקאָכט און זיך אָנגע־בייזערט אויפן קינד:

— ס'איז נישט שיין צו פרעגן אַזאַ זאַך!... אַ מענטש איז אַזוי אַלט ווי ער איז אַלט! ווי ער פילט זיך...

מיט די ערשטע דריי מענער, וואָס אַנטי סעראַ האָט אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט, האָט זי נישט גוט געלעבט, אָבער זי האָט געהאַט פון זיי אַ סך קינדער און אייניקלעך. איר משפּחה איז געווען צעשפּרייט איבער גאַנץ מעלבורן. גאָר זעלטן איז זי געגאַנגען צו־גאַסט צו אירע

קינדער און גאָר זעלטן זענען זיי געקומען צו איר צו־גאַסט. דאָס רוב פון זיי האָט געלעבט אין גויאישע קוואַרטאַלן. בלויז אין די „היי האָלי־דייס" זענען זיי געקומען אין דער סינאַגאָגע, וואו די מוטער האָט געדאַוונט, זי געקושט אין ביידע באַקן, און איר געוואונטשן:

— העפּי ניו יִיר, מאַדהער...

דערנאָך זענען זיי ווידער פאַרשוואונדן אויף אַ גאַנץ יאָר. די מוטער האָט נישט געוואוסט געגוי ווי די קינדער און די אייניקלעך הייסן, פון וועלכן מאַן זיי זענען, אָפּט פאַרטוישט זייערע נעמען. זי האָט זיך אָנגעשטויסן אַז אַ סך פון זיי זענען שטאַרק רייך, נאָר אַז זיי האָבן זי נישט געפרעגט ווי איר גייט, האָט זי זיי אויך גאָרנישט געפרעגט.

אויב מיט די ערשטע דריי מענער האָט זיך סערא אַרומגעקריגט, אַזוי אַז דאָס געשיר איז געפלויגן אין דער לופטן, האָט זי מיטן לעצטן מאַן זייער גוט געלעבט און זיי האָבן זיך געקושט אין די פּיסקעלעך. דער ערשטער מאַן איז געווען אַ „בוטשער", האָט זי נישט געקאָנט פאַרטראָגן ווען ער דערנענטערט זיך צו איר, ווייל ס'האָט זיך געפילט פון אים דער ריח פון געקוילעטע בהמות. אַז ער האָט געפּירט מיט דער האַנט איבער איר לייב האָט זי געזען דאָס בלוט, וואָס האָט זיך געגנעסט אַרום זיינע גרויסע, האַרטע נעגל. זי האָט געוואוסט, אַז פאַר די ווייבלעך, וואָס קומען צו אים אין „בוטשער־שאָפּ" און לאָזן זיין האַנט פאַרקריכן צו זיך אויפן בוזים, קלויבט ער אויס אַ גוט שטיקל שפּאַנדרע און גיט זיי נישט קיין ביינער אויף דער וואָג. סערא האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן, כאָטש זי איז אַליין נישט געווען קיין צדקת און זי האָט זיך געלאָזט וואוילגיין מיטן שכן, וואָס האָט זיך צו איר טייל מאָל אַריינגעכאַפּט.

ווען סערא האָט חתונה געהאַט מיטן „בוטשער" איז זי געווען אַ ווייבל, אַ ברען. זי האָט געהאַט אַן אָפן הויז, געמאַכט „פּאַרטיס" און מענטשן זענען צו איר געקומען. אַזוי האָט זי זיך אויך געפּירט מיט די אַנדערע צוויי מענער, וואָס האָבן שוין געהאַט גאָר אַנדערע פּרנסות ווי איר ערשטער מאַן. איינער איז געווען אַ מעכאַניק פון מאַשינען און דער אַנדערער האָט געפּירט אַ מסחר מיט אויטאָס. ס'האָט איר ביי זיי גאָרנישט געפעלט, אָבער זי האָט מיט זיי פון דעסטוועגן נישט געקאָנט אויסקומען. זיי זענען געווען אויף איר איפּערזיכטיק און זי נישט געלאָזט גיין קיין טריט אַליין. זיי האָבן זי חושד געווען, אַז זי גיט זיך אָפּ מיט זייערע חברים. זי האָט שוין געהאַט אַזאַ שם, כאָטש זי איז אַ סך מאָל גאָט די נשמה שולדיק געווען.

פון די ערשטע דריי מענער איז דער אַנטי סעראַ געבליבן אַ ירושה, אָבער די קינדער האָבן דאָס ביסלעכווייז צעשלעפּט. זי איז נישט קיין שלעכטע און טייל מאָל ווען ס'איז געקומען צו איר אפילו אַ פלימעניק און געמאַכט אַ קרומע מינע:

— אַנטי סעראַ, קענסט מיר אַנטלייען אַ הונדערטער... בלויז אויף אַ חודש...

האָט זי קיין סך נישט געקלערט און געבאָרגט דאָס געלט. מ'האָט געשמועסט, אַז פון יעדן מאַן איז איר געבליבן אַ קניפּל און זי פאַרמאָגט אַ גרודע מיט גאָלד. זי איז קאַרג פאַר יענעם, אָבער נישט פאַר זיך. ווען ס'קומט צו גיין צו אַ פריזיערקע צו פאַרבן זיך די האָר, מאַניקירן זיך די נעגל, צו קויפן זיך כלערליי שמאַכטעס אָנצוטאָן, האָט זי שיטערע פינגער. זי האָט טאַקע אויסגעגעבן אַ סך אויף „שמאַטעס", זיך אָנגעטאָן אין רוישיק־קאָליריקע קליידער ווי אַ קליין מיידעלע. פון דעסטוועגן האָט זי געבאָרגט געלט אירע קינדער און פלימעניקעס. און כאָטש מען האָט איר צוגעזאָגט אָפּצוגעבן דעם חוב אין אַ חודש אַרום, איז אַוועק איין חודש, צוויי, אַ יאָר — און זי האָט מער דאָס געלט נישט אָנגעזען פאַר די אויגן.

איז דער אַנטי סעראַ שוין גאָר ווייניק איבערגעבליבן פון די אַלע ירושית ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט איר פערטן מאַן, דעם העברעאישן לערער בנימין לוריע. אויך ער האָט ווייניק פאַרמאָגט פון די אַלע לעקציעס, וואָס ער האָט געגעבן יאָרן־לאַנג אין די גבירישע הייזער. פון דעסטוועגן איז צווישן דעם פּאָרפאָלק נישט געווען קיין יאָ און קיין ניין און זיי האָבן געלעבט ווי די צוויי טייבעלעך.

אַנטי סעראַ איז אַלע אירע יאָרן געווען אַ געזונטע און די בעקעלעך האָבן ביי איר רויט געפלאַמט. זי איז קיין מאָל נישט געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר, נישט געוואוסט פון קיין שום קרענק. אָבער זי האָט זיך געהאַלטן אין איין באַקלאָגן אויף פאַרשידענע חולאתן, וואָרים זי האָט מורא געהאַט פאַר אַן עין־הרע. פונקט ווי מען האָט נישט געטאָרט דערמאָנען פאַר איר, אַז זי איז אַלט, האָט מען איר נישט געטאָרט זאָגן, אַז זי איז געזונט. זי האָט זיך דענצמאָל באַלד אָנגערופן:

— ווער זאָגט אַז כ'בין געזונט... אַלע קרענק טשעפּען זיך צו מיר... ס'ציט מיך אונטערן לעפעלע... די ביינער ברעכן מיר... ס'טוט מיר ווייט דער קזשיזש, אַז כ'קען זיך לא־עלינו נישט איינבייגן. כ'בין נאָך נישט אַלט, אָבער כ'בין שוין אַ צעבראָכענער שאַרבן...

פונקט ווי אַנטי סעראַ איז געווען קיין עין־הרע געזונט, איז בנימין

לוריע געווען מסוכן קראַנק; אַלע מיחושן האָבן זיך צו אים גע־טשעפּעט. אַנטי סעראַ האָט אים אָפּגעהיטן, אַרומגעגאַנגען אַרום אים, ווי אַ מאַמע, וואָרים ס'איז נישט געווען קיין מיחוש אויף דער וועלט ער זאָל נישט פאַרמאָגן. ער איז געווען אַ קליינער, אַ קיילעכדיקער, מיט פאַרזשמורעט־בייזע אייגעלעך, וואָס זענען אייביק געווען אין כעס סיי אויף זיך און סיי אויף דער וועלט, וואָס האָט אים זייער באַעוולהט. כדי זיך צו באַוואָרענען פאַר די אַלע חולאתן, האָט ער זיך אַליין אויך שטאַרק אָפּגעהיטן. ער האָט געטראָגן קאַלאָשן אפילו אום זומער אין די גרויסע היצן, געשלעפּט מיט זיך אַלע מאָל אַ שירעם און די אויערן זענען געווען ביי אים פאַרשטאָפּט מיט וואַטע...

פון דעסטוועגן איז ער געשטאָרבן פריער פאַר סעראַן, און ער האָט איר קיין געלט נישט איבערגעלאָזט בירושה, נייערט אַ קליין פּעקעלע מיט געדיכט־באַשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר, וואָס זענען געווען געל פון אַלטקייט. די אותיות אויף די בלעטלעך זענען געווען אַזוי־גלייך און מלא־חן, ווי די פּערעלעך אָנגעצילעוועט אויף אַ שנירל. דאָס ווייב האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן דאָס אויג פון זיי. זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן, אַז אַ מענטשלעכע האַנט האָט דאָס געשריבן. די באַשריבענע בייגעלעך זענען געווען איינגעוויקלט אין אַ סך אַלטע צייטונגען און ברוין פּאַק־פּאַפּיר, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט שטריקלעך און בענדלעך. אַנטי סעראַ האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף די פּערלדיקע אותיות, נאָר אַז די אויגן האָבן זיך איר פון מידקייט אָנגעהויבן צו קלעפּן, האָט זי די בלעטלעך צוריק פאַר־פּאַקט מיט אַ סך זאָרגפעלטיקייט אין די אַלע צייטונגען און אויסגערי־בענע פּאַפּירן. ס'האָט זיך איר בעת־מעשה געדאַכט, אַז די דאָזיקע כתבים האָבן זיך ליב צו טוליען צו וואָרעמקייט, פּונקט ווי איר מאַן, ער זאָל זיין אָפּגעשיידט, וואָס האָט זיך געשראָקן פאַר אַ ליאַדע ווינטל... פאַר דער גסיסה האָט ער זי צוגערופן צום בעט, איבערגעגעבן איר דאָס פּעקל און זיך צו איר אָנגערופן מיט אַ פאַנפעוואַטע שלאָף קול:

— סעראַ, אין דעם פּעקל זענען דאָ מיינע שירים, וואָס כ'האָב געשריבן אַ גאַנץ לעבן. כ'האָב זיי געוואָלט אַרויסגעבן, אָבער כ'האָב נישט געהאַט קיין געלט... כ'האָב נישט געהאַט קיין דרייסטקייט זיך צו ווענדן צו מיינע חברים זיי זאָלן דאָס טאָן... וויל איך אַז דו זאָלסט עס טאָן נאָך מיין טויט... וועסט גיין צו די רייכע יידן און שטאָט זיי זאָלן דיר העלפן... כ'האָב גענוג געהאָרעוועט מיט זייערע קינדער ביז כ'האָב זיי אויסגעלערנט אַ שייטל עברי...

סערא האט באַווײנט מער בנימין לוריען ווי זי האט באַווײנט די פריערדיקע מענער, וואָרים זי האט געהאַט פאַר אים אַ סך דרך־אֶרץ. זי האט געזען אַז ער איז אַנדערש פון זיי; ער איז עפּעס פון אַן אַנדערער וועלט, וואָס איז פאַר איר געווען פאַרהוילן. אַז ער האט אַריינגעקוקט אין זיינע ביכער און ספרים וואָס זענען געשטאַנען אין די גלעזערנע אַלמערס, זיך געטורעמט אין אַלע ווינקעלעך פון איר קליין דירהלע, איז זי אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ־נעגל. בעת דאָס עסן איז שוין געשטאַנען אויפן טיש, האט זי אים נישט גערופן, כדי אים נישט צו שטערן. זי האט זיך אפילו אויפגעהערט צו פּוצן אין די רוישיקע קליידלעך, זיך נישט געפאַרבט מער אַזוי שטאַרק די האָר אויף פּעך־שוואַרץ. זי האט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט שיין אין איר עלטער, נאָך דערצו אַז זי האט אַזאַ מאַן...

דאָס פּעקעלע מיט די באַשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר האט זי אָפּגעהיטן מער ווי די ירושות פון די פריערדיקע מענער; אָפּגעהיטן דאָס ווי אַן אויג אין קאָפּ. זי האט דאָס באַהאַלטן צווישן איר געפּעס אינעם טאָפּ וואו ס'איז געלעגן איר טשעק־ביכל. זי האט נאָכאַנאַנד אַריינגע־טראַכט צו וועמען צו גיין פון אירע חברטעס און איר אָנפאַרטרויען וואָס דער מאַן האט איר אָנגעזאָגט פאַרן טויט. זי האט אין געדאַנק דורכגעוואָרפן אַלע אירע באַקאַנטע. פון תמיד אָן האט זי זיך געחברט מיט די ווייבלעך, וואָס זענען מיט שיינע יאָרן געווען יינגער פון איר. אַזוי אַרום האט זי אויך אויסגעזען צו זיין יונג. זי האט זיך געבראָכן דעם קאָפּ ווער פון די חברטעס וועט איר קאָנען העלפן. צו די קינדער און אייניקלעך וועט זי נישט גיין; זיי וועלן נישט וויסן וואָס זי וויל פון זיי.

זינט דער לעצטער מאַן אירער איז געשטאָרבן, איז אַנטי סערא אין גאַנצן נישט געווען אין שטוב; ס'האט איר געיאָגט אַרויס. זי איז געזעסן ביים טעלעפאָן באַלד אין דער פרי און געקלונגען כדי צו וויסן צו וועלכער חברטע זי וועט קאָנען אַריינגיין און אָפּזיצן דאָרט אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג. זי האט געלעבט מער מיטן לעבן פון די חברטעס ווי מיט איר אייגענעם לעבן, געוואוסט אַלץ וואָס טוט זיך ביי זיי. זי האט אויסגעהערט אַזוי לאַנג זייערע טענות צו די מענער, צו די קינ־דער, אַז אַ סך מאָל האט זיך איר אָנגעהויבן צו דאַכטן אַז דאָס זענען אירע מענער און קינדער... פון דעסטוועגן האט זי געוואַרט אויף דער געלעגנהייט זי זאָל קאָנען אַריינוואַרפן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם וואָס דער מאַן האט איר אָנגעזאָגט אײדער ער איז אַוועק פון דער

וועלט — אָבער ס'איז קיין מאָל צו דעם נישט געקומען, נאָך דעם ווי זי האָט געמאַכט אַלע הכנות, זיך געדרייט אַהין און צוריק, שוין גע־האַלטן ביים עפענען דאָס מויל און דערציילן וואָס דריקט איר, האָבן אירע נאָענטע פריינד נישט באַמערקט אפילו אַז זי קלויבט זיך עפּעס צו זאָגן און איר אַריינגעפּאָרן מיט זייערע מעשיות.

דאָ נישט לאַנג צוריק איז זי געווען ביי דער איבערגעוואַקסן־הויכער פאַי מאַלץ, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אײַנציען דאָס צעגאָסן־ווייכע לייב אין פאַרשידענע קאָרסעטן; זי האָט זיך געוואָלט פאַר איר אַראָפּרעדן פון האַרץ, האָט זיך יענע פון דער העלער הויט הויך צע־וויינט, אַז זי איז געבליבן אָן לשון. סעראַ האָט זי געטרייסט, געווישט איר די טרערן, אָבער יענע האָט אַלץ אַזוי הויך געוויינט און געשלו־קערצט, אַז ס'האָט געריסן ביים האַרץ. זי האָט פּלוצים אַרויסגענומען אירע פוטערס פון דער שאַפע, זיי אַ וואָרף געטאָן אויף דעם געבלימטן טעפּיך און זיי געטרעטן מיט די פיס.

— וואָס דאַרף איך די פוטערס? וואָס דאַרף איך דאָס אַלץ? — האָט זי אַ וויין געטאָן אויף דעם שיינעם הויז מיט די רייכע מעבל — אַז מיין מעקסל האַלט מיך אין איין פּאַראַטן... און מיט וועמען? מיט מיין בעסטער חברטע! מיט מאַרגעריטן! מאַרגעריט האָט נאָך אַזעלכע פאַרשטאָכענע אויגן, אַז זי האַלט מיר אין איין קלינגען... קומט צו מיר ווי קיין מאָל גאָרנישט... דאָס איז אַ פאַלש שטיק! אַז ס'איז אַ פאַלשע וועלט, פול מיט ליגנערס! איך בין צו ערלעך, צו איידל כ'זאָל לעבן אין אַזאַ וועלט...

פאַי האָט כסדר געטרעטן די פוטערס מיט די פיס, זיי אויפגע־הויבן און מיט כעס אַוועקגעשליידערט פון זיך. בעת־מעשה האָט זי געשאָלטן דעם מאַן מיט טויטע קללות.

— אַז מיין מעקסל ברענגט מיר אַ פריש פוטער, ווייס'ך שוין אַז די בראָך איז פאַרטיק! אַז ער האָט געקויפט מאַרגעריטן נאָך אַ גרעסערע מתנה! ער איז דעמאָלט צו מיר אַזוי צוקערדיק זיס! בלאָו הים! ער זאָל נאָר גיין צום טייוול, מיין מעקסל! ער זאָל — — — — כ'בין צו איידל פאַר אים... צו דעליקאַט כ'זאָל אים ווינטשן שלעכטס!

אַנטי סעראַ האָט איינגענומען פאַיען, זי געטרייסט, אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. אירע רייד האָבן פאַיען מער צערייצט, דערצערנט, און זי האָט נאָך שטאַרקער געטרעטן די פוטערס מיט די פיס. פאַי האָט באַגערט אַז סעראַ זאָל באַרעדן מאַרגעריטן, נאָר זי האָט זיך געהיטן דאָס צו טאָן, וואָרים אויך צו מאַרגעריטן פלעגט זי קומען, אָפּגעזעסן

דאָרט גאַנצע טעג און אויסגעהערט אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט צו דער־ציילן. זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז וואָס מער די חברטעס רעדן אויס איינע אויף דער אַנדערער הינטער דער פּלייצע, זענען זיי נאָך מער קוצעניו־מוצעניו אין די אויגן אַרייַן. זיי ווייזן זיך אפילו די פּוטערס, און פּאַי מאַכט זיך נישט וויסן אַז זי ווייסט פון וועמען מאַר־געריט האָט באַקומען די מתנות... אַז זי, סעראַ, וועט זיך אָנרופן מיט אַ נישט־פּאַרזיכטיק וואָרט, קאָן זי נאָך זיין דאָס כפרה־הינדל... סעראַ האָט געוואוסט, אַז אויך קעגן פּאַיס מאַן טאָר זי נישט רעדן...

ס'האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט און פּאַי האָט זיך פּלוצים באַרואיקט. זי האָט אָנגעהויבן צו גרייטן דאָס מיטאָג, ווייל ס'איז שוין געווען די צייט ווען מעקסל קומט אַ היים פון די „ביזנעס". פּאַי האָט זיך אפילו איבערגעבעטן מיט די פּוטערס, וואָס זענען געלעגן צע־קנאָדערט אין אַלע ווינקעלעך. זי האָט זיי מיט פיל ליבשאַפט געגלעט, אויסגעגלייכט, און זיי אַריינגעהאַנגען צוריק אין דער שאַפע. בעת מעקסל איז מיט גיכע טריטלעך אַריין אין שטוב, זיך באַוויזן אין דער קיך און מיט די נאָזלעכער אַ שמעק געטאָן וואָס קאָכט זיך אין די טעפּלעך, האָט זיך דאָס ווייב מיט איבערגעטריבענער געטריישאַפט אַראָפּגעבויגן צו אים און אים געקושט דאָס גלאַנציק־גערונצלטע פּליכל.

— ביסט געווען שטאַרק ביזי, מעקסל? — האָט זי אים מיט לאַנגע, נאָכהענגנדיק־לויזע פינגער געגלעט — כ'האָב היינט געקאָכט אַן עסן וואָס דו האָסט ליב... אפשר ווילסטו זיך קודם־כל אַ ביסל צו־שפּאָרן? דו ביסט אוודאי שטאַרק מיד...

— ס'איז אָל־רייט... מען דאַרף נישט, דאַרלינג... — האָט דער מאַן געענטפערט מיט אַ סך ווייכקייט אין קול, און דערנאָך זיך גע־ווענדט צו סעראַן — האָו דו יו דו, סעראַ? ס'איז גוט וואָס מיין ווייב האָט אַזאַ געטרייען פריינד ווי איר זענט... מן־הסתם האָט איר שוין געכאַפּט דעם אמתן „מאַטל"... באַרעדט די גאַנצע שטאָט...

— חלילה... ווער זאָגט דאָס... — האָט זיך אַנטי סעראַ באַליי־דיקט, און מיט אַ מאָל איז איר איינגעפאַלן אַז ס'וואָלט כדאי געווען צו דערציילן מעקסלען וואָס דער מאַן האָט איר אָנגעזאָגט אויפן טויטן־בעט, אָבער ער האָט זיך כהרף־עין פון איר אָפּגעקערט, און זי האָט שוין נישט געהאַט צו וועמען צו רעדן

אַנטי סעראַ האָט זיך געקליבן אַ היים צו גיין, בשום־אופן נישט געוואָלט דאָ עסן, נאָר מען האָט זי געצוואונגען צו בלייבן.

— כ'האָב אין דער היים שטיין אַן אָפּגעקאָכט מיטאָג... עוף מיט

יויך און מייערן־צימעס... אפילו אַ פּודינג — האָט זי זיך אויסגע־טראַכט, אָבער מען האָט איר סיי־ווי נישט געגלייבט און אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— מען ווייסט שוין, סעראַ... מען ווייסט... וועסט דאָס אַלץ אי־בערלאָזן אויף מאָרגן...

נאָכן עסן האָט סעראַ אָפּגעוואַשן דאָס געשיר. בעת זי איז שוין געווען אין גאַנצן פאַרטיק, האָט זיך מיט אַ מאָל פאַי דערמאַנט, אַרויס־געריסן ביי איר אַ טעלער פון דער האַנט און געזאָגט מיט פאַרוואורף:

— וואָס דאַרפסטו וואַשן דאָס געשיר... וואָסי, כ'האָב אַליין נישט קיין הענט? גיי בעסער און רו זיך אויס...

סעראַ איז אַריין אין דער גרויסער שטוב, געוואָלט כאַפּן אַ שמועס מיט מעקסלען וועגן דעם פּעקל כתבים, וואָס איר מאַן, די ערד זאָל אים גרינג זיין, האָט איר איבערגעלאָזט, אָבער ער איז געזעסן און זיך צוגעהערט צו די נייעס אין דער טעלעוויזיע. בשעת זי האָט זיך דער־נענטערט צו אים, האָט זי געהערט ווי דער „סקיפּער״ רייסט זיך דעם גאָרגל — און וואָס מער ער רייסט זיך דעם גאָרגל, אַלץ שטאַרקער שנאָרכט מעקסל, וואָס זיצט צעשפּרייט אינעם פאָטעל.

דעם אַנדערן טאָג האָט זיך אַנטי סעראַ געקליבן צו גיין מיט אַ וויזיט צו מאַרגעריטן, וואָס האָט זי זייער גוט אויפגענומען; ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק גלייך זי וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אויף איר.

— אָ, סעראַ — האָט זי געזאָגט ווען זי האָט נאָר אויפגעמאַכט די טיר — כ'האָב פאַרשטאַנען אַז דו וועסט היינט קומען... ביסט נעכטן געווען ביי פאַיען... וואָס־זשע מאַכט זי די צאַצקע? זי האָט זיכער אויסגערעדט אויף מיר וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט... דו האָסט זי אויס־געהערט... וואָס האָט זי צו מיר, די ביוטי? קום וועל'ך דיר ווייזן דאָס פוטער וואָס מיין מאַן האָט מיר געקויפט צו מיין בערטסדעי...

מאַרגעריט האָט אַרויסגענומען אַ פוטער פון דער שאַפע, עס געגלעט מיט צערטלעכקייט ווי מען גלעט אַ לעבעדיק קעצל, זיך גע־טוליעט דערצו און צום סוף עס אָנגעמאָסטן. בעת־מעשה האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן שפּיגל און זיך באַקוקט אַליין מיט גרויסע צע־שטראַלטע אויגן, וואָס זענען געווען בלוי און קיילעכדיק, ווי ביי אַ ליאַלקע.

— נו, ס'פּאַסט מיר, סעראַ? — האָט זי געזאָגט מיט קאָקעטעריע, ווי זי וואָלט געשטאַנען פאַר אַ מאַנספּערשוין, און געשיקט געדרייט

דאָס פולע, פולכנע פיגורל אין אַלע זייטן — ריר נאָר אָן די פּעלעכ־לעך, סעראַ... ס'איז דאָך אַ מינק־קאָוט...

— מאַדהער! מאַדהער! — האָט זיך מיט אַ מאָל פון דער אַנ־דערער שטוב דערהערט אַ בייז פאַרשלאָפן געשריי, אַז ס'האָט אַזש אַ גרילץ געטאָן אין אויער — ווער איז געקומען, מאַדהער? וואָס לאָזט מען מיך נישט צוטאָן קיין אויג! כ'בין קוים אַנטשלאָפן געוואָרן, האָבן מיך די געוואַלדן אויפגעוועקט!

— ס'איז שוין פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג און די מויד שלאָפט נאָך! — איז ביי מאַרגעריטן געוועזן פיל שפּעטער ווי ס'איז געוועזן אין דער אמתן — ביינאַכט שלעפּט זי זיך אַרום מיט די יונגען און בייטאָג פּאָפט זי!

זי' מוטער האָט נאָך רעכט נישט פאַרענדיקט אירע רייד ווי ס'האָט זיך אויפגעפּראַלט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען די טאָכטער. זי איז געווען אַ גרויס צעוואָקסן מיידל מיט לאַנגע צעשויבערטע האָר און אַ אויפגעיוירן פּנים, אויף וועלכן די שמינקע, דער פּודער, דער רוזש און די אַלע פאַרבן האָבן זיך צעלאָזט, אַז זי האָט אויסגעזען ווי אַ קלאָון אין אַ צירק. אירע שיפּע אייגעלעך ווי ביי אַ כינעזער האָבן בייז געפינטלט אויף דער אַנטי סעראַ, און זי האָט זיך אויף איר אָנגע־בייזערט:

— וויפיל מאָל האָב'ך דיר געזאָגט, אַנטי, זאָלטס נישט קומען אַזוי פרי און מיך אויפוועקן פון שלאָף! דאָס זאָל שוין זיין דאָס לעצטע מאָל... אַז נישט וועל'ך דיר באַלד זאָגן ווי אַלט דו ביסט!

דאָס איז געווען פאַר דער אַנטי סעראַ אַ שטאַרקע באַליידיקונג, מחמת מיטן כסדרדיקן אַראָפּנעמען זיך די יאָרן, האָט זי שוין מער אַליין נישט געוואוסט ווי אַלט זי איז. אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין צייט אַריינצוטראַכטן אין זיך, ווייל מיט אַ מאָל האָט מאַרגעריט אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דאָס פוטער און זיך צעוויינט:

— די מויד האָט מיך נעכטן געוואָלט שלאָגן, אַז כ'האָב איר געזאָגט זי זאָל נישט קומען פאַרטאָגס אַהיים! זי האָט זיך געוואָרפן אויף מיר מיט די פויסטן!

— כ'מוז קומען אַ היים שפּעט, ווייל כ'בין אַזוי מיאוס! — האָט די טאָכטער אָנגעהויבן צו קלאָגן — וואָס האָט מיך גאָט אַזוי באַ־שאַפן?... פאַר וואָס ביסטו שיין און איך בין מיאוס, מאַדהער? קיין שום בחור וויל מיט מיר נישט אַרויסגיין בייטאָג, נאָר ביינאַכט... מיר גיט קיינער נישט קיין פוטערס, מאַם! כ'בין נישט אַזוי „לאַקי" ווי דו?

— ווער גיט מיר פוטערס, ווער? דער טאַטע! זע נאָר ווי זי רעדט צו מיר, מיין טאָכטער?! וואָס זי קלערט אויף מיר אויס?! זע, זאָלסט מיר בעסער נישט ברענגען קיין ממזר אין שטוב אַריין!...

— פאַר דעם קענסטו זיין אויסגעזאָרגט! כ'האָב די פּיל, מאַדהער!

— זע נאָר ווי דאָס רעדט צו אַ מאַמען! ווי אויסגעלאַסן דאָס איז!

— כ'בין נישט מער אויסגעלאַסן ווי דו, מאַם! — האָט די טאָכטער אַ זאָג געטאָן איידער זי איז אַרויס פון שטוב.

מאַרגעריטן איז באַפאַלן אַ שלאַפקייט; דער קאָפּ האָט איר אָנגעהויבן צו האַקן. סעראַ האָט זי געמוזט אַוועקלייגן אויף דער קאַנאַפּע און איר צולייגן קאַלטע קאָמפּרעסן צום קאָפּ, צו דער ברוסט. פאַר סעראַן האָט זיך שוין מאַרגעריט נישט געשעמט, זי איז דאָ געווען אַ שטוב־מענטש, געוואוסט אַלץ וואָס ביי איר טוט זיך. אָבער היינט האָט די טאָכטער אַרויסגעוויזן איר אמתדיק פּנים און זי האָט זיך געפילט אַ טראָפּעלע נישט באַקוועם. זי האָט געוואוסט, אַז נעכטן איז סערא געווען ביי פאַיען און זי האָט זי אין זינען געהאַט צו פרעגן, צי דאָס פאַר־פאָלק לעבט בשלום, ווייל מעקסל איז די לעצטע עטלעכע וואָכן געווען צו איר קאַלט — אָבער עס איז איר שוין נישט געלעגן אין קאָפּ גאָרנישט צו פרעגן. זי האָט בלויז, אַ פאַרשעמטע, נאָכאַנאַנד געמורמלט צו זיך אַליין:

— מען לייגט זיך אַוועק פאַר די קינדער... מען גיט זיי אַלץ נאָך.. און זע נאָר דעם דאַנק וואָס זיי גיבן...

אַנטי סערא האָט איינגענומען מאַרגעריטן, צוגעלייגט איר אַלע מאָל נייע קאָמפּרעסן און אַריינגערעדט אין איר:

— כ'קום אין אַ סך שטובן... כ'קוק זיך צו... אומעטום איז דאָס זעלבע... דו ביסט נישט קיין אויסנאַם... אַזוי זענען די היינטיקע קינדער...

אַנטי סערא האָט געוואָלט פרעגן מאַרגעריטן ווען איר מאַן וועט קומען. זי האָט געוואוסט אַז ער איז אַ שטיקל כלל־טוער, אַ שטילער און וואוילער מענטש און זי האָט געוואָלט מיט אים כאַפּן אַ שמועס וועגן איר מאַנס צוואה, אָבער זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט איז נישט די צייט עפּעס צו פרעגן. פון דעסטוועגן האָט זי זיך אָנגערופן:

— ווען קומט דיין מאַן אַהיים, מאַרגעריט?

— וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן? — האָט מאַרגעריט אויסגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר אויגן. ער אַרבעט שווער. היינט אַרבעט ער „אָווער־

טיים״... מאַכט נישט אַזוי לייכט געלט ווי פּאַיס מאַן... שפּילט נישט קיין קאָרטן ווי דער מאַן פון טערעזאַן...

ס׳איז גוט געווען וואָס מאַרגעריט האָט דערמאָנט טערעזאַן, ווייל סעראַן איז באַלד איינגעפאַלן, אַז זי איז שוין ביי איר נישט געווען עטלעכע טעג, און זי וועט זיך האָבן וואו אַריינצוכאַפּן דעם „וויקענד״.

אַנטי סעראַ האָט מיט אומגעדולד געוואַרט דער זונטיק זאָל קומען — און זי האָט זיך געלאָזט גיין מיט אַ וויזיט צו טערעזאַן. זי איז געגאַנגען אַהין נאָך מיטאָג, קודם־כל עפּעס איבערגעכאַפּט אין דער היים, ס׳זאָל נישט הייסן אַז זי קומט צו יענעם עסן. ביי טערעזאַן איז געווען די גאַנצע משפּחה פאַרזאַמלט: די זין, די טעכטער און די אייניקלעך, וואָס זענען אַרומגעלאָפן אין אַלע שטובן, געשטופּט באַנע־לעך אויפן טעפּיך, געשאָסן פון רעוואָלווערן, זיך געשפּילט אין יאָגע־לעך. מען האָט זיך דאָ געקליבן צו שפּילן אין קאָרטן; די באַלעבאָסטע האָט אויסגעשטעלט די קאָרטן־טישלעך, די בענקלעך, און די אייניק־לעך האָבן איר אין דעם צוגעהאָלפן. בעת־מעשה האָבן זיי געמאַכט אַזאַ טומל, אַז ס׳האָט געשפּאָלטן דעם סופיט. ווי נאָר די אייניקלעך האָבן דערזען די אַנטי סעראַ, האָבן זיי געלאָזט שטיין די בענקלעך, און זי אַרומגערינגלט:

— אַנטי סעראַ... אַנטי סעראַ... האַו דו יו דו... — האָבן זיי זיך געטוליעט צו איר, ווייל זיי האָבן זי גוט געקענט, נישט איין מאָל איז זי ביי זיי שוין געווען אַ „בייבי״־זיצערין.

— לאָזט געמאַך די אַנטי סעראַ! — האָט טערעזאַ אָפּגעשטופּט די קינדער, געהאָלפן איר אויסטאָן דעם מאַנטל און דרך־אגב זי אַ פרעג געטאָן — ביסט שוין נאָכן מיטאָג?

— כ׳בין שוין אַ געגעסענע — האָט סעראַ בייזלעך אָפּגעהאַקט, מחמת אומעטום וואו זי קומט שטופּט מען איר נאָר דאָס עסן.

— וואָס הערט זיך עפּעס ביי פּאַיען?.... ביי מאַרגעריטן?... — האָט די קליינע און דאַרע טערעזאַ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ בייז הענדל, געפרעגט סעראַן — זיי האָבן זיך נאָך נישט אויסגעריסן איינע ביי דער אַנדערער די האָר פון קאָפּ?!

זי האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ ערנסטער און בייזער מינע, אַז מען האָט נישט געקאָנט וויסן, צי זי מיינט עס אויף אַן אמת, צי זי מאַכט זיך אַ געלעכטער.

אין הויז זענען אַריינגעקומען אַלע מאָל נייע געסט. מען האָט זיך דאָ געקליבן צו שפּילן אין קאָרטן אין דריי באַזונדערע שטובן. די

מענער אין איין שטוב, די ווייבער אין אַ צווייטער, דאָס יונגוואַרג אין דער דריטער. „דריי סקולס״... טערעזאַ האָט געמוזט צושטעלן כסדר נייע קאָרטן־טישלעך. סעראַ האָט אָבער אין זינען געהאַט דאָס פּעקל כּתבים פון איר מאַן. זי האָט אָפּגעוואַרט טערעזאַס מאַן, אַריינגענומען אין אַ ווינקל און אים געזאָגט אַז זי האָט אים צו דערציילן אַ וויכטיקע זאַך. זי האָט אים שוין פון לאַנג דאָס געוואָלט דערציילן, אָבער ער איז אַזוי שטענדיק פאַרקאָפּעט אין די „ביזנעס״, אַז איצט איז די בעסטע געלעגנהייט דאָס צו טאָן.

— אַנטי סעראַ האָט עפּעס צו דערציילן, שטיל זאָל זיין! — האָט טערעזאַס מאַן אַ פּאַטש געטאָן איןביידע הענט און אויף זיין ברייט פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכעלע — כּ׳מיין אַז ס׳איז נישט קיין סוד...

— ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל קעגנאיבער סעראַן, אַ הוסטל געטאָן, זיך אָנגעשטעלט אויף צו הערן, אָבער אין מיטן דערינען האָט מען אַ קלונג געטאָן ביי דער טיר, האָט ער געלאָזט שטיין סעראַן און געלאָפן אויפנעמען די געסט. סעראַ האָט בלית־ברירה גענומען צוהעלפן טערעזאַן ביים דערלאַנגען דעם כּיבוד צו די קאָרטן־טישלעך. ווען יענע האָט זיך אַוועקגעזעצט שפּילן, האָט זי זיך גע־שטעלט הינטער איר „קיבעצן״, כאָטש די קאָרטן־שפּילערס האָבן אויף דעם קרום געקוקט. ס׳איז מיט אַ מאָל געוואָרן שטיל, ווי ביי אַ רעלי־גיעזער צערעמאָניע. אַלע זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם שפּילן, אַז זיי האָבן מער גאָרנישט געזען און געהערט. די שטובן זענען אָנ־געפילט געוואָרן מיט פּאַפּיראָסן־רויך, וואָס האָט זיך געדיכט געוויקלט איבער אַלעמענס קעפּ. ס׳האָט זיך בלויז געהערט דאָס טאַלירן פון די קאָרטן, דער געקלאַנג פון זילבערנע מטבעות, און טייל מאָל האָט אַ הלצהלע זיך אַ טראַג געטאָן פון טיש צו טיש. דערנאָך איז צוריק געוואָרן שטיל.

אַנטי סעראַ האָט פּלוצים באַמערקט ווי די באַלעבאָסטע פון הויז האָט זיך אויפגעשטעלט און אַריין אין קיך. ביים טיש איז געוואָרן אַ טומל. סעראַ איז נאָכגעגאַנגען טערעזאַן, געזען אַז זי האָט טרערן אין די אויגן און די בעקלעך זענען ביי איר רויט צעפלאַמט פון אויפרעגונג. טערעזאַ האָט זיך פאַר סעראַן פאַרקלאָגט, אַז די ווייבער פירן זיך נישט אויף לייטיש, זיי זאָגן „מקלאָמפּערשט״ אַז זיי שפּילן בלויז פאַר פאַר־געניגן און ס׳גייט זיי נישט אין געווינען, אָבער זיי ווילן ביי יענעם

צונעמען דאָס געלט אויף ס׳כוח... זי איינע איז אַ „לעידי״, ווײל מען בײ איר צונעמען דאָס חיות, אָבער זי וועט זיך צוליב דעם מיט קײנעם נישט קריגן...

שפּעט אין אָוונט, האָט זיך אַנטי סעראַ געקליבן אַהײם צו גײן, געזאָגט הויך „אַ גוטע נאַכט״ — אָבער קײנער האָט צו איר נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, נישט געזען זי אַרויסגײן. אויף דעם וועג אַהײם האָט סעראַ אָפּגעמאַכט בײ זיך, אַז זי וועט דאָס קומענדיקע מאָל רופן די מענטשן צו זיך. זי דאַרף נישט זײן בײ קײנעם אָנגעוואָרפן און זי קען אירע פרײנד אויף אַ שענערן אופן אויפנעמען ווי מען נעמט זי אויף. אַז זי וועט האָבן די געסט בײ זיך אין דער הײם, וועלן זײ זיך שווין צו איר צוהערן און זי וועט זײ קענען זאָגן וואָס דער מאַן האָט איר אָנגעזאָגט אײדער ער האָט אויסגעהויכט די נשמה.

ווי נאָר אַנטי סעראַ איז אַרײן צו זיך אין שטוב, האָט זי אַרויסגעצויגן פון באַהעלטעניש דאָס פּעקל כתבים, וואָס דער מאַן האָט איבערגעלאָזט, אַראָפּגענומען דערפון די בענדלעך און מיט גרויס פאַרזיכטיקײט אַרויסגענומען די בלעטלעך מיט די גלײך־אויסגעשטעלטע געציקלטע שורות. די לעצטע צײטן פלעגט זי דאָס שווין טאָן זײער אָפּט. זי האָט זיך ליב געהאַט אײנצוקוקן אין דעם פּערלדיקן כתב און צו לײענען די לידער, וואָס האָבן זיך אַלע מאָל מער אײנגעבאַקן בײ איר אין האַרץ. אַזוי ווי זי האָט נישט פאַרשטאַנען די העברעאישע שירים, האָט זי געלײענט די ייִדישע. זי האָט זײ שטיל געלײענט פאַר זיך צו עטלעכע מאָל און צוגעפּאַסט צו זײ מעלאָדיעס, וואָס זי האָט ערגעץ געהערט. זי האָט פאַרשטאַנען אַז לידער דאַרף מען זינגען מיט אַ ניגון. בעת־מעשה האָט זי אָנגעצונדן אַ ליכט אין דעם שבתדיקן לײכטער, די שטוב זאָל אויסזען יום־טובדיק, און זיך אַוועקגעזעצט אין דעם אויסגעריבענעם פאָטעל, וואו דער מאַן האָט ליב געהאַט צו זיצן.

אַנטי סעראַ האָט געזונגען די לידער מיט אַ שטיל פאַרבענקט קול. זי האָט צוגעשלאָסן די אויגן, כדי זי זאָל זיך בעסער קענען אײנהערן אין די ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון איר מויל. זי האָט שווין די ווערטער געקענט פון אויסנווײניק. זײ האָבן זי צוריקגעפירט צו די יאָרן, ווען זי איז נאָך געווען אַ קלײן מײדעלע און זיך געשפּילט אויף דער גרינער לאָנקע, וואָס איז געווען נישט ווײט פון איר טאַטנס הויז. עס האָבן זיך דאָ געפּאַשעט די קי, וואָס קלײנע פּוילישע פּאַסטוכלעך האָבן געהיטן. די לידער, וואָס זײ האָבן אויס־

געשפּילט אויף די פּויאַרקעס, זענען געווען אַזעלכע שיינע ווי די לידער פון איר מאַן... זיי זענען געווען אָנגעפּילט מיט אַ שטילן אומעט. זי האָט זיך איינע אַליין געטראָגן איבער דער לאָנקע... אירע באָרוועסע פיס האָבן ליב געהאַט צו פילן דאָס גרינע גראָז, וואָס איז אין די פרימאָרגנס און אין די פאַרנאַכטן געווען פייכט פון זילבערדיקן טוי... זי האָט געטראָגן אַ לייכט זומערדיק קליידל, וואָס האָט זיך בעתן לויפן געפּאַליעט, און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי שוועבט...

— שרהלע, וואו ביסטו? — האָט זי מיט אַ מאָל דערהערט איר טאַטנס קול.

אָבער זי האָט דעם טאַטן נישט געענטפערט, ווייטער געשוועבט אויף דער לאָנקע. איר טאַטע איז געווען אַ לערער, פּונקט ווי איר מאַן. ער האָט געלערנט קליינע מיידעלעך דאַווענען, פּויליש לייענען און פירגעשריבן פאַר זיי אַ שורה־גריסל אין יידיש, וואָס זיי האָבן נאָכגע־שריבן מיט גרויסע קאָטשערעס־לאָפּעטעס אותיות. דער פאָטער האָט אויך מיט איר געלערנט, נאָר זי האָט זיך פון אים אַוועקגעגנבעט, געלאָפן זיך בעסער שפּילן אויף דער לאָנקע...

דער קאָפּעטש פונעם אויסגייענדיקן ליכט אין לייכטער האָט אויפגעוועקט די אַנטי סעראַ פון דרימל. אין די ערשטע פּאָר רגעס האָט זי נישט געוואוסט וואו זי איז. ערשט שפּעטער האָט זי זיך גע־כאַפּט — און מיט בלינדע פינגער געטאַפּט אין דער פינצטערניש ביז זי האָט געפונען דאָס בעט.

דעם אַנדערן טאָג האָט אַנטי סעראַ אָנגעהויבן צו פאַרבעטן אירע חברטעס צו זיך. זי האָט אויסגעקליבן אַזאַ צייט ס'זאָל זיין באַקוועם צו איר צו קומען. שטענדיק גייט זי צו זיי, מעגן זיי קומען אַ מאָל צו איר! שוין באַצייטנס האָט זי זיך געשלעפּט איבערן מאַרק, איינגעקויפט פון שענסטן און בעסטן: נאַשוואַרג, משקה, אַלערליי הערינג, פיש און פליייש. עטלעכע טעג פריער האָט זי שוין געגרייט דעם טיש, געלייגט אַ ווייס טישטוך, סערוועטלעך, באַבולע־פּאַפּיר און דאָס באַשטעק, וואָס זי האָט פאַרמאָגט. דער טיש האָט יום־טובדיק געבלאַנקט, זיך גע־שפּיגלט אין די אויסגעפוצטע שבתדיקע לייכטער.

דעם טאָג וואָס די געסט האָבן געזאָלט קומען, האָט זי זיך באַלד אין דער פרי אויסגעסטראָיעט אין אירע שענסטע קליידער, וואָס האָבן זי געמאַכט אַ סך יינגער. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים פענצטער וואַרטן אויף די געסט. בשעת־מעשה האָט זי זיך איינגעחזרט די ווער־טער וואָס זי וועט זאָגן צו אירע חברטעס. אַלע פּאָר רגעס האָט זי מיט

נערוועזע פינגער אַוועקגעשאַרט דאָס פוירהעגנגל, בגנבה אַרויסגע־בליקט אין דרויסן, צי ס'קומט ווער אָן.

פלוצים האָט זיך דער טעלעפאָן צעקלונגען. ווען אַנטי סעראַ האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל, האָט זי דערהערט פּאַיס קול, וואָס האָט זי באַוואָרפן מיט אַ ים רייד. זי האָט קוים פאַרשטאַנען פון די אַלע רייד, אַז פּאַי האָט זיך צעוועדטלט מיטן מאַן און זיי קענען צו איר נישט קומען. פּאַי האָט זי לאַנג אָפּגעהאַלטן ביים טעלעפאָן, מיט אַלע פּיטשעווקעס דערציילט אַלץ וואָס האָט פּאַסירט, אַנגעוויינט איר אַ פולן קאָפּ.

— סאָרי, כ'קען נישט קומען — האָט זי פאַרענדיקט אירע רייד — אַ צווייט מאָל, סעראַ...

אַזוי גיך אַנטי סעראַ האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל און אין אירע אויערן האָבן נאָך געזשומעט פּאַיס ווערטער, האָט זיך דער טע־לעפאָן ווידער צעקלונגען. זי האָט דערהערט דאָס שוואַכע קולעכל פון מאַרגעריטן, וואָס האָט זיך פאַר איר פאַרקלאָגט, אַז דאָס טעכטערל האָט איר אָנגעמאַכט געברענטע צרות. מאַרגעריט האָט זיך אַראָפּגע־רעדט פאַר איר פון האַרץ מיט אַזאַ נעבעכדיק־שלאָף שטימעלע, אַז זי האָט קוים פאַרשטאַנען אַ וואָרט. צוליבן טעכטערל האָט זי זיך געמוזט אַריינלייגן אין בעט מיט קאַלטע קאָמפּרעסן אויפן קאָפּ.

— סאָרי, כ'קען לײדער נישט קומען — האָט מאַרגעריט לאַנג און שלאָבעריק געצויגן די ווערטער — אַ צווייט מאָל... סאָרי... אַנט־שולדיק...

אַנטי סעראַ האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביים פענצטער, אַוועק־געררוקט דאָס פוירהעגנגל און אויסגעקוקט די אַנדערע געסט. אָבער ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט און קיינער איז נישט געקומען. זי איז דערווייל אַנטשלאָפן געוואָרן. ווי נאָר זי האָט צוגעשלאָסן די אויגן אין אין שטוב מיט אַ מאָל געוואָרן ליכטיק און עס האָבן געהאַלטן אין איין קומען צו איר געסט... צווישן די געסט האָט זי דערזען איר פאַר־שטאָרבענעם מאַן, דעם טאַטן און די מאַמע... אין מיטן שטוב האָט אָנגעהויבן צו שפּראָצן גראָז און ס'האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גרינע לאָנקע... זי איז צוריק געווען אַ קליין מיידעלע, זיך געשפּילט אויף דער לאָנקע... זי איז מיט באָרוועסע פיס אַזוי גיך געלאָפן איבערן גרינעם גראָז, גלייך זי וואָלט געשוועבט אין דער לופטן... מיט אַ מאָל איז זי געשטאַנען אויבן־אָן ביים טיש און פאַר די געסט געהאַלטן די דרשה וועגן איר מאַן, וואָס זי האָט זיך געהאַט איינגעחזרט... עס האָט

זי בלויז געחידושט וואָס דער מאַן לעבט און הערט זיך אַליין צו צו דער דרשה... זי האָט אָבער באַלד אין דעם פאַרגעסן, וואָרים זי האָט דערהערט ווי אַ קליין פאַסטוכל שפּילט אויס אויף אַ פויאַרקע דעם מאַנס אַ ליד, וואָס זי האָט צוגעפּאַסט צו דעם די מעלאָדיע. זי האָט צוגעזונגען די ווערטער, וואָס זענען געווען פול מיט בענקשאַפט...

דער אַנטי סעראַ איז אַזוי גוט געווען אין חלום, אַז זי האָט זיך פון חלום נישט געוואָלט אויפכאַפּן; זי האָט זיך שוין פון שלאָף מער נישט אויפגעכאַפּט...

מ'האָט נישט געוואוסט וואו אַנטי סעראַ איז פאַרשוואונדן. ווען אירע חברטעס האָבן געזען, אַז ס'איז שוין אַוועק מער ווי אַ וואָך און זי איז צו זיי נישט געקומען, האָבן זיי צו איר געקלונגען. אַז קיינער האָט נישט געענטפערט, זענען זיי צו איר געגאַנגען, כדי געוואויער צו ווערן וואָס מיט איר איז געשען. מ'האָט לאַנג געקלאַפּט אין איר טיר, אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט. בשעת מען האָט לסוף אויפגעבראָכן די טיר, האָט מען דערזען ווי אַנטי סעראַ זיצט ביים פענצטער. איר גוף איז געווען שטייף און איינגעשרומפּן. די גלעזערנשטאַרע, טויטע אויגן זענען געווען אָפן און האָבן ווי געשמייכלט צו די געסט, וואָס זענען זי געקומען באַזוכן...

ג ע וו י ס ן

ריטשאַרד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אָבער ער האָט געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן. אין די ערשטע פּאָר רגעס האָט ער נישט געוואוסט וואו ער איז און וואָס איז מיט אים געשען. נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט און אַלץ איז צוריקגעקומען צו אים מיט אַזאַ שאַרפקייט, אַז ער האָט אַזש אַ קרעכץ געטאָן פון ווייטיק. פון דעסטוועגן האָט ער ווייטער נישט געעפנט די אויגן, כדי זיך נישט אָנצוטרעפן מיטן אמת. ער האָט בלויז געעפנט קליינע שפּעלטעלעך, ווי ער וואָלט זיך אַליין וועלן אָפּנאַרן — און אַז ער האָט דערזען די ווייסע קאַלטע שפּיטאָל-ווענט, די זויבער-קלאָרע שפּיטאָל-פענצטער, האָט זיך צוריק באַזעצט אין אים די מורא, וואָס האָט אים אָפּגעלאָזט אַ ביסל אינעם שלאָף.

שוין די צווייטע וואָך ווי ריטשאַרד איז געלעגן אין שפּיטאָל און ער האָט נישט אויסגערעדט צו קיינעם אַ וואָרט. ער האָט אפילו נישט געענטפערט די דאָקטוירים, וואָס האָבן אים געשטעלט פאַרשידענע קשיות. ער האָט בלויז געענטפערט „יאָ" אָדער „ניין" און ווייטער געלעגן שטום, ווי דאָס וואָלט מיט אים קיין שום שייכות נישט געהאַט. כאָטש אינעווייניק אין אים האָט געקאָכט, געבראָדזשעט און נישט איין מאָל האָט ער געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון בעט, האָט ער פאַר קיינעם נישט אַרויסגעוויזן וואָס ביי אים טוט זיך. ריטשאַרד האָט געהאַט אַ סך חברים, וואָס זענען אים געקומען מבקר־חולה זיין, אָבער ער האָט נישט צוגעלאָזט צו זיך אפילו זיין אייגענע משפּחה. אַז דער חבר זיינער, אַראָן, האָט דורכאויס געוואָלט מען זאָל אים לייגן אין אַ באַזונדער צימער, האָט ער נישט געוואָלט דערפון הערן און געדענקען.

— כ'וועל פאַר אַלץ באַצאָלן! זאָרג זיך נישט, ריטשאַרד... — האָט זיך אַראָן געבעטן — גיי אַריין אין אַ באַזונדער שטוב. דאָרט וועסטו זיך פילן בעסער...

— ניין, מען דאַרף נישט! — האָט ריטשאַרד אָפּגעהאַקט און נישט געקוקט דעם חבר אין די אויגן — אַ שיינעם דאַנק, אינעם גרויסן זאַל איז היימלעכער...

אינעם גרויסן זאָל איז טאַקע געווען היימלעכער, ווי אין די פּריוואַטע שטיבלעך, וואו ס'איז נישט געווען מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט — אָבער ריטשאַרד האָט סיי־ווי נישט אויפגעמאַכט דאָס מויל און נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט אַלץ, וואָס האָט זיך געטאָן אַרום אים. ער איז שטום געלעגן אויפן בעט און די טונקל־גראַנאַטענע אויגן האָבן געקוקט שטאַר אין איין פּינטל. טייל מאָל בלויז האָבן די אויגן אַ בלאַנדזשע געטאָן אויף די ווייס־קאַלטע ווענט, אויפן סופיט און אויף די פענצטער, וואו עס האָט זיך געבלייכט אַ ווינטערדיקע זון. די חולאים אַרום אים אויף די בעטלעך האָבן געוואָלט כאַפּן מיט אים אַ שמועס, נאָר אַז ער האָט זיי נישט געענטפערט האָבן זיי אים שוין מער גאָרנישט געפרעגט. בעת די קראַנקן־שוועסטער האָט אים געוואָלט העלפן זיך אַרומוואַשן, האָט ער נישט געלאָזט און געזאָגט אַז ער קען זיך אַליין אַן עצה געבן. ער האָט נישט געוואָלט גאָרנישט טועם זיין, ווען מען האָט אים געבראַכט דאָס עסן.

ריטשאַרד האָט געמוזט ליגן די גאַנצע צייט אויף דער פּלייצע, זיך נישט געטאָרט רירן און דאָס האָט אים שטאַרק אויפגערעגט. אמת איז אַז בעת ער האָט זיך באַוועגט, האָט אים דער קראַנקער פוס אָנגעהויבן זייער צו ציען. נאָר ער וואָלט אויף דעם נישט געקוקט, ווען נישט דער אָנזאָג פון די דאָקטוירים אַז דאָס באַוועגן זיך קען נאָך דערפירן דערצו מען זאָל אים דאַרפן דעם פוס אַראָפּנעמען. סוף־כל־סוף איז אים איצט אַ ביסל לייכטער ווי אין די ערשטע טעג, ווען מען האָט אים געבראַכט אין שפּיטאָל. טייל מאָל פילט ער נישט דעם פוס און דאָס וואַרפט אויף אים אַן אַ גרויסע שרעק. ער פּרוווט דעמאָלט אַליין אויס צי דער פוס האָט נאָך לעבן אין זיך, און טאָמער פילט ער אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ טויט שטיק האָלץ, וויל ער אַזוי הויך שרייען דאָס גאַנצע שפּיטאָל זאָל זיך צונויפקומען. די דאָקטוירים זאָגן אים, אַז זיי וועלן ראַטעווען ביי אים די פוס. אָבער צי וועט ער קענען אויף אים גיין? צי וועט ער נישט בלייבן זיין גאַנץ לעבן אַ קאַליקע? די געדאַנקען האָבן אים כסדר געפּרעסט אין קאָפּ, נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע. בלויז אין שלאָף האָט ער געפונען אַ ביסל רו. אָבער כאָטש די קראַנקן־שוועסטער האָבן אים ביינאַכט געגעבן פּילן צום שלאָפן, האָט ער בלויז איינגעדרימלט אויף אַ שטיקל צייט. ער איז באַלד אויפגעקומען און די מורא האָט אים צוריק אַרומגעכאַפּט. אַ סך מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז פּעפּע רייסט זיך אַריין צו אים אין שפּיטאָל. זי פאַרזיכערט אים, אַז זי וועט פון היינט אָן זיין שטענדיק

מיט אים צוזאַמען, וועט אַוועקגיין פון מאַן — אָבער ער וויל נישט הערן אירע רייד. ער שרייט מען זאָל זי נישט צולאָזן צו אים, נאָר זי רייסט זיך אַריין אויף ס'כוח. ווי שטענדיק איז זי זייער אויסגעפּוצט און ס'גלוסט זיך אים צו איר צוצוגיין און אַראָפּרייסן פון איר דאָס שיינע היטעלע, דעם רייכן מאַנטל מיטן פוטער־קאָלנער און די לע־דערנע הענטשקעלעך. דאָס אַלץ גלוסט זיך אים צו וואַרפן אויף דער ערד און צעטרעטן מיט די פיס...

דער טאָג, ווען דאָס אומגליק האָט זיך מיט אים געטראָפן, איז זי מיט אים אַרויסגעגאַנגען עסן „לאַנטש" אין דעם קליינעם קאַפע־הויז, וואו זיי האָבן זיך געקענט אויסהיטן פאַר די אויגן פון זייערע באַקאַנטע און פריינד. אויף אים האָט געציטערט די הויט, ווייל דאָס שטילע קאַפע־הויז איז געווען נישט ווייט פון איר מאַנס „ביזנעס". ס'האָט זיך דאָך געקענט טרעפן, אַז ער זאָל גראַד דאָ אַדורכגיין און זיי באַמערקן. ריטשאַרד האָט זיך פאַר דעם געשראָקן. אַראָן איז געווען זיין בעסטער חבר און נישט איין טובה האָט ער שוין פון אים געהאַט. ער האָט אים אַריינגענומען צו זיך אַרבעטן אין געשעפט, ווען ער האָט נישט געקענט האָבן קיין פּרנסה פון זיין מאַלעריי.

דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך מיט אַראָנען באַגעגנט ווען ער איז געקומען באַקוקן זיינע בילדער אין דעם קליינעם אַטעליע, וואָס ער האָט געהאַט אויפן בוידעם. אין דעם אַטעליע האָט ער געוואוינט און געמאָלן. צוזאַמען מיט די כלערליי צייכענונגען, אַקוואַרעלן, אויל־בילדער, קעסטלעך מיט פאַרבן, האָבן זיך געוואַלגערט פעניצלעך ברויט, שטיקלעך וואורשט, קעז, פאַרפאַפטע גלעזער און טעלער. דער איינציקער אַנצוג וואָס ער האָט פאַרמאַגט, איז געהאַנגען אויף דער טיר. אין מיטן שטוב איז געלעגן אַ מאַטראַץ, וואָס איז געווען פאַרבעט מיט אַן אַלטן קאָץ. פון דער ערשטער מינוט, וואָס ריטשאַרד האָט געטראָפן אַראָנען, האָט ער אים ליב באַקומען. ער האָט נישט געזאָגט קיין מבינות אויף די בילדער, ווי די אַנדערע יידן אין שטאָט, וואָס האָבן וויניק פאַרשטאַנען, אָבער ביי יעדער געלעגנהייט געוואָלט אַרויסווייזן זייערע קענטעענישן אין מאַלעריי. זיי האָבן געהאַט אַ טבע צו זאָגן, אַז זיי ווייסן נישט וואָס ער האָט אָנגעמאָלן אויפן לייוונט.

— וואו איז דאָ פאַראַנען אַ טייך?... דו רעדסט וועגן אַ טייך, אָבער כ'זע נישט קיין טייך... אסור, צי איך זע אַ טייך...

גאַנץ אַנדערש האָט געקוקט אויף די בילדער אַראָן. ער האָט גאָרנישט גערעדט, זיך דערווייטערט פון דעם בילד, איז בענטער צו־

געקומען און אַ קוק געטאָן דערנאָך אויף ריטשאַרדן מיט וואַרעמקייט, ווי איינער זאָגט: ס'געפעלט מיר... באַלד ביי זייער ערשטער באַגעגעניש, האָט ער געקויפט ביי אים אַ בילד, נישט אָפּגעקומען מיטן בלויזן באַקוקן.

דערנאָך פלעגט ער צו אים אָפּט קומען, שמועסן מיט אים, אויספרעגן אים ווי ס'גייט אים. ער איז קיין מאָל נישט געקומען מיטן ליידיקן, געבראַכט אַ פלעשל פּוילישן בראָנפן, אַ פלעשל סקאָטש וויסקי, עפּעס צוצובייסן. פּעפּע איז שטענדיק מיט אים געווען. ווען אַראָן מיט ריטשאַרדן זענען געווען פאַרטאָן אין אַ שמועס, האָט זי בעת־מעשה אַרומגעפלאָטערט איבערן בוידעם־שטיבל, אָנגעמאַכט אַ גערויש מיט אירע קליידער און איז אַריינגעפאַלן אין גרויס התפעלות פון די בילדער:

— אַך, ווי שיין! ווי הערלעך! — האָבן זיך אירע אויסרופן פון אַנטציקונג אַריינגעריסן אין זייער שמועס — וואונדערבאַר! ווערק פון אַ גרויסן קינסטלער...

לכתחילה האָט זיך ריטשאַרד איבערגענומען פון אירע לויב־געזאַנגען, זיך געפילט געהויבן. נאָר אַז זי האָט נישט אויפגעהערט מיט זיי צו שיטן, האָט עס אים שוין אָנגעהויבן צו קריכן פון האַלדז. ער האָט געפילט אַז זי זאָגט נישט וואָס זי מיינט און ס'האָט אים געגרילצט אין די אויערן.

אַראָן איז נישט געקומען בלויז צו ריטשאַרדן אין אַטעליע; ער האָט אים אויך פאַרבעטן צו זיך אין זיין רייכן הויז אַריין. פון מאָל צו מאָל פלעגט ער ביי אים קויפן אַ בילד און אים באַצאָלט וויפיל ער האָט זיך געהייסן. ריטשאַרד האָט באַמערקט אַז זיינע בילדער הענגען ביי אים סאַמע אויבן־אָן אין דעם גרויסן „לאָונטש־רום", וואָס איז אויסמעבלירט מיט אַ סך געשמאַק. ווען ער הייסט אים איבערראַנדערשן דעם סדר פון די בילדער, פאַרטראַכט ער זיך אַ ביסל און פאָלגט זיין עצה.

איין מאָל, ווען זיי זענען געזעסן צוזאַמען ביי אַראָנען אין הויז, געגעסן אָוונט־ברויט און פאַרטאָן געווען אין אַ שמועס, האָט ריטשאַרד דערפילט ווי פּעפּעס האַנט ליגט אויף זיין קני. ער האָט זיך געדרייט אויפן בענקל, אַוועקגערוקט דעם פוס, אָבער פּעפּע האָט די האַנט אַזוי שנעל פון דער קני נישט אַראָפּגענומען. ער האָט שוין פון לאַנג באַמערקט ווי זי קוקט אים נאָך מיט אירע ברוינע אומרואיק־הייסע אויגן און זי זוכט אַ געלעגנהייט זיך מיט אים אַליין צו טרעפן. שוין עטלעכע

מאָל האָט ער דערשפּירט ווי איר פוס האָט אונטערן טיש אָנגערירט זײַנעם. ער האָט אַ ציטער געטאָן, נאָר באַלד דערפון פאַרגעסן, ווייל ער איז זיכער געווען, אַז דאָס איז געשען צופעליק. פּעפּע איז געווען שטענדיק איינגעטונקען אין סודות און אויף אירע מעשים האָט מען זיך נישט געקאָנט שטאַרק סומך זיין. זי האָט זיך אַליין סותר געווען אין די רייד און מ'האָט נישט געקאָנט דערגיין ביי איר קיין יאָ און קיין ניין. ריטשאַרד האָט געוואוסט, אַז אַראָן האָט זי געטראָפן נאָך דער מלחמה אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד, וואו זי איז געקומען פון רוס־לאַנד. אין רוסלאַנד האָט זי געהונגערט און נישט געהאַט קיין גאָר גוטן שם צווישן די פּלילטים, צוליב איר אויפפירן זיך. בשעת זיי זענען געזעסן ביים טיש, האָט זי רואיק נישט געקאָנט איינזיצן, זיך אַלע פּאָר רגעס אויפגעשטעלט און פאַרשוואונדן ערגעץ. דערנאָך איז זי פּלוצים צוריקגעקומען, ווי פּלוצים זי איז פאַרשוואונדן.

דעם אַנדערן טאָג נאָך דעם ווי ריטשאַרד איז געווען פאַרבעטן צו אַראָנען אין הויז, איז פּעפּע אַריינגעפאַלן אַליין צו אים אויפן בויד־דעם־שטיבל. ער האָט געהערט ווי ס'דראַפּעט זיך ווער אויף די צעקרומטע שטיגעלעך, וואָס פירן צו אים אין אַטעליע. ער האָט אויפ־געמאַכט די טיר — און ס'איז אַריינגעפאַלן פּעפּע. זי האָט זיך שטאַרק געאיילט און געזאָגט, אַז זי איז געקומען בלויז אָנקוקן אַ בילד, וואָס געפעלט איר זייער. זי האָט אויסגעזען אין גאַנצן אַנדערש ווי נעכטן, ווען ריטשאַרד איז געווען ביי זיי. נעכטן איז איר קאָפּ געווען פול מיט לעקעלעך און זי האָט אויסגעזען ווי אַ רייך צעבאַלעוועט ווייבל, וואָס זיצט גאַנצע טעג אָפּ ביי די פריזירערקעס. היינט זענען די האָר געווען גלייך־אויסגעצויגן און זענען איר געפאַלן איבער די אַקסלען. זי האָט געטראָגן אַ סוועטער מיט אַ הויכן קראַגן און אַ קורץ קליידל, ווי די יונגע סטודענטקעס. ריטשאַרד האָט ליב געהאַט, ווען זי גייט אַזוי אָנגעטאָן. זי האָט נישט געקאָנט רואיק איינשטיין, געלאָפן פון איין ווינקל צום אַנדערן. אַז זי האָט באַקוקט דאָס בילד, וואָס איז איר אַזוי געפעלן, האָט זי זיך געהייסן ווייזן נאָך בילדער. צו ריטשאַרדן פלעגן נישט אײַן מאָל קומען רייכע ווייבלעך, וואָס האָבן געוואָלט ער זאָל זיי לערנען מאָלן. זיי האָבן אַרומגעוואַנדערט איבערן בוידעם־שטיבל, זיך פאַרטשעפּעט אין די בילדער, אין די ראַמען, אין דער סטאַלוגע און זיך פאַרשמירט מיט די צעגאָסענע פאַרבן אויף דער פּאַליטרע. אַלע מאָל האָבן זיי זיך אָװעקגעשטעלט אָפּציען די זאָקן אויף די פיס. זיי האָבן זיך ביי ריטשאַרד נישט אויסגעלערנט מאָלן,

דערפֿאַר זענען זיי געווען מיט אים נאָענט אויף דעם מאַטראַץ, וואָס איז געלעגן אין מיטן שטוב.

בעת פּעפּע איז צו אים געקומען, האָט זיך ריטשאַרד דערשראָקן. זי איז געווען דאָס ווייב פֿון זיין גוטן חבר און זי איז אים אַ ביסל געפֿעלן, כאָטש ער האָט דאָס נישט געוואָלט זיך אַליין מודה זיין. אירע כּסדרדיקע תּירוצים, איר באַקוקן די בילדער, דאָס כּלומרשטע איילן זיך, דאָס שפּרינגען פֿון איין זאַך צו דער אַנדערער, האָט אים אַרויס־געבֿרענגט פֿון די כּלים, אַז ער האָט זי געוואָלט אָננעמען און אַרויס־וואַרפֿן. פֿון דעסטוועגן איז ער געווען צופֿרידן וואָס זי איז געקומען צו אים און זיין שטוב ווערט אָנגעזאַפּט מיט דעם ריח פֿון אירע האָר, פֿון אירע קליידער, פֿון איר פֿולבלעך־בויגעוודיקן גוף.

פּעפּע איז פֿאַרבליבן ביי אים ביז שפּעט ביינאַכט. פֿון צייט צו צייט האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז ס'שטיקט איר דער טוכלער ריח פֿונעם בוידעם־שטיבל, אַז ס'קרעלט איר אין האַלדז דער שאַרפֿער ריח פֿון די פֿאַרבן און פֿון טערפּעטין. אין אַ מינוט אַרום האָט זי געזאָגט פּונקט דאָס קאַפּויערדיקע, אַז זי האָט געוואָלדיק ליב דעם גערוך פֿון די פֿאַרבן און זי וואָלט דאָ געבליבן וואוינען איר גאַנץ לעבן. זי האָט רק געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, אָן אַ שום דערלויבעניש אַרויסגע־שלעפּט אַלטע, נישט פֿאַרענדיקטע סקיצן און בילדער און אויף אַלץ געזאָגט איר מבֿינות. זי האָט אויסגעטייטשט אויף איר אייגענעם שטייגער די אַבסטראַקטע מאַלערייען, געפֿונען אויף זיי אַ באַשייד וואָס איז ריטשאַרדן געפֿעלן; זי האָט אָפּט צוגעטראָפֿן צו זיין געשמאַק.

בשעת פּעפּע האָט געני שטערט צווישן די בילדער, האָט זיך נישט איין מאָל איר האַנט אָנגעטראָפֿן כּלומרשט צופֿעליק מיט זיינער און אירע פֿינגער האָבן זיך געגליטשט איבער זיינע. נאָר אָפּט האָט זי אים אָנגעכאַפּט ביי די קלאַפּעס, ביים צעכראַסטעטן קאָלנער פֿונעם העמד און אַ לענגערע ווייל אים צוגעהאַלטן די הענט. אַז ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן האָט ער דערפֿילט ווי אירע פֿינגער פֿלעכטן זיך אים אַריין אין די האָר און זי נעמט זיי נישט צו ביז ער גלייכט זיך אויס. דערנאָך שאַרט זי אָוועק ביי אים די לענגלעכע האָר פֿון שטערן און קוקט אַרויף צו אים, מיט אַן אומשולדיק שמייכעלע.

— איר האָט שיינע האָר... ס'איז אייך אַ שאָד זיי אָפּצושערן... צי שטערן אייך נישט די לאַנגע האָר אין דער אַרבעט?

— ניין... זיי שטערן נישט! — האָט ריטשאַרד עטלעכע מאָל ביים איבערגעחזרט, זיך אָפּגערוקט פֿון איר, אָבער פּלוצים זי צוגעצויגן

צו זיך. זי איז צוגעפֿאַלן צו אים, זיך איינגעטוליעט אין זיינע אָרעמס און מיט די הענט זיך פֿאַרוויקלט אַרום זיין האַלדז. אירע ליפּן האָבן זיך געריסן אַרויף צו זיין מויל און אים געבריט מיט דעם הייסן אָטעם. ער האָט ביי איר אַראָפּגעצויגן דעם סוועטער, דאָס קליידל — און זיי זענען אַ פֿאַל געטאָן אויפֿן מאַטראַץ.

— נעמט זי צו פֿון מיר!... נעמט זי צו! — איז ריטשאַרד מיט אַ מאָל אויפֿגעקומען פֿון האַלבן דרימל. ער האָט אַ קוק געטאָן אַרום זיך און געזען, אַז ער ליגט אין שפּיטאָל, ס'איז שוין געווען נאַכט. זיין געשריי האָט געשפּאָלטן די נאַכטיקע שפּיטאָל־שטילקייט, איבערגעוועקט די חולאים, וואָס זענען שוין רואיק געלעגן אין די בעטן און געשלאָפֿן. אַזאַ פֿרידלעכע ווייסע שטילקייט האָט זיך געשפּרייט אַרום אים, ווי אַ ווייס־פֿאַרשנייט פֿעלד ביינאַכט — אָבער אין אים האָט געברויזט און ס'האָט אים געפּרעסט אַ געפֿיל פֿון שולד. ער האָט באַמערקט ווי ס'שווימט צו אים די ווייסע געשטאַלט פֿון דער קראַנקן־שוועסטער. זי שטעלט צו אַ ווענטל צו זיין בעטל, לייגט אַרויף די האַנט אויף זיין צעהיצטן שטערן און באַרואיקט אים.

— נעמט זי צו פֿון מיר... — מורמלט ער שוין שטיל און ער פֿילט ווי די כּוחות רינען אים אויס.

— אָבער וועמען? קיינער איז לעבן אייך נישטאָ... בלויז איך — שמייכלען צו אים די בלויע אויגן פֿון דער קראַנקן־שוועסטער — באַרואיקט זיך. ווייזט אויס, אַז ס'האָט זיך אייך עפּעס געחלומט.

— ס'האָט זיך מיר נישט געחלומט!

ער איז געבליבן ליגן אויפֿן בעט, זיך געפּרוווט אַליין צו באַרואיקן, צו שטאַרקן. ער האָט געהערט ווי ס'דערווייטערן זיך פֿון אים די שאַרנדיקע טריט פֿון דער קראַנקן־שוועסטער. דער קראַנקער פֿוס האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק וויי צו טאָן און ער האָט דערשפּירט אַ שוואַכקייט, נאָר צום חלשן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פֿאַלט פֿון אַ גרויסער הויך. ער פֿאַלט און קען נישט צוקומען צו קיין גרונט. קינדווייז האָט זיך אים נישט איין מאָל געחלומט, אַז ער פֿאַלט אַראָפּ פֿון ערגעץ, אָבער ער האָט זיך באַלד איבערגעוועקט און איז געווען צופֿרידן, אַז ער געפֿינט זיך אין בעט. איצט האָט צו דעם פֿאַלן נישט גענומען קיין סוף. פּונקט דאָס זעלבע האָט ער איבערגעלעבט, ווען זיי האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל געטראָפֿן אין דעם קליינעם קאָפֿע־הויז, איז זי דווקא באַשטאַנען דערויף, אַז זי זאָל אים צופֿירן צו דער אַרבעט אין איר מאַנס פֿאַבריק. ער האָט זיך אַקעגנגעשטעלט, אָבער

זי איז אַריין מיט אים אין דער ווינדע. זי האָט אים אַרומגענומען, געקושט און בעת־מעשה געקוועטשט כסדר דאָס עלעקטרישע קנעפּל, אַזוי אַז די ווינדע איז געפאָרן אַרויף און אַראָפּ. ביז ס'איז עפּעס קאַליע געוואָרן אין דעם געווערק און זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן מיט אַ געשווינדקייט אַראָפּ, אַראָפּ. כאָטש דאָס האָט מער נישט געדויערט ווי געציילטע רגעס האָט זיך ריטשאַרדן געדאַכט, אַז דאָס ציט זיך אַן אייביקייט. ער האָט געפילט אַז ס'האָט זיך ערגעץ עפּעס אָפּגעריסן און ער האָט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס. ס'איז אים גע־וואָרן הויל ביים האַרץ. דערנאָך האָט ער שוין מער גאָר נישט געפילט און געוואוסט — און זיך ערשט אויפגעכאַפּט אין שפּיטאָל מיט גרויסע ווייטיקן אין אַלע אברים.

פּעפּע איז אָפּגעקומען בלויז מיט עטלעכע קליינע ביילן. כאָטש ער האָט מורא געהאַט צו פרעגן אויף איר, האָט ער געוואָלט גע־וואויר ווערן וואָס זי מאַכט. ס'האָט אים פאַרדראָסן וואָס זי איז אַרויס גאַנץ און ער וועט בלייבן אַ קאַליקע. נישט איין מאָל האָט ער זיך שוין געזען גיין אויף קוליעס, זיך געזען קריכן אַן אַ פוס. ער האָט דענטצמאָל גאַנצע שעהן געוויינט און מען האָט אים קוים געקאָנט איינ־האַלטן. פאַר וואָס איז זי אַרויס געזונט און פריש, בעת זי איז געווען די זינדיקע און נישט ער? זינט זי איז אַליין געקומען צו אים אינעם בוידעם־שטיבל, האָט ער זיך מער נישט געוואָלט מיט איר טרעפן. ער האָט נישט געוואָלט זי זאָל ביי אים לאַנג פאַרבלייבן און זי כסדר געמינטערט זי זאָל גיין אַהיים. ר'האָט איר אָנגעזאָגט זי זאָל מער צו אים נישט קומען. דעם אמת געזאָגט, האָט ער אַליין נאָך איר געבענקט, און ווען זי איז נישט געווען מיט אים, איז דאָס בוידעם־שטיבל געווען ליידיק. ער האָט זיך אויך נישט געקאָנט צוקוקן ווי אַראָן נעמט זי אַרום און צערטלט זי. פון דעסטוועגן האָט ער נישט געוואָלט זיך מיט איר אָפּרעדן.

אָבער זי איז צו אים געקומען. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט אַוועק פון מאַן און זיך אַריינציען צו אים. ער האָט דאָס באַגערט, כאָטש אַראָן האָט געהאַט גערעדט מיט אים, אַז ער וועט אים איינאָר־דענען אַן אויסשטעלונג. זי האָט אָבער נישט געהאַלטן קיין וואָרט און נאָכאַנאַנד אָפּגעשלעפּט, גאָר אָפּט פלעגט זי צו אים אַרויפקלעטערן אויפן בוידעם־שטיבל און אים אָנזאָגן מיט גרויסער גדולה, אַז זי האָט אַ שפּאָגל־נייעם פּלאַן.

— מיר וועלן פאָרן קיין סידנעי — האָט זי אין איין אָטעם

אַרויסגעוואָרפן פון זיך און זיך באַלד צוריקגעכאַפּט — ניין, נישט קיין סידנעי, נאָר ווייט אַוועק אין אויסטראַליע... קיינער זאָל אונדז נישט קענען געפינען...

— פאַר וואָס נישט קיין אויסלאַנד? — האָט ער געפרעגט.

— אָ, טאַקע קיין אויסלאַנד — האָט זי כהרף עין אונטערגעכאַפּט — קיין פּאַריז! איך וועל אַרבעטן און דיך אויסהאַלטן אַזוי לאַנג ביז דו וועסט ווערן באַרימט... ביז מען וועט אָנהייבן אויסכאַפּן דיינע בילדער...

דאָס זענען געווען גליקלעכע מינוטן. זיי זענען געלעגן אויפן מאַטראַץ און צוגעטראַכט כסדר נייע פּלענער. זיי האָבן אַזוי לאַנג געפּלאַפּלט, ביז זיי זענען איינגעדרימלט. ווען ריטשאַרד האָט זיך איבערגעוועקט, האָט ער נישט געקוקט, ווי ס'איז אַלע מאָל געווען זיין טבע ביים אויפכאַפּן זיך פון שלאָף, אויף זיינע בילדער, נאָר ער האָט געקוקט אויף פּעפּען. ווי שיין זי איז אין שלאָף. ער האָט געהאַט אַ באַגער זי צו מאָלן; צו מאָלן זי אין איר שלאָף.

ער האָט פּעפּען נישט געמאָלן. וואָס וועט זאָגן אַראָן, אַז ער וועט טרעפן ביי אים אַ בילד פון זיין ווייב אין אַ שלאָפנדיקער פּאָזע? אַראָן איז צו אים געקומען עטלעכע מאָל אַ וואָך אין שפּיטאָל אַריין. ריטשאַרד האָט אים נישט געקאָנט קוקן אין זיינע גרויסע, אַ ביסל קינדערישע אויגן. אַראָן האָט פאַרמאָגט אַזעלכע קינדעריש־רואיקע אויגן, כאָטש ער איז געווען פאַרטאָן אין גרויסע געשעפטן. באַלד ווי ער איז געקומען פון די לאַגערן, האָט ער אויפגעשטעלט אַ גרויסע פאַבריק. אין דער פאַבריק האָט ער געגעבן אַרבעט אַ סך יידן און געהאַט אַן אָפענע האַנט ביים טיילן צדקה. ריטשאַרד האָט באַמערקט ווי זיין חבר פילט זיך שולדיק, בעת ער קומט צו אים אין שפּיטאָל. זיינע אויגן קענען אים נישט קוקן גלייך אין פּנים אַריין. ער לעבט דאָס זיכער איבער וואָס ביי אים אין פאַבריק, ווען ריטשאַרד האָט זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט, איז געשען מיט אים דאָס אומגליק. אָבער צי ווייסט ער נישט, אַז פּעפּע איז דעמאָלט געווען מיט אים און אַז זי פלעגט קומען צו אים אין שטוב אַריין?...

— וועסט געזונט ווערן, ריטשאַרד — האָט אַראָן אַריינגערעדט אין אים — וועסט ווערן אין גאַנצן געזונט... זאָרג זיך נישט... ביסט אונטער דער אויפזיכט פון די בעסטע דאָקטוירים... דאַרפסט דיר נישט ברעכן דעם קאָפּ וועגן געלט. אַז וועסט אַרויסקומען פון שפּיטאָל

וועסטו האָבן אַ גרויסע אויסשטעלונג. די גאַנצע פּרעסע וועט שרייבן פון דיר...

ריטשאַרד האָט זיך קוים צוגעהערט צו זיין חברס רייד. הגם זיינע ווערטער פלעגן אים וואַרעמען און אַזוי שטאַרק רירן, אַז טרערן זענען אים געקומען אין די אויגן, האָט ער נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים. ער איז געווען אין כעס אויף אים, ווייל ביי אים אין פאַבריק האָט זיך דאָס אַלץ געטראָפן — אָבער צי קען ער וואַרפן אויף אים די שולד? וואָס בעסער אַראָן איז געווען צו אים, אַלץ מער האָט ער זיך געפילט זינדיק. נישט איין מאָל האָט זיך ריטשאַרדן געדאַכט, אַז זיין חבר ווייסט אַליין וואָס איז געווען צווישן זיין ווייב און אים, נאָר ער מאַכט זיך נישט וויסן. פון דעם געדאַנק אַליין האָט ער אויפגעציטערט.

דאָס ערגסטע איז געווען ווען פּעפּע איז מיטגעקומען מיטן מאַן צו אים אין שפּיטאָל. טאָמער איז זי אַליין אַריין צו אים און געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אַז זי וועט אַוועק פון אַראָנען און בלייבן מיט אים האָט ער נישט געוואָלט אפילו הערן, אָנגעזאָגט מען זאָל זי צו אים נישט צולאָזן. אָבער אַז זי איז מיטגעקומען מיטן מאַן, האָט ער נישט געהאַט קיין ברירה און איז געצוואונגען געווען צו איר צו רעדן. די יסורים אין קראַנקן פוס האָבן אים דעמאָלט שטאַרק געפּייניקט, אַרומגעלאָפן איבערן גאַנצן גוף.

ס׳איז אים אַ ביסל לייכטער געוואָרן, בעת אַראָן מיט פּעפּען זענען אַוועק. פון דער איבערלעבונג האָבן זיך געדיכטע טראָפּנס שווייס אַרויסגעשלאָגן אויף זיין שטערן. דער קראַנקער אין שכנותדיקן בעטל האָט באַמערקט די באָבעס שווייס אויף זיין פּנים און זיך אָנגערופן צו אים:

— טעיק איזי, מעיט... ס׳וועט זיין אָל־רייט! נעם עס נישט צו ערנסט...

ער האָט גאָרנישט געענטפערט, אָבער אַלץ האָט אין אים געפּי־בערט. ער איז ערשט צו זיך געקומען, אַז ס׳איז געוואָרן נאַכט. ער האָט דערזען לעבן זיך דאָס געל־געקאַרבטע, געדולדיקע פּנים פון זיין מאַמען. נאָך דעם ווי דער פאָטער איז יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט, האָט די מאַמע שווער געאַרבעט און אַלץ אַריינגעלייגט אינעם זון. הגם איר רייכער ברודער האָט אָפּגעחוזקט פון איר זונס מאָלן, געזאָגט ער זאָל זיך בעסער נעמען צו אַ לייטישער מלאכה, איז זי בסוד־סודות

פאַר ריטשאַרדן, געלאָפן יעדעס מאָל צום ברודער און געוויזן אים נייע בילדער. זי האָט אויך די שכנים געוויזן די בילדער, זיך זייער גע־גרויסט מיט זיי:

— דאָס אַלץ האָט מיין ראובעלע געמאַכט — פלעגט זי טייטלען מיט אַ פינגער אויפן לייוונט — ס'איז שיין, יאָ? און אַליין איז מיין ראובעלע שיין ווי די וועלט... ווי דאָס שענסטע בילד...

איין פרייטיק צונאַכטס, בשעת ער איז אַהיים געקומען, האָט ער געזען ווי די מאַמע וואַרט אויף אים מיט דער שבתדיקער סעודה. אויפן ווייס־געדעקטן טיש האָבן געברענט די בענטשליכט. די מאַמע איז געזעסן ביים טיש, אַריינגעקוקט אינעם מעשה־ביכל, וואָס זי האָט נאָך מיטגענומען פון דער היים אין פוילן און האָט עס איביק גע־לייענט. אָבער ווען ריטשאַרד האָט גערעדט עפּעס צו דער מאַמען, האָט ער דערזען, אַז זי איז ביים לייענען אַנטשלאָפן געוואָרן — אַנט־שלאָפן געוואָרן אויף אייביק...

ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געוויינט. אַז ער איז געלאָפן אָנקלינגען צו זיין משפּחה, האָט דער פעטער באַלד אָוועקגעוואָרפן דאָס טרייבל ווי נאָר ער האָט דערהערט זיין קול. ער האָט אַליין באַגלייט די מאַמען צו דער אייביקער רו. ערשט ווען מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם ארון אין קבר, איז אָנגעקומען דער פעטער מיט דער מומען.

ס'האָט ריטשאַרדן באַנג געטאָן וואָס ער האָט ביז איצט נישט געמאָלן דאָס געטרייע, געדולדיקע פּנים פון זיין מאַמען. ווי נאָר ס'וועט אים אַ טראָפּעלע בעסער ווערן, וועט ער דאָס טאָן. הגם ער געדענקט ווייניק דעם טאַטן, וועט ער אויך אים מאָלן. ער וועט אויפן לייוונט פאַראייביקן דאָס שטעטל, פון וואַנען ער איז ווי אַ קינד געקו־מען אַהער מיט די עלטערן. ער וועט זיך אומקערן צום יידישן מקור... די יידישע מאָלערס זענען גרויס געוואָרן מיט זייערע שטעטלעך...

ער האָט שוין אין קאָפּ אָנגעהויבן אָנצוואַרפן פאַרשידענע פּלע־נער, זיך געוואָלט טיילן מיט זיי מיט אַראָנען און אויסגעקוקט ער זאָל צו אים קומען. אָבער אַז אַראָן האָט אים אויף צומאָרגנס באַזוכט, האָט ער אים גאָרנישט געזאָגט. ער האָט באַמערקט דאָס שולדיקע שמייכעלע אויף דעם חברס פּנים און ס'האָט געשפּאַרט אין אים אַ באַגער זיך מתוודה צו זיין פאַר אים — צו אַנטפּלעקן אַלץ וואָס פּרעסט אים. ער האָט זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן אַראָנען גאָרנישט צו דערציילן. פאַר וואָס זאָל ער אים ווייי טאָן? אַראָן איז אַ גוטער, גיט צדקה מיט אַ ברייטער האַנט. דאָס אַנטוישן זיך אין אַ גוטן חבר, קען

אים אַ מאָל ענדערן; קען אים אין גאַנצן צעברעכן. זאָל אַלץ בלייבן הענגען ווי ביז אַהער. ווייסט דאָך ריטשאַרד אַליין נישט וואָס זיין גורל וועט זיין.

די גאַנצע צייט וואָס אַראָן איז געזעסן ביי ריטשאַרדס בעט, האָבן זיי כמעט נישט אויסגערעדט צווישן זיך אַ וואָרט. און ווען אַראָן האָט זיך געזעגנט מיט ריטשאַרדן און ער האָט דערשפּירט זיין וואַרע־מע האַנט, איז ער געווען צופרידן וואָס ער האָט אים גאָרנישט דער־ציילט. די מורא, וואָס האָט אים געפּרעסט, האָט זיך אַ ביסל פון אים אָפּגעטאָן. די חולאים, וואָס זענען געלעגן לעבן אים, האָבן דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ שמייכל אויף זיין בלאַס אויסגעמאַטערט פּנים...

צוויי אויטאָס

דאָס איז געווען אַן אויסנאַם. דעם זונטיק אין דער פרי, בעת סטען האָט געפרעגט דעם פאָטער, צי ער מעג נעמען דעם אויטאָ און פאָרן צו אַ חבר, האָט ער זיך נישט קעגנגעשטעלט. געווײנלעך האָט דער פאָטער נישט ליב געהאַט ווען סטען האָט גענומען דעם אויטאָ. ער האָט פײנט געהאַט זײַן ווילד פאָרן און ער האָט גיכער אָנפּאַרטרויט דאָס רעדל זײַנע מידע, אַלטע הענט, ווי די יונגע הענט פונעם זון.

— דאָס יונגוואַרג פאָרט משוגע. — פלעגט ער זאָגן מיט זײַן טרוקן קול — די הײַנטיקע יונגעלײַט, אַז זיי זיצן בײַ אַ רעדל, פאַר־לירן זיי דעם קאָפּ!

סטען איז געווען גליקלעך, וואָס דער פאָטער האָט אים געלאָזט נעמען דעם אויטאָ זיך אפילו נישט געפּרווווט אַקעגנשטעלן.

— טענקיו, דעד. — האָט ער קוים אַרויסגעפּרעסט פון זיך די ווערטער. ווײַל זינט דער פאָטער האָט זיך אָנגעהויבן צופיל צו מישן צו אים, האָט ער אים פײַנט געהאַט אַרויסצווײַזן העפלעכקייט.

סטען איז פאָרזיכטיק אַרויסגעפאָרן פונעם גאַראַזש און אַז ער איז אָנגעקומען צום טויער פונעם גאָרטן, האָט ער שטאַרק אַכטונג געגעבן, ער זאָל נישט אָנשלאָגן אין די סלופּיקלעך, וואָס זענען גע־שטאַנען פון בײדע זײַטן. ער האָט געפילט אויף זיך דעם טאַטנס וואַכ־זאַמע אויגן און ער האָט נישט געוואָלט באַגײן עפּעס אַ פעלער. בעת סטען איז הינטערווײַלעכץ אַרויסגעפאָרן פונעם טויער, האָט ער מיט אײן שפּיץ אויג באַמערקט, אַז דעם שכנס טאַכטער פאָרט אויך אַרויס מיטן אויטאָ פונעם טויער. ער האָט אויפגעציטערט און זײַנע באַווע־גונגען זענען ווי געלײמט געוואָרן. ער האָט אַ ביסל אָפּגעוואַרט, געלאָזט דאָס מיידל פריער אַדורכפאָרן. ערשט ווען דעם שכנס טאָכטער איז מיט אַ רעש אָפּגעפאָרן אַ שטיק פונעם זון־באַגאָסענעם גאָרטן־געסל, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איר.

— וואו קען זי איצט פאָרן, לוסי? — האָט סטען געטראַכט — נעכטן בײַנאַכט איז זי אַזוי שפּעט אַהײמגעקומען... ער האָט געהערט ווי ס'האָט זי אָפּגעפירט אַ בחור און זי איז לאַנג געזעסן מיט אים אין אויטאָ.

סטען איז נאָכגעפאָרן לוסין. דער רויטער לוקסוס־אויטאָ וואו לוסי איז געזעסןביים רעדל, האָט זיך איצט פּאַמעלעכער געגליטשט אינעם געשלענגלטן גאָרטן־געסל און איז איינגעהילט געוואָרן אין די ציטערדיקע שאָטנס פון דיביימער, וואָס האָבן זיך געוויגט פוןביידע זייטן וועג. אין דער הויך האָבן די קרוינען פון די ביימער זיך פאַר־פלאָכטן און ס׳האָט אויסגעזען ווי לוסי וואָלט געפאָרן דורך אַ גרינעם טויער. דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער און אַ זוניקער, אָבער דאָס ביימער־טויער איז געווען קיל און טונקל. דורך דער שויב אינעם רוקן פונעם רויטן אויטאָ האָט סטען געקאָנט זען לוסיס קורץ־געשוירענעם בלאָנדן קאָפּ, וואָס האָט זיך מיט חנוודיקע שטיפערישקייט געדרייט דאָ אויף דער זייט און דאָ אויף יענער. די ערשטע נערוועזקייט וואָס האָט זי אַרומגעכאַפּט בעת זי איז אַרויסגעפאָרן פונעם טויער און דערזען סטענען, האָט זי אָפּגעלאָזט און זי איז שוין איצט פיל רואיקער געזעסן ביים רעדל. זי איז געזעסן זיכער און מיט שטאָלץ. ווייזט אויס, אַז אויך דער פאָטער אירער האָט איר געגעבן די דערלויבעניש צו נעמען דעם אויטאָ און זי איז זייער צופרידן געווען דערפון. זי האָט די צופרידנקייט כסדר אַרויסגעוויזן. מיט וואָס פאַר אַ קאָקעטעריע זי האָט דאָס אַרויסגעשטרעקט דאָס שלאַנקע מילך־ווייסע הענטל דורך דעם פענצטער, כדי אים צו געבן צו וויסן, אַז זי פאַרלאַנגזאַמט דעם לויף און דרייט זיך אַריין אין דער הויפּט־גאַס פונעם רייכן „סאַבערב״.

זונטיק אין דער פרי איז אויף דער הויפּט־גאַס געווען אַ קנאַפּע באַוועגונג. די הייזער האָבן פויל געדרימלט אונטער דער וואַרעמער זון. די קירכן־גלאָקן האָבן שלעפעריקלעך גערופן צום מאָרגן־געבעט. אויסגעפּוצטע טאַטעס און קינדער זענען געגאַנגען אויפן וועג צו די נאָענטסטע קלויסטערלעך. ס׳איז נאָך געווען פרי און מען האָט אפילו זעלטן געזען אויטאָס דורכפאָרן.

— וואו פאָרט זי איצט, לוסי? — האָט סטענען געעגבערט דער געדאַנק — אפשר פאָרט זי צו אירס אַ חברטע? און אפשר פאָרט זי אין די בערג? אָדער גאָר צום ים זיך באָדן? ווען ער ווייסט, אַז זי פאָרט צום ים וואָלט ער נישט געפאָרן צום חבר און איר נאָכגעפאָרן. אין דער פרי איז דאָס וואַסער אָנגענעם און קילבלעך...

סטען האָט אויפגעהויבן העכער די אויגן, געוואָלט זען וואו לוסיס רויטער אויטאָ געפינט זיך. ער האָט באַמערקט, אַז לוסי איז שוין אַ שטיק פאַר אים און זי איילט זיך זייער. וואָס איז דאָס איילעניש? ס׳זעט אויס, אַז זי וויל אים ווייזן איר בריהשקייט און אים לאָזן הינטער

זיך. כאָטש סטען האָט געוואוסט, אַז מיטן אילעניש וויל זי זיך בלויז מיט אים רייצן, האָט עס אים פון דעסטוועגן באַרירט, ווייל ער האָט שוין נישט איין מאָל באַמערקט, אַז זי מיידט אים אויס. ער איז נאָך אַלץ נישט געווען זיכער — צי מיידט זי אים אויס מחמת אירע עלטערן דערלויבן נישט זי זאָל מיט אים האָבן אַ מגע ומשא אָדער זי אַליין מיידט אים אויס. כאָטש אירע עלטערן זענען שוין לאַנגע יאָרן אין אויסטראַליע, האַלטן זיי זיך פאַר ענגלענדער און פאַר גאַנצע אַריסטאָקראַטן. אַז סטען טראָגט אונטער איר פאָטער אַ „גוט־מאָרגן", ענטפערט ער אים קוים. ער קען אַפּנים נישט לײַדן, אַז אַ „דזשו" וואוינט אין דעם זעלבן גאָרטן־געסל וואָס ער. דעם אמת געזאָגט, וויל זיין פאָטער אויך נישט, אַז סטען זאָל האָבן אַ שייכות מיט לוסין. סטען ווייסט, אַז זיין מוטער איז געווען אַן אויסטראַלערין און דער פאָטער האָט מיט איר חתונה געהאַט קעגן דעם ווילן פון זיינע עלטערן. דערנאָך האָט ער דאָס שטאַרק באַדויערט, ווייל צווישן אים און דעם ווייב איז נישט געווען קיין גוט לעבן. נאָך דער מוטערס טויט, איז זיין „אַלטער" געוואָרן מער יידיש. צוגענומען אַ העברעאישן „טיטשער" וואָס האָט אים, סטענען, צוגעגרייט צו בר־מצוה. עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען סטען איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער אים אַריינגענומען אין די „ביזנעס", וואָס ער האָט איבערגענומען בירושה פון זיינע עלטערן און סטען האָט געמוזט טאָן, וואָס דער פאָטער האָט געהייסן.

סטען האָט נישט געוואוסט וואו ער האַלט מיט לוסין. נעכטן ביינאַכט, בשעת ער האָט זי אָנגעטראָפן אויף דער זעלבער „פּאַרטי", וואו ער איז געווען, האָט זי אים אויסגעמיטן און איז אַנטלאָפן פון אים, פּונקט ווי זי אַנטלויפט איצט מיטן אויטאָ. סטען האָט זיך לחלוטין נישט גערעכט, אַז ער זאָל זיך טרעפן מיט לוסין אויף דער דאָזיקער „ראָק׳ן־ראָל־פּאַרטי", וואָס איז פאָרגעקומען ביי זיינס אַ חבר אין הויז. סטען האָט געוואוסט, אַז לוסי איז אַ געטרייע טאָכטער. נישט איין מאָל האָט ער זי געטראָפן גיין אינעם גאָרטן־געסל מיט איר אַלטער האַלב פּאַראַליזירטער מאַמען, וואָס האָט געהאַט אַ צעקאַרבט פּנים, וואו דער פּודער און די פאַרב האָבן זיך געקרישלט ווי דער טינק אויף אַן אַלט הויז. אויף דער „פּאַרטי" האָט מען געטאַנצט, געשפּרונגען, געטרונקען משקה און נישט איין מאָל, אַז אַ בחור האָט זיך אָנגעשיכורט, האָט ער אָנגעהויבן צו ברעכן די מעבל. פון וואַנען קומט־זשע לוסי אויף אַזאַ „פּאַרטי"? אירע עלטערן היטן זי, לאָזן זי נישט אַרויס פון שטוב. ער ווייסט טאַקע נישט וואו לוסי האָט גענומען די דרייסטקייט

און איז געזעסן מיטן „באַי״ נעכטן אַזוי שפּעט ביינאַכט אינעם אויטאָ און זיך נישט געשראָקן פאַר די עלטערן. ער איז פריער אַהיים געגאַנ־גען, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַרן „אַלטן״, געוואוסט, אַז ער וועט וואַרטן אויף אים מיטן זייגער אין דער האַנט. ער האָט צוליב דעם פיינט זיין פאָטער, וואָס דערלויבט זיך שוין צופיל און וויל צופיל אים דיקטירן. דער אַלטער לאָזט אים נישט האָבן קיין שום שייכות מיט לוסין. און וואָס האָט ער אַליין געטאָן, ווען ער איז יונג געווען? האָט ער זיך נישט אַרומגעיאָגט נאָך אַ מיידל, וואָס איז נישט געווען קיין יידישע? דער פאָטער האָט אַלץ געמעגט און ער טאָר גאָרנישט!...

— וואָס זאָל ער איצט טאָן? — האָט סטען געטראַכט ביי זיך — צי זאָל ער נאָכפאָרן לוסין, אָדער פאָרן צום חבר. ס׳האָט אים פאַר־דראָסן וואָס לוסי איז אַזוי ווייט אָפּגעפאָרן און אים געלאָזט אַ שטיק הינטער זיך. אָבער דאָס מאַכט נישט אויס. ער וועט לאָזן שנעלער די מאַשין לויפן און מיט טעלעכע צי וועט ער זיין לעבן איר און זי באַלד איבעריאָגן. שטאָט זי זאָל זיין פאַר אים, וועט ער זיין פאַר איר...

נעכטן אויף דער „פּאַרטי״ האָט זיך לוסי פּונקט אַזוי געפירט ווי זי פירט זיך איצט. זי האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים, ווי זי וואָלט אים אין גאַנצן נישט געקענט. דווקא ווען ער האָט געקוקט צו איר, האָט זי זיך געמאַכט אים נישט זען און געקלעפּט צו איר בחור, זיך געלאָזט פון אים פירן אין אַ פינצטערער שטוב. אָבער באַלד איז זי פון דאָרט אַרויסגעקומען, געזוכט אים מיט די אויגן און זיך געמאַכט פאַרריכטן אירע האָר און דאָס בלוזקעלע. סטען האָט זי אָנגעהויבן אויסמיידן און ווען זי האָט דאָס געזען, האָט זי אים גענומען נאָכגיין. זי האָט מיט געוואָלט געצויגן איר „באַי״ אין דער זייט אַריין, וואו סטען איז געווען. שפּעטער האָט זי אים צוריק אויסגעמיטן, זיך כסדר געטוליעט צו איר בחור, ווי זי וואָלט סטענען דערמיט געגעבן אָנצו־געהערן, אַז ער זאָל איר זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ.

אויף דער „פּאַרטי״ איז געווען הייס און דושנע. אַ זיסלעך־האַרבער ריח פון משקה האָט אָנגעפילט דעם אָנגעהיצטן חלל. דער רויך פון די פּאַפּיראָסן האָט מיט גערדיכט־גרויע שלייערן אַרומגעוויקלט די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. פון די שלייערן האָבן זיך אַרויסגעהויבן די צעשויבערטע קעפּ פון די בחורים, די צעלאָזן־לאַנגע האָר פון די מיידלעך. הענט און פיס האָבן זיך געקנוילט, זיך פאַרפלאָנטערט. די קליידלעך פון די מיידלעך האָבן זיך אַלע מאָל אַ הייב געטאָן אין דער לופטן, זיך אויפגעשפּרייט, ווי אָפּענע שירעמס און אַנטפּלעקט די

גאַנצע פּיס. דאָ האָבן די בחורים צוגעצויגן צו זיך די מיידלעך און דאָ זיי אָפּגעשטופּט פון זיך. מ'האָט אַזוי שטאַרק געהאָפּקעט און געקלאַפּט מיט די פיס אין דער פּאָדלאָגע, אַז די זשיראַנדאָלן האָבן זיך געוויגט און די שויבן געציטערט. בשעתן טאַנצן האָבן די פּאָרלעך צווישן זיך נישט גערעדט, בלויז מיטגעזונגען די לידער פון די אַמעריקאַנער „ראָק'ן־ראָל"־זינגער וואָס מען האָט געהערט אינעם פּאַטעפאָן. ס'איז אויסגעקומען ווי טאַנצנדיקע פּאָרלעך וואָלטן געהערט צו עפּעס אַ ווילדן שבט וואָס דינט מיטן טאַנצן אַן אָפּגאָט...

סטען האָט זיך איצט געקוויקט מיטן שיינעם זוניקן פרימאָרגן. דער טשאַד פון דער נעכטיקער „פּאַרטי" איז אים שוין אַרויס פון קאָפּ. ער האָט געוואָלט דעריאָגן לוסין און ער האָט מיטן פוס צוגע־דריקט שטאַרקער דעם „עקסעלערייטער", געגעבן מער בענזין. דער אַלטער אַמעריקאַנער אויטאָ האָט אַ רעווע געטאָן און גענומען שנעל יאָגן. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און סטען איז געווען הינטער לוסין. דורך דער שויב אינעם רוקן פון איר רויטן אויטאָ האָט ער צוריק דערזען איר בלאָנדן קאָפּ, וואָס האָט זיך קאָקעטיש און שטאָלץ גע־שטרעקט. סטען האָט געוואָלט אויסמיידן לוסין אָבער זי האָט אים נישט געלאָזט און ער איז געפאָרן אין איין ריי מיט איר. ער האָט אָבער צו איר נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ. כאָטש ס'איז געווען זונטיק אין דער פרי און די סטאַציעס האָבן צוממיינסטנס געגעבן דרשות פון גלחים און זונטיקדיקע תּפילות, באַגלייט מיט אָרגל־טענער, האָט ער פון דעסטוועגן געפונען אַ סטאַציע וואָס האָט געשפּילט דזשאַז־מוזיק. דאָס האָט אים אויפגעהייטערט און ער האָט געפילט ווי דאָס בלוט הייבט שנעלער אָן צו פליסן אין זיין גוף. ער האָט מיט איין פוס צוגעקלאַפּט צו די טענער פון דער מוזיק און צוגעפיפן מיט פאַרמאַכטע ליפּן.

סטען האָט פּאַוואָליע אויסגעדרייט דעם קאָפּ, צעפליגלט די נאָז און ער האָט געוואָלט אַ שמייכל טאָן צו לוסין — אָבער זי האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. ער האָט בלויז אויף אַ רגע באַמערקט איר אונטערשטע, אַ ביסל אַרויסגערוקטע ליפּ, אַ האַלב בלאָנד, גאַלדיק־אָפּגעברענט פּנים — און אַ כעס איז אים באַפאַלן אויף איר. ס'האָט אים אָנגענומען אַ חשק שוין באותו רגע אויסמיידן לוסין און זי לאָזן הינטער זיך. ער וועט פון איר ווייט נישט אָוועקפאָרן נאָר זי האַלטן הינטער זיך, זי זאָל זיך נישט קענען קיין עצה געבן. ער וועט זי

סוף־כל־סוף אָנלערנען, זי זאָל מער אַכט לייגן אויף אים און זיך נישט אַרומשפּילן מיט אים ווי מיט אַ ייִנגעלע.

זיי זענען געפאָרן באַרג־אַרויף און סטען האָט געמוזט אַראָפּגיין אין „גאַנג״. ער איז אָבער באַלד צוריק אַריין אינעם דריטן „גאַנג״, גענומען שנעל יאָגן און אַז זיי זענען אַרויפגעקומען אויפן באַרג, האָט ער אויסגעמיטן לוסין. דער וועג האָט זיך איצט גלייך געשטרעקט, געלאָפן פאַרויס מיט אַ ווייסן פּאַס אין מיטן, וואָס האָט געוויזן וואו מען דאַרף פאָרן. דער טאָג איז געווען אַ שיינער און אַ זוניקער. די קירכן־גלאָקן האָבן אַלץ גערופן צום געבעט. די זון איז געפלאָסן אויפן וועג, ווי אַ גאָלדיק וואַסער. סטען איז געפאָרן פאַר לוסין און זי נישט געלאָזט אים אויסמיידן. ער איז געפאָרן מחמת דעם אַ ביסל אין מיטן וועג, כדי זי זאָל נישט האָבן קיין אָרט. ער האָט זיך נישט געמאַכט דערפון, ווען ער האָט געהערט ווי זי האָט צו אים כסדר פול מיט כעס טראָמייטערט, ער זאָל זי אַדורכלאָזן. דאָס האָט אים הנאה געטאָן און אַ צופרידן שמייכעלע האָט געשפּילט אויף זיין פּנים. ער האָט מיט איין פוס צוגעקלאַפּט צו די טענער פון דער דזשאַז־מוזיק אינעם ראַדיאָ. פון צופרידנקייט האָט ער אַריינגעקוקט אַלע מאָל אינעם שפּיגעלע, וואָס איז געהאָנגען קעגנאיבער אים און ער איז געווען זיכער, אַז לוסי זעט זיין צולהכעיסדיק שמייכעלע.

סטען האָט שוין פאַרלוירן דעם חשבון. נישט געוואוסט וואו ער פאָרט. איינס האָט ער אָבער געוואוסט אויף זיכער, אַז ער וועט שוין נישט פאָרן צום חבר, וואָס וואוינט אויף אַן אַנדערן וועג. ער האָט בלויז איין זינען געהאַט צו פאָרן פאַר לוסין און איר פאַרשטעלן דעם וועג, זי זאָל זיך נישט קענען דורכרייסן. דאָס איז אים געפעלן. דער עיקר איז אים געפעלן דאָס כסדרדיקע בייזערן זיך פונעם רויטן אויטאָ הינטער זיך. ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ האַנט, געוויגט מיט איר פאַוואָליע און רואיק אַרויף און אַראָפּ, און דאָס האָט געהייסן:

— שש... ששש... בייזער זיך נישט אַזוי... וואָסי האָסט נישט קיין צייט? ...

ס'האָט אויסגעזען ווי לוסי וואָלט זיך אונטערגעגעבן, ווייל איר מאַשין איז שטיל געבליבן, זיך אויפגעהערט צו בייזערן. סטען האָט נישט געוואוסט וואָס איז געשען, אַריינגעקוקט אין שפּיגעלע פאַר זיך און באַמערקט ווי לוסיס רויטער אויטאָ גליטשט זיך בנעימותדיק הינ־טער אים. ער האָט זיך געמאַכט אַ ביסל באַקוועמער, זיך אָוועקגעזעצט בעסער און אַראָפּגענומען איין האַנט פונעם רעדל — אָבער אין דער

רגע האָט ער דערזען ווי לוסיס אויטאָ האָט ווי אַ ווינט אַדורכגעשוועבט לעבן אים. כהרף־עין האָט ער אויפגעכאַפּט דאָס זיגערישע געלעכטערל וואָס האָט זיך געגעסטיקט אַרום איר אונטערשטער, אַ ביסל אַרויסגע־רוקטער ליפּ. ער האָט זיך דערפילט אָפּגענאַרט און ער האָט איר גע־נומען נאָכיאָגן — אָבער איצט האָט זי אים געהאַלטן הינטער זיך. יעדעס מאָל, ווען ער האָט געפּרוּווט זיך דורכרייסן, האָט זי אים נישט געלאָזט און ס'איז געווען אומזיסט זיין מי. חוץ דעם האָט זיין שווער־לייביקער אַמעריקאַנער וואָגן נישט פאַרמאָגט מער די אַמאָליקע כוחות. אויך האָט סטען נישט געהאַט קיין מזל, ווייל אַלע מאָל ווען ער האָט זי געהאַלטן אין אויסמיידן, איז אים געקומען אַ פרעמדער אויטאָ אַנטקעגן און ער האָט געמוזט זיך צוריקציען און פאָרן הינטער לוסין.

און געשען איז דאָס פּלוצים, ווען זיי ביידע זענען שנעל געפאָרן איינער לעבן אַנדערן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וואַרפן זיך אַדורך מיט שטעך־ווערטער. זיי האָבן נישט געוואוסט ווי־נאָך דאָס איז געשען — אָבער זיי האָבן ביידע גלייכצייטיק פאַרשטאַנען אַז ס'איז נישט מער אויסצומיידן. זיי האָבן בלויז דערהערט אַ קנאַל און דערפילט אַז זיי ווערן אַראָפּגעשליידערט פון געזעס.

ס'איז געווען אַ שיינער זוניקער טאָג. די איינוואוינער וואָס האָבן דאָ געוואוינט אין דער נאָענט און האָבן געגאַסן פון דער זונטיקדי־קער רו, זענען צוליבן קנאַל אַרויסגעלאָפן פון די הייזער.

— וואָס איז געשען? איר האָט געהערט דעם שאָס. ס'האָט דאָ געמוזט זיין אַן עקסידענט...

— ס'זעט אַזוי אויס... צוויי אויטאָס האָבן זיך צעקוועטשט...

באַלד האָבן די מענטשן דערזען לוסין און סטענען אַרויסקריכן פון די צעהאַקטע אויטאָס. זיי זענען געווען זייער בלאַס, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. מ'האָט זיי געמוזט אונטערהאַלטן, ווייל זיי האָבן זיך געוואַקלט אויף די פיס.

מען האָט געקלונגען צו דער פּאָליציי. געבראַנגט דעם אַמבולאַנס און סטענען מיט לוסין אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל. נאָר מיט די אויי־טאָס האָט מען זיך אַזוי גיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. זיי זענען געווען שטאַרק פאַרפלאָנטערט איינער אין דעם אַנדערן, גלייך זיי וואָלטן זיך פאַרמאָסטן אין די כוחות. מ'האָט זיי געשלעפּט, געריסן, געוואָלט צעשיידן — אָבער זיי האָבן זיך עקשנותדיק געהאַלטן איינ־געקלאַמערט איינער אין דעם אַנדערס בלעכערנעם גוף, ווי צוויי קעמ־פערס אויף אַ רינג, וואָס ווילן זיך אַזוי גיך נישט אונטערגעבן...

צייכענונג פון יאָסל בערגנער: „אַ שירעם מיט לעכער“

קום אַהער דו קלײנער ייִד!

כ'בין געפֿאָרן קיין סידנעי אויף אַ פֿאַרלעזונג, וואָס מען האָט פֿאַר מיר צוגעגרייט. עטלעכע חברים האָבן מיך אָפּגעוואַרט אויפֿן פֿלי־פּלאַץ, אַרײַנגענומען מיך אין אויטאָ און זיך אַ לאָז געטאָן איבער די גאַסן און געסלעך פֿון דער פֿאַרשטאָט. כ'מוז מודה זײַן, אַז סידנעי איז אַ שײנע שטאָט, אַ סך שענער פֿון מעלבורן, וואו כ'וואוין שוין לאַנגע יאָרן. סידנעי איז צעוואָרפֿן איבער בערג און טאָלן און איז אײַנגעטונקען אין גרינע גערטנער. די הײַזער, וואָס דראַפּען זיך אויף די בערגיקע רוקנס, זעען אויס ווי קאָלירקע אײדלשטײנער. סײ די בערג, סײ די גאָלדיק־ווײַסע זאַמד־ברעגעס טיקן זיך אין בלויע ים־שפּיגלען...

איך האָב שטענדיק הנאה צו באַקוקן די שטאָט, אָבער דער אויטאָ האָט זיך גיך געטראָגן באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, אַז כ'האָב נישט געקאָנט פֿיל זען. חוץ דעם האָבן די חברים גערעדט צו מיר, מיך אויסגעפֿרעגט וואָס ס'הערט זיך אין מעלבורן. מען האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין אַ דירה, וואו כ'האָב געזאָלט אײַנשטײן. אַזוי ווי ס'איז געווען אין אַ וואָכן־טאָג זענען די חברים באַלד אַוועק צו זײערע געשעפֿטן און איך בין געבליבן אײנער אַלײן אין אַ פֿרעמדער שטוב.

פֿון תּמיד אָן האָב איך פֿײַנט צו בלײַבן אַלײן אין אַ פֿרעמדער דירה. ס'דאַכט זיך מיר אַז פֿאַרהוילענע אויגן קוקן אויף מיר פֿון אַלע ווינקעלעך. כ'האָב זיך מורא צו באַוועגן און כ'פֿיל זיך ווי געפּענטעט. איך ציטער זיך צוצורירן צו דעם קלענסטן חפֿץ, טאָמער וועלן די באַלעבאַטים שפּעטער דערקענען, אַז כ'האָב זיך דאָ געלאָזט וואוילגײן...

איך האָב געוואָלט לײענען, אַרײַנקוקן אין מײַנע באַשרײַבענע בלעטלעך — אָבער דער קאָפּ איז מיר נישט געשטאַנען צו דעם. בין איך צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

ווי איך האָב אַזוי אַרויסגעקוקט אויפֿן הויף, האָב איך דערזען אין אַ קעגנאיבערדיק פֿענצטער אַ פּנים פֿון אַ פֿרוי, וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן צו זײַן קענטלעך. דאָס פּנים איז געווען זײער פֿאַרענדערט, אָבער איך האָב עס ערגעץ שוין געזען. איך האָב אָנגעשטרענגט דעם

קאַפּ, זיך געוואָלט דערמאָנען וואו איך האָב אַ מאָל די פּרוי באַגעגנט. איך בין געווען זיכער, אַז איך האָב זי ערגעץ געטראָפן. אָבער וואו איז דאָס געווען?

צי איז דאָס געווען אין וואַרשע, צי אין מיין שטעטל רעדים? אָדער אפשר טאַקע אין מעלבורן? אָבער דאָס קען נישט מעגלעך זיין, וואָרים כ׳האָב דאָס פּנים כמעט נישט דערקענט, אַזוי שטאַרק האָט זיך עס געביטן.

איך האָב נישט געוואוסט, צי די פרוי האָט מיך געזען שטיין אין פענצטער, ווייל זי האָט אפילו נישט אַ קוק געטאָן אין מיין זייט אַריין. כ׳האָב באַמערקט אַז זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן, גלייך זי וואָלט געגאַנ־גען עפּעס אויפהייבן. אָבער ניין, אינעם פענצטער האָב איך דערזען אַ בלאָנד קעפּל פון אַ קינד, וואָס האָט קוים דערגרייכט צום פענצטער־לייסטל, דאָס קעפּל איז אונטערגעשפּרונגען, ווי עס וואָלט וועלן אויך אַרויסקוקן אין דרויסן. קינדערישע הענטלעך האָבן זיך געהויבן אין דער הויך, זיך געריסן צו דער מאַמען. ווייזט אויס אַז דאָס קינד האָט זיך געבעטן ביי דער מאַמען זי זאָל עס אויף די הענט נעמען. בעת דאָס יינגעלע איז שוין געזעסן אויף דער פרויס הענט, האָבן זיך צוויי פנימער צוגעטוליעט צו זיך און זיך באַדעקט מיט קושן.

כ׳וויס אַליין נישט פון וואַנען איך בין אַזוי זיכער געווען ביי זיך, אַז דאָס איז אַ מאַמע מיט אַ קינד. זיי זענען אַבסאָלוט נישט געווען ענלעך צו זיך. דאָס יינגעלע איז געווען אַ העל־בלאָנד און די מאַמע האָט געהאַט קופּער־ברוינע האָר. אפשר זענען די האָר שוין גרוי, נאָר געפאַרבט אויף אַ קופּערנעם קאָליר? ס׳האָבן זיך אָנגעזען ביי דער פרוי בולטע סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט; נאָך איצט איז דאָס פנים געווען שיין. אָבער דער האַרבסט איז שוין געווען אויס־געגאָסן אויפן מידן פנים — און דאָס יינגעלע האָט מן־הסתם ערשט באַגעגנט דעם פערטן פרילינג. לויט די דאָזיקע סימנים זעט עס נישט אויס ס׳זאָל זיין אַ מאַמע מיט איר קינד.

בשעת די פרוי האָט גענומען רעדן עפּעס צום יינגעלע און דאָס מויל האָט זיך ביי איר שנעל באַוועגט, האָב איך זי מיט אַ מאָל דערקענט. דאָס בלוט האָט אָנגעהויבן האַסטיק צו ריזלען אין מיינע אברים און כ׳האָב דערפילט אַ ציטער, וואָס איז מיר אַדורך די חוט־השדרה. זאָל דאָס טאַקע זיין בלאַנקאַ? ווען איך האָב די פרוי געקענט, איז זי נאָך געווען אַ יונג מיידל — כמעט אַ קינד. דאָס איז געווען מיין ערשטע אויסטערלישע ליבע. בלאַנקאַ איז געווען בלויז אַ ביסל

עלטער פון מיר, אָבער אין מיינע אויגן האָט זי דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ רייפע פרוי. איך בין זיכער געווען, אַז זי האָט נישט געוואוסט אפילו אַז איך ליב זיך אין איר. זי האָט מיך באַהאַנדלט ווי איך וואָלט געווען אירס אַ קינד. דאָס מוטער־געפיל, וואָס האָט דערוואַכט אין איר אין די גאָר יונגע יאָרן, האָט זי אָנגעווענדט אויף מיר.

בלאַנקאַס פאָטער איז געווען אַ גוטס־באַזיצער און זייער הויף איז געווען נאָענט פון אונדזער שטעטל. מיין טאַטע איז געווען אַן איינגייער אינעם גוט, געמאַכט געשעפטן מיטן ידישן פריץ. ס'איז געווען פאַר מיר אַ גאַנצער יום־טוב, ווען מיין פאָטער האָט מיך מיט־גענומען מיט זיך צו זיי אין הויף. מיר זענען געפאָרן מיט אָקס, און שוין דאָס פאָרן אַליין איז געווען פאַר מיר אַ גאַנצע שמחה. ראשית, האָב איך דעם טאָג נישט געדאַרפט גיין נישט אין חדר און נישט אין דער שקאָלע; והשנית בין איך אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג געווען אין פעלד און אין וואַלד און זיך געפילט ווי אַ פרייער פויגל. דער טאַטע איז געווען פאַרנומען מיטן פריץ אין זיין קאַנצעליי, וואו עס האָט געקרעלט אין האַלדז דער האַרבער ריח פון די ציגאַרן, וואָס ער פלעגט רויכערן און מכבד געווען מיט זיי מיין פאָטער.

דער יידישער פריץ האָט ליב געהאַט זיין בת־יחידה ווי דאָס לעבן און איר געלאָזט טאָן וואָס איר האַרץ האָט געוואָלט. איז בלאַנקאַ געוואַקסן אַ ווילד, צעלאָזן מיידל. זי איז אַרומגעלאָפן שטענדיק מיט לאַנגע צעלאָזטע האָר, וואָס האָבן געפלאַטערט אין ווינט. דאָ איז זי געווען אין די שטאַלן, דאָ האָט זי זיך געיאָגט נאָך די קאַטשקעס און גענדז, וואָס האָבן דערשראָקן געגאַדערט, זיך אין בהלה צעפלויגן אין אַלע זייטן און איבערגעלאָזט אין חלל ווייסע פעדערן, ווי ציטערנ־דיקע שנייעלעך. כאָטש זי איז נאָך געווען זייער יונג, איז זי שוין אַרומגעגאַנגען מיט די שקצים פון דאָרף און אפילו מיט די פּאַראָב־קעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין הויף.

בעת בלאַנקאַ האָט מיך דערזען אינעם גוט, איז זי געווען מלא־שמחה. זי האָט מיך באַלד אָנגעכאַפּט און מיך קודם־כל אַריינגעפירט אין שטאַל, וואו עס האָבן זיך געצויגן צוויי לאַנגע שורות מיט פערד, אויסגעדרייט מיט די גלאַנציק־אָפּגעפּוצטע זאַדקעס צום אַדורכגאַנג. ס'איז דאָ אויפגעגאַנגען דער ריח פון פערדישער צואה, פון שוויס און פון האָבער, וואָס איז געלעגן אין די לאַנגע זשלויבעס. די פערד האָבן אומרואיק געקאָפּעט די ערד מיט באַפּאָדקעוועטע פיס, געשמיסן מיט די ווידלעך. אַז זיי האָבן אונדז דערפילט, האָבן זיי אויסגעדרייט די

שלאַנקע גלאַנציקע העלדזער און געקוקט אויף אונדז מיט גוטע טרויע־ריקע אויגן. בלאַנקאַ האָט מיך געצוואונגען אַרויפּרייטן אויף אַ פערד, כאָטש דאָס חיות איז מיר אויסגעגאַנגען פון שרעק.

שפּעטער האָט מיך בלאַנקאַ געשלעפּט אין וואַלד, וואו זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט מיר צו שפּילן אויף אַ משונהדיקן אופן. זי האָט אין וואַלד געהאַט שטיין אַ הייזעלע, געמאַכט פון צווייגן. אין דעם הייזעלע האָט זי מיך אַריינגעפירט און זיך מיט מיר געשפּילט „מאַמע און קינד". זי האָט מיך געצוואונגען אַוועקצולייגן זיך אויף עטלעכע אויסגעבעטע צווייגן און איך האָב געדאַרפט זיין דאָס קראַנקע קינד און זי די איבערגעגעבענע מאַמע. זי האָט אַליין פון פאַרשידענע קרייטעכצער צוזאַמענגעשטעלט רפואות און מיר באַפוילן איך זאָל זיי איינגעמען. טאָמער האָב איך נישט געוואָלט, האָט זי מיר געגעבן עטלעכע פּעטשעלעך איבער די הענט, פונקט אויף דעם שטייגער ווי די מאַמע האָט עס געטאָן מיט איר. איר האַרטלעך קול איז געוואָרן פּיעשטשענדיק־ווייך:

— אַ מאַמען דאַרף מען האַרצן, זונעלע... אַ מאַמען מוז מען האַרצן...

אָבער אַז איך האָב איינגענומען די רפואות, איז זי געווען אין זיבעטן הימל. זי האָט מיך דעמאָלט ווילד געטוליעט צו זיך, מיך געהאַלדזט און געקושט. פון אירע שיינע, פולע, אַ ביסל פלײשיקע ליפּן זענען מיר געבליבן נאַסע פלעקן אויפן פּנים. איך האָב ליב געהאַט צו פילן סיי אירע פייכטע קושן, סיי אירע פּעטשעלעך, וואָס האָבן מיר וויי געטאָן. אירע פייניקונגען זענען מיר געווען ניחא. איך האָב באַגערט זי זאָל מיך וואָס שטאַרקער טוליען צו זיך. ס'איז מיר הייס געוואָרן אויפן גאַנצן לייב אַז איך האָב דערשפּירט אירע קליינע ברוסטן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט פון איר געבלימט ציצן קליידל.

זאָל די פּרוי אינעם פענצטער זיין די בלאַנקאַ, וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט אין מיינע יינגלערישע יאָרן? צי קאָן דאָס געמאָלט זיין? איך האָב גאָרנישט געוואוסט אַז זי איז אין אויסטראַליע. איך האָב געהערט אַז בעת דער מלחמה איז זי געווען אין פּוילן. זאָל דאָס פלאַקסן־האָריקע יינגעלע, וואָס שטייט מיט איר אין פענצטער, זיין איר קינד? זי האָט געדאַרפט שוין האָבן אַזעלכע אייניקלעך ווי דאָס קינד איז... אויב דאָס יינגעלע איז טאַקע אירס, האָט זי היינט וועמען צו צערטלען און אַרויסצווייזן איר מאַמעשע ליבע... מיך האָט זי פאַרפייניקט מיט אירע צערטלעכקייטן, כמעט אַ גאַנצן טאָג מיך גע־

האַלטן אין דעם הייזעלע אין וואַלד. אַז מיר האָבן זיך אומגעקערט אין גוט, האָט מיך שוין דער טאַטע אַרומגעזוכט. איר מאַמע איז געשטאַנען אויפן שוועל פון דעם גרויסן פּריצישן הויז און אויסגעקוקט די טאָכ־טער. דער טאַטע האָט מיך געהייסן איך זאָל בלאַנקאַס מוטער קושן אין דער האַנט ביים געזעגענען, וואָס איך האָב נישט געוואָלט. איך האָב זיך געשעמט, און פון אירע הענט האָט זיך געטראָגן אַ ווייבעריש־קרענקלעכער ריח, וואָס האָט געשלאָגן צו דער נאָז. ס׳איז מיר בעת־מעשה איינגעפאַלן, צי פון בלאַנקאַס הענט וועט זיך אויך פילן אַזאַ קרענקלעכער ריח, ווען איך וועל מיט איר חתונה האָבן...

נאָך דעם ווי איך האָב באַמערקט שטיין אין פענצטער בלאַנקאַן מיט דעם קליינעם יינגעלע, האָב איך כמעט פאַרגעסן אַז איך בין גע־קומען קיין סידנעי אויף אַ פאָרלעזונג — און מיין קאָפּ איז געווען פול מיט דער דאָזיקער געשעעניש. דאָס טרעפט זיך נישט יעדן טאָג... אפשר האָב איך אַ טעות? ס׳קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אַז דאָס איז געווען בלויז אַן אויסדאַכטעניש... בלאַנקאַ איז שוין מער אין פענצטער נישט געשטאַנען און איך האָב אַלע פּאָר רגעס אַרויסגעקוקט אין דרויסן טאָמער וועט זי זיך נאָך אַ מאָל באַווייזן. אָבער זי האָט זיך מער נישט באַוויזן, און דאָרט וואו זי איז ערשט געשטאַנען, איז געהאָנגען אַ ווייסער פוירהאַנג, וואָס האָט צו מיר אַזוי גלייכגילטיק אַריבערגעקוקט. איך האָב נאָך געטראַכט וועגן דעם אַז עס וואָלט געווען כדאי אויסצוזוכן די וואוינונג, וואו בלאַנקאַ געפינט זיך און אפשר גאָר פרעגן די שכנים אויף איר — אָבער איך האָב צום סוף דאָס אַלץ אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. איך האָב צו מיר געזאָגט, אַז דאָס איז בלויז געווען עפּעס אַ חלום. אַ פּראָדוקט פון מיינע שוואַכע נערוון — און איך האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך אין דעם צו פאַרגעסן.

פון דעסטוועגן האָב איך ווייטער אַלע פּאָר מינוט אַרויסגעקוקט אין דרויסן, צי ס׳באַווייזט זיך נישט די פרוי אין פענצטער. די פרוי האָט זיך אין פענצטער מער נישט באַוויזן, אָבער איך האָב זי דערזען אין הויף. איך וואָלט זי מסתמא נישט דערקענט, ווען נישט דאָס יינגעלע, וואָס האָט זיך אָנגעהאַלטן אין איר מאַנטל. זי האָט דאָס יינגעלע אַריינגעזעצט אין אַ קינדער־וועגעלע און זיך געקליבן אַרויס־צופאָרן אויף דער גאַס. זי האָט איצט אין גאַנצן אַנדערש אויסגעזען ווי פריער. אפשר האָט דער מאַנטל און דאָס טיכל אויפן קאָפּ, זי אַזוי פאַרענדערט. ס׳איז געווען אום ווינטער און סיי זי און סיי דאָס קינד זענען געווען אָנגעפּעלצט. אָבער איר צעוווירענע פיגור און די דיקע

פיס האָבן לחלוטין נישט דערמאָנט די בלאַנקאַ פון אַמאָל, וואָס איז געווען בויגעוודיק־דין, ווי אַ וויטקע...

איך האָב אַ כאַפּ געטאָן דעם מאַנטל און שנעל אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס. ווען איך האָב אָנגעיאָגט די מאַמע מיטן קינד, האָב איך פאַרלאַנגזאַמט מיינע טריט. איך בין זיי פּאַוואָליע נאָכגעגאַנגען, מיט נערוועזע פינגער אַרויסגענומען אַ ציגאַרעט און זיך טיף פאַרצויגן. פון צייט צו צייט האָט זיך דאָס וועגעלע אָפּגעשטעלט און די מאַמע האָט עפּעסביים קינד פאַרראָכטן און עס בעת־מעשה שטאַרק געקושט. צום סוף האָט זי דאָס ייִנגעלע געלאָזט פריי און עס האָט געשפּרייזט לעבן איר מיט שטאָלצקייט. אַלע מאָל האָט עס געטייטלט מיט אַ פינ־גער אויף עפּעס אַנדערש, געפרעגט וואָס דאָס איז. איך האָב אָנגע־הויבן צו מיר צו רעדן און איבערגעחזרט כסדר דעם נאָמען בלאַנקאַ. די פרוי האָט אָבער גאָר נישט געהערט. זי האָט בלויז אָנגעהויבן גיכער צו שפּרייזן. זי האָט זיך נישט געפילט באַקוועם צוליב דעם וואָס עס איז איר נאָכגעגאַנגען אַ פרעמדער מאַנספּאַרשוין.

די מאַמע מיטן קינד זענען אַריין אין אַ פּאַרק, געזוכט אַ ליידיקע באַנק און זיך אַוועקגעזעצט. סוף־כל־סוף האָב איך באַשלאָסן צוצוגיין צו דער פרוי און זי פרעגן, צי זי געדענקט מיך. ווי נאָר איך בין צו איר צוגעגאַנגען, האָט זי מיך באַלד דערקענט. זי האָט זיך מיר אַרויפגעוואָרפן אויפן האַלדז און מיך אָנגעהויבן צו קושן. בשעת־מעשה האָט זי געמורמלט ווי צו זיך אין פּויליש:

— דאָס ביסטו הערצוש? דאָס ביסטו? וויפיל צייט איז שוין אַוועק זינט מיר האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל געזען? וויפיל צרות מיר האָבן זיך דאָס אָנגעליטן! כ'האָב דיך באַלד דערקענט... ס'זענען ביי דיר געבליבן די ייִנגלערישע שטריכן...

איך בין געבליבן שטיין אַ ביסל פאַרשעמט, נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. צי זאָל איך זי אויך אַרומנעמען און קושן? פון דער פאַר־לעגנהייט האָט מיך אַרויסגענומען דאָס קינד, וואָס האָט געריסן די מאַמען ביי די פּאָלעס און געפרעגט ווער איך בין.

— אַן אָנקל פון פוילן... פון פּאָלאַנד... — האָט בלאַנקאַ צו פאַרשטיין געגעבן דעם ייִנגעלע און זי האָט זיך ווייטער אַרויפגע־וואָרפן אויף מיר און מיך געקושט.

בעת מיר זענען שוין געזעסן אויף דער באַנק און זיך דערציילט פון אונדזערע איבערלעבענישן די לעצטע יאָרן, האָב איך נישט אַראָפּ־געלאָזט אַן אויג פון בלאַנקאַן. דעם אמת געזאָגט, האָב איך געשוויגן

און זי האָט די גאַנצע צייט דערציילט — און זי האָט געהאַט וואָס צו דערציילן. בשעתן רעדן האָט זיך דאָס פּולע, שיינע, אַ ביסל צו דיקע מויל שנעל באַוועגט און זי האָט אויסגעזען יונג. דאָס קינד האָט זי צו רו געלאָזט, זיך געשפּילט מיט אַ קליינעם פּעמפּיק, וואָס איז אויך געקומען אין גאָרטן מיט זיין מאַמען. פון בלאַנקאַס מויל האָבן זיך געשאָטן די ווערטער אָן אַן אָפּשטעל. זיי זענען געפאַלן מיט אַ כּוח, ווי דער שטראָם פון אַ וואַסער־פאַל. אַמאָליקע יאָרן פלעגט זי אויך רעדן מיט אַזוי פיל טעמפּעראַמענט. היינט איז דאָס קול געוואָרן ביי איר הייזעריקער און גרעבער. אירע באַוועגונגען זענען נאָך אַלץ געווען אַ ביסל ווילד און נישט קאָנטראָלירט, ווי אין די מיידלערישע יאָרן. ס'איז אויפגעגאַנגען פון איר אַ וואַרעמקייט. בשעת זי האָט געהאַלטן אין דערציילן, האָב איך זיך נישט געקאָנט העלפן און זיך כּסדר געזען אין אירע מיידלערישע אָרעמס מיט יאָרן צוריק אין זייער גוט.

— דאָס גוט האָבן די דייטשן צעראַבעוועט! דעם טאַטן און די מאַמען אַוועקגעשיקט אין לאַגער! מער האָב'ך פון זיי נישט געהערט...
— האָט זי זיך געווישט די הייסע טרערן, וואָס זענען געפלאָסן פון אירע גרויסע רויט־אַרומגעזוימטע אויגן — אויך פון מיין מאַן האָב'ך מער נישט געהערט... זינט דעמאָלט איז ער פאַרפאַלן געוואָרן ווי אַ שטיין אין וואַסער... כ'האָב אים אַרומגעזוכט, זיך נאָכגעפרעגט אויף אים, אָבער אָן שום פּעולה... באַזשע... באַזשע... וואָס פאַר אַ שרעק־לעכע צייטן דאָס זענען געווען!

בלאַנקאַ האָט גערעדט אַ מיש־מאַש פון שפּראַכן: פּויליש, ענגליש און אַ ביסל יידיש, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אויף אירע נע־ונד־יאָרן און אין די לאַגערן. בעתן רעדן האָט זי זיך אָפט פאַרכלינעט. כ'האָב אויך געוואָלט אַריינוואַרפן אַ וואָרט, זי עפּעס פרעגן, אָבער זי האָט זיך נישט צוגעהערט צו מיר, און אַליין ווייטער דערציילט:

— ווען מען האָט צוגענומען מיינע עלטערן, בין איך געווען באַהאַלטן ביי אַ פאַראָבעק, וואָס האָט געאַרבעט אין הויף. אַ האַלב יאָר צייט האָט ער מיך געהאַלטן פאַרשטעקט אונטערן שטרוי אין סטאָדאָלע, געברענגט מיר צו עסן און צו טרינקען. אָבער אין איין נאַכט האָב איך דערפילט אין שלאָף, אַז עס ליגט ווער לעבן מיר... כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט און דערקענט דעם פאַראָבעק. ער האָט גע־שטופּט זיין שטעכיקע באַוואָקסענע גאָמבע צו מיין פּנים און מיט גראָבע קלעצערדיקע פינגער געקראָכן איבער מיין לייב. שרייען האָב

איך מורא געהאַט. האָב איך מיט די לעצטע כוחות זיך געראַנגלט און אים אָפּגעשטופּט פון זיך. אָבער ער האָט נישט אָפּגעלאָזט, ווייטער געשטופּט מיר צום פּנים זיין מאָרדע און געאָטעמט אויף מיר מיט דעם ריח פון מאַכאָרקע. אַז ער האָט אָנגעהויבן צו רייסן פון מיר דאָס קלייד, האָב איך זיך קוים אָפּגעבעטן ביי אים ער זאָל וואַרטן ביז מאָרגן... מאָרגן ביינאַכט וועל'ך אים צולאָזן צו זיך... נאָך די זעלבע נאַכט בין איך אַנטלאָפן פון דאָרף... פון מיין ביסל אָרעמקייט האָב איך געמאַכט אַ טלומיקל און זיך אַרויסגעגנבעט פון שייער. ס'האָט געגאָסן ווי מיט צעבערס, הינט האָבן זיך געריסן פון די קייטן, רוגזהדיק געבילט, געוואָיעט, און איך האָב זיך אַ פּיטש־נאַסע, געגנבעט צווישן די בלינדע, פינצטערע כאַטעס... כ'האָב זיך געזעגנט אויף אייביק מיט אונדזער גוט...

בלאַנקאַ האָט דערציילט מיט אַ סך פּרטים. פון אירע אויגן האָבן זיך אַלץ געגאָסן די טרערן, וואָס האָבן געפּאָרעט פון היץ. כ'האָב זיך ווידער געוואָלט אַריינמישן, עפּעס פרעגן, אָבער זי האָט נישט געלאָזט. איך האָב געדענקט אַז כ'דאַרף זיך טרעפן מיט די חברים אין דער דירה, וואָס זיי האָבן פאַר מיר באַזאָרגט, נאָר איר דערציילן האָט מיך אַזוי פאַרכאַפּט, אַז כ'האָב אין אַלץ פאַרגעסן. איך האָב געהאַט גרויס רחמנות אויף איר, געוואָלט איר דאָס אַרויסווייזן און נישט געוואוסט ווי אַזוי. האָב איך געשוויגן, זיך איינגעהערט אין דעם וואָס זי האָט ווייטער דערציילט:

— באָזשע... מאָי באָזשע... — האָט זי געמורמלט שטיל און מער זיך נישט געוואָנדן צו מיר, גלייך זי וואָלט אין מיר פאַרגעסן — אַ גאַנצע נאַכט בין איך געגאַנגען אין רעגן, זיך געגליטשט אין די קאַלוזשעס וואַסער, ביז כ'בין אומגעפאַלן און זיך נישט געקענט מער אויפהייבן. כ'בין געווען נישט ביים באַוואוסטזיין. געלעגן אין אַ הינער־פּלעט, כאָטש איך האָב געפילט אַז איך געפין זיך לעבן אַ טייך און דאָס וואַסער קען מיך אַ ליאַדע מינוט מיטשלעפּן... דער קאָפּ איז געווען ביי מיר אַזוי שווער, פון דעסטוועגן זענען דערגאַנגען צו מיר די גבורהדיקע קלעפּ פון די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אינעם ברעג. כ'האָב פאַרשטאַנען אַז דער סוף איז נאָענט, געוואָלט שרייען, אָבער כ'האָב נישט געקענט אויפמאַכן דאָס מויל. הגם איך האָב פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין, האָב איך געוואוסט אַז כ'טאָר נישט שרייען.

אויך איצט אינעם פּאַרק, איז ביי בלאַנקאַן פאַרהאַקט געוואָרן

דאָס מויל און זי האָט נישט געקאָנט מער גאָרנישט אַרויסבאַקומען פון זיך. איך האָב זי לייכט אַרומגענומען און צוגעטוליעט צו זיך. איך האָב פאַרשטאַנען אַז מיט ווערטער וועל איך זי נישט קאָנען איינ־נעמען. וואָס פאַר אַ באַדייט קאָנען דאָ ווערטער האָבן? בעת איך האָב געהאַלטן בלאַנקאַן אין מיינע אָרעמס און דערפילט דעם וואַרעמען אָטעם פון איר לייב, האָב איך זיך מיט אַ מאָל אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז כ׳בין נאָך אַלץ נישט גלייכגילטיק צו איר.

בלאַנקאַ איז אַ לאַנגע צייט געזעסן און נישט אַרויסגעבררענגט קיין וואָרט פון זיך. כ׳האָב געזען ווי די ווערטער האָבן זיך ביי איר געזאַמלט אינעווייניק, נאָר זי האָט זיי נישט אַרויסגעבררענגט פון מויל. זי האָט מיך לאַנג אָנגעקוקט מיט גלאָזיק־פאַרטרערטע אויגן; ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי זי וואָלט מיך נישט געזען. אָבער פּלוצים האָט זי אַ געשריי געטאָן:

— אָך, גאָט... באָזשע... ווי דו ביסט ענלעך צו זיך ווי דו האָסט אויסגעזען קליינערהייט! דער זעלבער הערצוש! די זעלבע אויגן... די זעלבע גאָמבע... די זעלבע באַוועגונגען מיטן פּנים און מיט די הענט... דו האָסט דיך אַזוי ווייניק געביטן...

איך האָב נישט געענטפערט, זיך דערפילט נישט באַקוועם. ראשית, האָב איך איר נישט געקאָנט זאָגן אַז זי האָט זיך אויך נישט געענדערט, וואָרים זי האָט זיך היפּשלעך געעלטערט; והשנית, האָב איך געזען אַז זי באַציט זיך צו מיר נאָך אַלץ ווי כ׳וואָלט געווען אַ קינד — און דאָס האָט מיך אַ טראָפּעלע באַליידיקט.

בלאַנקאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען רופן דאָס קינד. זי האָט לאַנג געמוזט רופן ביז דאָס יינגעלע האָט זיך אָפּגעריסן פונעם חבר און צוגעקומען צו איר מיט פאַרווייינטע אויגן.

— קום, הערצוש... מיר וועלן אַהיים גיין — האָט זיך בלאַנקאַ געוואָנדן צו מיר און בעת־מעשה אָנגענומען דאָס יינגל ביים הענטל — מיין מאַן קומט באַלד צוריק פון דער אַרבעט און כ׳דאַרף עפּעס אָפּ־קאָכן. ווען זאָגסטו דאַרפסטו האַלטן דעם רעפעראַט? כ׳וויל זאָלסט צוקומען צו אונדז...

מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען איבער דער גאַס. דאָס יינגל וואָס האָט לכתחילה געשטופּט אַליין דאָס וועגעלע, האָט אויפגעהויבן אויף מיר זיינע גרויע אויגן און דערלאַנגט מיר דאָס הענטל.

— גיב מיר די האַנט, אָנקל — האָט דאָס יינגל זיך אָנגערופן

מיט דרייסטקייט און האָט געשפּאַנט צווישן מיר און בלאַנקאַן מיט זיכערע טריט.

מיר האָבן בעתן גייען ווייניק גערעדט. בלויז דאָס יינגל האָט, פּונקט ווי אויפן וועג צום פּאַרק, כסדר אָנגעוויזן אויף עפּעס אַנדערש און געפרעגט וואָס דאָס איז. איך האָב נאָכגעטראַכט פאַר וואָס בלאַנקאַ האָט איבערגעריסן דאָס דערציילן און זי גיט אפילו נישט אָנצוהערן, אַז זי וועט נאָך שפּעטער ממשיך זיין. עס איז זיכער מיט איר געשען עפּעס אַזוינס, וואָס זי האָט נישט קיין כוח צו ברענגען פאַרן מויל... דאָס קינד זעט נישט אויס עס זאָל זיין אירס... אין אירע יאָרן האָט זי נישט געקענט האָבן אַזאַ קליין קינד... מיט אַ מאָל האָט זיך דאָס יינגל אַרויסגעריסן פון אונדזערע הענט און געבעטן ביי מיר געלט, ווייל ער וויל אַ ביסל רייטן אויפן שאָקל־פערד, וואָס איז געשטאַנען פאַר אַ „גראָסערי"־געשעפט.

— ניין, מען דאַרף נישט! — האָט בלאַנקאַ געזאָגט מיט אַ באַ־פעלנדיק קול — וויפיל מאָל האָב איך דיר געזאָגט זאָלסט נישט בעטן קיין געלט ביי פרעמדע!

— אַן אָנקל איז נישט קיין פרעמדער — האָט דאָס יינגל פלוּ־צים אָנגעהויבן צו רעדן אַ ביסל שטומפּיק, וואָס האָט אים צוגעגעבן חן.

בלאַנקאַ האָט געגעבן דעם זונדל עטלעכע פּעניס און ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן שאָקל־פערד. דאָס שאָקל־פערד איז געשטאַ־נען פאַרן געוועלב, כדי די מאַמעס, וואָס וועלן אַריינגיין איינקויפן, זאָלן האָבן מיט וואָס צו פאַרשפּילן די קינדער.

— דו חידושט זיך נישט פון וואַנען ס'קומט צו מיר אַזאַ קליין קינד? — האָט בלאַנקאַ מיך שאַרף אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע אויגן.

איך בין אַ ביסל געבליבן צעטומלט פון איר אומגעריכטן פרעג. לעולם האָב איך זי שוין לאַנג געוואָלט דאָס פרעגן, אָבער כ'האָב זיך געטראַכט אַז דאָס וועט נישט זיין דעליקאַט פון מיר. איך האָב נישט געהאַט די דרייסטקייט אַריינצוקריכן יענעם אין דער נשמה. אַז בלאַנקאַ זאָל אַליין פלוצים אַרויסקומען מיט דעם — האָב איך זיך נישט פאַרגעשטעלט.

— כ'האָב דיך געוואָלט פרעגן — האָב איך געשטאַמלט, נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן — און אפשר איז דאָס טאַקע דיין קינד? דו ביסט נאָך נישט אַלט...

— נאָר זיי נישט צו פיל דזשענטלמען... פּראָווע מיר נישט קיין קאָמפּלימענטן — האָט זיך אויף איר אויסגעמאַטערט פּנים צעגאָסן

אַ שמייכל און כ׳האָב געזען, אַז זי איז פון דעסטוועגן צופרידן פון מיין קאָמפּלימענט.

— דאָס קינד איז נישט מיינס... — האָט בלאַנקאַ מיך אָנגענו־מען אונטערן אָרעם — איך וועל דיר דערציילן פון וואַנען עס קומט צו מיר... אָבער קודם־כל מוזטו מיר זאָגן, הערצוש, צי דו ביסט צופרידן דאָ, אין אויסטראַליע? צי האָסטו הי חתונה געהאַט, צי נאָך אין פוילן? דו מוזט אַריינגיין צו מיר... די חברים דיינע וועלן דיר נישט אַנטלויפן! וועסט דיך נאָך קענען צוגרייטן צו דיין פאַרלעזונג...

כ׳האָב צוגעזאָגט בלאַנקאַן אַריינצוגיין — און טאַקע באַלד איצט. זי האָט דאָך מיך דערמאָנט אין מיינע קינדער־יאָרן, אינעם שטעטל, צוריקגעבערענגט צו מיר אַזוי פיל זכרונות פון אַמאָל. כ׳האָב געוואָלט וויסן וואָס איז געשען מיט איר נאָך דעם ווי זי איז געבליבן ליגן אַן באַוואוסטזיין אין די קאַלוזשעס וואַסער לעבן טייך. כ׳האָב געוואָלט וויסן וועמענס קינד דאָס איז... בשעת בלאַנקאַ האָט דער־הערט אַז כ׳גיי אַריין צו זיי, האָט זי מיך אַרומגעכאַפּט און מיר אַ קוש געטאָן אין מיטן גאַס. מיט איין האַנט האָט זי געשטופּט דאָס קינדער־וועגעלע און מיט דער צווייטער האָט זי מיך געהאַלטן שטאַרק ביים אָרעם.

— מיין מאַן פאַרשטייט מיך נישט... — האָט זי געזאָגט — מיר זענען כלל נישט קיין צוגעפּאַסטע פּאָר. ער איז אַ שווייגער, נעמט אַלץ אויף אין לעבן אַזוי פּשוט... וועסט אים באַלד באַקענען, וועסט אַליין זען. דאָס איז מיין צווייטער מאַן... מיר האָבן זיך באַ־קענט נאָך דער מלחמה אין אַ לאַגער אין דייטשלאַנד. דעמאָלט זענען צושטאַנד געקומען גענוג נישט קיין צוגעפּאַסטע שידוכים... די קאַ־צעטלער האָבן זיך געריסן חתונה צו האָבן, ווי זיי וואָלטן געפילט, אַז זיי דאַרפן ברענגען אַ נייעם דור אויף דער וועלט... איך בין אַריינגעפאַלן צו די דייטשן באַלד נאָך דעם ווי מען האָט מיך געפונען ליגן אין די קאַלוזשעס לעבן טייך... אַז כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט פון הינער־פּלעט בין איך שוין געווען ביי די רוצחים אין די הענט... אַלץ איז געהאַנגען אויף מיר... פון שרעק האָב איך געוויינט און גע־מאַכט שרעקלעכע קולות... אָבער די דייטשן האָבן מיר פאַרמאַכט דאָס מויל.. זינט דעמאָלט בין איך געבליבן שטיל... כ׳בין געווען שטיל ווען די דייטשן האָבן מיך צוזאַמען מיט די יידן פון דיין שטעטל געפירט אין לאַגער... כ׳בין געווען שטיל, ווען זיי האָבן געמאַכט אויף מיר פאַרשידענע עקספּערימענטן... אַדורכגעפירט ביי מיר אָפּעראַ־

ציעס, אַזוי אַז כ'האָב שוין מער קיין קינדער נישט געקענט האָבן...

בלאַנקאַ האָט זיך צעהעשעט אויפן קול. איך האָב געפילט ווי דאָס בלוט ווערט מיר געזעצט און די הויט אויפן לייב הייבט זיך אָן צו רונצלען. בלאַנקאַ האָט זיך געטוליעט צו מיר, זיך געטרייסלט ווי פון אַ שטאַרקער קעלט. איך האָב זי געגלעט, זיך געבעטן ביי איר:

— דערצייל מיר גאָרנישט מער! כ'וויל נישט הערן... ס'טוט דיר ווי זיך צו דערמאָנען דאָס אַלץ... וואָס טויג עס דיר?! שוויג, בלאַנקאַ, שוויג...

— ניין, כ'וועל נישט שוויגן! כ'וועל נישט! כ'מוז דיר אַלץ דערציילן! דו ביסט מיר אַזוי נאָענט, ווי כ'וואָלט געטראָפן מיינס אַ קרוב. דו דערמאָנסט מיך אין דער היים! זיי מיר מוחל וואָס איך מוטשע דיך... — האָט בלאַנקאַ געזאָגט מיט אַ סך עקשנות, גלייך זי וואָלט ווערמען אָפּגעטאָן אויף להכעיס — פאַר מיין מאַן האָב איך נישט אַנטפּלעקט מיין סוד. כ'האָב געמאַכט אַ שוויג. אָבער דאָס געוויסן האָט מיך געפּייניקט. אפשר האָב איך אים געדאַרפט פאַר דער חתונה אַלץ דערציילן. ערשט נאָך דער חתונה, ווען ער האָט געוואָלט האָבן קינדער, האָב איך אים אַלץ געזאָגט... כ'האָב אים געגעבן אָנצו־הערן, אַז אויב ער וויל, קען ער מיך פאַרלאָזן... אָבער ער איז פון מיר נישט אַוועק, כאָטש ס'האָט אים אינעווייניק געגאָגט אַ וואָרעם... ער האָט זיך געפילט באַעוולט און מיר נישט געקענט אַזוי שנעל פאַר־געבן... עס האָט אים שטענדיק עפּעס געפעלט און ער איז געווען נישט צופרידן, כאָטש איך בין אַ פרוי ווי אַלע פרויען... ביסלעכוויז האָט ער געמאַכט שלום מיט אַלץ און מיר האָבן אַדאָפּטירט אַ קינד... דער בחורעץ איז נאָך געווען אַ זויג־קינד, ווען מיר האָבן אים אַרויס־גענומען פון אַ פינדל־הויז דאָ הי...

מיר זענען שוין געשטאַנען פאַר איר דירה. איך האָב געוואָלט אַ קוק טאָן, צי מיינע חברים זענען געקומען צו מיר, אָבער כ'האָב עס איבערגעלאָזט אויף שפּעטער. כ'האָב באַשלאָסן צו ענדערן די טעמע פון מיין רעפּעראַט נאָך דעם ווי כ'האָב געטראָפן בלאַנקאַן. אַלץ האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַזוי נישטיק אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס זי האָט געליטן. פאַרן אויפשליסן די טיר, האָט זיך בלאַנקאַ ווידער מיט מיר אַרומגעכאַפּט און נאָכאַנאַנד איבערגעחזרט מיט איר הייזעריק הייס קול:

— כ'בין אַזוי צופרידן וואָס כ'האָב דיך געטראָפן, הערצוש...

דאָס ביסטו טאַקע?!... באַזשע קאָכאַני, וואָס עס קען זיך אַלץ טרעפֿן אין לעבן...

אַז מיר זענען אַריין אין שטוב, איז שוין דער מאַן געווען און ער האָט זיך דערפרייט מיטן יינגל וואָס האָט זיך אַרויפגעזעצט רייטן אויף זיינע אַקסלען. ווי ס'האָט אויסגעזען איז ער פון מיין וויזיט נישט געווען שטאַרק צופרידן, הגם ער האָט מיך פאַרבעטן צום עסן. ווען בלאַנקאַ האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר אים, האָט ער אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען:

— אויך אַ גאַליציאַנער?... פון מיין ווייבס מקומות?...

— אויך אַ גאַליציאַנער... — האָב איך באַשטעטיקט און זיך געפילט ווי עפּעס שולדיק.

ער האָט לאַנג נישט באַלעמוטשעט מיט אונדז, נאָכן עסן געלייענט די צייטונג, זיך פאַרנומען מיטן קינד און זיך באַלד געגאַנגען לייגן שלאָפן. ער האָט דאָס יינגל אַריינגענומען צו זיך אין בעט, כדי זיך מיט אים אַ ביסל צו שפּילן.

— אַזוי פירט ער זיך, ווען ס'איז דאָ אַ גאַסט, און אוודאי ווען מיר זענען אַליין אין שטוב... — האָט זיך בלאַנקאַ באַלד צוגעזעצט צו מיר נאָך דעם ווי זי האָט געוואַשן דאָס געשיר. — ער האָט זיך באַלד צוגעוואוינט צום קינד. און איך, כאָטש כ'האָב געבענקט נאָך אַ קינד, קען איך אַלץ נישט צוגעוויינען זיך צום יינגל... כ'קען זיך נישט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז ער איז נישט מיינער... אַז ס'האָט אים געהאַט אַ מאַמע, וואָס האָט געליטן, ווען זי האָט אים געבוירן... ס'דאַכט זיך מיר, אַז אַ ליאַדע טאָג קען זי אַריינקומען צו מיר און אָפּנעמען ביי מיר איר יינגעלע.. זי קען נאָך האָבן אַ פּרעטענזיע צו מיר... כ'מאָל זיך אויס ווי די מאַמע פון יינגל זעט אויס... ס'איז דאָך זיכער אַ גויאישע מאַמע... אַן אויסטראַליערין... אַ מאָל איז מיך נישט אָנגעגאַנגען, צי ס'איז ווער אַ גוי, צי אַ ייד... אָבער היינט גייט עס מיך שטאַרק אָן! מען האָט אונדז אַזוי געפּייניקט, אַזוי דערנידעריקט! ס'אַרט מיך וואָס כ'דערצי ביי מיר אַ גויִיש יינגל. ווען ער וועט אויס־וואַקסן און געוואויר ווערן דעם אמת, קען ער האָבן נאָך צו מיר אַ גאַנצע טענה... זיך אָפּשאָקלען פון דער יידישער מאַמע, וואָס האָט אים דערצויגן... ער קען מיר נאָך זאָגן: דזשו...

— דו טרייבסט איבער, בלאַנקאַ!... דו ביסט היפּערעמפּינדלעך... ס'קאָן נאָך ביי דיר ווערן אַ קאָמפּלעקס... — האָב איך אַריינגעוואָרפן די פּאָר ווערטער.

— ס׳איז נישט אמת... דו ווייסט אַליין אַז כ׳בין געדעכט, הערצוש... צווייטנס בין איך שוין צו אַלט צו האָבן אַזאַ קינד... יעדער זעט דאָס. כ׳האָב זיך לעצטנס זייער געעלטערט... די מאַמע פונעם קינד מוז נאָך זיין זייער יונג... יונג און שיין! זי האָט עס זיכער געמוזט האָבן פאַר דער חתונה און דורך דעם האָט זי עס אַוועקגע־געבן. מעגלעך איבערגעלאָזט אויף דער גאַס ווי עפּעס אַ פּעקל. און אפשר האָט דאָס קינד עלטערן, וואָס האָבן עס געמוזט אַוועקגעבן, ווייל זיי האָבן עס נישט געקענט שפּייזן. ס׳קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז דער מאַן האָט פאַרלאָזט דאָס ווייב און זי האָט נישט געהאַט וואו אַהינצוטאָן דאָס עופהלע און עס געמוזט אונטערוואַרפן. איצט האָט זי חרטה דערויף. בעת איך פריי זיך מיטן קינד, זיצט ערגעץ די מאַמע אין איינזאַמקייט און פאַרגיסט טרערן פון בענקשאַפט נאָך איר עופהלע... וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך צו דעם קינד? איך האָב גאָרנישט געליטן, ווען ס׳איז געבוירן געוואָרן!...

— דו טרייבסט איבער, בלאַנקאַ, פאַרגעס פון דעם אַלעמען... אַ פרוי וואָס דערציט אַ קינד, קען אַ מאָל זיין אַ בעסערע מאַמע פון דער געווינעריך...

— און אַז דאָס יינגל איז אַ גוי פון דעם זאָל איך מיך אויך נישט איבערנעמען? אפשר איז גאָר דער פאָטער פונעם קינד געווען אַ באַנדיט? דאָס קען זיך נאָך ביי דעם קליינעם אָפּרופן, ווען ער וועט אונטערוואַקסן! אַ סך מאָל, ווען כ׳צערטל מיין אַדאָפּטירט זונדל, קוק איך אים אַריין אין די אויגן, כ׳באַקוק זיינע הענטלעך, זיינע פיסלעך און כ׳וויל פון דעם עפּעס אַרויסלייענען, אַנטפּלעקן דעם סוד, וואָס איז פאַר מיר פאַרבאָרגן. כ׳האָב דעם קליינעם געוואָלט אַ נאָמען געבן נאָך מיין טאַטן, אָבער כ׳האָב זיך צוריקגעהאַלטן. ס׳קאָן אַ מאָל מעגלעך זיין אַז מיין טאַטע לעבט ערגעץ...

— פאַרוואָס גריבלסטו זיך אַזוי פיל? — האָב איך ווידער אַ זאָג געטאָן — לאָז אַלץ אַרויס פון קאָפּ. דו האָסט שוין גענוג זיך אָנגע־ליטן!

— דו זאָגסט דאָס כדי מיך צו טרייסטן — האָט בלאַנקאַ מיר אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן — כ׳ציטער נאָך אַלץ ווען כ׳קלער פון דעם אַלעמען, כאָטש כ׳האָב זיך לעצטנס אַ ביסל באַרואיקט... איין מאָל, ווען כ׳בין געזעסן מיטן בחורל אין פּאַרק, האָב איך געהערט ווי אַן אויסטראַליער רופט מיין זונדל: קום אַהער דו קליינער ייד!...

דעמאָלט האָב איך דערפילט אין מיר אַזאַ רואיקייט און אַזאַ נאָענט־קייט צום קינד... ס'טראָגט דאָך דעם זעלבן גורל וואָס איך...

שפּעט אין אָוונט בין איך אַרויס פון בלאָנקאָן. כ'האָב איר געמוזט צוזאָגן אַז מאָרגן גאַנץ פרי וועל איך ווידער צו איר אַריינקומען. איך האָב אַריינגעטראַכט אין דער טעמע פון מיין פאָרלעזונג און אַלץ האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַזוי נעבעכדיק לגבי דעם וואָס כ'האָב ערשט געהערט.

בעת איך בין אַריין אין דער דירה, וואָס מען האָט פאַר מיר צוגעגרייט, האָבן די חברים געוואַרט אויף מיר, נישט פאַרשטאַנען וואו כ'בין ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. איך האָב עפּעס געשטאַמלט, געזוכט די ווערטער און אויף דער רגע נישט געוואוסט וואָס זיי צו זאָגן...

חיימל לץ שטאַרבט

(דערציילונג פון אַמאָליקן וואַרשעווער לעבן)

ווען חיימל לץ האָט מען זיך אויף די נאַלעווקעס און אויף דער „וואָלווקע" דערציילט פאַרשידענע מעשיות. זיינע שפּיצלעך, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן מענטשן, האָבן געהאַט אַ שם. כאָטש ער איז שוין געווען אַ בן־שבעים, האָט אים די פריילעכקייט נאָך נישט פאַרלאָזט. בעת מען האָט אים טייל מאָל דערמאָנט, אַז ער איז שוין קיין עין־הרע אַ ייד אין די יאָרן און נישט שטענדיק וועט ער קענען אַזוי פריילעך אַרומטענצלען אויף גאָטס וועלטל, האָט ער זיך אַ רייב געטאָן זיינע קליינע הענטלעך, אַ פאַרקנייטש געטאָן זיינע אַלטע ממזריש־קליינע אייגעלעך און אַ ווּאונק געטאָן:

— יאַכ'ל אים שוין פאַרמאַניען דעם מלאך־המוות!... יאַכ'ל אים שוין פאַררעדן די ציין! אונטעררוקן עפּעס אין דער יד אַריין און פטור אַן עסק!... פאַרלאָזטץ ענק אויף חיימלען!...

אַ גאַנץ גייענדיק יאָר האָט מען זיך אויף דער „וואָלווקע" דערציילט, ווי ער האָט דאָס שוין אויף דער עלטער „מלבוש ערומים" געווען אַן ערל, אַן אָפּגעקומען און בייז פּריצל, אַ שונא־ישראל, וואָס איז אויפן מאַרק אַרויסגעקומען עפּעס קויפן און געשאָלטן יידן מיט טויטע קללות. דאָס אָפּגעקומענע פּריצל איז געווען טויט־שיכור, זיך קוים געהאַלטן אויף די דינע, פויגלישע פיסלעך, אָבער פון דעסטוועגן האָט ער שכל געהאַט אויסצורעדן אויף די יידן כלערליי בייז און מאַכן פון זיי אַש און בלאָטע.

אַז חיימל האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך אַזש פון פרייד אַ רייב געגעבן די הענטלעך, ווי ס'איז געווען זיין טבע, פון דעם שפּיצל, וואָס ער גייט דאָ אָפּטאָן, אַ ווּאונק געטאָן מיט די קליינע ממזרישע אייגעלעך און געזאָגט צו דער חברה לצים, וואָס האָבן זיך אים תמיד נאָכגעשלעפּט:

— יאַך וועל אים שוין פאַררוקן אַ „שפּרונט"... כ'על אָנלערנען דעם ערל ווי צו רעדן צו אַ ייד! פאַרלאָזטץ ענק אויף חיימלען!

און אומר־ועושה — ער האָט קיין סך נישט געטראַכט און זיך

צו דער אַרבעט גענומען. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט פּאַר אַ געשעפט און גענומען אַריינגאַרן דאָס פּריצל אין געשעפט אַריין:

— ביי מיר זענען דאָ די בעסטע שליאַכעצקע מלבושים פון סאַ־ביעסקיס צייטן אָן! ביי מיר האָט זיך אָנגעטאָן דער כראַביע פּאָטאָצקי בכבודו־ובעצמו!... קום אַריין לאַכטיק פּריצל, לאַכטיקער אדון, וועל יאַך דיר וויזן, וואָס פאַר אַ „צוש" כ'האָב ביי מיר אין קראָם! דער פּאַן וועט ביי מיר באַלד אויסזען ווי דער כראַביע פּאָטאָצקי אַליין!...

חיימל האָט גערעדט וויך און זיס צום פּריץ, אָבער בעת־מעשה האָט ער אויך גערעדט אויף יידיש צו דער חברה, וואָס איז געשטאַנען אַרום אים:

— וואַרטע, עטץ וועט באַלד זען, וואָס דאָ 'עט זיין... מ'עט באַלד האָבן אַ טריאַטער, יידן!... אַ וואַר טריאַטער!...

און צום גוי האָט ער ווייטער גערעדט:

— נאַ אָטאָסטו — אָ דאָס שיינע פּריצישע מלבוש... — האָט ער אַרויסגענומען אַ גאַליציאַנער חסידישע בעקעשע — איי, וועט דאָס דיר פּאַסן, פּאַניע דזיעדזיצו! טויזנט טעם וועסטו האָבן אין דעם!... אַז זאָלסט אַזוי לעבן! זאָלסט האָבן אַזאַ שנה, צעלייגאַר מיינאַר! — האָט ער בשעת־מעשה שנעל אַריינגעכאַפּט אַ קללה אין יידיש — ווי קען זיך דען צו אַזאַ „מאַזשגאַר", צו אַזאַ חזיר־פּיסק פּאַסן אַ קאַפּאָטע!...

און נישט נאָר אין אַ גאַליציאַנער חסידישער זיידענער בעקעשע, האָט חיימל לץ דאָס בייזע פּריצל אויסגעפּוצט, נאָר אויך אין אַ גאַלי־ציאַנער שטריימל און אין אַ טלית־קטן און אין „שיך־און־זאָקן", וואָס עס טראָגן נאָר שטאַרקע חסידים. ווען דאָס פּריצל, אויסגעטראָצלט אין די חסידישע מלבושים, האָט זיך געלאָזט שיכור איבערן מאַרק, האָט מען אים געמאַכט די אמתע לוויה. מען איז אים נאָכגעלאָפן, געריסן די חסידישע קאַפּאָטע אויף אים, געהאַקט אים אין שטריימל אַריין, וואָס האָט זיך זייער נישט געפּאַסט צו זיין שיכור־רויטער עשו־נאָז און ס'האָט שיער נישט געהאַלטן דערביי מען זאָל אים אין מיטן מאַרק מאַכן אַ „משכנתא" — אַריבערלייגן אים און אַריינפּיצקען אין „ווי הייסט מען עס" אַריין.

חיימל האָט אָנגעקוואָלן פון זיין „שטיקל", געהייסן די קינדער נאָכלויפן דעם פּריצל און שרייען „הוראַ".

חיימל איז זיין גאַנץ לעבן געבליבן אַ לץ און קיינער האָט פון דעם סוד נישט געוואוסט, אַז ער איז דווקא גאַרנישט אַזוי פריילעך, ווי ער מאַכט זיך. אַלע מאָל, אַז חיים איז אַליין געבליבן מיט זיך, איז

זיין פריילעכקייט מיט אַ מאָל פאַרשוואונדן און ס'איז דעם לץ מער נישט געווען צו דערקענען. ער האָט כסדר דעמאָלט געטראַכט פון זיין לעבן, וואָס איז אַוועק מיט גאָרנישט, מיט מאַכן זיך צו נאַר, אַזוי אַז ער וועט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר גאָרנישט האָבן וואָס איבערצולאָזן די קינדער... עס איז אים געשטאַנען אין זכרון זיין לעבן און דאָס לעבן פון ר' מרדכי מאַרגאָלין, זיין בן־עיר, וואָס האָט אויס־געגעבן זיינע קינדער אין פריידן. פון דער קליינער טונקל־באַלויכטע־נעם שטיבל, וואו חיימל לץ דער טאַנדייטניק האָט געוואוינט און וואו עס האָבן זיך אייביק געוואַלגערט אַלערליי פעק אויף די צוויי צעוואָר־פענע בעטן, האָט ער געקענט זען די גרויסע און ליכטיקע פענצטער פון ר' מרדכיס רייכע שטובן. דורך די קליינע פאַרטרערטע פענצטער־לעך פון זיין דירה האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי נאָך יעדער שמחה, וואָס מרדכי האָט געפּראַוועט, האָט ער מכבד געווען מיט לעקעך און בראָנפן יעדן איינעם, וואָס איז נאָר צו אים אַריין. כסדר האָט ער געזען דאָרט הינטער די יום־טובדיקע פענצטער, הענט וואָס האָבן זיך געשטרעקט אין וואונטשן, וויבערישע קעפּ, וואָס האָבן זיך געצויגן און געטוליעט ביים קושן...

חיימל לץ איז געווען אַ מטופּל מיט קינדער און אייניקלעך קיין עין־הרע, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט ביי זיינע פיס און זענען גע־קראָכן אים אויף דער פּלייצע, אויף די אַקסלען. שטענדיק אַ וויצלער, אַ שטיפער, מיט אַ פריילעך־צעקנייטשט פּנים, האָט אים פון דעסטוועגן אינעווייניק געגנאָגט אַ וואָרם און ער האָט אַ שטיל, פאַרבאָרגן מחלוקת געפירט מיט דעם שיינעם ייד, ר' מרדכי, וואָס איז געווען מיט אים אַ בן־עיר און וואָס האָט זייער געבלאָזן פון זיך. מיט יאָרן צוריק האָבן זיי ביידע חתונה געהאַט קיין וואַרשע. ר' מרדכין איז עס באַלד גוט אַוועק און חיימל האָט זיך לא עלינו געמוטשעט. זיין חלום איז געווען אויפצושטעלן זיך אַ געוועלב אויף די נאַלעווקעס לעבן ר' מרדכין, ער זאָל אויך נאָך זיך איבערלאָזן אַ שטיקל זכר פאַר די קינדער.

ער איז צוליב דעם אַרומגעגאַנגען אייביק צעטראָגן, אָבער ער האָט דאָך נישט געקאָנט טאָן דאָס וואָס ר' מרדכי. ר' מרדכי האָט געהאַט אַ שלעכטן שם און מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ווען ער וואָלט געקענט ביי יענעם אויסנאַרן דאָס ווייסל פון אויג, וואָלט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט דערפאַר. ביי זיין גאַנצער צעטראָגנקייט, האָט חיימל ווייטער געוויזן צווישן מענטשן זיינע שמד־שטיקלעך און פון זיין פּנים איז די פריילעכקייט נישט אַראָפּגעגאַנגען. אויף דער „וואָ־

לוווקע״, וואו ער האָט געהאַנדלט, האָט ער זיך אין מיטן העלן טאָג געקענט פאַרשטעלן, אויסריסן פון קאָפּ ביז פּיס, איבערשרעקן מענטשן און זיין לייכט געמיט ווי ביי אַ יינגל, איז אים געבליבן ביזן טאָג, ווען ער האָט די נשמה אויסגעהויכט. אַלע מאָל, אַז ער האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ פרישן „קאָוואַל״, האָט מען געזאָגט אויף אים:

— דאָס איז חיימל!... חיימל מיט די ביינער!... אַז ס׳איז אַ מענטש, וואָס נעמט זיך גאָרנישט צום האַרץ!... דער קאָפּ לאַכט אויף אים!...

פאַר אַזאַ ס׳גאַל מענטשן האָבן אים טאַקע אַלע געהאַלטן. בלויז דאָס ווייב זיינס, מייטל „טשעפּ״ האָט געוואוסט זיין סוד. און ווען ער איז געווען פאַרטאָן אין זיינע חלומות, געקלערט פון נעכטיקן טאָג, ווי אַזוי אַרויס פון די נאַלעוווקעס און ווערן כאָטשבי אַ ראָטשילד, האָט זי אים באַלד געמוזט דערמאָנען אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך.

געשען איז דאָס צוממיינסטנס, ווען זיי האָבן זיך ביידע אין די קאַלטע, ווינטערדיקע טעג פון מאַרק צוריק אומגעקערט, פאַרפרוירענע און פאַרשטייפטע, מיט צעשמיסענע פנימער פון פראָסט און ווינט. ביידע זענען זיי געווען איינגעבאַבלט, אַז זיי האָבן זיך קוים געקענט רירן. די הענט, אָנגעטאָן אין גרויסע אָן־פינגערדיקע הענטשקעס, ווי די פּלעץ, האָבן זיי געהאַלטן שטייף־אַראָפּגעלאָזטע און אין גאַנצן האָבן זיי אויסגעזעזן ווי צוויי גרויסע אויסגעשטאָפּטע ליאַלקעס.

חוץ די פאַרשידענע פּויערישע בורקעס, צייגענע מאַרינאַרקעס און הויזן, וואָס מייטל „טשעפּ״ האָט געהאַלטן פאַרוואָרפן אויפן אָרעם, האָט זי נאָך געשלעפּט מיט זיך אַ גרויסן ערדענעם פייער־טאָפּ. זי האָט אַלע מאָל אַ בלאָז געטאָן צו די אויסגעלאָשענע קוילן, וואָס האָבן זיך פריש צעברענט און איר פּנים איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטער שיין, ווי ס׳וואָלט זיך געשפּיגלט אין דער אונטערגייענדיקער זון. פּיימל איז געווען באַלייגט מיט פּעק, געטראָגן אויף זיך זיין גאַנצע קראָם. ער האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט אָפּרוען, געקלאַפּט איין אָרעם אין אַנדערן, כדי צו דערוואַרעמען די פאַרשטייפטע פינגער, ווי ס׳זענען זיך נוהג די פּויערים. און שטענדיק, ווען זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם הויף און חיימלס קאָפּ האָט זיך אַליין אויפגעהויבן צו ר׳ מרדכיס יום־טובדיק צעצונדענע, רייכע פענצטער און ער האָט זיך איינגעקוקט אין זיי מיט פאַרבענקטע אויגן, האָט אים מייטל באַלד געמוזט כאַפּן דערביי. איר דין מיילעכל האָט באַלד אַ שניט געטאָן ווי אַ חלף:

— שוין?!... שוין?!... האָסט זיך שוין ווייטער פאַרגאַפּיעט, גרויסאַר פאַרדינאַר מײנאַר! גרויסאַר צעליגאַר!... דו גייסט'ך גלייכן צו ר' מרדכין! קוקטע אים נאַר חימל לץ! זיץ אין אויפן הינטן, אַז ס'איז דיר גוט און פלי נישט!...

פאַר גרויס כעס, וואָס האָט זי אַרומגעכאַפּט, האָט זי אַזש אַ שטעל אַנידער געטאָן דעם פייער־טאָפּ אין שניי און זיך אָנגענומען פאַר די באַקעס, ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו אַ געשלעג. פון די פיל אָנגע־פּעלצטע קליידלעך, אָנגעטאָן איינס אויפן אַנדערן, האָבן זיך ביי איר נישט אַרויסגעזען די פיס און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט אין גאַנצן קיין פיס נישט. מיט אַ פינגער האָט זי געטייטלט איבער חימלס פנים, אָבער ער האָט זיך ביי איר געבעטן:

— וואָס אַרט עס דיך מייטלשי־קרוין, אַז כ'גלייך מיך צו מרדכין! ס'קאָסט דיך עפּעס טייערער! דאָס טאָר יאָך שוין אויכעט נישט? וואָס ביסטו מייטלשי־קרוין, אַזאַ שלעכטע זאַך?... אַזאַ זשאַוואַר!...

אָבער מייטל „טשעפּ" איז פון ס'איריקע נישט אָפּגעטרעטן:

— ניין, אפילו איינרעדן טאָרסטו דיר אויך נישט!... — האָט זי געפּייערט — כ'האָב פיינט, אַז דו רעדסט מיר אין פוסטע מעשיות! אַז ס'איז דיר גוט זיץ אין אויפן אָרט און קריך נישט אין די הימלען! אוי כ'האָב נישט קיין כוח צו לאַכן פון דעם יידן! ער גייט זיך גלייכן צו ר' מרדכין!...

זי האָט אַ פּרווו געטאָן צו לאַכן, אָבער קיין געלעכטער איז פון איר נישט אַרויס, ווי ס'וואָלט דערוואָרגן געוואָרן אין האַלדז. דערפאַר האָט זי זיך אָבער אַלע מאָל העכער געריסן אַז מענטשן האָבן זיי אַרומ־גערינגלט און חימל האָט נעבעך נישט געוואוסט וואו אַהינצוטאָן דאָס פנים פאַר גרויס בושה און געמאַכט „אומיק" אין שטוב אַריין.

אָבער וואָס איז געווען די פּעולה פון זיין אַנטלויפן, אויף צומאַרגנס האָט זיך אַלץ צוריק איבערגעחזרט. ער האָט זיך פאַרגעסן און ווייטער אַרויפגעקוקט צו ר' מרדכיס ליכטיק־צעצונדענע פענצטער און מייטל האָט אים ווי שטענדיק אַראָפּגעשלעפּט פון די הימלען און אָפּגעשפילט אים די זעלביקע חתונה.

ער האָט זיך ווייטער געמוזט שלעפּן אויפן מאַרק, אַרומגעבעטט מיט די פאַרשידענע טאַנדייט־שטיקלעך, וואָס ער האָט געגייט און איבערגעניצעוועט אַליין ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין ביי אַ קליין פאַרלאָטעט לעמפל, וואָס האָט שוואַרץ געקאָפּטשעט די וואַנט. דאָס

ווייב האָט „וויקאָנטשעט" די אַרבעט, געצויגן פּאַסטריגעס, געשלייפט לעכלעך, גענייט קנעפּלעך. קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט די קינדער און זיי האָבן זיך געשפּילט ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין, ביז זיי זענען ווי געהרגעטע אַוועקגע־פאַלן — ווער אויף די קופּעס סחורה, ווער אויף די נישט־אויפגעבעטע בעטן, ווער אונטערן טיש. ערשט נאָך האַלב נאַכט, ווען טאַטע־מאַמע זענען זיך געגאַנגען לייגן, האָט מייטל אויסגעטאָן די קינדער. זי האָט זיי געהוּיכט אין די קאַלטע הענטלעך, געריבן די פאַרפרוירענע פיס־לעך און אַריינגעלייגט אונטערן ברודיקן בעטגעוואַנט. זיי האָבן צו מאָל נישט אויפגעמאַכט די אויגן. ווען זיי האָבן דערפילט נאָענט פון זיך דער מאַמעס לייב, האָבן זיי מיט די הענטלעך בלינדערהייט שטאַרק אַרומגענומען איר האַלדז, זיך געטוליעט צו איר וואַרעמקייט און ווייטער געשמאַק געשלאָפן...

אַ גאַנצן טאָג, ווען טאַטע־מאַמע זענען אַרויס אין גאַס האַנדלען, זענען די ייִנגערע קינדער אין דער היים געווען פאַרשלאָסן. קיין אייגן ביידל האָט חיימל לץ נישט פאַרמאָגט. אויף אַ קעסטל אונטערגע־שפּאַרט מיט אַ ציגל, האָט ער אויסגעלייגט זיין גאַנצע סחורה. ווען דאָס ווייב זיינס, מייטל „טשעפּ" האָט געמסחרט, האָט ער אַכטונג געטאָן, צי אַ „קנעפּל" באַווייזט זיך נישט. ער האָט אַ טבע געהאַט, דער פאַליציאַנט, אונטערצוגנבענען זיך פלוצים און צו סטראַשען די קרעמער אויפן מאַרק, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין רעכט דאָ צו שטיין, כאָטש ער איז געווען „געסמט" און גענומען לאַ־יחרץ־געלט, דאָס האָט אים אַ סך פרייד פאַרשאַפט. נאָכן אָפּטאָן אַזאַ שטיקל אַר־בעט, פלעגט ער אַ צופרידענער שמייכלען און באַגריסן זיך מיט יעדן איינעם מעשה זיגער:

— נו, יידעלעך, מען האַנדלט... מען שווינדלט!... מען וואַנדלט!...

ער איז געווען אַ לאַנגער ווי אַ סלופּ, דער גרעסטער „לאַפּקע"־בחור. און פונקט ווי יעדער פאַליציאַנט אויפן מאַרק, האָט ער אויך געהאַט זיין צונעמעניש. ס'איז דאָ געווען אַ „משה טשאַפּ", אַ „יעקל ריבאַייזן" און אים האָט מען געקרוינט מיטן נאָמען „באַטשאַן". אַז מען האָט אַ רוף געטאָן „דער באַטשאַן גייט", האָט מען געוואוסט, אַז מען דאַרף מאַכן אָפּצוג.

חיימלס אַרבעט איז געווען איבערצוגעבן דעם ווייב, ווען „באַ־טשאַנס" לאַנגע פיס באַווייזן זיך. אויפן מאַרק איז חיימל געווען דער

זעלבער לץ ווי שטענדיק. ער האָט פון זיין לצנות נישט פאַרגעסן, פריילעך געמאַכט די קרעמער. אפילו מיט די אייגענע קינדער זיינע, וואָס זענען אַרויסגעקומען היטן די סחורה, האָט ער ליב געהאַט צו טרייבן לצנות. ער האָט זיי געשנעלט אין די אויערן, פאַרדרייט ביי זיי די היטלעך, זיי זאָלן נישט וויסן ווער ס'האָט זיי דאָס געטאָן. און אַז זיי האָבן געמאָנט עסן, האָט ער געענטפערט מיט זייער אַן ערנסט קול:

— ס'הונגערט דיך, זונעלע, לעק זאַלץ, וועט דיך דאָרשטן... פלייש האָט דיר אָנגעשמעקט? כאַפּ דיך אָן פאַרן זייט־זשע מוחל, וועסטו האָבן פלייש!...

אַז די כלה־מיידלעך האָבן געוויינט, אַז זיי האָבן נישט אין וואָס אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין, האָט ער זיי געפרעגט מיט אַ שטאַרק פאַר־חידושט און תמעוואַטע קול:

— וואָס הייסט דו האָסט נישט וואָס אָנצוטאָן, טאָכטערשי? קינד מיינס?... מען טוט אָן דעם אַלטן באַרוועס און דעם נייעם נאַקעט...

טיף אין זיך האָט ער כל־ימיו געגלויבט, אַז ער וועט נאָך דער־לעבן זיך אויפצושטעלן אַ געוועלב אויף די נאַלעווקעס און נאָכגעבן זיינע קינדער וואָס זייער האַרץ גלוסט. ווען דער מלאך־המוות איז צו אים אין צווישנצייט געקומען און ער האָט אים נישט געקענט „פאַררעדן די ציין", ווי ער האָט אייביק געטענהט, איז ער ביז דער לעצטער רגע געווען ניכטער און זיין גאַנץ אָרעם לעבן איז אים נאָך פריש געשטאַנען אין זכרון. איבער דער גאַנצער צייט פון זיין קרענק האָט ער נישט געוואָלט פאַרזוכן די כלערליי יויכלעך, וואָס מ'האָט אים אַראָפּגעשיקט פון ר' מרדכיס גבירישער שטוב. ווען מייטל האָט אים דערלאַנגט די יויכלעך אין די גבירישע טעפּלעך, האָט ער באַלד דערפילט פון וועמען זיי קומען און נישט געוואָלט זיך צו זיי צורירן. מייטל האָט נישט געוואוסט וואָס דאָס באַטייט און זיך געבעטן ביי אים:

— עס!... פאַרזוך, וועסט זען, ווי ס'עט דאָר שמעקן! ס'איז אַ טייערע יויך... עס היילט די נשמה! כ'האָב אומישנע פאַר דיר אָפּ־געקאָכט...

— ס'שמעקט מיר נישט! כ'קען נישט, מייטלשי־קרוין — האָט ער געקוקט מיט אויגן, פול צער.

זי האָט געבלאָזן אין טעפּל אַריין, פאַרזוכט אַליין אַ לעפל יויך, כדי אים צו ווייזן ווי גוט ס'איז, איינגערעדט אים ווי מ'רעדט איין אַ

פיצל קינד, אָבער עס האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. ער האָט זיך צוגערירט מיט די פאַרטריקנטע ליפּן צום טעפּל, אָבער ווען מייטל האָט שוין געמיינט אַז זי איז מיט אים אויף אַ דרך, האָט ער צוריק אַוועקגעשטעלט דאָס געקעכץ.

— ס'איז אַן איינגעשפּאַרטער ייד!... — איז שוין מייטל אַרויס פון די כלים און נישט געקענט בשום אופן פאַרשטיין, ווי מ'קען זיך וואַרפן מיט אַזאַ טייער ביסל וואַרעמס — אַזוי ווי איינער איז צו זיבן, אַזוי איז ער צו זיבעציק! שטענדיק איז דאָס געווען אַ גרימאַס! ס'וואָלט געפּאַסט, אַז ווען ער איז געזונט, איז ער בעסער!...

זי איז אַוועק פון זיין בעט און זיך שטיל אין אַ ווינקל אויסגעוויינט, ער זאָל נישט זען, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז שלעכט מיט אים. דאָס ערשטע מאָל זינט זיין קרענק האָט זי גערופן צו אים אַ דאָקטאָר, נישט צוגעלאָזט מער דעם היימישן רופא וואָלף „פריץ" מיט די ווייסע הענטשקעלעך און מיט דעם גרין־פאַרשטויבטן „בעכער" אויפן קאָפּ.

צוזאַמען מיטן דאָקטאָר איז אויך אַריין ר' מרדכי, וואָס איז געקומען מבקר־חולה זיין דעם בן־עיר זיינעם. ר' מרדכי איז לאַנג נאָכן דאָקטאָרס אַוועקגיין ביי חיימלס בעט אָפּגעזעסן. ער האָט געוואוסט וואָס חיימל האָט זיין גאַנץ לעבן געפּילט צו אים און אויסגעמיטן צו קוקן אין זיינע אויגן אַריין, וואָס זענען ביז צו דער לעצטער רגע געווען ניכטער. מרדכי האָט געהאָלפן דעם קראַנקן איבערדרייען זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, כדי אויסצומיידן זיין ניכטערן דורכדרינגלעכן בליק. מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג האָט ער זיך פאַרשאַרצט די אַרבל פון זיין אַלפּאַגן־גבירישן כאַלאַט און איבערגעדרייט חיימלען. אָבער דער קראַנקער האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען און באַלד האָט זיך דערהערט זיין שלאַף קול, וואָס האָט געבעטן מען זאָל אים צוריק איבערדרייען. אַז ר' מרדכי האָט חיימלען צוריק איבערגעדרייט, האָט יענער פּלוצים זייער ניכטער אַ וואונק געטאָן צו אים, פּונקט ווי אַ מאָל, בעת ער האָט געמאַכט זיינע אַלע שמד־שטיקלעך.

— האַ, מרדכי... — האָט ער זיך אָנגערופן — קיין זאַך דאַרף יאַך נישט, כ'זאָל דאַרט אַריינפּאַקן די מזומנים און מיטנעמען מיט זיך אויף יענער וועלט... מיר וועט כאָטש גרינג זיין צו שטאַרבן... כ'על פאַרשפּאָרן צו שלעפּן מיט זיך דאָס געלט אין קבר אַריין...

דעם אַנדערן טאָג אין דער פרי איז חיימל געשטאָרבן. מענטשן האָבן זיך דערציילט, אַז ער איז אויפן טויטן בעט געבליבן דער זעל־ביקער לץ וואָס אַ מאָל. זיינע לצנישע שטיקלעך האָט ער געמאַכט דעם מלאך־המוות אין די אויגן אַריין. כאָטש פאַררעדן די ציין, ווי ער האָט אַלע מאָל געזאָגט, האָט ער נישט געקענט. דער מלאך־המוות איז פאָרט קליגער געווען פון אים...

בעת די מענטשן האָבן זיך נאָך דערציילט די מעשיות פון חיימ־לען, האָט זיך דערווייל אַריינגעקוילערט די עגלה אין הויף אַריין. אַרומגערינגלט פון אַ קראַנץ ווייבער, וואָס האָבן אַריינגעשריגן עפּעס אין פאַרמאַכטן ארון אַריין, האָט מען באַגלייט חיימלען אַרויס פונעם הויף. ווען די שוואַרצע עגלה האָט זיך אַרויסגעשאָקלט פונעם טויער האָט דער סטרוזש זי באַלד צוריק פאַרקלאַפּט מיט אַ געבייזער. די ווייבער האָבן מיט אַ הויך געוויין זיך אַ לאָז געטאָן נאָך דער עגלה, אָבער דער פורמאַן האָט אַ שמיץ געטאָן די פערד און גיך אַוועק. די ווייבער זענען געבליבן אַליין מיט זייער הויך־אויפגעהויבענעם געוויין, ווייל ביי אָרעמע לוויות באַגלייט מען נישט קיין מת אויפן הייליקן אָרט. די עגלה האָט זיך איינזאַם און שנעל אַוועקגעקוילערט צום „פּראַגער" בית־עולם, דאָרט וואו מען איז קובר די אָרעמע...

קאַווע מיט „פּעלץ"

פּונקט אַ יאָר צייט האָט זיך געצויגן דער שידוך צווישן ברוך מאַרגאַלינען, דעם נאַלעווקער רייכן טריקאָטאַזש־פאַבריקאַנט און דעם שוחטס טאָכטער, די מיטליאָריקע אַלמנה. ערשט נעכטן איז פאָרגעקומען די חתונה ביי אַ ווינקל־מורה־הוראה, שטיל, אָן רעש, קיינער זאָל דערפון נישט וויסן. ר' ברוך האָט אפילו נאָך זיין ווייבס טויט זיך נישט געאיילט חתונה צו האָבן, געזוכט אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, אַן אָרעמע, נישט קיין היינט־וועלטיקע, זי זאָל נישט זיין קיין אויסברענגערין. און ער האָט טאַקע געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט.

די ערשטע נאַכט נאָך דער חתונה איז ר' ברוך געבליבן נעכטיקן ביים שווער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט ברענגען באַלד אַ צווייט ווייב מיט זיך אין שטוב אַריין. דעם אַנדערן טאָג, בעת ער האָט זיך, אַ בייזלעכער ווי געווייינטלעך, אויפגעהויבן אין דער פרי, האָט ער געזאָגט דעם שווער, אַז ער וועט דאָס ווייב נישט מיטנעמען באַלד מיט זיך, וואָרים ער וויל נישט אויפרייסן ביי קיינעם די אויגן. וואָס דאַרפן מענטשן רעדן...

דעם ווייב האָט ר' ברוך געהייסן היינט נאָכמיטאָג אַליין קומען. איצט וואַרט ער זי שוין אָפּ פון אַ פּאָר שעה, דרייט זיך איינער אַליין אַרום איבער די שטובן. אַז מען קלינגט ביי דער טיר, שטעלט ער זיך אָפּ און הערט זיך אָנגעשטרענגט איין ווער ס'איז געקומען. ס'טוט אים שוין באַנג וואָס ער האָט באַלד דאָס ווייב נישט מיטגענומען מיט זיך.

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט און קיינער איז נישט געקומען. ר' ברוך האָט נישט אָנגעצונדן דאָס ליכט. מן־הסתם טוט אים דאָס ווייב אָפּ אַ שפּיצל, ווייל ער האָט זי באַליידיקט און זי לאָזט אויף זיך וואַרטן. אָבער אומגעריכט האָט זיך דאָס גלעקל פאַר דער טיר נישט זיכער צעקלונגען. ער האָט באַלד דערהערט ווי דאָס אומגעדולדיק־בייזע קול פון דער דינסט פרעגט זיך ווער דאָס איז. ס'האָט נישט לאַנג

געדויערט ווי די דינסט האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר און געזאָגט:
— עפּעס אַ פּרוי פרעגט זיך אויפן באַלעבאָס...

איידער וואָס־ווען איז אַ שוואַרצער פלעק געבליבן שטיין אין דער פינצטערניש פון שטוב, געברענגט מיט זיך די קעלט פון גאַס. ר' ברוך האָט אָנגעצונדן די עלעקטרי, וואָס האָט אויסגעוויקלט פון חשכות אַ קליין, פול ווייבל אין די מיטעלע יאָרן, אין אַ ניי שוואַרץ היטעלע, וואָס איז געשטאַנען ביי איר אויפן שפּיץ שייטל, ווי צוגע־קלעפּט. צי פון דער פּלוצלונגדיקער ליכטקייט, צי פון פאַרשעמטקייט, האָט זי די אויגן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. אָבער ווי נאָר זי איז געקומען אין מיטן שטוב, איז זי פּלוצים געוואָרן דרייסטער און לעבעדיקער. זי האָט זיכער געשטעלט אויף די הויכע קלעצלעך די קליינע טריטלעך, וואָס האָבן פול געמאַכט מיט זיך די גאַנצע שטוב. זי האָט זיך באַלד אַריינגעקוילערט אין אַנדערן עק צימער, געבליבן שטיין ביים סאַמע אויבן־אָן פון טיש. די קליינע אייגעלעך, וואָס קאָנען נישט קוקן קיינעם גלייך אין די אויגן אַריין, האָבן זיך גיך אַ גליטש געטאָן איבער די רייך־טאַפּעטירטע ווענט און סופיט, וואו עס איז געהאָנגען דער גרויסער זשיראַנדאָל מיט די פיל קרישטאָלן. דערנאָך האָט זי אַראָפּגענומען דאָס נייע שוואַרצע היטעלע, באַוויזן אַ קאָקעטיש־קליין ברוינלעך שייטל — און ר' ברוך האָט מיט אַ מאָל דערפילט, אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט. דאָס ווייב איז היינט־צייטיק און איז פיל יינגער ווי מען האָט אים איינגערעדט...

דאָס ווייבל האָט באַמערקט אַז ר' ברוך איז צופיל בלאַס און זינט נעכטן האָט ער זיך שטאַרק געעלטערט. ער פילט זיך נישט מער אַזוי זיכער מיט זיך. זי האָט זיכער גוט געטאָן וואָס זי האָט אים געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן אויף זיך... אַז ר' ברוך האָט זי געפרעגט פאַר וואָס זי איז אַזוי שפּעט געקומען, האָט זי שולדיק אַראָפּגעלאָזט די אייגע־לעך צו דער ערד, ווי אַ יונג שעמעוודיק מיידל, וואָס האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט...

ר' ברוך האָט נישט געקוקט אויף איר. זיין שטענדיקע תקיפות, וואָס האָט אים געגעבן נעכטן ביי דער חופה געננוג גלייכגעוויכט, אַז ער האָט אַלץ פינקטלעך־געננוי פאַרזאָרגט, איז פּלוצים פאַרשוואונדן. הגם ער האָט כסדר זיך אַליין פאַרזיכערט, אַז ער האָט גענומען בלויז אַ באַלעבאָסטע אין שטוב אַריין, ווייל די טעכטער האָבן נישט געקענט די באַלעבאַטישקייט פירן, זענען אים אָבער, ווי אויף צו־להכעיס, גע־

קומען אין קאָפּ אַריין פאַרשידענע אַנדערע געדאַנקען, ווי שטענדיק בעת מען געפינט זיך מיט אַ פרעמדער פרוי אַליין אין אַ שטוב.

דאָס גלעקל פאַר דער טיר האָט זיך איצט נאָך אַ מאָל צעקלונגען — זיך געריסן חוצפּהדיק און מיט ירגזון. באַלד האָט זיך אין שטוב אַריינגעשטופּט אַן אָנגעפּעלצטער טרעגער, וואָס איז פון קאָפּ ביז פּיס געווען באַהאָנגען מיט פּעקלעך און טלומיקעס. נאָך אים האָט זיך מיט פּאַוואָליע טריטלעך, ווי ער וואָלט געהאַט אַ סך צייט, נאָכגעשאַרט ר' נטלע דאָס שוחטל, ר' ברוכס שווער. דעם „גוטן־אָוונט" האָט ער ברייט, מיט אַ ניגון אַרויסגעזונגען, זיך געריבן בעת־מעשה די הענט־לעך, ווי ס'וואָלט אים עפּעס שטאַרק הנאה געטאָן.

בשעת דער טרעגער איז אַוועק, האָט זיך דאָס שוחטל אויסגעטאָן דעם כאַלאַט און דאָס היטעלע, געווישט דעם שווייס פון אונטער דער פאַרפּעדערטער יאַרמעלקע, ווי ער וואָלט אַליין געטראָגן דער טאָכ־טערס פּעקלעך און טלומיקעס. ער האָט זיך בהרחבֿהדיק אַוועקגע־זעצט ביים טיש, גענומען אַ שמעק טאַבאַק, אַ פּאָר מאָל אַ נאָס געטאָן, און זיך געקליבן מיט ר' ברוכן צו פאַרפירן אַ שמועס. בעת־מעשה האָט ער פון דער גלעזערנער שאַנק אַרויסגענומען אַ בעכער, געדרייט אים אין אַלע זייטן און געזוכט דעם „פּרוווּ".

— פּי־פּי־פּי... אַן אַנטיק... — האָט ער געצמאָקעט מיט די ליפּן—פון וועמען האָסטו עס, ברוך?... פון טאַטן עליו־השלום? ס'האָט שוין אַ סך יאָרן אויף זיך...

ר' ברוך האָט גאָרנישט געענטפערט, עפּעס אַ ברום געטאָן ווי צו זיך און שוין אויסגעקוקט די מינוט דער שוחט זאָל אַוועקגיין. האָט זיך ר' נטלע דאָ געזוימט נאָך אַ היפּש שטיקל צייט, דערנאָך זיך פלוצים אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ דרימל, און זיך לאַנג געזעגנט מיט דער טאָכטער, גלייך ער וואָלט איבערגעלאָזט אויף פרעמדן באַראָט אַ יונג מיידל.

— זיי געזונט, פייגעלע... זיי געזונט...

דעם אַנדערן טאָג אין דער פרי האָט זיך פייגעלע אויפגעהויבן אַ סך שפּעטער פון ר' ברוכן. אירע בעקלעך האָבן יונג געשיינט פון געשמאַקן שלאָף. זי האָט זיך פאַרן מאַן אין גאַנצן נישט געשעמט, זיך אָנגעטאָן אים אין די אויגן. אויף אים האָט זי נישט געקוקט, די אויגן פאַרשעמט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. אין דער יונג־ראָזער שלאָף־קופקע און אין רויט־באַרכאַנטענעם אונטער־קלייד, איז

זי אַריין אין קיך און הויך עפּעס דאָרט באַפוילן מיט דער דינסט.

דערנאָך איז זי צוריק אַריינגעקומען אין שלאָף־שטוב, זיך אויס־געפּוצט אין אַ זיידן אויסדעקאָלטירט בלוזקעלע, און אַרומפּאַראַדירט אין אַלע שטובן, גלייך זי וואָלט געווען אַ באַלעבאָסטע איבער דעם אַלעמען שוין פון כמה יאָרן. אירע קליינע, ענגע, ווי געפּענטעטע טריטלעך, האָבן זיך אויף הויכע קלעצלעך געשיט איבער אַלע פּאָדלאָ־געס. פון אונטער דער שלאָף־קופּקע האָבן שטיפעריש אַפּירגעקוקט זילבערן־יונגע לעקעלעך. דאָס מויל רויט, פולכנע און אַ ביסל אַרויס־געשטופּט ווי ביי קאַפּריזנע קינדער. פון אונטערן קישן אַפּיר האָט זי אַרויסגעשלעפּט אַ שטיק שאָקאָלאַדע, וואָס זי האָט זיך נעכטן פאַרן שלאָפן גיין באַהאַלטן, דער מאַן זאָל נישט זען, און אַרויסגעקנייפּט פון קעשענע אַרויס. זי האָט איצט אַזוי יונג אויסגעזען, אַז ר׳ ברוך האָט זיך דערשראָקן, זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, זיך דערפילט ווי אָפּ־גענאַרט. דער אויסגעוואַרעמטער ריח פון פרויען־לייב, וואָס האָט זיך ווי מיט געוואַלט אַריינגעריסן אין זיין הויז, האָט אים געשטיקט.

ביים פרישטיק האָט דאָס פאַרפאָלק נישט גערעדט צווישן זיך. ס׳האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געווען ברוגז. אויפן ווייס־געדעקטן טיש זענען געשטאַנען צוויי בלאַנקנדיקע גלעזער טיי, ברוגזלעך אָפּגע־רוקט איינס פון אַנדערן. קיינער האָט זיך צו זיי נישט צוגערירט. זיי האָבן זיך געקילט, פאַרשעמט געוואַרט אויף אַ בעלן. ר׳ ברוך איז געזעסן אויבן־אָן ביים טיש און אַראָפּגעקוקט אויפן ווייסן טישטוך. פייגעלע האָט פאַרשעמט, ווי איר טבע, נישט געקוקט אין זיין זייט אַריין. די קאַלטע האַרבסטיקע זון, וואָס איז געקראָכן אויפן ווייס־געדעקטן טיש, האָט אַרומגעהאַלדזט די בלאַנקנדיקע גלעזער טיי און בלייך אָנגעצונדן די זילבערנע לעפעלעך. ר׳ ברוך האָט פון שטענדיק אָן נישט געליטן קיין טומל, נאָר איצט, אין דער פּלוצימדיקער שטיל־קייט, האָט אים עפּעס געפעלט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. די שילדן אויף דער קעגנאיבערדיקער מויער האָבן אין דער האַרבסטיק־שאַרפער לופט אויסגעזען ווי אויס־געצוואָגן. אויף דער גאָלדן־בלאָסער שויב האָט אַ פליג זיך איבערגע־וועקט, טרויעריק געשזומעט, און מיט די לעצטע כוחות אַרומגעקראָכן אויפן קאַלטן גלאָז, גלייך זי וואָלט געזוכט אַ וועג אַרויס צו דער לעצטער האַרבסטיקער זון.

פייגעלע איז אַריין אין קיך. ר׳ ברוך האָט געהערט ווי זי באַפעלט

דאָרט עפּעס מיט דער דינסט, קריגט זיך מיט איר אויפן קול. זי האָט זיך באַלד צוריק אַריינגעקוילערט אין שטוב און זיך אָנגערופן צום מאַן מיט פאַרשעמט־אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער פּאָדלאָגע:

— יאָך טרינק נישט קיין טיי... כ'בין צוגעוואוינט פון דער מאַמעליו צו אַ ביסל קאַווע אין דער פרי... ס'זאָל אַרומשווימען אַ פּעלץ אינעווייניק... קאַווע מיט פּעלץ איז טעם גן־עדן...

ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז ביי אים אין שטוב בעט מען זיך נישט אויס, מען עסט וואָס עס איז דאָ. ער פירט נישט קיין ברייט, צעלאָזן לעבן, ווי די הולטאַיעס, וואָס היינט „טשאַסקעט" מען מיטן געלט און מאָרגן שטרעקט מען זיך אויס פאַר אַ גראָשן. ער האָט איר געוואָלט איבערחזרן דאָס ווערטל וואָס ער האָט ליב ביי יעדער געלעגנהייט איבערצוזאָגן:

— ווער ס'וויל זיך אין כבוד דערהאַלטן, דער זאָל זיך דאָס מאַלצייט אין צווייען שפּאַלטן...

אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט נישט געקענט ליידן ווי זי כאַפּט ביים עסן גלייך זי וואָלט מורא געהאַט ס'זאָל איר ווער דעם ביסן נישט אַרויסנעמען; נישט געקענט הערן ווי זי מלאַטשקעט מיט דער צונג און באַלעקט זיך. מיט די קליינע קיילעכדיקע הענטלעך האָט זי אַלץ באַטאַפּט, אויסגעקליבן זיך דאָס בעסטע און ווייכסטע, ווייל קיין האַרטס קען זי אויף די ציין נישט נעמען און גיך אַריינגעלייגט אין מויל. עס איז איר נישט אָנגעגאַנגען, צי ער עסט, צי נישט, אַריינגערעדט אין טעלער:

— יאָך האָב נישט ליב קיין טיי... מאָרגן־מערטשעם אין דער פרי וועט ביי מיר זיין אַנדערש... וועט שוין ביי מיר זיין קאַווע! פרישפאַרבריטע קאַווע מיט אַ גראָבן פּעלץ, ווי יאָך האָב ליב... אַ וואַזשנע באַלעבאַטישקייט פירט זיך דאָ מ'שטיינס געזאָגט!... אוודאי, אַז עס איז נישטאָ קיין פרויענצימער אין שטוב! ווייסע קאַווע מיט אַ פּעלץ טוט אַריין אַ נייע חיות אין מענטש...

ער האָט איר גאָרנישט געענטפערט. זי האָט זיך פלוצים געכאַפּט, אַז ער רירט זיך נישט צו צום עסן, זיין טיי שטייט נישט אָנגערירט. האָט זי צו אים נענטער צוגערוקט דאָס גלאָז און זיך אָנגערופן:

— עס... וואָס עסטו נישט, ברוך?... די טיי ווערט קאַלט...

זי האָט אים געזאָגט „דו" און ער האָט זי נישט געקאָנט „דוצן". בשעת ער האָט שוין באַשלאָסן, אַז ער דאַרף דעם ווייב זאָגן „דו",

האָט ער דאָס וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען פונעם מויל. ער האָט געקלערט, אַז ער וועט זיך נישט קענען מער ווייזן פאַר מענטשן. ער וועט נישט קענען קומען צווישן די סוחרים. די אַרבעטער, וואָס האָבן אַלע מאָל געהאַט פאַר אים דרך־ארץ, וועלן מאַכן פון אים דאָס געגנאַר. זיי וועלן פאַרלירן פאַר אים דעם רעספּעקט. ער וועט נישט קענען אַריינקומען צו זיך אין פאַבריק...

פייגעלע האָט באַלד פאַרגעסן וואָס זי האָט געזאָגט. אויפן ווייס־געדעקטן טיש איז נאָך אַלץ געשטאַנען זיין טיי און זיך געקילט. ער האָט זיך צום גלאָז נישט צוגערירט. די בלאַסע האַרבסטיקע זון, וואָס האָט אַרומגעהאַלדזט דאָס גלאָז, איז אַראָפּ פון טיש, זיך אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע...

די שוועסטער קלאַרע

גאָלדע האָט זי נישט דערקענט, ווען זי איז געקומען זי אָפּוואַרטן אויפן פלי־פּלאַץ. אירע אויערן זענען נאָך פול געווען מיט גערויש פונעם אַעראָפּלאַן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און זיך אַ טראָג געטאָן ווי אַ צערייצטער פויגל. פונעם אַעראָפּלאַן איז אויסגע־שטיגן אַ שלאַנק, הויך מיידל מיט העל־בלאָנדע האָר, וואָס דער ווינט האָט צעפלויגן אין אַלע זייטן. זאָל דאָס זיין איר שוועסטער? זי האָט נאָך אַלץ געדענקט די שוועסטער ווי אַ קליין, פולכּנע מיידעלע מיט בלויע אויגן און לאַנגע גאָלדענע לאָקן, וואָס האָבן איר דערגרייכט צו די קינדערישע אַקסלען. ביי זיי אין דער היים איז נישט געווען קיין ברויט צו דער זעט, אָבער דאָס יונגערע שוועסטערל איז ווי אויף להכעיס געווען אויסגעקעכלט. זי האָט אויסגעזען פּונקט ווי דאָס רעקלאַמע־בילדל אויף דער קאַקאַאָ־פּושקע וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז מען וועט געבן די קינדער קאַקאַאָ צו טרינקען, וועלן זיי אויסזען גענוי ווי דאָס קינד אויפן בילד.

גאָלדע האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן, וואָס צו זאָגן דער שוועסטער און פון גרויס צעטראָגנקייט האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפן איר אויפן האַלדז און אָנגעהויבן הייס צו קושן איר פּנים מיט מאַמישער ליבע און איבערגעגעבנקייט. די שוועסטער האָט קוים געענטפערט אויף אירע קושן און ס'האָט אויסגעזען ווי גאָלדעס האַנדלונג וואָלט אין אירע אויגן געווען אויסטערליש און ווילד.

— כ'האָב דיך אין דער ערשטער מינוט נישט דערקענט, קלאַר־טשע... — האָט גאָלדע געמורמלט, פול מיט גליק — ביסט אויסגע־וואַקסן אַ גרויסע מויד. שיין ווי גאָלד...

— כ'געדענק דיך ווי דו ביסט אַוועק פון דער היים... האָסט דיך קיין סך נישט געביטן, כאָטש מען זעט אָן אַז דו ביסט עלטער געוואָרן האָט קלאַרע קוים אַרויסגעפּרעסט פון אירע שיין־געשניטענע, שטאָלץ־פאַרעקשנטע ליפּן.

אין דער היים, אין דעם קליינעם שטיבל און קיכל וואו גאָלדע

האָט געוואוינט האָט זי געוויזן דער שוועסטער די מעבל, די קיך־כלים, דאָס בעטצייג, די קליידער, וואָס זי האָט מיט די אייגענע הענט אויס־געאַרבעט, אָבער אויף קלאַרען האָט דאָס נישט געמאַכט קיין גרויסן איינדרוק. זי האָט אפילו נישט קיין געדולד געהאַט אויף די אַלע זאַכן צו קוקן.

— דאָס איז אַלץ — האָט קלאַרע געזאָגט — וואָס האָסטו מיר נאָך צו ווייזן...

גאָלדע האָט נישט געהאַט דער שוועסטער מער גאָרנישט צו ווייזן און אירע רויטלעכע, אַ ביסל דיקלעכע באַקן האָבן זיך בושהדיק צע־פלאַמט. גאָלדע האָט געוואָלט פון קלאַרען אַ סך זאַכן געוואָר ווערן, זי פאַרוואַרפן מיט פראַגן, נאָר די שוועסטער איז געווען זייער שפּאָר־זאַם מיט די רייד און איר קוים געענטפערט. ס'איז פאַר גאָלדען גע־ווען אפילו אַ שטיקל חידוש. האָט זי דען נישט געטאָן אַלץ כדי די שוועסטער צו ברענגען אַהער, ווען יענע האָט זי באַלייגט מיט בריוו, און אינעם לעצטן בריוו אָנגעזאָגט, אַז אין פּוילן שמועסט מען וועגן מלחמה. גאָלדע האָט נישט געזשאַלעוועט קיין כוחות און געוואָלט די גאַנצע משפחה ברענגען קיין אויסטראַליע, אָבער זי האָט באַוויזן בלויז די שוועסטער צו ראַטעווען. זי איז געקומען אַהער, ווען אויף יענער זייט האָט זיך שוין דאָס פייער געהאַט צעפלאַקערט.

גאָלדע האָט צוגעגרייט עפּעס איבערצוכאַפּן, אָבער בעת־מעשה האָט זי נישט אָפּגעלאָזט די שוועסטער:

— זענען שוין די דייטשן געווען אינעם שטעטל ווען דו ביסט אַוועק? און וואו זענען געבליבן טאַטע־מאַמע? די מאַמע האָט שטענ־דיק פאַר אַלץ מורא געהאַט. מורא געהאַט פאַר יעדן קליינעם שייגעצל... וואָס איז געשען מיט רעכעלען און די קליינע יתומים? געוואַלד, וואָס וועט זיין?...

קלאַרע האָט נישט געענטפערט און ערשט ווען גאָלדע איז צו איר גאָר שטאַרק צוגעשטאַנען, האָט זי קוים אַרויסגעקוועטשט פון די ליפּן:

— כ'ווייס נישט... לאָז מיך צו רו...

גאָלדע האָט פאַרשטאַנען, אַז זי טאָר מער נישט מוטשען די שוועסטער. זי איז מיד פונעם וועג און פון די אַלע איבערלעבענישן וואָס זי איז דורכגעגאַנגען. קלאַרע האָט קוים טועם געווען עפּעס פון די עסנס, וואָס גאָלדע האָט צוגעגרייט און זי האָט אָנגעהויבן שטאַרק

צו גענעצן און אויסצוציִען אירע פולע און שלאַנקע גלידער. מיט אַ מאָל האָט גאָלדע באַמערקט ווי די שוועסטער ליגט איינגעדרייט אין אַ בייגל אויף איר בעט און זי שלאָפט געשמאַק. האָט זי די שוועסטער אויסגעטאָן, פונקט ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד, זי אַרונטערגעלייגט אונטער דער קאָלדרע און זי גוט איינגע־דעקט. אַליין האָט זיך גאָלדע אַריינגעלייגט אין דעם בעט וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַר דער שוועסטער.

קלאַרע איז שוין געבליבן שלאָפן אין גאָלדעס בעט די גאַנצע צייט, וואָס זי איז ביי איר איינגעשטאַנען, און זי האָט גאָרנישט אין זינען געהאַט זיך אַרויסצוציִען. גאָלדען האָט אַ סך געלט געקאָסט צו ברענגען די שוועסטער אַהער, וואָרום אַ שטיק וועגס איז זי געפלויגן, אָבער קלאַרע האָט קיין מאָל נישט געפרעגט וויפיל ס׳האָבן געקאָסט די הוצאות. זי האָט אָנגעהויבן צו טראָגן דער שוועסטערס קליידער. יעדן טאָג, אין די היצן און אין די קעלטן, איז גאָלדע זייער פרי אויפ־געשטאַנען, זיך געאײַלט צו דער אַרבעט און זי האָט געמאַכט פרישטיק פאַר זיך און פאַר דער שוועסטער.

קלאַרע האָט ממשיך געווען דאָס לערנען, זיך שנעל אויסגעלערנט ענגליש און מיט אַ פולער טעקע ביכער זיך געשלעפּט אויפן אוניווער־סיטעט. זי האָט איינגעלאַדן צו זיך די חברים פון אוניווערסיטעט און די שטוב איז אַלע מאָל פול געווען מיט בחורים און מיידלעך. מען האָט גערייכערט פּאַפּיראָסן, כסדר אויפגעשטעלט טיי און די ביכער און העפטן זענען געווען צעלייגט אויף די בעטן, אויף בענקלעך און אויף דער פּאָדלאָגע. אַז גאָלדע איז געקומען צוריק פון דער אַרבעט, האָט זי נישט געהאַט וואו זיך אַהינצוטאָן און זי האָט זיך, אָן איבערי־קע, געשאַרט אין די ווינקלען. זי האָט גענומען צורוימען די דירה, נאָר באַלד איז אַלץ צוריק געווען אָנגעוואָרפן. טאָמער האָט זי זיך אַריינגעמישט אין אַ שמועס, געפּרוּווט אַריינוואַרפן אַ וואָרט, האָט מען זיך אפילו אויף איר נישט אומגעקוקט. די חברה האָט גערעדט מיט אַ סך וויכטיקייט וועגן די לעצטע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וועגן פיל־מען און ביכער. גאָרנישט איז זיי געפעלן.

גאָלדע האָט געשוויגן, אַלץ געדריקט אין זיך. ווען זי איז גע־בליבן מיט דער שוועסטער אַליין און געוואָלט איר עפּעס זאָגן, האָט זי נישט געוואוסט פון וואָס אָנצוהייבן. זי האָט זיך באַלד אַליין געמוסרט, אַז זי האָט נישט קיין רעכט קלאַרען עפּעס צו זאָגן, וואָרים זי איז פיל

דורכגעגאַנגען. איין מאָל, ווען ס׳האָט זיך שוין ביי איר אַ סך אָנגע־זאַמלט, האָבן זיך די ווערטער ביי איר אַרויסגעגליטשט:

— קלאַרע, פאַר וואָס רוימסטו נישט צו? פאַר וואָס ביסטו אַזוי צעכראַסטעט?

אָבער קלאַרע האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. זי אָנגעקוקט מיט אַזעלכע אויגן, אַז זי האָט זיך אָפּגעביסן די צונג און נישט געוואוסט וואָס ווייטער צו זאָגן.

נישט איין מאָל האָט זיך גאָלדע אַליין געפרעגט פאַר וואָס די שוועסטער האָט אַזוי פיל מזל ביי מענטשן. אפילו די שכנטעס, וואָס האָבן נאָר אין זינען צו קאָכן און צו באַקן און ס׳איז זיי פרעמד דאָס משונהדיקע לעבן פון די סטודענטן, האָבן געלעקט די פינגער פון קלאַרען.

— אַ שיינע מויד ווי גאָלד! — האָבן זיי געשמאָקלט מיט די גויי־דערס — אַ מויד אַ צימעס! און שטיל ווי אַ טויב... נישט אומזיסט ווערן די באָיס פאַר איר די כפרה...

גאָלדע האָט נישט געוואוסט פון וואַנען די ווייבער האָבן גענומען אַז קלאַרע איז אַ שטילע. מילא שיין איז זי געווען, אָבער שטיל? אַז זי האָט געברענגט די חברה פון אוניווערסיטעט, האָבן די דזשאַז־קלאַנ־גען און די מעלאָדיעס פון די שלאַגערס זיך געטראָגן איבערן גאַנצן הויז. קלאַרע האָט זיך אָנגעטאָן אין שרייענדיקע קאָלירן און אירע קליידער און בלוזקעס זענען געווען לויז צעכוואַליעט. דעם מאַנטל האָט זי קיין מאָל נישט פאַרקנעפּלט און ער האָט געפלאַטערט אין ווינט ווי אַ פאָן. די האָר האָט זי נישט פאַרקעמט און געדיכטע גאָלדענע פּאַסן האָבן זיך געוויקלט אַרום איר שיין בלאָנד פּנים. צוליב דעם האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק ווי זי וואָלט געשוועבט. זי האָט טאַקע אויס־געזען אַלע מאָל ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו אַ נסיעה אָדער ווי זי וואָלט פון אַ נסיעה צוריקגעקומען.

גאָלדע האָט נישט געקאָנט באַנעמען מיטן שכל פאַרוואָס מען זעט נישט אירע מעלות. זי אַרבעט זייער שווער, האַלט אויס קלאַרען — און ס׳זאָל ווער וועגן דעם רעדן. די חברים האָבן זי נישט געזען און אַז ס׳איז געווען קלאַרע האָבן זיי אין גאַנצן אין גאָלדעס זייט נישט געקוקט. אפילו דעם שכנס זון, וואָס פלעגט אַ מאָל זיך רויטלען און נישט וויסן וואָס צו טאָן, ווען ער האָט דערזען גאָלדען, האָט מיט אַ מאָל באַקומען דרייסטקייט צו איר. גאָלדע האָט אָבער באַמערקט ווי

ער האָט זיך פאַרלוירן, אַז קלאַרע איז צו אים צוגעקומען. כאָטש ער איז נישט געווען געגוג דרייסט, איז ער איצט כסדר צו זיי אַריינגע־קומען און ס'איז געווען פאַר אים אַ כבוד זיך צו חברן מיט די סטודענטן. אַזוי ווי ער איז געווען אַ גוטער פאַרדינער און דער פונט האָט ביי אים נישט געשפּילט קיין ראָלע, האָט ער אָפט געברענגט פאַר די סטו־דענטן די טייערסטע ליקערן און וויסקיס און מיט דעם איז ער זיי אונ־טערגעקומען. באַלד ביים אַריינקומען האָט אים די חברותא באַלאַגערט, געקלאַפּט אים גוט־ברודעריש איבער דער פּלייצע און אים געפרעגט מיט דעם זעלבן לשון, וואָס ער האָט אַליין ליב געהאַט צו באַנוצן:

— איי, עיברעם, האָסטו עפּעס געברענגט אַ גוטן אויסלענדישן טרונק, וואָס נאָר דו אַליין ביסט אַ מבין אויף דעם... — האָט מען געזוכט אונטערצוחנפענען — ביסט שוין איין מאָל אַ פויגל... וואו האָסטו דאָס געפּאַקט? ביסט אַ דזשיניוס, עיברעם!

איין מאָל אויף אַ „פּאַרטי”, האָט זיך עיברעם דווקא מיט גאָלדען פאַרנומען אַז מ'האָט אים פון איר נישט געקאָנט אָפּרייסן. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל נעבן איר און איר דערלאַנגט כיבוד, וואָס ער האָט אַליין געברענגט. יעדעס מאָל האָט ער אָנגעגאָסן פאַר איר אַ גלעזל זיסן ליקער און געזאָגט:

— מ'דאַרף זיין אַ מבין אויף דעם ליקער... ס'איז פון אַ באַ־רימטער פראַנצויזישער פירמע... טרינקט, גאָלדע, איך גאַראַנטיר... ס'וועט אייך גאָרנישט זיין...

ער אַליין האָט אַלע מאָל פאַרזוכט פון דעם ליקער און אַז ער האָט פּאַוואָליע אַראָפּגעשלונגען די משקה האָט ער צוגעמאַכט די אויגן מיט דער זעלבער הנאה, ווי ער וואָלט זיך געקושט מיט אַ פרוי. ער האָט גאָלדען אַ סך דערציילט וועגן זיך, זיך געריטמט מיט די גרויסע געשעפטן וואָס ער מאַכט. ער האָט אפילו אָפּגעלאַכט פון די סטודענטן, וואָס זענען קריעה ובלויה און האָבן נישט קיין פּעני ביי דער נשמה. ערשט אין יאָרן אַרום וועלן זיי זען אַ פונט פאַר די אויגן... ביי אים שפּילט נישט קיין ראָלע געלט און זיין ווייב וועט האָבן ביי אים פון אַלעם גוטן... ער האָט איר אויסגעפרעגט וועגן איר לעבן, זיך צוגע־הערט צו איר מיט פיל אויפמערקזאַמקייט און זי באַדויערט:

— כ'ווייס אַז איר אַרבעט זייער שווער — האָט ער זיך נאָענט צוגעבויגן צו איר — כ'ווייס... כ'זע אייך יעדן טאָג לויפן אין דער

פרי צו דער אַרבעט. פון היינט אָן וועל איך אייך געבן אַ ליפּט אין דער קאַר...

זיי זענען אַלץ געשטאַנען אין ווינקל און אַרום זיי האָבן בחורים און מיידלעך געטאַנצט, געזונגען, זיך געקושט. אַזוי ווי ס'איז נישט געווען קיין אָרט צום זיצן, איז מען געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע. אַ פּאָר יוגנטלעכע זענען נאָכגעלאָפן קלאַרען, זיך נישט געוואָלט אָפּטשעפּען פון איר. מען האָט איר געשטופּט משקה צום טרינקען און עטלעכע מיילער האָבן זיך געשטרעקט זי צו קושן. איבערעם האָט דאָס נישט באַמערקט, ער איז געווען פאַרטאָן אינעם שמועס מיט גאָלדען. גאָלדע האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון זיין בלאָס פּנים און פון זיין באַוועגלעך מויל, וואָס האָט איבערגעזאָלצן אין די באַרימערייען וועגן זיך אַליין. וואָס מער דער יונגערמאַן האָט זיך גערימט, אַלץ מער איז זי אויסגעוואַקסן ביי זיך אין די אויגן — און זי האָט שוין אַ טראַ־פּעלע צו פיל אַרויסגעוויזן באַוואונדערונג פאַר זיין בריהשקייט.

— טאַקע! טאַקע! ס'איז נישט צום גלויבן. ווען כ'וויים נישט אַז ס'איז געשען וואָלט'ך געמיינט ס'איז אויסגעטראַכט... אַז ס'איז עפּעס אַ מעשה...

דעם אַנדערן טאָג נאָך דער „פּאַרטי" האָט גאָלדע געהאַט אַ סך צו רוימען, נאָר ס'האָט איר נישט געאַרט. זי איז אַרומגעגאַנגען מיטן בעזים, געקערט, געווישט — אָבער די אַרבעט איז געווען ביי איר אַ פאַרגעניגן. קלאַרע איז געשמאַק געשלאָפן, הענט און פיס צעוואָרפן איבערן גאַנצן בעט. טאָמער האָט זי גאָלדע ביים צורוימען איבער־געוועקט, האָט זי זיך אָנגעבייזערט אויף איר אין שלאָף:

— לאָז שלאָפן. ס'איז נאָך פרי. וואָס קלאַפּסטו אַזוי הויך!

גאָלדע האָט קוים באַוויזן צוצורוימען ווי ס'איז אַריינגעקומען איבערעם. ער איז געווען גוט אויפגעלייגט און אויסגעפּוצט יום־טובדיק. גאָלדע האָט זיך נאָך נישט געהאַט איבערגעטאָן און זי האָט זיך פאַר־שעמט פאַר אים, אָבער ער האָט דאָס נישט באַמערקט און זי געפרעגט, צי זי האָט זיך נעכטן ביינאַכט גוט געוויילט.

— איך האָב זייער גוט פאַרברענגט... זייער גוט... געהאַט אַ גוד טיים — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן.

גאָלדע האָט געפילט ווי אַ קנויל שפּאַרט איר צום האַלדז און ס'האָט זיך איר געדאַכט אַז ער באַמערקט דאָס. זי האָט זיך באַהערשט, כדי גאָרנישט צו געבן צו דערקענען אין זיך. אָבער מיט אַ מאָל האָט

זי דערזען ווי עיברעם קוקט יעדע פּאָר מינוט אויפן האַנט־זייגערל און ס'וואַקסט אין אים אַן אומגעדולדיקייט. ער הערט אפילו מער נישט וואָס זי רעדט.

— וואו איז קלעיראַ? — האָט ער געפרעגט גאָלדען אויף דער שוועסטער און איבערגעהאַקט דעם שמועס מיט איר — זי מוז נאָך אוודאי שלאָפן! זי ווייסט גאַנץ גוט אַז איך האָב געקויפט צווי בילעטן אויף היינט ביינאַכט אין טעאַטער. ווען וועט זי זיך אָנטאָן? זי איז אַזוי נישט פאַראַנטוואָרטלעך!

ער האָט געלאָזט גאָלדען שטיין און איז אַריין צו קלאַרען. גאָלדע האָט געהערט ווי ער טענהט אַריין אין קלאַרען זי זאָל זיך אָנטאָן, אָבער זי וויל נישט.

— גיב מיר בעסער אַ קוש... זיי נישט אַזוי בייז... דו בייז יינגל דו! — געגעצט קלאַרע און שטרעקט פויל אירע אברים — לייג זיך בעסער צו צו מיר. וואָס דאַרפסטו גיין אין טעאַטער?

— כ'האָב געקויפט בילעטן. האָסט צוגעזאָגט צו גיין! מען דאַרף נאָך אָפּטרעטן ערגעץ אָפּעסן... — האָט עיברעם געהאַט טענות.

— און אַז כ'האָב צוגעזאָגט איז וואָס? איצט האָב איך חרטה. כ'בין מיד... כ'שטאַרב שלאָפן. ס'איז גוט אין בעט. כ'וועל דיר מאַכן אַן אָרט און לייג זיך צו מיר צו.

גאָלדע האָט געהערט ווי עיברעם קווענקלט זיך, האָט נישט גענוג קיין דרייסטקייט זיך צוצולייגן אויפן בעט, אָבער קלאַרע שלעפּט אים מיט כוח.

ס'האָט געדויערט אַ שטיקל צייט ביז קלאַרע איז אַרויס פון בעט. זי איז אַ באָרוועסע אַרומגעשפּרונגען אויף איין פוס, געזוכט די זאָקן, די לאַטשן. זי איז אַריין צו גאָלדען און געפרעגט וואָס פאַר אַ קלייד זי זאָל זיך אָנטאָן. פאַרטיק געוואָרן, האָבן קלאַרע און עיברעם זיך געקליבן צו גיין.

—אַ גוטע נאַכט... — האָט עיברעם זיך אויסגעדרייט צו גאָלדען.

— באַי.. באַי... — האָט קלאַרע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זיך ווי דערמאָנט אין עפּעס, צוגעלאָפן צו דער שוועסטער און איר אַ קוש געטאָן אין באַק.

— פאַרברענגט גוט... ענדזשאָי יורסעלף — האָט גאָלדע גע־

זאָגט מיט אַ ציטערדיק קול ווען דאָס פּאָרל איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר.

גאָלדע האָט זיך אויסגעטאָן, זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן. ווען זי איז שוין געווען אין נאַכט־העמד, האָט זי זיך מיט אַ מאָל באַמערקט אין שפּיגל. ס'האָבן אויף איר אומעטיק געקוקט אַ פּאָר גרינע שמאָלע אויגן, אַ געקנייטשטער שטערן, אַ ביסל רויטלעכע באַקן און אַ חנעוו־דיק קורץ נעזל. זי כאַפּט אַ טראָפּעלע דעם אָנבליק פון אַ דאָרפיש פּויליש שיקסל. זי איז גאָרנישט קיין מיאוסע, האָט זי צו זיך אַליין געזאָגט. גלייך ס'וואָלט איר ווער אונטערגעקוקט, האָט זי זיך שטיל ווי אַ גנב צוגעשאַרט צום פענצטער און אַראָפּגערוקט די ראָלעטן. באַלד האָט זי זיך אומגעקערט צום שפּיגל און אַראָפּגעלאָזט אַ ביסל דאָס נאַכט־העמד. אין דער האַלבער פינצטערניש האָט ווייס אַ לייכט געטאָן די אײדעלע בלייכקייט פון איר האַלדז, די שיינע, גלייכע ליניע פון אירע אַקסלען און די שטייפע רונדיקייט פון אירע ברוסטן. מיט דער האַנט האָט זי אַ פיר געטאָן איבער דער גלאַטיקייט פון איר הויט, געצערטלט דאָס אייגענע לייב. אַ פּחד איז איר אַדורך איבערן רוקן, זי איז געווען זיכער אַז ס'שטייט ווער הינטער איר. זי האָט זיך פאַר־שעמט פאַר זיך אַליין און זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט.

שפּעט ביינאַכט האָט זי געהערט ווי ס'איז מיט אַ רעש אַריינגע־קומען קלאַרע. גאָלדע איז געלעגן אויסגעדרייט צו דער וואַנט, זיך געמאַכט שלאָפן, אָבער קלאַרע האָט זי אויפגעוועקט און איר דערציילט אַלץ וואָס זי האָט געזען אין טעאַטער.

אויף צו מאָרגנס ביינאַכט איז קלאַרע ווידער אַוועקגעגאַנגען, אָבער ס'איז זי געקומען אָפּנעמען אַן אַנדערער בחור. אַלע נעכט פון דער וואָך איז זי דערנאָך נישט געווען אין דער היים, ביז זי האָט איין מאָל מיטגעברענגט מיט זיך אַן אויסגעמאָגערטן, אויסגעצויגן־לאַנגן יונגערמאַן מיט דיקע ברילן־גלעזער, הינטער וועלכע די אויגן האָבן אויסגעזען משונהדיק־גרויס און ווילד. דער יונגערמאַן האָט ווייניק גערעדט, ווי ער וואָלט געווען שטום. ער האָט אָפט געטאַפּט מיט די לאַנגע פינגער אַרום זיך, גלייך ער וואָלט געזוכט דעם וועג...

— דאָס איז שימאָן... — האָט קלאַרע פאָרגעשטעלט פאַר גאָל־דען דעם בחור — ער וועט בלייבן ביי אונדז וואוינען... ער איז ערשט געקומען פון פּוילן... זיך אָפּגעראַטעוועט פון אוישוויץ... דאָ הי האָבן מיר אים אָפּגעראַטעוועט! ער איז שוין געווען מער אויף יענער וועלט

ווי אויף דער... שימאָן גייט מיט מיר צוזאַמען אין אוניווערסיטעט.

שימאָן איז געבליבן וואוינען ביי די שוועסטער און קלאַרע האָט אים נאָכגעקוקט מיט אַזוי פיל ציטערניש, ווי אַ קליין קינד. מיט זיין אומבאַהאָלפנקייט, מיט זיינע תנועות איז שימאָן טאַקע געווען אַ קינד. קלאַרע האָט מער קיינעם נישט געוואָלט זען און זיך בלויז מיט אים פאַרנומען. כאָטש זי האָט קיין מאָל אירע ביכער נישט געהאַלטן אין אָרדענונג, האָט זי זיינע זייער אָפּגעהיטן. אין דער פרי איז זי מיט אים צוזאַמען געגאַנגען אין אוניווערסיטעט און פאַרן אַוועקגיין געמאַכט פרישטיק.

— מיר האָבן אים אָפּגעראַטעוועט... ער האָט זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן... ער איז אויסערגעוויינלעך אינטעליגענט... אָריענטירט זיך אין אַלץ. אין פּאָליטיק, פילאָזאָפיע — האָט קלאַרע יעדן טאָג אויף ס'ניי אויסגערעכנט אַלע מעלות פון שימאָנען — ער האָט אין לאַגער אָנגעוואוירן עטלעכע יאָר, אָבער ער האָט דאָס שוין באַלד אָנגעיאָגט... די גויאישע חברים טרעטן פון אים נישט אָפּ. דיסקוטירן מיט אים וועגן היטלערן... וועגן סטאַלינען...

— גוט... גוט... — האָט גאָלדע געזאָגט — דאַרפסט זיך נישט פאַרענטפערן...

— וואָס הייסט כ'דאַרף זיך נישט פאַרענטפערן! — האָט קלאַרע אויסגערופן — ער האָט קיינעם נישט! איז אַזוי איינזאַם... מיין חוב איז אים צו היטן! ער האָט זיך שוין איין מאָל פאַרגאַזט... דאָס איז געווען דעמאָלט ווען מיר זענען געזעסן אינעם רעסטאָראַן נעבן אוני־ווערסיטעט... פּלוצים האָבן מיר באַמערקט אַז שימאָן איז נישטאָ... איז ערגעץ פאַרשוואונדן... מיר האָבן זיך געכאַפּט, אַז אין הויז האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן מיט גאַז... אַז מיר זענען אַריין אין צווייטן צימער, האָבן מיר געטראָפן ליגן שימאָנען אַ פאַרגאַזטן... דער וואָס פּרוּווט איין מאָל צו באַגיין זעלבסטמאָרד, קען דאָס טאָן אַ צווייט מאָל...

— וואָס־זשע ווילסטו פון מיר? — האָט גאָלדע צענומען די הענט.

— כ'וויל פון דיר גאָרנישט... — האָט קלאַרע געענטפערט — ווען דו ווייסט בלויז וואָס שימאָן האָט זיך אָנגעליטן אין לאַגער! אַן אייגענער חבר, אַ שטובן־עלטסטער, האָט אים אַ מאָל אַזוי געקאַטע־וועט אַז דאָס בלוט האָט זיך פון אים געגאָסן... ער האָט געמאַכט פון

אים קרעפּל־פּלייש! זינט דעמאָלט איז אים די ראיה אַזוי קאַליע גע־וואָרן, אַז ער זעט נישט אויף די אויגן! ס'גייט אים כסדר נאָך דאָס אויסגעקרומטע שמייכעלע פונעם שטובן־עלטסטן ביים שלאָגן. אַ הנאה־דיק, שפּיציק, אויסגעקרומט שמייכעלע! און אַ שוים, וואָס האָט זיך געבלעזלט איןביידע מויל ווינקלען ווי ביי אַ הונט וואָס גריזיעט מיט הנאה אַ ביין! די קלעפּ וואָלט ער שוין פאַרגעסן, אָבער נישט דאָס סאַדיסטישע שמייכעלע! ס'דאַכט זיך אים אַליין אַז ער פאַרפאָלגט אים ווער... ס'לויפט אים ווער נאָך! ער שרעקט זיך פאַר מענטשן! פאַר די נאָענטסטע חברים! ער איז אַזוי איינזאַם!

— גוט. גוט — האָט גאָלדע געמורמלט — כ'ווייס אַלץ...

גאָלדע האָט געוואָלט נאָך עפּעס צוגעבן, אָבער אַז זי האָט געזען ווי קלאַרע שטעלט אויף איר אויס אַזעלכע פאַרחידושטע, אומשולדיקע אויגן, זענען איר די ווערטער געבליבן אויף דער שפּיץ צונג — און זי האָט מער גאָרנישט געזאָגט...

זונטיק אין דער פרי איז קלאַרע מיט שימאָנען ערגעץ אַוועק און גאָלדע איז געבליבן אַליין אין שטוב. זי האָט אַ גאַנצן פרימאָרגן נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון קלאַרעס קליידער און פון שימאָנס איינציקן אַנצוג, וואָס איז געהאַנגען אויף דער טיר. ס'האָט איר אָנגענומען אַ באַגער אַרויסצושטעלן די זאַכן אין דרויסן. זאָל קלאַרע וויסן, אַז זי מוז זיך מיט שימאָנען פון איר אַרויסציען! גאָלדע האָט ביסלעכווייז צוזאַמענגעקליבן די זאַכן און זיי אַרויסגעלייגט אין קאָרידאָר. זי וועט דאָס אַלץ מער נישט אַריינעמען צו זיך, האָט זי ביי זיך געקלערט און זיך כסדר אַליין צוגעגעבן קוראַזש — נאָר טיף אין זיך האָט זי געוואוסט אַז געשען וועט עפּעס אַנדערש.

אַ גאַנצן טאָג האָט גאָלדע טאַקע געלאָזט ליגן די זאַכן אין דרויסן. אָבער אַז ס'איז געקומען די צייט ווען די שוועסטער מיט שימאָנען האָבן זיך געדאַרפט אומקערן אַהיים, האָט זי די קליידער און דעם אנצוג צוריק אַריינגעטראָגן אין שטוב און אַוועקגעלייגט אַלץ אויף דעם זעלבן אָרט וואו ס'איז פריער געלעגן..

וועלקאַם, וועלקאַם, שלום!

ווען נישט זיין יונגערער ברודער, ראובן, וואָס האָט אים אַראָפּ־געבריינגט קיין אויסטראַליע, וואָלט ר' בעריש דער ווינקל־שוחט גע־לעבט אַזוי אויף דער שמאָלער מילע אין וואַרשע און געמיינט, אַז אויף גאָטס וועלט זענען גאָר קיין גויים נישט פֿאַרהאַנען. אין דעם קליינעם קעלער־שטיבל, וואו ר' בעריש איז געזעסן, איינגעקוקט אין אַ ספרל און געקוילעט איבער אַ פֿאַרזשאַווערטער שיסל די עופות, וואָס די ווייבער פֿלעגן אים בשתיקה אַריינברענגען, האָט קיין מאָל אַ גוי נישט אַריינגעשמעקט. אויך איז דאָס קליינע הייפל אויף דער שמאָלער מילע געווען אין גאַנצן יידיש — און חוץ דעם „סטרוזש", האָבן דאָ גע־וואוינט בלויז יידן.

צוויי מאָל אין טאָג איז ר' בעריש אַרויסגעגאַנגען פֿון זיין קעלער־שטיבל. איין מאָל אין דער פֿרי, בעת ער איז געגאַנגען דאַוונען שחרית, און איין מאָל פֿאַרנאַכט, צו מנחה־מעריב. אָבער ווייט צו גיין האָט ר' בעריש נישט געהאַט. דאָס „שטיבל" איז געווען אין דעם זעלבן הויז, וואו ער האָט געוואוינט, און ער האָט געדאַרפֿט נישט מער ווי אַריבערשפּרייזן דעם הויף.

אַז דער ברודער האָט פֿאַר ר' בערישן מיט זיין ווייב געשיקט די פּאַפּירן אויף צו קומען קיין אויסטראַליע, האָט ער זיך פֿאַר זיי זייער דערשראָקן און נישט געוואוסט, צי ער זאָל זיך אַוועקלאָזן אין אַזעלכע מרחקים. ער האָט זיך געקווענקלט, זיך שואל־עצה געווען מיט גוטע פֿריינד אין „שטיבל", צי ס'איז גלייך פֿאַר אַזאַ ייד ווי ער, וואָס האָט פֿון דעסטוועגן אויפֿן אָרט זיין שטיקל ברויט, זיך צו לאָזן איז דער פֿרעמד, וואו יידן היטן אפשר נישט אָפּ קיין יידישקייט. ער האָט געוויזן יעדן איינעם די פּאַפּירן, געוואָלט מען זאָל פֿאַר אים פֿאַרלייענען וואָס שטייט אין זיי געשריבן. אין „שטיבל" האָט מען די פּאַפּירן באַטאַפּט, באַקוקט פֿון אַלע זייטן און געהייסן ר' בערישן פֿאָרן.

— וואָס האָט ער דאָס אָנצוווערן, ר' בעריש?... די גרויסע מאַיאָנטקעס? אַז דעם ייד ווערט דאָ סיי־ווי־סיי ערגער פֿון טאָג צו

טאָג! — האָבן די יידן זיך געחקרנט — אַזאַ ייד, ווי ר׳ בעריש, אַ ירא־שמים און אַ יודע־ספר, וועט זיך אומעטום געפינען זיין שטיקל פרנסה. אין ערגעץ נישט חלילה פאַרהונגערט בלייבן... אין אַזאַ אויס־טראַליע קען ער, אם ירצה השם, איבערנעמען דאָס כסא הרבנות אויך... ס׳זענען מן־הסתם דאָרטן פאַראַנען גוטע יידן... יידן וואָס לאָזן זיך קאָסטן...

איבערן גאַנצן וועג אויף דער שיף האָט ר׳ בעריש מיט זיין אשה זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס פון אַלעמען, מיט קיינעם קיין מגע ומשא נישט געוואָלט האָבן, מחמת כשרות נישט געוואָלט גאָרנישט טועם זיין, געלעבט בלויז פון טרוקן ברויט מיט וואַסער. און ווען ר׳ בעריש איז קוים מיט צרות איבערגעקומען די נסיעה און אָנגעקומען קיין אויסטראַליע אין דעם פּראָווינץ־שטעטל סאָניביי, וואו זיין יינגערער ברודער ראובן — וואָס האָט דאָ געהייסן דיק — האָט געהאַט אַ גע־ווּעלבל, האָט ער געדאַנקט דעם באַשעפער פאַר זיין חסד.

— הערסט, ראובן... — האָט ר׳ בעריש אַריינגערעדט דעם ברודער — קריעת־ים־סוף בין׳ך אַדורך! כ׳דאַנק דעם באַשעפער וואָס כ׳בין שוין ביי דיר... זאָלסט גאָרנישט מיט דעם טעם געפּרווּט ווערן!.. שונאי ישראל... גאָרנישט טועם געווען דעם גאַנצן וועג...

אָבער אויך ביי דעם ברודער האָט ר׳ בעריש נישט געוואָלט גאָר־נישט פאַרזוכן. דאָס עסן איז שוין געשטאַנען אויפן טיש — אַ פּאָר פעניצלעך ברויט באַשמירט מיט פּוטער, אַ פּריש אָפּגעקאָכט ביסל זופּ, אייער, קעז. נאָר ר׳ בעריש האָט זיך צו גאָרנישט צוגערירט, געקראָכן אַהין, געקראָכן אַהער און לסוף זיך אָנגערופן צום ווייב:

— אַ טייער ביסל זופּ... ס׳פּאַררייסט... — האָט ער גערעדט צום ווייב ווי שטענדיק, נישט קוקנדיק אין איר זייט אַריין, גלייך ער וואָלט גערעדט צו אַ דריטן מענטש — נאָר כ׳בין נישט הונגעריק... וועסט מיר גלייבן, ראובן? — האָט ער זיך געוואָנדן צום ברודער.

פון דעסטוועגן האָט ער זיך געוואַשן, אָפּגעשניטן אַ כזית ברויט און געגומען קייען. דערנאָך האָט ער געבענטשט, הויך געזאָגט די ווערטער פון ברכת המזון.

דיק האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נישט געדאַרפט ברענגען דעם ברודער צו זיך און אַז ס׳איז געקומען די נאַכט און מען איז זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן, האָט ער ביז אין דער פרי נישט געקאָנט צוטאָן קיין אויג. ער האָט פאַרשטאַנען אַז אויך זיין ברודער קען נישט

שלאָפֿן און געוואַרט אויפֿן טאָג, כדי אַ ביסל אויסצולופֿטערן דעם מוח. אָבער אויף צו מאָרגנס, בעת ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, איז שוין דער ברודער לאַנג געווען אויף. ער האָט זיך געפּאָרעט ביי דעם גע־שמידטן קופֿערט, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, אַרויסגענומען פֿון דאָרט אַ טלית־זאַק און זיך געגרייט צו גיין אין גאַס אַריין. ווען דיק האָט אים אָפּגעשטעלט געפֿרעגט וואו ער קלויבט זיך אַזוי פֿרי, האָט ער צו אים געזאָגט:

— וואָס פֿרעגסטו עפּעס אַזעלכע שאלות, ראובן? וואָס הייסט, וואו כ׳גיי? כ׳גיי דאַווענען... געבן שלום־עליכם יידן...

ס׳האָבן נישט געהאָלפֿן קיין שום מעשיות, נישט געהאָלפֿן דיקס רייד, אַז אין דער שטאָט איז קיין בית־המדרש נישטאָ. ר׳ בעריש האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס:

— וואָס מאַכסטו עפּעס חוזק, ראובן? שוין נישט געפֿונען איבער וועמען לצנות צו טרייבן? וואָס הייסט ס׳איז נישטאָ קיין בית־המדרש אין שטאָט? וואָס רעדסטו עפּעס, ראובן? וואו דאַווענען די יידן אין שטאָט? וואו דאַוונסטו?...

דיק איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער, נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער האָט געוואָלט זאָגן דעם ברודער, אַז אין דער שטאָט זענען נישטאָ קיין יידן, ס׳איז נישטאָ קיין בית־המדרש, אָבער אַז ער האָט געהערט די זיכערקייט אין ברעישעס קול, האָט ער מער זיך נישט אָנגערופֿן מיט קיין וואָרט — און ר׳ בעריש איז אַרויס זוכן יידן אין סאַניביי.

בעת ר׳ בעריש איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער נישט געוואוסט וואו צו שטעלן דעם ערשטן טריט. פֿון דעסטוועגן האָט ער זיך געלאָזט גיין מיט אַזאַ תקיפֿות איבער דער פֿרעמדער שטאָט, ווי ער וואָלט דאָ אַן אַלטער תושב געווען. דער פֿרימאָרגן איז געווען אַ הייסער. איבער די נידעריקע שיטער־צעזייעטע הייזער איז געשטאַנען אַ צעגליטע זון. אַראָפּ מיט דער גאַס האָט זיך געזען דער ים, זיך גרינלעך געצונדן אין דער זון. מענטשן זענען געפֿאָרן אויף ראָווערן צו דער אַרבעט, גע־גאַנגען צו פֿוס. קרעמער זענען געשטאַנען פֿאַר זייערע פֿריש־אויסגע־שפּריצטע געוועלבער, אַריבערגעשריגן איינער צו אַנדערן דעם „גוט־מאָרגן״.

אַז ר׳ בעריש איז דורכגעגאַנגען די גאַס, האָבן די מענטשן נאָכ־געקוקט מיט חידוש דעם פֿרעמדן מיטן ברייטן קאַפּעליוש און לאַנגן

שוואַרצן מלבוש, אויף שטום־לשון געפּרעגט איינער ביים צווייטן ווער דאָס איז. בלויז דיקס שכנים האָבן שוין געוואוסט ווער ס'איז דער פרעמדער און געגעבן צו פאַרשטיין:

— ס'איז דיקס ברודער... פון פּוילן געקומען... אַ ראַביי איז ער... אַ הייליקער. אַזוי ווי ביי אונדז אַ גלח...

ר' בעריש האָט מיט לאַנגזאַמע, געמאָסטענע טריט געשפּרייזט איבער די גאַסן מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם, נישט געלייגט קיין אַכט וואָס מענטשן קוקן אים נאָך. ער האָט געשפּרייזט גאַס־איין, גאַס־אויס, זיך פאַרקליבן אויף צוריק. פּלוצים איז פון אַ יאַטקע אַרויסגעקומען אַ הויכער פאַרשוין אין אַ ווייסן פאַרבלוטיקטן פאַרטוך, וואָס האָט צו ר' בערישן אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט:

— שאַלאָם!... וועלקאָם... וועלקאָם... שאַלאָם! — האָט דער פאַרשוין געשריגן פון גרויס גדולה — אַ יהודי?... מיין טאַטע... מיין מאַמע זענען אויך געווען יידן... און איך בין אויך אַ דזשו!... מיינע טאַטע־מאַמע זענען געקומען פון ראַשיאַ... שוין לאַנג צוריק.

דער הויכער פאַרשוין האָט זיך געדרייט ארום בערישן און זיין רויט מגושמדיק פּנים האָט באַקומען אַלערליי קאָלירן, ווי ביי אַ יינגל, וואָס האָט געקריגן אַן אומגעריכטע מתנה. ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן, כדי איבערצוצייגן דעם פרעמדן, אַז ער איז טאַקע אַ ייד.

— דו גלייבסט נישט אַז כ'בין אַ ייד? — האָט ער ר' בערישן געדוצט אויפן שטייגער פון די ענגלישע יידן — שאַלאָם! איצט גלייבסטו שוין אַז כ'בין אַ ייד?

ר' בעריש האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער פאַרשוין רעדט צו אים; פון זיינע אַלע רייד האָט ער אַרויסגעדרונגען בלויז איין זאַך, אַז דער קצב וואָס שטייט פאַר אים, איז אַ ייד. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, געקוקט אויף דער יאַטקע וואו ס'איז געהאָנגען אַ שילד מיט אַן אויסגעמאָלענעם קאָפּ פון אַ חזיר... ער האָט זיך דערפאַר אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט געוואָלט אַנטלויפן — אָבער דער פאַרשוין האָט אים איינגעהאַלטן. ס'האָט זייער לאַנג געדויערט ביז ר' בעריש האָט אים צו פאַרשטיין געגעבן, אַז ער זוכט אַ בית־המדרש, וואו ער זאָל קענען אָפּדאַווענען מיט מנין. אַז דער קצב האָט דאָס לסוף פאַרשטאַנען, האָט ער אָנגענומען ר' בערישן ביי אַ האַנט און אים געפירט אַריין אין אַ פריזיר־געוועלב.

דער פריזיער, אַ קליין דאַר מענטשל, וואָס האָט געהייסן לעס וויקענס, האָט באַגעגנט ר׳ בערישן מיט פריידיקע אויסגעשרייען:

— באַרעך־האבאַ! וועלקאָם... וועלקאָם! פון וואַנעט קומט דאָס אַ ייד?... וואו האָסטו דאָס געפּאַקט דעם בוטשער? — האָט ער אַנגעוויזן אויפן הויכן קצב — ער איז יענער גוי! נעוועער מיינד, וועסט ביי אונדז נישט פאַרפאַלן ווערן... ס׳איז אַ פרייע קאַונטרי...

לעס וויקענס האָט געקלאַפּט ר׳ בערישן גוט־ברודעריש איבער דער פּלייצע, געזאָגט אַז ער וועט דאָ אין אויסטראַליע מאַכן פונקט אַזוי גוט ווי ער, און אים פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַריין. אַז די געסט זענען אַריינגעקומען, האָט זיך די מיסיס וויקענס דערשראָקן אַ ביסל פאַר ר׳ בערישעס הולך, אָבער באַלד פאַרשנאָבלט מיט העפלעכקייט דאָס פּיסקעלע — און געבעטן אַלעמען זיצן. ס׳איז ביי איר אין שטוב געווען נאָך אַ גאַסט: דער יידישער גאָלד־גרעבער פּיטער שאַרפּ, וואָס איז געווען אַ גרויסער טשודאַק. ער האָט געוואוינט הינטערן שטעטל אין אַן אָפּגעלאָזן פאַרשפּינוועבט הילצערן הייזל. זיין גאַנצע ווירטשאַפט וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פאַרזשאַווערט בלעכערן קענדל אויף טיי, אַ שיסל אויף צו וואַשן גאָלד און אַן אַלט פאַרדאַרט ברויט, האָט ער שטענדיק געטראָגן מיט זיך. ער איז געווען אַ גרויסער שווייגער, אויסגעמיטן מענטשן. האָט ער, אַזוי גיך ווי ער האָט דערזען די געסט, זיך געוואָלט אַרויסשאַרן פון שטוב — אָבער וויקענס דער פריזיער האָט אים פאַרהאַלטן:

— נעוועער מיינד... היינט וועט עס אייך נישט געלונגען צו אַנטלויפן, פּיטער... מיר האָבן אַ גאַסט פון פּאָלאַנד...

אַלע האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און די מיסיס וויקענס האָט זיך געגרייט צו דערלאַנגען „אַ קאַפּ אָף טי״. ר׳ בעריש האָט דערציילט, אַז ער זוכט אַ בית־המדרש, וואו ער זאָל קענען אָפּדאַווענען מיט מנין. וויקענס, דער „באַרבער״ האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, געזאָגט ווי ס׳האָלט דאָ שמאָל מיט יידישקייט. בית־מעשה האָט ער איינגערוימט בערישן אַ סוד, אַז זיין אייגענער ברודער, דיק, האָט חתונה געהאַט מיט אַ שיקסע. ער איז נאָך מער גוי ווי פּיטער און דער „בוטשער״.

ר׳ בעריש האָט פּאַוואָליע אויפגעהויבן די אויגן, זיך אַרומגעקוקט אויפן געזינדל, וואָס איז אַרום אים געזעסן, אָנגעקוקט דעם פריזיער מיט גרויסע אויגן, ווי ער וואָלט נישט באַנומען, וואָס ער האָט צו אים

געזאָגט. ער האָט דערפילט אַ ליידיקייט אַרום האַרץ, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין פאַלן פון אַ גרויסער הויך און בשום־אופן נישט געקאָנט דערטאַפּן די ערד אונטער די פיס. ער האָט נישט געזען ווי וויקענס הייבט זיך פון אָרט, נישט געהערט ווי ער רעדט אין אים אַריין:

— דאָנט יו וואָרי... נישט געזאָרגט... ס'וועט נאָך זיין אַ שול אין סאַניביי... וועסט נאָך קענען דאַווענען מיט מנין... אויסטראַליע איז אַ פרייע קאָונטרי...

בעת ר' בעריש איז אַ היים געגאַנגען, האָט ער מיט אַ מאָל דער־פילט די שטאַרקע היץ. די זון איז שוין געשטאַנען אין מיטן הימל. די לופט איז געווען פול מיט רויך. ס'האָט אויסגעזען ווי בעת אַ שרפה. די נידעריקע הייזער האָבן זיך געוויגט אינעם רויך, ווי זיי וואָלטן געשוואומען ביז אַ העלפט אין וואַסער. ס'איז געווען אַזוי הייס, אַז מען האָט נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. ר' בעריש האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט און געווישט דעם שווייס פונעם שטערן...

זאַלבעדריט אונטער איין דאַך

ווי נאָר זי האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, איז ער נאָכגע־לאָפן און זי פאַרהאַלטן אויף די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט אַראָפּ פונעם הויז.

— דאָס מיטאָג שטייט אויפן טיש... פאַרוואָס גייסטו אוועק אַן געגעסן? עס עפּעס און דערנאָך וועסטו גיין... — האָט ער, אַ ביסל אַ פאַרסאָפּעטער, זיך אָנגערופן.

— כ'וועל היינט נישט עסן אין שטוב! מ'נעמט מיך אַרויס אויף מיטאָג... כ'האָב עס טאַקע געדאַרפט זאָגן פריער דיין פרוי... כ'מיין סטעלאַן... זייט מיר מוחל... — האָט זי געענטפערט מיט טראָציקייט אין קול.

— וואו גייסטו? ווער נעמט דיך אַרויס? — האָט ער געפרעגט, באַלד חרטה געהאַט אויף זיינע רייד, זיי געוואָלט צוריקכאַפּן, נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט.

— מען נעמט מיך אַרויס! כ'וועל קומען שפּעט! מ'נעמט מיך אַרויס אין אַ קאַפע־הויז. מ'נעמט מיך אַרויס... — האָט זי עקשנותדיק געשטאַמלט און פּלוצים דערפילט ווי עס ווערגט זי עפּעס אין האַלדז, אַז זי קאָן מער גאָרנישט אַרויסברענגען פון זיך.

אַנקאַ האָט זיך האַסטיק אַ קער געטאָן מיט דער פּלייצע צו מאַ־טעסן, געלאָזט אים שטיין אַליין און שנעל אַראָפּ פון די עטלעכע טרעפּ־לעך. ווען זי איז שוין געווען אויף דער גאַס, האָט זי זיך מיט אַ מאָל געכאַפּט, אַז זי האָט זיך מיט מאַטעסן אפילו נישט געזעגנט און זי האָט זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמט צוליב דער דאָזיקער קינדערישער האַנד־לונג. אַנקע האָט פאַרשנעלערט אירע טריט, געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון דעם הויז, פון מאַטעסן — געוואָלט זיין אַליין מיט זיך. פאַרוואָס פּייניקט זי מאַטעס אומזיסט און אומנישט? וואָס איז זיין עסק וואו זי גייט? וואָס גייט עס אים אָן ווער ס'נעמט זי אַרויס? ווי נישט דיסקרעט ער איז! ער שפּילט די ראָל ווי ער וואָלט געווען איר אַפּיטרופּוס און ער וויל איר אַריינקריכן אין דער נשמה... זי האָט ספּעציעל איבערגע־

חזרט עטלעכע מאָל, אַז זי איז פאַרבּעטן אויף מיטאָג. אמת איז, זי האָט נישט געזאָגט ווער ס'האָט זי פאַרבעטן — אָבער אין אירע רייד האָט ער זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז דאָס איז אירס אַ באַקאַנטער... און אפשר איז מאַטעס אייפערזיכטיק אויף איר? בלויז פון דעם געדאַנק, האָט דאָס פנים ביי איר אויפגעלויכטן, נאָר ס'איז באַלד צוריק אויסגעלאָשן געוואָרן.

אַנקע האָט שנעל געשפּרייזט אויפן טראָטואַר, זיך נישט אומגעקוקט אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט אַרום איר. ס'איז געווען די צייט, ווען די ביוראַליסטן און געשעפט־אָנגעשטעלטע קערן זיך אום פון דער אַרבעט. מען איז אויסגעשטיגן פון די טראַמווייען און אויטאָבוסן און זיך געאיילט צו די געשעפטן, כדי אין דער לעצטער רגע פאַרן שליסן איינצוקויפן עפּעס צום עסן. כאָטש דער טאָג איז נישט געווען קיין וואַרעמער, האָט אַנקע געפילט ווי עס ווערט איר הייס אין דעם געדרענג. פאַרן אַרויסגיין האָט זי זיך לאַנג געפּוצט אינעם שפּיגל. זי האָט פלייסיק געבערשט אירע קורץ־געשוירענע בלאָנדע האָר, אונטערגעשוואַרצט אַ קאַפּעלע די אומעטיק־גרינע אויגן און מיט אַ רויטער שמינקע לייכט אָנגעשמירט די ליפּן, וואָס זענען אַלע מאָל געווען ביי איר אַ ביסל צעעפנט, ווי זי וואָלט זיך וועגן עפּעס געחידושט. אָנגעטאָן האָט זי זיך אין איר שענסטן קאָסטיום פון זאַמד־קאָליר און צוגעפּאַסט צו אים די לאַטשן און דעם בייטל, וואָס מאַטעס האָט איר געקויפט צום אָנקומען. אָבער פונעם שנעלן גיין און פון דעם שמועס, וואָס זי האָט געהאַט מיט מאַטעסן, האָט זי געפילט ווי ס'באַגיסט איר אַ שווייס און די מלבושים קלעפּן זיך איר צום לייב. די שמינקע אויפן פנים רינט אַראָפּ אין שווייסיקע טראָפּנס.

ווען אַנקע איז אַרויס פון דעם „שאָפּינג־צענטער" און דערזען פון דער ווייטנס דעם גאָרטן, וואו זי האָט ליב געהאַט צו זיצן, האָט זיך פון איר די מורא אָפּגעטאָן און ס'איז איר אַ ביסל לייכטער געוואָרן. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז מאַטעס גייט איר נאָך, אַז ער פאָרט איר נאָך אין דעם אויטאָ. זי האָט זיך נישט געוואָלט אומקוקן, זיך נישט געוואָלט אָנטרעפן אויף זיין בליק, וואָס האָט איר געשפּיזט אין דער פּלייצע. פון דעם געפיל האָבן זיך איר געפּלאָנטערט די פיס און זי האָט נישט געוואוסט וואו זי גייט. צו וואָס האָט זי מאַטעס געברענגט צו זיך? דאָס בלוט זאָל איר געצאַפּט ווערן און זי זאָל זיך צוקוקן ווי ער לעבט מיט אַן אַנדערער פרוי? און אפשר האָט ער בלויז

צוליב גוטסקייט זי אויסגעזוכט נאָך דער מלחמה אין די דייטשישע לאַגערן און זי אַריבערגענומען קיין אויסטראַליע. דאָס האָט איר צום מיינסטן ווי געטאָן, ווייל זי דאַרף נישט מען זאָל אויף איר רחמנות האָבן! אַז מאַטעס האָט איר אין די ערשטע צייטן נאָכן קומען אַהער געהייסן דערווייל זיצן אין שטוב, איז זי באַלד געלאָפן איבער די פאַבריקן און זיך אויסגעזוכט אַרבעט. ס'איז מעגלעך אַז מאַטעס האָט זי געבערענגט, כדי צו פאַרגיטיקן די זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען מיט איר אויפן וועג פון וואַרשע, בעת די דייטשן האָבן געשאָסן פון די אַעראָפּלאַנען אויף די אַנטלויפנדיקע מענטשן...

צווישן די ביימער אינעם גאָרטן האָט אַנקע געזוכט דאָס זייטיקע סטעזשקעלע, וואו זי פאַרברענגט אַליין אַ סך פון אירע שעהן נאָך דער אַרבעט. זי האָט באַלד געפונען די באַנק, וואָס איז פאַרשטעלט פון אַ געדיכטן בלעטער־געפלעכט. דאָ קען מען זי נישט באַמערקן און זי קען דאָ רואיק זיצן און טראַכטן אירע מחשבות. איידער זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, האָט זי זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן; זי האָט נאָך אַלץ געהאַט דאָס געפיל, אַז מאַטעס גייט איר נאָך. און דעמאָלט... דעמאָלט וועט ער דערזען דעם גאַנצן אמת, אַז קיינער האָט זי נישט פאַרבעטן אויף מיטאָג, אַז זי האָט זיך נישט מיט קיינעם באַשטעלט און אַלץ האָט זי אַליין אויסגעטראַכט...

שוין נישט דאָס ערשטע מאָל ווי זי איז אַוועק פון הויז אַקוראַט דעמאָלט, ווען דאָס עסן איז געווען אויפגעגעבן — אָבער מאַטעס האָט זי נישט פאַרהאַלטן און זי נישט אויסגעפרעגט אַזוי פיל ווי היינט. זי האָט ליב געהאַט צו זיצן דאָ אויף דער באַנק אין די פאַרנאַכטן און זען ווי די זון גייט אונטער. די שקיעה איז דאָ אַנדערש ווי אין וואַרשע. די זון האָט זיך מיט אַ מאָל אַראָפּגעקוילערט, ווי זי וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון אַ באַרג און שוין האָבן זיך גענומען שטרעקן בלויע שאָטנס אין דעם גאָרטן. אָבער ווען די זון איז נאָך געהאָנגען אויף דעם זוים פונעם הימל, האָט זי מיט אַ רויטן שטויב באַדעקט די הייזער פון דער שטאָט, וואָס האָבן זיך געפּרעסט אינעם טאָל. דער גאָרטן איז געווען אויף אַ באַרג און זי האָט געקאָנט זען אַ טייל פון דער שטאָט. אין די פאַרנאַכטן זענען דאָ געקומען כלערליי פייגל צו פליען און זייער גע־צוויטשער האָט אָנגעפילט דעם כלל. די פייגל האָבן זיך געהאַט פיל צו דערציילן פון זייער וואָגלעניש איבער די גרויס־שטאָטישע גאַסן... ס'האָבן אפילו אַהער פאַרבלאָנדזשעט עטלעכע מעוועס. כאָטש ס'איז

נישט געווען אַזוי נאָענט פונעם ים. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז און זייערע ווייס־אויסגעוואַשענע פליגל האָבן זיך געטונקען אינעם רויטן שקיעה־ליכט...

אַנקע האָט שטענדיק געדענקט מיטצונעמען מיט זיך אַ פּעניצל ברויט און זי האָט געוואָרפן קרישקעלעך פאַר די פייגל. איין מעווע האָט געהאַט אַן אָפּגעהאַקט פיסל, נאָר זי האָט געקעמפט מיט עקשנות, כדי צו פאַרכאַפּן פאַר זיך אַ סך שפּייז. ס'האָט אַנקען דערמאָנט אין דעם איין־פוסיקן בעטלער אין וואַרשע, וואָס איז געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אויף קוליעס און האָט געבעטלט אין די הייף. ער האָט זיך אַוועקגע־שטעלט אין מיטן הויף און געמאַכט יאָמערלעכע קולות, אַז מען באַ־עוולט אים, מען וואַרפט אים נישט אַראָפּ קיין געלט. טאָמער האָט ער נישט אויפן הויף צוזאַמענגעקליבן גענוג נדבות, האָט ער זיך נישט געפוילט און זיך געלאָזט גיין איבער די שטובן. ער האָט זיך אפילו פאַרנומען צו קריכן אויף די שטיגן און בעת־מעשה, פול מיט פּראָ־טעסט, אַזוי שטאַרק געזעצט מיט די קוליעס און אַזוי הויך געקרעכצט, אַז ס'האָט געריסן ביים האַרץ. פונקט ווי די מעווע אינעם גאָרטן, האָט ער געקעמפט פאַר זיינע רעכט אינעם לעבן מיט גרויס עקשנות. ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון אַנקעס עלטערן, האָט אים די מאַמע געוואָלט אָפּפּאַרטיקן מיט דעם אַז זי האָט אים שוין אַראָפּגע־וואָרפן אַ נדבה, איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל. זי האָט אים בלויז געוואָלט נאָך צוגעבן אַ גראָשן. נאָר ער האָט דעם גראָשן נישט געוואָלט נעמען און אים צוריקגעוואָרפן. דעמאָלט האָט זיך אַנקע אָנגענומען פאַרן אָרעמען און זיך אַריינגעמישט:

— כ'האָב נישט געזען די מאַמעליו זאָל האָבן עפּעס אַראָפּגע־וואָרפן פונעם פענצטער — האָט זיך געזאָגט שטיל און מיט אַ ציטער אין קול.

— וואַ־אַ־אָס?! מאַכסטו די מאַמעליו פאַר אַ ליגנערין?! דו חצופה! שלעכט שטיק... וואו איז דער דרך־ארץ פאַר אַ מאַמען?...

— אַז כ'האָב נישט געזען די מאַמעליו זאָל האָבן עפּעס אַראָפּ־געוואָרפן... זאָל די מאַמעליו געבן אַ נדבה... אַז נישט וועל איך געבן... — האָט זיך אַנקע געהאַלטן ביי ס'איריקע און אַ בלאָסע זיך גענומען פאַרען ביים בייטעלע.

אַזוי שנעל האָט זיך די מאַמע נישט איינגעשטילט און אַז דער

קאַליקע איז אַוועק, איז זי ערשט אויפן הויכן קול אַרויפגעפּאָרן אויף דער טאָכטער:

— אַלץ די שול! די יידישע פאָלקס־שול! — האָט זי געמאַכט קולות — דאָרט לערנט מען די קינדער צו ווערן ציציליסטן און אַקעגנרעדן טאַטע־מאַמע! אַ בראָך האָט מיך געטראָפן מיט דער שול פון די בעזבאָזשניקעס... נאָר זי נעמט זיך אָן פאַר אַרעמעלייט! וואָס לויפסטו אַזוי כסדר אין דער שקאָלע? אַז דו האָסט יאָ אַזאַ ווייך הער־צעלע און קענסט נישט זען קיין עוולות, וואָס־זשע נעמסטו זיך נישט אָן פאַר טאַטע־מאַמע?

מיט דעם איז די מאַמע גערעכט געווען, אין דער יידישער פאָלקס־שול, וואו אַנקע האָט זיך אַליין פאַרשריבן האָט זי ליב געהאַט צו גיין. די לערערס זענען דאָרט צו איר זייער גוט געווען און זי האָט זיי געקוקט אין מויל אַריין. דער עיקר איז איר געפעלן איין לערער, וואָס האָט געהאַט גרויסע וואַרעם־ברוינע אויגן און אַ זילבערנעם קאָפּ, כאָטש ער איז נאָך געווען יונג. ער האָט זי אָפט געגלעט ביים בלאָנדן קאָפּ מיט זיינע וואַרעמע הענט און זי אָנגענומען ביים חן־גריבל אין דער גאָמבע.

— ביסט אַ שיין מיידעלע — פלעגט ער צו איר זאָגן — וואו האָסטו גענומען אַזעלכע גרויסע אומעטיקע אויגן? זיי זענען גרין ווי דער פרילינג און אַזוי טרויעריק...

פון דעם לערערס מעשיות האָט זי זיך אויסגעלערנט אַ סך זאַכן. ער האָט פאַר איר אויסגעמאָלן אַ וועלט, וואו עס וועלן מער נישט זיין קיין רייכע און קיין אָרעמע. אין די אַלע ביכער, וואָס זי פלעגט לייע־נען, איז דער לערער מיטן גרויען יונגן קאָפּ געווען ענלעך צו די העלדן און זי איז געווען ענלעך צו די פרויען, וואָס זענען גרייט געווען זיך פאַר יענעם מקריב צו זיין...

נאָך דעם ווי זי האָט פאַרענדיקט די פאָלקס־שול, איז זי געוואָרן אַ הוטן־פּוצערקע און ביסלעכווייז אין דעם לערער פאַרגעסן. זי האָט שוין וועמען אַנדערש אין זינען געהאַט. דאָס איז געווען מאַטעס דער סטודענט, וואָס האָט געוואוינט ביי זיי אין הויז אויף מוראַנאָווסקע. ער איז געגאַנגען אויפן פּאָליטעכניקום און געזאָלט ווערן אַן אינזשי־ניער. זי האָט אים פאַרבאַהאַלטענערהייט נאָכגעקוקט און געזען אַז ער האָט פּונקט אַזעלכע וואַרעם־ברוינע אויגן ווי דער לערער, נאָר אַנשטאָט אַ גרויען שויבער, האָט ער אַ קאָפּ מיט שוואַרצע געדיכטע

לאָקן. אַלע מאָל, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן איר, האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד און דאָס פּנים האָט ביי איר געפלאַמט. נישט איין מאָל האָט זי אים אָנגעשריבן אַ בריוו, וואו זי האָט אַנטפּלעקט איר סוד — אָבער זי האָט דעם בריוו צעריסן.

זי האָט מיט אים נישט אויסגערעדט קיין וואָרט און ס'זענען אַוועק עטלעכע יאָר ווי זי האָט אים אַלץ שטילערהייט נאָכגעקוקט און נישט געוואוסט צי ער זעט דאָס. באַגעגנט האָט זי זיך מיט אים ערשט דעמאָלט, ווען ס'איז שוין געווען די מלחמה און די דייטשן זענען געשטאַנען פאַר די טויערן פון וואַרשע. זי איז צוזאַמען מיט איר ברודער אַנטלאָפן פון וואַרשע און זיך געשלעפּט אויפן וועג, וואָס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. מ'האָט זיך געשלעפּט מיט וואַליזעס, טלומיקעס, פּעק, וואָס מען האָט אין מיטן וועג אַוועקגעוואָרפן, ווייל מען האָט נישט געהאַט קיין כּוח דאָס צו טראָגן אויף זיך. צווישן די מענטשן, וואָס האָבן געוואָגלט צופוס, האָבן זיך אַריינגעשניטן געדונגענע פּויערישע פורלעך, וואָס זענען געווען באַלאָדנט מיט יידישע בעבעכעס: מעבל, געשיר, קישנס און איבערבעטן. אויף די שפּיץ־פורלעך זענען געזעסן קליינע קינדער און האָבן זיך געריסן מיט קולי־קולות. אָבער מען האָט נישט געהערט זייער געוויין, וואָרים טויבע דונערן האָבן זיך געקייקלט אויף די צעשרפּהטע האָריזאָנטן. דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן זיך קאַלט געצונדן אין דער וואַרעמער סוף־זומערדיקער זון, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קעפּ פון דער מענטשן־מחנה און געשטעפּט פון מאַשין־געווער.

אַנקע איז געגאַנגען צוזאַמען מיטן ברודער; זי האָט זיך אָנגעהאַלטן אין אים, כּדי זיך פון אים נישט צו פאַרלירן. פּלוצים האָט זי דערפילט ווי ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז געפאַלן אויף דער ערד. זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אים — אָבער איידער זי האָט זיך געכאַפּט וואָס דאָ איז געשען, איז ער אויסגעגאַנגען אויף אירע הענט. זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. מ'האָט זיך געשטופּט אַרום איר, געטראָטן איבער איר. ווער האָט זיך אומגעקוקט אויף אַ טויטן? אויפן וועג האָבן זיך געוואַלגערט אַ סך הרוגים. אָבער זי האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט איר טויטן ברודער. אַ פּאָר וואַרעמע גרויסע הענט האָבן זיך צאַרט אַרומגענומען און אַ שטיל קול האָט איר באַפוילן זי זאָל זיך אויפהייבן און גיין ווייטער. ס'איז אַ סכּנה דאָ צו בלייבן אויפן וועג! זי האָט אויסגעבויגן דעם קאָפּ און

דורך אַ נעץ פון טרערן האָט זי זיך אָנגעטראָפן אויף ברוינע וואַרעמע אויגן. זי האָט זיי נישט דייטלעך געזען, נאָר זי האָט דערקענט אַז די אויגן געהערן צו מאַטעסן.

מאַטעס האָט קוים געפּועלט ביי איר זי זאָל מיט אים ווייטער גיין. אָנשטאָט אינעם ברודער האָט זי זיך אָנגעהאַלטן אין מאַטעסן. זיי האָבן זיך געשלעפּט עטלעכע טעג און נעכט צוזאַמען, געשלאָפן אויפן פעלד, אין וואַלד, אין די שייערן ביי פּויערים. איין נאַכט האָבן זיי זיך אַריינגעגנבעט צו אַ פּויער אין הויף און זיך באַהאַלטן הינטער אַ קאָפּיעץ פון קאַרטאָפל. ס׳איז דאָ געווען אַזוי שטיל, ווי ס׳וואָלט נישט געווען קיין מלחמה. זשאַבעס האָבן געקוואַקעט אינעם סטאַוו. ס׳איז איר געווען קאַלט און ס׳האָט זי געשווידערט. טרערן האָבן זיך איר געגאָסן פון די אויגן. מאַטעס האָט אויסגעטאָן די מאַרינאַרקע און זי צוגעדעקט. ער האָט זי געגלעט איבער די האָר, איבערן פּנים, געווישט די טרערן פון אירע אויגן. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, איינגעגאַרבן דעם קאָפּ אין זיין צעכראַסטעטע העמד און דערפילט דעם וואַרעמען צאַפּל פון זיין האַריקער ברוסט. ער האָט זי באַגאָסן מיט זיין הייסן אָטעם און געקושט די טרערן אויף איר פייכט פּנים. זי האָט אויף זיך אַליין רחמנות געהאַט און באַגערט זיינע צערטלעכקייטן. אין זיינע אָרעמס האָט זי פאַרגעסן אין דער צער, וואָס האָט געשפּאַרט אין אירע אברים. זייערע אויסגעטריקנטע ליפּן האָבן זיך באַגעגנט, זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז און געבליבן ליגן נאָענט צוגערוקט צו זיך אויף דער קאַלטער, פייכטער ערד. כאָטש די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע, איז איר געווען קאַלט און ער האָט זי צוגעדעקט מיט זיין קערפּער, וואָס האָט געגליט פון היץ. איבער זיי איז געהאָנגען אַ בלויער הימל, באַשיט מיט זשמעניעס שטערן...

אויף צומאָרגנס האָט זיך זייער וואָגל־וועג ווייטער אָנגעהויבן. זי האָט זיך געפילט זינדיק און נישט אויפגעהערט צו וויינען. ער האָט זיך מיט אַזוי פיל זאָרג פאַרנומען מיט איר. ער האָט געגנבעט עסן און איר געברענגט. אַז זיי זענען אָנגעקומען אין אַ קליין שטעטל, איז ער געלאָפן זוכן אַן אָרט, וואו זיי זאָלן זיך אַ ביסל אַרומוואַשן און עפּעס אָפּעסן. זי האָט דערזען ווי עס זענען אָנגעקומען דייטשן אויף מאָטאָציקלען און באַלד זענען אָנגעפאָרן עטלעכע לאַסט־אויטאָס מיט דייטש מיליטער. ס׳איז געוואָרן אַ בהלה און אין דער בהלה האָט זי פאַרלוירן מאַטעסן...

— אַליין?... מ׳קען זיך צוזעצן?... — האָט אַנקע דערפֿילט איצט אויף דער באַנק אינעם גאָרטן דעם ריח פֿון משקה און זי האָט דערזען ווי עס שטייט איבער איר עפּעס אַ פּאַרשוין, וואָס האַלט זיך קוים אויף די פֿיס — האַו אַר יו שוגאַר? וואָס טוט אַזאַ קינד אַליין אינעם גאָרטן? אין צווייען וועט זיין היימלעכער... אפשר וועלן מיר אַריינגיין אין אַ קאַפֿע־הויז אויף אַ קאַווע? און וואָס איז מכוח אַ „דרינק״? כ׳וואָלט אַליין אין אַ שטוב...

זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון דער באַנק און אָנגעהויבן שנעל צו לויפֿן. דער פּאַרשוין האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, געוואָלט זיך לאָזן נאָך איר. זי איז אין איין אָטעם אָפּגעלאָפֿן אַ שטיק וועגס און דערנאָך איז זי געבליבן שטיין. דאָס האַרץ ביי איר האָט שטאַרק געקלאַפּט. קיינער איז נישט געווען לעבן איר. אין גאָרטן איז געווען שטיל. די פֿייגל זענען שוין געשלאָפֿן אויף די ביימער. אין דעם טאָל האָבן זיך געזיל־בערט די ליכטער פֿון דער שטאָט, וואָס זענען געווען אויפֿגעצויגן אויף גאַנצע און צעריסענע שנירלעך און זיך געמיניעט ווי פּערל. די נאַכט איז געווען אַ קילע. אַ לייכט ווינטל האָט איר געקילט דאָס פּנים.

אויף דער גאַס איז איר נאָכגעפֿאָרן אַ גרויסער לוקסוס־טויטאָ. אַן אויסגעפּוצטער יונגערמאַן האָט אַרויסגעשטעקט אַלע מאָל דעם קאָפּ פֿון אויטאָ און זי פֿאַרבעטן אינעווייניק. זי האָט זיך האַסטיק אָפּגע־קערט פֿון אים. האָט ער זיך נישט געפֿוילט, איז אַרויס פֿון אויטאָ און האָט העפֿלעך אַראָפּגענומען פֿאַר איר דעם הוט.

— איר ווילט אַ „ליפֿט״, לעידי? — האָט זי דערהערט אַ טיף מענעריש קול — מיר וועלן פֿאָרן אויף אַ „דרייוו״ צום ים... די נאַכט איז אַזוי שיין...

פֿול מיט ביטול האָט זי אים אָפּגעמאָסטן און איז אַוועק איר וועג. בעת זי איז שוין געווען אַ שטיק פֿון אים, איז איר אַדורך אַ מחשבה אין קאָפּ, אַז זי האָט נישט באַדאַרפֿן אַזוי אַנטלויפֿן. דער יונגערמאַן איז אַ שיינער, אַ הויכער און ער האָט זי בלויז געוואָלט אַ ביסל אונ־טערפֿירן אין אויטאָ. ער וואָלט זי זיכער אָפּגעפֿירט אַהיים און דעמאָלט וואָלט מאַטעס געזען, אַז זי איז נישט געקומען אַליין... כאָטש זי איז געווען נאָענט פֿון שטוב, האָט זי גערופֿן אַ „טעקסי״ און אויפֿגעגעבן איר אַדרעס. זאָל מאַטעס מיינען, אַז עס האָט זי ווער געבערענגט אין אַן אויטאָמאָביל...

ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין האָט אַנקע נישט צוגעטאָן קיין

אויג. פון דעסטוועגן האָט זי זיך אויפגעהויבן זייער פרי צו דער אַר־בעט. מאַטעס האָט זי געוואָלט אָפּפירן אין אויטאָ — אָבער זי האָט אים אָפּגעזאָגט. ס׳ווייב האָט שוין סיי־ווי טענות צו אים וואָס ער האָט אַריינגענומען אַ פרעמדע פרוי צו זיך אין הויז. טאַקע אַ ניי־געקומענע, וואָס איז ניצול געוואָרן פון אוישוויץ, נאָר ער האָט דאָך געקאָנט דינגען פאַר איר אַ שטוב ערגעץ אַנדערש. סטעלאַ איז זייער גוט צו איר, רעדט צו איר זיסע רייד, פון דעסטוועגן האָט שוין אַנקע נישט איין מאָל געהערט ווי זי מאַכט דעם מאַן פאַרשידענע פאַר־וואורפן. אונטער דעם מאַנטעלע פון די העפלעך־צוקערדיקע רייד איז באַהאַלטן געגנוג גיפט. אַנקע האָט באַמערקט, אַז סטעלאַ פילט זיך נישט גוט ביי זיך אין שטוב. ווי נאָר זי דערזעט אַנקען, פירט זי זיך אויף זייער נישט נאַטירלעך. דאָ רעדט זי צו הויך און דאָ צו שטיל. טייל מאָל איז זי איבערגעטריבן הכנעהדיק און טייל מאָל איבערגע־טריבן שטאָלץ. אַנקע פילט ווי סטעלאַ קוקט איר פאַרבאַהאַלטענערהייט נאָך און האַלט זיך מיט איר אין איין פאַרמעסטן...

אויך אַנקע פירט זיך אויף נישט נאַטירלעך ווען סטעלאַ איז מיט איר. אַלץ פאַלט איר פון די הענט. זי קוקט נאָך סטעלאַן מיט דעם מבינישן בליק פון אַ פרוי, וואָס ווייסט גענוי אָפּצושאַצן ביי דער קאָנ־קורענטקע די מעלות און די חסרונות. דער עיקר די חסרונות. אַ מאַנספאַרשוין איז דאָס נישט ביכולת צו דערזען, נאָך דערצו ביי אַ פרוי, וואָס ער האָט ליב.

נישט איין מאָל האָט אַנקע ביי זיך אַליין געפרעגט וואָס מאַטעס האָט דערזען אין סטעלאַן. אמת איז אַז זי איז ווייט נישט קיין מיאוסע. זי איז הויך, שלאַנק און דאָס פּנים מיט די גרויסע אויגן און מיטן לאַכנדיקן קליינעם נעזל פאַרמאָגט די פרישקייט פון אַן אויסגעבאַקע־נער בולקע, ערשט אַרויס פון אויוון. בשעת אַנקע האָט פאַרגליכן סטעלאַן מיט זיך, האָט זי געמוזט מודה זיין, אַז איר פּנים איז שוין געווען אַ ביסל צעקנייטשט. דער עיקר ביי די אויגן, וואָס זענען געווען שטענדיק טרויעריק און האָבן געוואָרפן אַ שאָטן אויפן פּנים. איז דאָך יענע נישט געווען אין קיין לאַגער און נישט געליטן ווי זי! וואָס האָט זיך מאַטעס פאַרליבט אין סטעלאַן? געדענקט ער שוין מער נישט די נאַכט אינעם פויערישן הויף, ווען זיי זענען פון וואַרשע אַנטלאָפן? דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט; ס׳איז אים געלונגען אַוועק פון פוילן און אין סאַמע ברען פון דער מלחמה אָנצוקומען קיין אויסטראַליע. האָט ער

אין גאַנצן פֿאַרגעסן אין איר? זי האָט אין לאַגער כּסדר געדענקט אין אים און געחלומט אַז טאָמער וועט זי בלייבן לעבן און זיך מיט אים טרעפֿן, וועלן זיי זיך שוין קיין מאָל מער נישט צעשיידן... אָבער ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיידל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אויס־טראַליע און איז אין אַ לאַגער נישט געווען... וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט ער מיט איר? ער רעדט קוים אַרויס צו איר אַ וואָרט. און זי — נאָר זי חנלדט זיך צו אים. אפֿשר טוט זי דאָס דערפֿאַר ס'זאָל אַנקען פֿאַרדריסן. בקרוב וועט סטעלאַ האָבן אַ קינד און זיי וועלן דעמאָלט זיין זאַלבעפֿערט אין הויז. סטעלאַ איז שטאָלץ אויף זיך, רעדט וועגן קינד, וואָס דאַרף אויף דער וועלט קומען און שטריקט שוין אַפֿילו סוועטערלעך און קליידערלעך פֿאַרן נפֿשל, וואָס געפֿינט זיך לעת־עתּה ביי איר אין בויך — אָבער מאָטעס שווייגט, רופֿט זיך נישט אָן מיט קיין וואָרט. צי טוט ער דאָס דערפֿאַר ווייל ער וויל נישט אַנקען ווי טאָן?

מאָטעס איז כּסדר פֿאַרטאָן אין זיין אַרבעט. באַלד ווי ער איז געקומען קיין אויסטראַליע האָט ער באַקומען אַ גוטן פּאָסטן ביי דער מלוכה. מען האָט געזוכט אין דער צייט פֿון דער מלחמה אינזשיניערן ווי מיט ליכט און ער האָט באַקומען אַרבעט ביי אַעראָפּלאַנען. אָפֿט מאָל ווען ער קומט נאָך דער אַרבעט אַהיים, עסט ער שנעל אָפּ און ער גייט אַריין צו זיך אין קאַבינעט און צייכנט דאָרט פֿאַרשידענע פּלענער ביז שפּעט אין דער נאַכט. ס'איז נישט דער זעלבער מאָטעס, וואָס זי האָט געדענקט פֿון נע־ונד־וועג. ער איז דעמאָלט אַזוי גוט געווען צו איר, האָט זיך מיט איר אַזוי שטאַרק פֿאַרנומען. היינט איז ער פּונקט אַזוי שטאָלץ ביי זיך, ווי ער איז געווען פֿאַר דער מלחמה, ווען ער איז געגאַנגען אויפֿן הויף אויף מוראַנאָווסקע און געהערט די שושקע־רייען פֿון די שכנים הינטער דער פּלייצע: אָט גייט דער אינזשיניער!

אמת איז אַז מאָטעס איז ווייטער גוט צו איר, נעמט זי אַרום מיט אַ סך זאָרג, אָבער דאָס איז אַלץ. וואָס־זשע האָט ער זי געבראַכט אַהער זי זאָל זיך מוזן צוקוקן ווי ער געפֿינט זיך אין די אָרעמס פֿון אַן אַנדערער פֿרוי. וואָס האָט ער נישט געשריבן, אַז ער האָט חתונה געהאַט? זי איז אין דייטשן לאַגער נאָך דער מלחמה אַרומגעגאַנגען מיט אַ יונגנמאַן. ער איז געווען אַ טויגער און האָט געהאַנדלט מיט אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן, קאָנסערוון און דאָס איז איר נישט געווען צום האַרצן. האָט מאָטעס אַלץ געטאָן פֿאַר איר בלויז צוליב רחמנות און

גוטסקייט? דווקא די גוטסקייט זיינע קען זי נישט פאַרטראָגן, ס'ברענגט זי אַרויס פון די כלים...

ביי דער אַרבעט האָבן די רעיונות זי שטענדיק געפּלאָגט, זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּטרייבן פון זיי. איין מאָל איז זי אַנטלאָפן פון הויז, געשלאָפן עטלעכע נעכט ביי אַ חברטע, וואָס איז מיט איר גע־קומען אויף דער שיף. זי האָט זיך פאַר דער חברטע אַראָפּגערעדט פון האַרצן; אַ האַלבע נאַכט איז זי אויף געוועזן און גערעדט בלויז וועגן מאַטעסן און וועגן זיך. און אַז די חברטע האָט זי געראָטן זי זאָל זיך מער אין הויז אַריין נישט אומקערן, האָט זי געהאַט צו איר טענות — און זיך דווקא אומגעקערט. נישט איין מאָל איז איר דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז ווי גוט וואָלט געווען ווען מאַטעס ווערט ערנסט קראַנק... דעמאָלט וואָלט זי אים נאָכגעקוקט מער פונעם ווייב און אים געוויזן ווער ס'איז ביכולת זיך פאַר אים מקריב צו זיין...

נאָך דער אַרבעט, בשעת זי איז אַהיים געקומען, איז נאָך פיל ערגער געווען. זי האָט אַלע מאָל נישט געקאָנט אויסטראַכטן, אַז זי מוז אַוועקגיין. זי האָט געהאָלפן סטעלאַן גרייטן צום טיש און זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז זי איז דאָ געוואָרן אַ דינסט... ביים טיש האָט סטעלאַ נישט אויפגעהערט צו רעדן פון קינד, וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט. זי האָט גערעדט וועגן וועטער און וועגן פאַרשידענע אַנדערע נאַרישקייטן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין הויז במשך פון טאָג.

— אַ נו טרעף ווער ס'האָט געקלונגען? — האָט זי אַריינגעקוקט מאַטעסן אין די אויגן — בערטאַ... זי גייט שוין ווידער האָבן אַ קינד...

— זי קען זיך קוים אַן עצה געבן מיט איין קינד, דער שליאָך... ווי וועט זי זיך אַן עצה געבן מיט צוויי קינדער... זי וועט מוזן צונע־מען אַ ניאַנקע... — האָט מאַטעס זיך הויך צעלאַכט.

— שטעל דיר פאָר איך האָב איר דאָס געזאָגט — האָט זיך סטעלאַ געחנדלט — ווייסט וואָס איך האָב מיר געקויפט? אַ פּאָר נייע לעטשעלעך... כ'ווייס אַז זיי וועלן איצט נישט אַרויף אויף מיינע פיס... וועלן זיי זיין גוט אויף שפּעטער...

— דו דאַרפסט איצט אַ פּאָר שטיוול, נישט קיין לאַטשן... — האָט זיך מאַטעס אַ וויצל געטאָן.

מאַן און ווייב האָבן גערעדט צווישן זיך, זיך געוויצלט, געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיך, גלייך אַנקע וואָלט אין גאַנצן נישט געזעסן

ביים טיש. אַנקע איז געווען ערנסט, צו מאָל קיין שמייכל נישט געטאָן. ווי נאַריש זיי וויצלען זיך... וואָס פאַר אַ שטותים זיי האָבן אין זינען!... וואָס איז פון מאַטעסן געוואָרן? זי האָט אים איצט זייער פיינט געהאַט. צוליב סטעלאַן איז ער געוואָרן אַזוי פאַרנאַרישט... סטעלאַ האָט נישט קיין רעכט אויף אים. וואָס ווייסט זי וועגן אים? עפּעס אַ יונגע קאָזע, וואָס האָט גאָר נישט געליטן אין לעבן. אַנקע איז געווען אין לאַגער, איז אַזוי פיל דורכגעגאַנגען און דערפאַר קומט איר איצט אַלץ! זי דאַרף אָנהייבן אַ ניי לעבן מיט מאַטעסן... ס'איז נישט מעגלעך ער זאָל האָבן אַלץ פאַרגעסן... ער האָט זי נאָך ליב...

נאָכן עסן האָבן זיי זיך צוגעהערט צום ראַדיאָ. אַלע האָבן זיך געמוזט צוהערן צו עפּעס אַ מעשה, וואָס ציט זיך שוין לאַנגע חדשים, סטעלאַ האָט אַזוי געוואָלט. דערנאָך איז סטעלאַ פּלוצים געוואָרן זייער מיד, אָנגעהויבן הויך צו גענעצן און געשלעפּט דעם מאַן ער זאָל זיך גיין לייגן שלאָפן.

אַנקע איז געבליבן אַליין, זיך צוגעהערט נאָך אַ ביסל צום ראַדיאָ און איז געגאַנגען צו זיך אין צימער אַריין. אין קאָרידאָר איז זי פאַר־בייגעגאַנגען דאָס שלאָף־צימער און דערהערט די שושקערייען הינטער דער טיר. ס'האָט איר אַ שווינדל געטאָן אין קאָפּ. זי האָט געזען אַלץ וואָס טוט זיך הינטער דער וואַנט. ס'האָט איר אָנגענומען אַ באַגער צו בלייבן שטיין אַ רגע — אָבער זי איז גיך אַריינגעלאָפן צו זיך אין שטוב און אַזוי שטאַרק צוגעפּרעסט די טיר, גלייך ס'וואָלט איר ווער נאָכגעגאַנגען.

ס'איז געווען אין אַ הייסער נאַכט. סטעלאַ איז שוין געווען אויף דער צייט, זי האָט זיך געריכט אַ ליאַדע טאָג אין קינפּעט אַריין. אַנקע האָט נישט געקאָנט שלאָפן. צוליב דער חמימה זענען די ווענט געווען אָנגעגליט אפילו ביינאַכט. אַנקע האָט אַראָפּגעקאָפּעט פון זיך די דעקע, אַראָפּגעוואָרפן דאָס קישן, זיך געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע ס'זאָל איר אַ ביסל קילער ווערן. און אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם שלאָפראָק און איז אַרויס אין גאָרטן. ס'האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ הייסער ווינט, וואָס האָט גערוישט צווישן דעם פאַרברענט־געלן גראָז. זי האָט זיך קוים באַוויזן אַוועקצו־זעצן אויף אַ באַנק און דערפילט ווי ס'איז אויסגעוואַקסן הינטער איר מאַטעס. זי האָט אַ צוק געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער, זיך איינגעקאָר־טשעט, גלייך ס'וואָלט איר ווער געוואָלט ווי טאָן. מאַטעס האָט

געטראָגן קורצע הויזן אַ צעכראַסטעט דין ספּאָרט־העמד און זיך גע־ווישט דעם שווייס פון פּנים.

— הייס... — האָט ער אַ מורמל געטאָן — כ'האָב זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוואוינט צו דעם אויסטראַלישן הייסן ווינט... כ'זע אַז דו קענסט נישט שלאָפן צוליב דער היץ...

— ס'איז הייס... זייער הייס... — האָט זי געשטאַמלט מיט אַ דערוואָרגן קול און געשפּירט ווי דאָס מויל ווערט איר פאַרקלעמט.

מאַטעס האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר, דערציילט איר עפּעס — נאָר זי האָט גאָרנישט געהערט. די אויגן זענען געווען ביי איר האַלב־געשלאָסן. ס'איז איר אַזוי גוט געווען זיך איינצוהערן אין זיין שטים, וואָס האָט צוזאַמען מיטן ווינט געשאַרכט אין אירע אויערן. זיין קול האָט זי געגלעט און זי האָט געוואָלט אַז דאָס זאָל אייביק גע־דויערן. זי האָט געפילט ווי דער ווינט האָט פאַרהויבן אַ פאַלע פון איר שלאָפראָק און מאַטעסעס בליק האָט אַ ברי געטאָן אירע קני. זי האָט דעם שלאָפראָק צוריק פאַרמאַכט. אַ היץ האָט איר געשפּאַרט צום נאַקן, צום מוח און נאָך אַ רגע וועט איר קאָפּ אַ פאַל טאָן אויף דער אָפן־צעכראַסטעטן העמד פון מאַטעסן.

— מאַ־אַ־טעס, וואו בי־סטו?! — האָט זיך איינגעשניטן אין דער נאַכטיקער שטילקייט סטעלאַס פאַרדעכטיק־אויסגעצויגענע קול — כ'האָב אַזוי מוראַ... כ'האָב מורא צו זיין אַליין אין שטוב.

מאַטעס האָט זיך אויפגעהויבן, געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" און איז אַוועק. דער הייסער ווינט האָט געצישעט אין די קזשאַקעס, אין דעם געלן גראָז און מיט חוזק איינגערוימט אַנקען אין אויער: אַ פּחדן! פירט זיך אויף ווי אַ דערשראָקן ייִנגל, וואָס האָרכט בלינד די באַפעלן פון דער מוטער!

נאָך די זעלבע נאַכט, צו באַגינען צו, זענען סטעלאַן באַפאַלן די ווייען און מאַטעס האָט בהלהדיק געקלאַפּט אין אַנקעס טיר. ער איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. באַלד האָט ער זיך אָנגערופן צו אַנקען, אַז סטעלאַ פילט זיך נישט גוט און זי זאָל צו איר אַריינגיין. ער וועט דערווייל קלינגען צום דאָקטאָר. מאַטעס איז געווען אַ ביסל איבערגעשראָקן; פון דעסטוועגן האָט זי באַמערקט ווי אויף זיין פּנים שוועבט דאָס שטאָלצע שמייכעלע פון אַ מאַנספּאַר־שוין, וואָס גייט ווערן אַ טאַטע. אַנקע איז אַריין צו סטעלאַן אין צימער — אָבער סטעלאַ האָט זי אפילו נישט געזען. סטעלאַן איז

געווען זייער הייס. גרויסע שווייס־טראָפּנס האָבן באַדעקט איר לייב און זי האָט זיך קראַמפּהאַפּטיק אָנגעהאַלטן אין בעט גלייך זי וואָלט מורא געהאַט זי זאָל אַראָפּפאַלן. מיט אַ מאָל האָט איר פאַרווישטער בליק אַ בלאָנדזשע געטאָן איבער אַנקען און זי האָט זי אָנגעקוקט אַ רגע מיט אומצוטרוי. דערנאָך איז אַנקע צוגעגאַנגען צו סטעלאַן און מיט געטריישאַפט אָפּגעווישט ביי איר דעם שווייס פון שטערן.

— ס'וועט באַלד אַלץ אַריבער... באַרואיק דיך... די ווייען וועלן אַוועקגיין — האָט אַנקע געזאָגט מיט אַ סך וואַרעמקייט, אָבער געפילט אַז די וואַרעמקייט איז אַ געמאַכטע.

פון קאָרידאָר האָט זיך געהערט ווי מאַטעס קלינגט צום דאָקטאָר, קלאַפּט נערוועז מיטן טרייבל און שרייט עפּעס צו הויך אַריין אין טעלעפאָן. סטעלאַס בליק האָט געקלעפּט צו דער טיר, זי האָט געוואַרט דער מאַן זאָל שוין צו איר אַריינקומען.

נאָך דעם ווי מאַטעס האָט זיך דערקלונגען צום דאָקטאָר, איז אַנקע אַרויס פון שלאָף־צימער און איז אַריינגעלאָפן צו זיך. זי האָט אויף דער גיך אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ קליידל, אַריינגעוואָרפן אירע זאַכן אין וואַליזע און איז אַרויס אין דער הייסער נאַכט. זי וועט אַוועק — מער וועט זי אין דעם הויז נישט בלייבן! דער ווינט האָט זיך פאַרשטאַרקט, געהויבן דעם שטויב און די פּאַפּירן פון דער ערד און זיך געיאָגט איבער פאַרקאַנעס, איבער דעכער. ס'האָט זיך געקליבן אויף אַ שטורעם. אַ קאַלט ווינטל האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם הייסן ווינט, זיך פאַרמאָסטן מיט אים אין די כוחות...

אַנקע איז געלאָפן דעם שטורעם אַנטקעגן. זי האָט אויסגעשטרעקט דאָס פּנים קעגן קאַלטן ווינט, כדי זיך אַ ביסל אָפּצוקילן פון דער היץ. אויפן הימל האָבן זיך שוין געלאָשן די לעצטע שטערן. בעתן לויפן האָט זיך אַנקען אַלץ אויסגעמישט: דער שטויב מיט די פליענדיקע פּאַפּירן, די צאַנקנדיקע שטערן, דער ווינט, דער הימל, די ערד. פון מאָל צו מאָל איז אויפגעשוואומען פאַר איר סטעלאַס פּנים, וואָס איז באַגאָסן געווען פון שווייס. דאָס פאַרשוויצטע פּנים האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם שטאָלצן שמייכעלע פון מאַטעסן, וואָס גייט ווערן אַ טאַטע. אויף דעם הימל האָט זיך שוין געגאָסן דאָס ווייסע ליכט פונעם באַגינען...

כ'בין צוריק געווען אין מיין שטעטל

כ'בין געשטאַנען פאַרן הויז, וואו איך בין געבוירן געוואָרן, אָבער כ'האָב זיך געוואַקלט אַרויפצוגיין מיט די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו אונדזער אַמאָליקער דירה. ווער וואוינט היינט אין דער דירה? מן־הסתם אונדזערס אַ שכן — אַ פּאָליאַק — וואָס האָט זיך דאָרט באַזעצט, נאָך דעם ווי מיין מאַמע איז צוזאַמען מיט אַלע יידן פאַרטריבן געוואָרן פון שטעטל. אונדזער הויז איז ווייניק באַשעדיקט געוואָרן אין דער מלחמה. עס איז נאָך אַלץ געווען דאָס שענסטע הויז אין שטעטל, כאָטש ס'האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ אומעטיק־יורדישן בליק, ווי ס'וואָלט אויף זיך אַליין רחמנות געהאַט.

אַמאָליקע יאָרן האָט אונדזער הויז אַראָפּגעקוקט מיט שטאָלץ אויף די אַרומיקע הייזלעך, וואָס זענען געשטאַנען אויף דעם קיילעכדיקן מאַרק־פּלאַץ; ס'האָט זיך נישט געהאַט וואָס צו פאַרשעמען פאַרן ראַטהויז מיטן הויכן טורעם און שטאָט־זייגער, וואָס האָט אויסגעקלונגען די שעהן אַזוי געלאַסן און פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט געהאַט אַ סך צייט. די קלאַנגען האָבן זיך אויסגעצויגן־לאַנג געטראָגן איבערן שטעטל און אָנגעזאָגט די פּיאַקערס אויפן מאַרק ווען מען דאַרף זיך לאָזן צו דער באַן.

היינט איז מער נישטאָ דער טורעם מיטן שטאָט־זייגער, נישטאָ אפילו דאָס וועטער־פענדל — די דייטשן האָבן אַלץ אַראָפּגעשאָסן. אונדזער הויז איז געבליבן גאַנץ, וואָרים אָנהויב מלחמה האָבן דאָרט געוואוינט דייטשע אָפיצירן. אָבער וואָס איז געוואָרן מיטן מאַרק־פּלאַץ? פאַרוואָס איז ער אַזוי איינגעשרומפּן געוואָרן? פאַר דער מלחמה זענען דאָ געווען די יידישע געוועלבער, די יידישע ליאַדעס, וואו עס זענען געשטאַנען די סוחרים מיט יאַרמעלקעס אויף די קעפּ און מיט טלית־קטנס אַרויסגעלאָזט איבער די הויזן. ווען קיין קונים האָבן זיך נישט געוויזן, זענען די סוחרים געשטאַנען אין רעדלעך אין מיטן מאַרק און געשמועסט וועגן פּאָליטיק, אַז נישט זענען זיי געבליבן אין די קראָמען און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. בשעת אַ יריד־טאָג איז געקומען ס'גאַיעס פון די אַרומיקע דערפער און דער מאַרק־פּלאַץ איז

געווען פול מיט טומל און געשריי. צווישן די קולות פון די יידן און פויערים האָט זיך אַריינגעריסן דאָס הירזשען פון פערד, דאָס קוויטשען פון חזרים און דאָס פאַרבענקטע מעקען פון בהמות...

כ'בין געשטאַנען פאַר דעם הויז, וואו כ'בין געבוירן געוואָרן און זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט אַרום. דער מאַרק־פּלאַץ איז געווען פוסט, ווי כ'וואָלט זיך געפינען אין אַ טויטער שטאָט. טייל מאָל איז לעבן מיר פאַרבייגעגאַנגען אַ „מיעשטשאַן", וואָס האָט מיך מיט חידוש אָנגעקוקט. צי האָט ער מיך דערקענט? צי האָט ער געוואוסט, אַז איך בין אַ ייד? כ'האָב געוואָלט אַרויפגיין צו אונדז אין דער דירה און כ'האָב אין גאַנצן געפיבערט פון דערוואַרטונג — אָבער כ'בין געבליבן צוגעשטשועקט צום אָרט. וואָס איז מיט מיר געשען? אַלע יאָרן, וואָס איך האָב געלעבט אין אויסטראַליע, האָב איך געחלומט נאָך איין מאָל צו זען דאָס שטעטל, צו זען די שטוב, וואו מיר האָבן געוואוינט — און איצט ציטערן ביי מיר די הענט און פיס.

איך האָב געוואוסט וואָס פון דעם שטעטל איז געוואָרן אין די צייטן פון דער מלחמה. כאָטש איך בין געווען אָפּגעטיילט פון פוילן מיט אַזוי פיל ימים און לענדער, האָב איך מיטגעלעבט מיט די יידן דאָרט. ס'זענען דערגאַנגען צו מיר שמועות, אַז אין רעדים זענען מער קיין יידן נישטאָ. אָבער אין מיין זכרון איז געווען איינגעקריצט דאָס שטעטל מיט יידן, וואָס האָבן דאָרט אַ מאָל געלעבט.

ווען דער צוג האָט זיך אין דער פרי דערנענטערט צו רעדים, האָט זיך ביי מיר דאָס האַרץ געוואָרפן פון דערוואַרטונג און מורא. ס'איז מיר געוואָרן ענג אין האַלדז. טיף אין מיר האָט זיך נאָך באַהאַלטן אַ שטיקל האָפענונג, אַז כ'וועל זיך אין רעדים אָנטרעפן אויף יידן. איך האָב דערקענט די פּאָליאַקן אין דער באַן. די זעלבע פּאָליאַקן, וואָס איך האָב געדענקט נאָך פון די אַמאָליקע יאָרן: די פויערים, די „מיעשטשאַנעס" און די אַרבעטער. אַלץ איז דאָ, אָבער די יידן מיט די גאַליציאַנער סאָמעטענע קאַפּעליושן און מיט די שוואַרצע לאַנגע בעקעשעס, זענען נישטאָ. די באַן, וואָס איז געווען אַ מאָל פול מיט יידישע סוחרים פון קראָקע, פון לעמבערג, פון ריישע, איז אין גאַנצן אָן יידן. מען הערט נישט מער זייערע רייד, זייער פּלפולן זיך, זייער דבריתורה. איך בין געזעסן איין ייד צווישן אַזוי פיל גויאים. ס'האָט מיך אָנגענומען אַ שרעק.

איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אינעם האַרבסטיק־קאַלטן

דרויסן, ווייל ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַלע קוקן אויף מיר. אין אויסטראַליע האָב איך נישט איין מאָל זיך געזען פאָרן אין דער באַן, פּונקט ווי אין די בחורישע יאָרן מיינע, ווען מ׳האָט מיך געשיקט אין דער שכנותדיקער שטאָט זיך לערנען. אין מיין זכרון זענען אויפגע־שוואומען די היימישע פעלדער, די פּויערישע כאַטעס מיט שטרויענע דעכער, די סעדער, די לאָנקעס, וואו ס׳האָבן זיך געפּאַשעט קי.

דער צוג איז שוין געווען גאָר נאָענט פון רעדים און כ׳האָב דער־קענט די פעלדער, די לאָנקעס, וואָס זענען מיר געווען אַ מאָל אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן. איך האָב דערזען די קי, וואָס האָבן זיך גע־פּאַשעט אויף די לאָנקעס. די זעלבע קי וואָס אַ מאָל... אָט האָט אַ קו אויסגעדרייט דעם קאָפּ און פאַרבענקט נאָכגעקוקט די באַן. אַ קליין פערדל איז געווען איינגעשפּאַנט אין אַקעראייזן און פאַוואַליע מיט די פיס געדריבלט אויף גרודעס ערד. אַ היימיש פערדל, אַ היימישער אַקעראייזן איז דאָס געווען אַ מאָל — אָבער היינט האָט פון דעם געבלאָזן אַ קעלט.

מיר זענען שוין אַריינגעפאָרן אין שטעטל און דער צוג האָט פאַר־לאַנגזאַמט דעם גאַנג. כ׳האָב דערקענט די באַן־מאַגאַזינען, די שייערן, די לאַסט־וואַגאָנען. פאַר דער מלחמה האָבן דאָ שטעטלדיקע יידן גע־לאָדנט ווייץ, קאָרן און פּרוכטן קיין אויסלאַנד. אויפן באַן־פּלאַנט האָט געווימלט מיט יידן.

כ׳האָב אויפגעשוידערט. איך האָב זיך אַלץ געזען שטיין פאַרן הויז, וואו מיר האָבן געוואוינט. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ׳האָב געחלומט. פון וואַנען קום איך אַהער? אפשר איז גאָרנישט געווען קיין מלחמה און כ׳בין נאָך אַלץ דאָס יינגל, וואָס האָט זיך דאָ געשפּילט פאַר דעם הויז; זיך געשפּילט אין יאָגעלעך, אין „פּאַלאַנטע" און אין אַנדערע קינדערישע שפּילן... אפשר קום איך גאָר נישט פון אויס־טראַליע... אַז כ׳וועל אַרויפלויפן מיט די טרעפּ, וועט מיר די מאַמע אויפמאַכן די טיר און מיך פרעגן צי איך בין הונגעריק... איך לויף אַרום אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג מיט די יונגען און פאַרגעס אַז איך האָב נאָך גאָרנישט אין מויל געהאַט...

איך בין פּאַמעלעך אַרויפגעגאַנגען מיט די הילצערנע שטיגן, וואָס האָבן געפירט צו אונדזער אַמאָליקער שטוב. אויף די דאָזיקע שטיגן פלעג איך יינגלווייז במשך פון טאָג לויפן צענדליקער מאָל אַרויף און אַראָפּ, אַז זיי האָבן אַזש געקרעכצט אונטער מיינע יונגע פיס.

איצט האָבן די טרעפּ נאָך שטאַרקער געקרעכצט, ווי זיי וואָלטן מיך פאַרשטאַנען. איך האָב דערקענט די אַלע אָפּגעריבענע ערטער אינעם האַלץ, וואָס זענען אין משך פון יאָרן נאָך אָפּגעריבענער געוואָרן. אַז איך בין צוגעקומען צו אונדזער דירה, האָב איך די טיר נישט דער־קענט. זי איז געווען פאַרלאַטעט מיט גראָבע, נישט־געהיבלעוועטע שטיקער האָלץ, וואָס האָבן פאַרדעקט די איידעלע שניצערייען פון אַמאָל — און האָט מיך אָפּגעשטויסן. פון דעסטוועגן האָב איך אָנגע־קלאַפּט איר דער טיר, אָבער ס׳האָט מיר קיינער נישט געענטפערט. האָב איך צוגעשטעלט דאָס אויער צו דער טיר, זיך איינגעהערט, צי ס׳איז ווער דאָ אינעווייניק. כ׳האָב נישט געהערט קיין שאָרך, ווי כ׳וואָלט געשטאַנען פאַר אַ פאַרוואָרלאָזטער דירה. דאָס מאָל האָב איך שוין אָנגעקלאַפּט גאָר שטאַרק און עטלעכע מאָל, ווי כ׳וואָלט פאַרגעסן אין מיין מורא. ערשט איצט האָט מיר געענטפערט אַ קינדעריש־דין שטימעלע, וואָס האָט זיך קוים דורכגעריסן דורכן גראָבן האָלץ:

— ווער איז דאָרט? קטאָ טאַם?

— איך... — האָב איך געענטפערט און זיך באַלד געכאַפּט, אַז מיין ענטפער איז נאַריש.

— ווער איז דער „איך" — האָט זיך ווייטער געהערט דאָס שוואַכע קינדערישע שטימעלע.

— וועסט סיי־ווי נישט וויסן ווען איך וועל דיר זאָגן... עפן די טיר, וועל איך דיר אַלץ געבן צו פאַרשטיין... דו דאַרפסט פאַר מיר נישט מורא האָבן... איך וועל דיר גאָרנישט טאָן...

לאַנג האָבן זיך קינדערישע הענטלעך געפּאָרעט מיט אַ ריגל, ביז די שווערע טיר האָט זיך געעפנט. ס׳איז פאַר מיר געשטאַנען אַ בלאָס, דאַר שגצל, מיט גרויסע וואַסערדיק־צעפלאָסענע אויגן, וואָס זענען געשוואומען אין אַן אויפגעבלאָזענעם קאָפּ, ווי אַ באַלאָן. דאָס קינד האָט געגלאָצט אויף מיר מיט חידוש און געוואָלט צוריק פאַר־קלאַפּן די טיר.

— דו דאַרפסט נישט מורא האָבן... — האָב איך איבערגעחזרט

— כ׳וועל דיר גאָרנישט טאָן... זאָג מיר בלויז ווער עס וואוינט דאָ...

— איך — האָבן געגלאָצט אויף מיר די צעפלאָסן־בלאַסע אויגן.

— און ווער נאָך?

— מיין טאַטע און מיין מאַמע.

— און ווער נאָך?

— מיין זיידע מיקאַלאַי.

— און מער קיינער נישט? — האָב איך ווייטער געפּאָרשט, ווי כ׳וואָלט געווען עפּעס אַן אינספּעקטאָר.

— מיין פעטער טאַדעק...

מער האָב איך שוין גאָרנישט געפרעגט, ווייל דער נאָמען האָט מיר אַ סך געזאָגט. טאַדעק איז געווען מיין חבר פון די קינדער־יאָרן און מיר פלעגן זיך זייער אַ סך שפּילן צוזאַמען.

מיר פלעגן אויך צוזאַמען עסן. איך בין געווען אַן אויסגעדאַרט, בלאַס, צעפּיעשטשעט מוזיניקל און מיין מאַמע האָט זיך זייער געמוטשעט ביז זי האָט מיר אַריינגעשטופּט אַ ביסן אין מויל. זי פלעגט מיך פאַרמאַניען מיט אַלערליי קונצן, אָנגעוויזן מיר אויף די פייגעלעך אין דער לופטן, אויף דער קאַץ אין הויף, און אַז כ׳האָב זיך פאַרגאַפיעט, האָט זי מיר בעת־מעשה אַריינגעשטופּט אַ לעפל וואַרעמס, אַ ביסן ברויט. די מאַמע האָט אויך גענוצט אַנדערע פאַרטלען ווי מיר צו געבן עסן. ווען זי האָט געגרייט צום טיש, האָט זי אַריינגערופן דעם שכנס שייגעצל, טאַדעק, און אַז איך האָב געזען ווי ער רוקט אויףביידע באַקן, האָב איך אויך עפּעס טועם געווען.

— לאָז מיך אַריין אין שטוב — האָט איך זיך אָנגערופן צום שגצל אין דער טיר — איך בין אַ חבר פון דיין פעטער טאַדעק... מיר האָבן זיך געשפּילט צוזאַמען, ווען מיר זענען געווען אין דיינע יאָרן...

דאָס ייִנגל האָט אויפגעמאַכט ברייטער די טיר און מיך אַריינגעלאָזט. ס׳האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַ ריח פון קרויט, געפּרעגלט פלייש און חזיר־שמאַלץ. איך בין שנעל מיט די אויגן אַ לויף געטאָן איבער אונדזער דירה — אָבער כ׳האָב זי נישט דערקענט. פון אונדזער אַמאָליק שיין מעבל איז נישט געבליבן קיין זכר. ס׳זענען געבליבן בלויז עטלעכע אָפּגעריבן־אַלטע חפצים, וואָס האָבן פאַרמאָגט טיף־איינגעשניטענע וואונדן. אויף דעם אָרט, וואו ס׳איז געהאָנגען דאָס בילד פון רמב״ם, האָט זיך געוויגט די „מאַטקע באָסקע״ מיטן קליינעם יעזוס אויף די הענט. וואו איז די ספרים־שאַנק, וואו עס האָבן זיך געבייכיקט די רוקנס פון די גאָלד־געליישטע גמרות און חומשים בשכנות מיט די ווערק פון די דייטשע און פוילישע קלאַסיקער? מיין טאַטע האָט אַריינגעקוקט אין די ספרים און די מאַמע האָט געלייענט די ביכער. און וואו איז פאַרשוואונדן דאָס שיין־געשניצטע גלעזערנע שענקל, וואָס איז געווען אַן אַנטיק און מיין טאַטע האָט עס געבערענגט

אַזש פון ווין? אין דעם שענקל איז געשטאַנען אונדזער זילבערוואַרג — די בשמים־ביקס מיטן פענדל אין דער הויך, די צוקערפּושקע מיטן הירש אויף דעם דעקל, די צעצווייגטע קאַנדעלאַבערס און די שבתדיקע לייכטער. איך האָב דאָס אַלץ געזוכט — אָבער גאָרנישט געפונען. אויף דעם אָרט פון דער ספרים־שאַנק איז געשטאַנען אַ פרעמדער, בייזער, נאַקעט־דעמבענער טיש, פול מיט לעכער און טשוועקעס. אויף דעם אָרט פון דעם גלעזערנעם שענקל זענען געשטאַנען בעטן מיט אַן אַ שיעור בעטגעוואַנט און אויסגעשטיקטע יאַשיקלעך, וואָס האָבן זיך געטורעמט אַזש ביזן סופיט.

אָפּנים אַז דאָס שייגעצל האָט זיך דערשראָקן וואָס איך באַקוק אַזוי אַלצדינג, ווייל ער האָט מיט אַ מאָל געזאָגט צו מיר אַ ביסל בייזלעך:

— וואָס קוקט דער פּאַן אַזוי? וואָס וויל דער פּאַן דאָ האָבן?...

— גאָרנישט... גאָרנישט... — האָב איך געענטפערט און נישט געוואוסט וואָס איך ענטפער.

דאָס ייִנגל איז צוגעגאַנגען צום טיש און גענומען עפּעס מייסטרע־ווען. כ'האָב אים געפרעגט וואָס ער מאַכט.

— אַ פּראַצע... — האָט ער געענטפערט און מיך רעכט נישט אָנגעקוקט.

— צו וואָס דאַרפסטו אַ פּראַצע?

— צו שיסן פייגל... צו וואָס דאַרף מען אַ פּראַצע, אויב נישט צו שיסן פייגל? — האָט ער געזאָגט מיט אַ טראָפּעלע חוזק.

— נאָך וואָס דאַרפסטו שיסן פייגל? ס'איז דאָך גאָטס רחמנות...

— פייגל זענען באַשאַפן געוואָרן מען זאָל זיי שיסן... גאָט האָט זיי צו דעם באַשאַפן.

איך האָב זיך דערמאָנט אַז אויך זיין פעטער טאַדעק האָט ליב געהאַט צו מאַכן פּראַצעס און שיסן פייגל. אַז ער האָט געכאַפּט די פייגל, פלעגט ער ביי זיי אונטערשניידן די פליגעלעך, זיי זאָלן נישט קענען אַוועקפליען. פלוצים האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך געפין זיך אַליין מיט דעם שגצל אין שטוב, און טאָמער וועט ווער אָנקומען, קאָן מען נאָך צו מיר האָבן אַ טענה, אַז איך האָב זיך אַריינגעריסן אין אַ פרעמדער דירה...

— וואו זענען אַלע? — האָב איך געפרעגט — וואו איז דיין פעטער טאַדעק?

— די מאַמע איז געגאַנגען עפּעס קויפן... דער טאַטע איז ביי דער אַרבעט. און דער וואויעק טאַדעק איז אין יאַראָסלאַוו. ער קומט אַהיים בלויז אויף זונטיק...

— וואו איז דער זיידע?

— ער האָט זיך צוגעלייגט שלאָפן אין אַ קליינעם שטיבל...

באַלד האָט זיך דערהערט אַ הוסטן און אַ כראַקען און ס'איז אַריינגעקומען אַ קליין גויעצל מיט לאַנגע האָר און אַ גראָב בולבע־נעזל. דאָס גויעצל האָט געגעניצט, זיך געקראַצט אין די לאַנגע, צעשויבערטע גרויע קודלעס און מיך אָנגעקוקט מיט נייגעריקייט. נאָר ס'האָט נישט לאַנג געדויערט ווי דער שלאָף האָט זיך פון אים אין גאַנצן אָפּגעטאָן און אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן א מורא, גלייך ס'וואָלט געשטאַנען פאַר אים אַ מענטש פון יענער וועלט. פון הינטער די געדיכטע באַרשטן־וואָנסעס האָט זיך געעפנט אַ מויל מיט קרומע צעפוילט־געלע ציין, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט צוריק פאַרמאַכן. כ'האָב אים באַלד דערקענט. דאָס איז געווען מיקאָלאַי טשטערנאסטעק, דער זדון — נאָר שוין אַ זקן. ער האָט ביי אונדז אין שטוב נישט איין מאָל פאַרראַכטן דעם אויוון און פאַר פּסח אויסגעקאַלעכט די קיך. אָבער די מאַמע האָט געהאַט פון אים געבערענטע צרות, וואָרים אין מיטן דער אַרבעט האָט ער פאַרלייגט די הענט און איז צוגעשטאַנען צו איר זי זאָל אים געבן אַ „זאַדאַטעק”, ער זאָל זיך קענען קויפן אַ קטירל בראָנפן. אַז ער וועט זיך נישט באַנעצן דעם גאָרגל מיט דעם ביטערן טראָפּן, קען ער מער גאָרנישט טאָן... האָט די מאַמע נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און געמוזט אים צוליב טאָן, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז ער וועט שוין אָפּשיכורן עטלעכע טעג. איז די שטוב איבערגעגאַנגען פון רויך און טשטערנאַסטעק האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ שוואַרץ־פאַררויסט פּנים, שיכור ווי לוט. אַזוי ווי ער האָט געטראָגן לאַנגע האָר ווי אַ פילאָזאָף און ליב געהאַט צו פילאָזאָפירן, האָט ער מיט זיינע גוטע ריידעלעך ווייטער געוואָלט אויסנאַרן ביי דער מאַמען געלט אויף אַ פרישן טרונק.

— פּאַני בערגנעראָוואַ — האָט ער זיך געוואָנדן צו דער מאַמען מיט זיין שיכורדיק קול — וואָס דאַרף אַ מענטש אַזוי פיל אַרבעטן? דאָס לעבן איז אַזוי קורץ! איז נישט בעסער אַ הוליע צו טאָן? כ'וועל פאַרריכטן דעם אויוון... ווי גאָט איז מיר ליב, כ'וועל פאַרריכטן דעם אויוון... אָבער איצט קומט, לאָמיר האָבן אַ טענצל...

— טפו זאָלסטו מיר זיין, דו נאַרישער קאָפּ — האָט זיך אויף

מיין מאַמעס שטענדיק פאַרדאגהט פּנים באַוויזן אַ שמייכעלע — וואָס אַ שיכור קען אַלץ איינפאַלן...

מיקאָלאַי טשטערנאַסטעק איז געשטאַנען פאַר מיר און נישט גע־וואוסט וואָס צו טאָן. די מורא האָט זיך נאָך אַלץ נישט אָפּגעטאָן פון זיין פּנים. ער האָט אָנגעהויבן עפּעס צו שטאַמלען, ס'האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך ווילן פאַר מיר פאַרענטפערן פאַר אַ באַגאַנגענער זינד. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט אַרויסגעבראָכט פון זיך די פּאָר ווערטער:

— איר זענט דאָך דעם אַלטן בערגנערס זון? איאָ, כ'מאַך נישט קיין טעות?... ביי גאָט, וואו נעמט איר זיך אַהער? איר זענט אַוועק קיין אויסטראַליע... אַלע אייערע האָט מען פאַרטריבן... אומגעברענגט... קיינער איז מער נישט פאַרבליבן... אַז כ'האָב אייך דערזען, האָב איך געמיינט, אַז איר קומט פון יענער וועלט... איך בין גאָרנישט שולדיק... וואו וועל איך זיך אַצינד אַהינטאָן?...

— איר דאַרפט זיך נישט זאָרגן... — האָב איך צו אים געזאָגט — איך בין נישט געקומען אַהער אָפּצונעמען דאָס הויז... איך וויל זיך נישט אריינציען אין אונדזער דירה... כ'בין בלויז געקומען נאָך אַ מאָל אין מיין לעבן צו זען די שטוב, וואו איך בין געבוירן געוואָרן...

— נו, גוט — האָט דער אַלטער מיך נישט געגנוי פאַרשטאַנען און פון זיין געקאַרבט פּנים איז אַ ביסל אָפּגעטרעטן די זאָרג — איך בין גאָרנישט שולדיק... איך האָב די אייעריקע נישט געטשעפּעט... כ'האָב נישט געטאָן וואָס די אַנדערע אונדזערע האָבן געטאָן... כ'האָב ליב געהאַט אייער מאַמען... אייער טאַטן... וואַרט צו אַ רגעלע, כ'וועל באַלד אַריינקומען צו אייך...

בשעת דער אַלטער האָט אויפגעמאַכט די טיר פון דעם שטיבל, וואו ער איז געשלאָפן, האָב איך מיט אַ מאָל דערזען מיין קינדער־בעטל — דאָס זעלבע בעטל, וואו כ'פלעג שלאָפן שיינע יאָרן אפילו נאָך מיין בר־מצווה, ווייל ס'איז געווען געגנוג גרויס. ס'איז מיר ענג געוואָרן ביים האַרץ און אַ וואַרעמקייט האָט אַרומגענומען מיינע אבֿרים. כ'בין צוגעלאָפן צום בעט און מיט די הענט באַטאַפּט דעם קאָפּ־שטיק. די ניקלנע גאַלקעס, וואָס האָבן נאָך אפילו איצט געגלאַנצט און געשיינט מיט אַלערליי קאָלירן.

איך האָב די הענט נישט געקאָנט מער אַוועקנעמען פון בעט, גע־גלעט נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל דעם גלאַנציקן ניקל און דערזען

דאָרט מיין פּנים, פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק. אפילו די געמעלן אויפן קאַפּ־שטיק זענען געבליבן גאַנץ; זיי זענען לחלוטין נישט געוווען אָפּ־געריבן. אויף די געמעלן האָט מען געזען אַ גרינע לאָנקע, עטלעכע שלאַנקע ביימלעך און אַ דורכזיכטיק־קלאָר וואַסערל. דאָס וואַסערל האָט שטיל עפּעס צו מיר געמורמלט, פּונקט ווי אין מיינע קינדער־יאָרן...

איך האָב אַליין נישט געפילט ווי מיינע ליפּן הייבן אָן פּלוצים צו שעפּטשען און בעטן זיך ביי דעם אַלטן טשטערנאַסטעק, ער זאָל מיך לאָזן אינעם בעט אַריינלייגן כאָטש אויף עטלעכע רגעס. איך האָב זיך אַריינגעלייגט אין בעט, צוגעשלאָסן די אויגן. פון מידקייט האָבן מיר דיביינער געבראָכן און איך האָב אַ טראָפּעלע איינגעקורטשעט די קני, וואָרים דאָס בעט איז שוין געווען אַ ביסל קליין פאַר מיר.

— ווייסט איר וואָס — האָט זיך טשטערנאַסטעק אָנגערופן צו מיר — כ'וועל אַ קאַפּעלע צורעכט מאַכן דאָס בעטגעוואַנט, וועט איר זיך קענען אויסרוען... אפשר גאָר כאַפּן אַ דרימל. איר זענט אוודאי מיד פון וועג. געקומען אָזש פון אויסטראַליע...

— ניין, ניין... אַ דאַנק... מ'דאַרף נישט... — האָב איך אויפגע־מאַכט די אויגן — כ'האָב זיך בלויז צוגעשפּאַרט אויף עטלעכע מינוט...

— צו לאַנג וועל איך דאָ סיי־ווי נישט לאָזן ליגן. ס'איז דעם אייניקלס בעט און אַז ס'קומט „קוציק”, מיין טאַדעק, אַהיים, רייסט ער זיך אַרום מיטן קינד, ווייל ער וויל דאָ שלאָפן... מיין איידעם קען איך נאָך עפּעס שלעכטס טאָן. ער איז אַ בייזער מענטש! אָבער ס'איז נאָך אַ לאַנגע צייט, ביז ער וועט קומען פון דער אַרבעט...

איך האָב קוים געהערט וואָס דער אַלטער רעדט, ווייל די אויגן האָבן זיך מיר געקרעפּט. כ'האָב זיך געראַנגלט מיטן שלאָף, אָבער אַזאַ מחיהדיקע מידקייט האָט זיך צעגאָסן איבער מיינע אברים. ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז כ'בין צוריק אַ קינד. כ'האָב דערפילט דער מאַמעס וואַרעם־צערטלעכע האַנט, וואָס האָט מיך איינגעדעקט צום שלאָף... כ'האָב געהערט איר קול, וואָס האָט מיר געוואונטשן אַ „גוטע נאַכט”. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ קאַלטע, בייזע נאַכט, אָבער מיר איז געווען אַזוי וואַרעם אין בעט. ס'איז מיר געווען אַזוי גוט צו הערן דער מאַמעס קול... דעם אַנדערן טאָג אין דער פרי האָב איך געזאָלט גיין אין שקאָלע, אין חדר, נאָר דאָס איז געווען נאָך ווייט... איידער כ'בין אַנטשלאָפן געוואָרן האָב איך נאָך געהערט ווי דער טאַטע רופט

די מאַמען זי זאָל אים עפּעס אַרויסהעלפן... דאָס איז אַלץ געווען אין דער וואָכנס... בעת ס'איז געקומען פרייטיק צונאַכטס, בין איך שוין אַנטשלאָפן געוואָרן אין גאַנצן רואיק, וואָרים איך האָב געוואוסט אַז דעם אַנדערן טאָג וועל איך נישט דאַרפן גיין נישט אין שקאָלע, נישט אין חדר... אַז איך וועל אויפמאַכן אין דער פרי די אויגן, וועל איך דאָס ערשטע זוכן די שבתדיקע לייכטער אויפן טיש, כ'זאָל זיין זיכער, צי ס'איז טאַקע שבת אויף דער וועלט...

— הערצוש... הערץ... — האָב איך דערהערט ווי עס רופט מיך מיין חבר טאַדעק דער „קוציק" — קום אַראָפּ אין גאָרטן זיך שפּילן...

ער פלעגט שטענדיק צו אונדז קומען שבת, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז די מאַמע וועט אים געבן שבת־אויבסט, כאָטש ער איז אַ שגץ.

נאָר דאָס שבת־אויבסט האָט ער נישט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, וואָרים זיינע קעשענעס זענען פול געווען מיט פּירות, וואָס ער האָט געריסן אין פרעמדע גערטנער. ער האָט בעסער ליב געהאַט ווען די מאַמע האָט אים מכבד געווען מיט אַ שטיק שבתדיקער חלה, אָנגעשמירט גראָב מיט פּאָווידלע.

— קום, כ'וועל דיר ווייזן די פייגל — האָט „קוציק" צו מיר געזאָגט און זיך בעת־מעשה פּאַסמאַקעוועט מיט דער חלה און פּאָווידלע — אַז וועסט מיר געבן דיין קוילעטש, וועל איך דיר שענקען אַ פּראַ־צע... וועסט אויך קענען שיסן פייגל.

איך האָב אים באַלד אַוועקגעגעבן מיין קוילעטש; כ'בין געווען צופרידן, אַז כ'ווער פּטור דערפון, ווייל כ'בין געווען אַ קליינער עסער. דורך אַ לאָך, וואָס טאַדעק האָט געמאַכט אין אונדזער פּאַרקן, האָט ער מיך אַריינגענומען צו זיך אין הייפל. ער האָט מיר געוויזן די פייגל מיט די אונטערגעשניטענע פליגעלעך, וואָס האָבן נישט געקענט פליען און ס'איז מיר געווען אַ רחמנות אויף זיי. איך האָב געוואָלט אַוועק, נישט געוואָלט זיך שפּילן מיט די פייגל, ווייל ס'איז געווען שבת — אָבער ער האָט מיך געסטראַשעט אַז כ'וועל נישט בלייבן, וועט ער מיך שלאָגן.

כ'בין געבליבן, זיך צוגעקוקט ווי ער טרייבט די פייגל צום פליען. זיי האָבן געפּאַטשט מיט די פליגעלעך, זיך קוים אויפגעהויבן איבער דער ערד. כ'האָב געהערט ווי דער טאַטע רופט מיך, כ'זאָל מיט אים גיין צו שלוש־סעודות אין בית־המדרש. אָבער טאַדעק האָט מיך באַ־

צוואונגען כ׳זאָל דעם טאַטן נישט ענטפערן. אַזוי ווי ס׳איז שוין צוגע־פאַלן די נאַכט, האָט ער מיך געשראָקן, אַז ער וועט אַרויסרופן וועלף צו מיר, זיי זאָלן מיך פאַרציקן. כ׳האָב אַרויסגעכאַפּט די ציצית און געשריגן: שמע ישראל...

ערשט ווען די מאַמע האָט מיך גערופן, כ׳זאָל גיין עסן און זיך לייגן שלאָפן, האָט מיך „קוציק״ אָפּגעלאָזט. ער איז מיט מיר מיטגע־גאַנגען, ווייל ער האָט זייער ליב געהאַט זיך צוצוקוקן ווי די מאַמע לייגט מיך שלאָפן אין מיין קינדער־בעט... ער האָט נישט געוואָלט אַוועקגיין, זיך צוגעהערט צו די מעשיות, וואָס די מאַמע האָט מיר דערציילט פאַרן שלאָפן... זיין מוטער האָט דאָס קיין מאָל נישט גע־טאָן. זי האָט אים מיט אַ קאַנטשיק געטריבן ער זאָל זיך גיין לייגן...

איך האָב אין שלאָף געפילט ווי ס׳באַגיסט מיך אַ שווייס. איך האָב זיך געריסן פון שלאָף, זיך געוואָלט אויפכאַפּן — אָבער נישט געקאָנט. מיט אַ מאָל האָב איך געזען ווי מען טרייבט די יידן פון שטעטל... איך און מיין מאַמע געפינען זיך צווישן זיי... עס טרייבן אונדז די דייטשן. „קוציק״ וואַקסט אויס אין מיטן פון די דייטשן... ער גייט אָנגעטאָן. אַ מונדיר פונקט ווי זיי... אין דער האַנט האַלט ער אַן אַראַפּניק. ס׳איז דער זעלבער קאַנטשיק, וואָס זיין מאַמע האָט גע־נוצט צו אים... ס׳הערן זיך שאָסן... געוויינען... געשרייען...

דערנאָך ווערט שטיל. אַ טויטע שטילקייט, וואָס ציט זיך לאַנג, ווי אויף אַ בית־עולם... איך קום צוריק קיין רעדים... ביי דער באַן־סטאַציע קריכן אַרום פייגל מיט אונטערגעשניטענע פליגעלעך... אַנ־שטאָט די יידישע פיאַקערס, וואָס האָבן מיט זייערע פריילעכע קולות פאַרהילכט דעם אַרום, זע איך ביי דער סטאַציע שטיין אַן איינזאַמע טאַקסוווקע. מיט די יידישע בעל־עגלות פלעגט מען פאָרן אַ שעה צום שטעטל. בעת מיר, חדר־ייִנגלעך, פלעגן נאָכן לערנען פּרק שבת נאָך מיטאָג זיך לאָזן אויף אַ שפּאַציר צו דער באַן, האָט עס געדויערט מער ווי צוויי שעה... אָבער מיט דער טאַקסוווקע האָט עס גענומען איינס און צוויי...

דאָס גאַנצע שטעטל איז איינגעשרומפּן, גלייך עס וואָלט זיך פון פחד איינגעקורטשעט. אומעטום האָפּסען אַרום פייגל מיט אונטערגע־האַקטע פליגעלעך... זיי צוויטשען טרויעריק... איך האָב געזוכט די יידישע קראָמען, די יידישע הייזער. זיי זענען געשטאַנען, אָבער זיי זענען געווען אַזוי צוגעטוליעט צו זיך, ווי זיי וואָלטן געווען צוזאַמענ־

געוואַקסן... זיי האָבן זיך אָפּגים אַזוי צוגעטוליעט פון שרעק, ווען די דייטשן האָבן אַוועקגעפּירט זייערע באַלעבאַטים...

— רבונו של עולם וואָס איז פון דעם שטעטל געוואָרן?! — האָב איך געפילט ווי איך קרעכץ פון שלאָף — וואו איז אַוועק די רחבות? אַמאָל איז רעדים געווען אַ גאַנץ מלכות...

איך בין אַוועק צו אונדזער הויז... איך בין געלאָפן פון איין פּלאַץ צום אַנדערן, וואו איך האָב זיך אַמאָל געשפּילט, געשפּינט מיינע קינדערישע חלומות... שטילערהייט, ווי כ'וואָלט זיך געגנבעט, בין איך אַרויף אויפן בוידעם. אין מיינע קינדערישע נעכט האָב איך געהערט דאָס פייפן פון ווינט אויפן בוידעם און כ'בין געווען זיכער אַז דאָס פייפן די שדים... נאָר איין מאָל אין יאָר האָב איך פאַרן בוידעם זיך נישט געשראָקן. דאָס איז געווען פאַר פּסח, ווען איך פלעג העלפן דער מאַמען אַראָפּצוטראָגן פון דאָרט דאָס פּסחדיקע געפעס מיט די געפּינ־גערטע קאָליריקע כוסהלעך...

— צי הערסטו נישט ווי עס פייפן דאָ די שדים?! — האָב איך פלוצים דערהערט הינטער זיך אַ קול — אַנטלויף פון דאַנען... אַנט־לויף!

דאָס קול איז מיר געווען באַקאַנט. כ'האָב זיך געוואָלט דערמאָנען צו וועמען עס געהערט — און כ'האָב זיך מיט שרעק אויפגעריסן פון שלאָף. אין דער ערשטער רגע האָב איך נישט געוואוסט וואו איך בין. אַרום מיר איז געווען שטאָק פינצטער. איך האָב געמוזט שלאָפן אַ לאַנגע צייט. ס'האָט אויסגעזען ווי ס'וואָלט געווען אין מיטן דער נאַכט. פלוצים האָב איך געהערט אַ הויך שעפּטשען, אַ שפּאַרן זיך. איין קול איז געווען דאָס זעלבע, וואָס כ'האָב געהערט אין שלאָף.

— נאָך וואָס איז ער דאָ געקומען?! וואָס האָט ער זיך געלייגט שלאָפן אין מיין בעט? ער איז געקומען צוריק מיין בעט צו פאַרכאַפּן?! כ'וועל נישט לאָזן! כ'וועל אים דערהרגענען!... ביי גאָט ווי כ'וועל אים דערהרגענען!...

— ווערסט עס נישט טאָן, טאַדעק! כ'וועל נישט לאָזן! וואָס ביסטו פלוצים געקומען? ס'איז נאָך נישט זונטיק... פאַרוואָס מוזסטו שלאָפן אין אַ קינדער־בעט? ס'איז נישט דיין בעט... ס'איז דעם אייניקלס! ס'פעלט דיר אַ קלעפּקע, מיין זון...

— כ'וועל אים דערהרגענען!... ער וועט ביי מיר דאָס בעט נישט

צונעמען... נאָך וואָס איז ער דאָ צוריקגעקומען?!... ווער דאַרף אים דאָ האָבן!...

איך האָב געהערט ווי אין דער פינצטער ראַנגלען זיך צוויי גופים, וואָס סאַפּען הויך, גלייך ס׳וואָלט זיי אויסגעפּעלט אָטעם. דער אַלטער טשטערנאַסטעק האָט געקרעכצט און זיינע ביינער האָבן געקנאַקט. ער האָט געכאָרכלט, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט. טאַדעק האָט אַלע מאָל אַרויסגעלאָזט אַ דערוואָרגענעם געשריי, וואָס האָט נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. כ׳האָב דערהערט אַ קנאַק און געפילט ווי די גופים זענען אַ פאַל געטאָן צו דער ערד. זיי האָבן זיך געפּלאָנטערט, געקנוילט, זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן.

איך בין אַרויסגעשפּרונגען פון בעט, מיט די הענט געטאַפּט אין דער פינצטער און זיך אַרויסגעגנבעט פון שטוב.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן צו שנייען. ווייסע פּעדערלעך האָבן זיך געשיט ווי פון אַן אויפגעטרענטן קישן. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער שניי טוט אָן דעם מאַרק־פּלאַץ, די געסלעך אין ווייסע תכריכים איך האָב פאַרגיכערט מיינע טריט, געלאָפן מיטן וועג צו דער באַן...

דער מענטש אין דער ווינדע

מיט דעם ווינדע־פירער פון זיין גרויסן זעקס־גאָרנדיקן בנין, וואָס געפינט זיך אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט, האָט אַלבערט העכט שוין אַן אַלטן חשבון. דער חשבון ציט זיך פון די צייטן, ווען אַלבערט איז נאָך געווען אַ נישט־אָנזעעוודיקער מענטש אין מעלבורן, און פון דעסטוועגן האָט ער שוין געטאָן אַ גרויסע טובה סענדער ליפּנערן. ער האָט אים געגעבן אַ „דזשאָב" ווי אַ ווינדע־פירער אין דעם גרויסן בנין, וואָס ער האָט געקויפט און געווען שולדיק אויף אים שווערע טויזנטער. מיט יעדן איינעם האָט זיך אַלבערט העכט געקאָנט אַן עצה געבן, אָבער נישט מיט סענדערן, וואָס איז אים באַלד דערגאַנגען די יאָרן ווי נאָר ער האָט אים צוגענומען צו דער אַרבעט.

אין יענע יאָרן, פאַר דער מלחמה, איז נישט לייכט געווען צו געפינען אַרבעט, וואָרים אין לאַנד איז געווען אַ קריזיס. כאָטש אַ סך שתדלנים האָבן זיך אַריינגעלייגט אין געשעפט און זיך איינגעשטעלט פאַר סענדערן, וואָס דאַרף שפּייזן אַ ווייב און קינדער, האָט ער זיך נישט געמאַכט דערפון און אַרויסגעוויזן וואָס ער איז באַלד דעם ערשטן טאָג ווי ער איז אַריין אַרבעטן אין דער ווינדע. ער האָט זיך דאָרט געמאַכט באַקוועם, אונטערגעלייגט זיך עטלעכע קישעלעך אונטערן געזעס, אַוועקגעלייגט אַ פּאַק זשורנאַלן און ביכער נעבן זיך. דאָס גלעקל האָט האָט זיך געקאָנט רייסן דעם גאָרגל, מענטשן האָבן געקאָנט שרייען און זעצן מיט די פויסטן אין דעם אייזערנעם געביי פון דער ווינדע, אָבער אַז סענדער איז געווען פאַרטיפט אין לייענען, האָט עס אים געאַרט ווי די פאַראַיאָריקע בלאָטע.

נישט איין מאָל האָט אַלבערט העכט געוואָלט אָננעמען סענדערן און אַרויסוואַרפן, אָבער עפּעס אַ כוח האָט אים צוריקגעהאַלטן און ער האָט דאָס נישט געטאָן. אָפט האָט זיך אים געדאַכט, אַז סענדער איז אַ געטש פון אייזן, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין האַרץ און קיין נשמה. ס'האָט אים קנאַפּ געברענגט טרייסט וואָס ער האָט געזאָגט

צו זיך, אַז ער איז איז דער באַלעבאָס און סענדער אַרבעט ביי אים. ער האָט געפילט אַז סענדער האָט אים איינגעוויקלט ווי אין אַ שפּינ־וועבס...

יעדן אין דער פרי, ווי נאָר אַלבעט איז אַרויס פון זיין גרויסן לוקסוס־אויטאָ און מיט אייליקע טריט אַריין אין זיין בנין, האָט אים עפּעס אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. ער האָט זיך דערמאָנט אין סענדערן, געוואוסט אַז ער וועט דאַרפן אַראָפּשלינגען אַ ביטערע פּיל. כדי זיך צוצוגעבן קוראַזש האָט ער מיט אַזאַ האַסטיקייט געקוועטשט דאָס עלעקטרישע קנעפּל פון דעם „ליפט״, גלייך ס׳וואָלט דאָ ערגעץ געברענט. ער האָט מיט האַסטיקייט געקוועטשט דאָס עלעקטרישע קנעפּל, אָבער סענדער איז זיך זייער פּאַוואָליע אַראָפּגעקומען מיט דער ווינדע, ווי נישט אים מיינט מען. ער האָט עפּעס טועם געווען, בעת מעשה אַריינגעקוקט אין דער פרימאָרגנדיקער צייטונג, און ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט דעם באַלעבאָס לחלוטין נישט געזען.

— גוט מאָרגן... — האָט אַלבערט געזאָגט.

— גוט מאָרגן... — האָט סענדער געענטפערט, אָבער דעם קאָפּ נישט אַרויסגעהויבן פון דער צייטונג.

בעת אַלבערט איז אַריין צו זיך אין „אָפיס״ מיט דעם רייכן מאַהאָגענעם מעבל, מיט דער סטענאָגראַפּיסטקע, וואָס האָט שוין געוואַרט אויף אים, און זיך מיט אַ סך נערוועזקייט פאַרגראָבן אין דעם באַרג פּאַפּירן אויף דעם שרייב־טיש, האָט עס אים געהויבן פון אָרט. ס׳האָט געוואַרט אויף אים אַ ים מיט אַרבעט; ער האָט גע־דאַרפט אַדורכלייענען אַ סך בריוו, דורכקוקן חשבונות, חתמענען ביזנעס־טראַנזאַקציעס, אָבער דער קאָפּ איז אים נישט געווען דערביי. הגם ער האָט זיך אין געדאַנק אַליין געזידלט, אַז ער איז אַ גרויסער שוטה, האָט ער זיך פון דעסטוועגן נישט געקאָנט העלפן און גע־קלערט פון סענדערן. עפּעס איז דער סענדער נישט אין גאַנצן חסר־דעה... אָט זיצט ער זיך איצט אין דער ווינדע, כאַפּט אַ געשמאַקן קיי און קוקט זיך אַריין אין דער צייטונג... און ער, מיסטער העכט, דער באַלעבאָס פון אַזוי פיל געשעפטן, אַרבעט זייער שווער, האָט פיל זאָרגן, אַז דער קאָפּ ווערט אים געשוואָלן...

וואָס מער אַלבערט העכט האָט זיך געוואָלט אַריינגראָבן אין דעם שטויס פּאַפּירן, געוואָלט אָנהייבן קלינגען צו די סוחרים, גע־

וואָלט דיקטירן די בריוו, אַלץ מער האָט ער געפּילט די באַדערפעניש זיך אומצוקוקערן צו דער ווינדע און אַריינזאָגן דעם „ליפּט־מען" אין טאָטנס טאַטן אַריין. פאַר וואָס האָט אים סענדער היינט גאָרנישט געזאָגט, נישט אַריינגעוואָרפן קיין שטעכווערטל, זיך אפילו נישט אומ־געקוקט אויף אים? דאָס איז ביי אים עפּעס אַ נייער דרך.

— עקסקיוז מי... אַנטשולדיקט... — האָט אַלבערט מיט אַ מאָל אָפּגערוקט די שטול פון טיש, זיך אַ הויב געטאָן פון פּלאַץ און אַרויס פון אָפיס.

אַלבערט העכט האָט אַרומגעוואַנדערט איבערן לאַנגן קאָרידאָר, וואו ס'האָבן זיך געשטופּט איינס לעבנס אַנדערע אַ סך פאַבריקלעך. ס'האָט זיך דאָ געטראָגן דאָס קלאַפּן פון מאָטאָרן, דאָס גערויש פון די יאָגנדיקע מאַשינען. פאַבריק־מיידלעך, וואָס האָבן אויף עטלעכע רגעס איבערגעריסן די אַרבעט, האָבן זיך געדרייט אַהין און צוריק, מיט אָפּשיי אים אָפּגעטרעטן דעם וועג. דאָס אַלץ געהערט צו אים. ער קאָן טאָן מיט דעם וואָס נאָר זיין האַרץ גלוסט. און ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַזאַ נעבעכדיקן מענטש ווי ס'איז סענדער. וואָס אייגנטלעך געהערט זיך אָן סענדער מיט אים? וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט אים? וואָס דאַרף ער אויסהאַלטן אַזאַ דאַרמאָ־זיאַדניק?... די שתדלנים וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר סענדערן האָבן אים איינגערעדט אַז ער איז זיינס אַ שטיקל קרוב, אַ שני שבלישי... אָבער פרעג אים בחרם... ער ווייסט גאָרנישט דערפון. ס'איז קי בייטשס שטעקעלע...

סענדערס גלייכגילטיקייט היינט אין דער פרי האָט אים שוין גאָר אַרויסגענומען פון די כלים. געוואַלד און געשריגן, ער האָט אַזוי פיל אויפן קאָפּ, ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַזוי פיל געשעפטן, און דאָ פלוצים האָט ער אין זינען אַזאַ מענטשל ווי ס'איז סענדער! ווי שטייט דאָס אים אָן?

אַלבערט האָט זיך מיט שטילע טריט צוגעגנבעט צו דער ווינדע, געוואָלט אַ קוועטש טאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל, אָבער ער האָט זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן. בעת ער האָט סוף כל סוף אָנגעקלונגען, איז סענדער אַזוי גיך נישט אַרויפגעקומען צו אים. ס'האָט געדויערט אַ היפּש שטיקל צייט ביז סענדער האָט זיך באַ־וויזן. אַלבערט איז אַריין אין דער ווינדע אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן און אַראָפּגעפאָרן אונטן. ער איז אַרויס אויף דער גאַס און זיך גע־

מאַכט ערגעץ גיין — אָבער ער האָט זיך באַלד אומגעקערט און שנעל אַריינגעלאָפן אין דער ווינדע. די הויט האָט אויף אים געברענט. אין אָפּיס האָט געוואַרט אויף אים אַ ים מיט אַרבעט. סענדער האָט ווייטער געשוויגן, ווי ער וואָלט געווען שטום. דער ערשטער האָט געבראָכן דאָס שטילשווייגעניש אַלבערט, וואָס האָט נישט געקאָנט מער איבערטראָגן די אויסגעצויגן־געשפּאַנטע שטילקייט.

— כ'האָב געהערט, אַז דו האָסט דיר איינגעהאַנדלט אַ הויז...
— האָט ער זיך פּלוצים אָנגערופן צו סענדערן און אַ געמאַכט שמייכעלע האָט נאָך מער איינגעשניטן די טיפע קנייטשן אויף זיין דאַר אויסגעצויגן פּנים.

אַלבערט האָט נישט געהערט דערפון, אַז סענדער זאָל זיך האָבן געקויפט אַ הויז. ער האָט נישט קיין געלט; ער איז נקי... אָבער שטאָט סענדער זאָל אים שטעכעלירן, ווי ס'איז געווען זיין טבע, האָט ער פאַרכאַפּט די פיש פאַר דער נעץ און אַריינגעוואָרפן אַ שטעכווערטל אויף זיין חשבון.

— וואָס פאַר אַ הויז האָב'ך מיר געקויפט? — האָט סענדער פאַמעלעך אויפגעהויבן אויף אים אַ פּאָר גרויסע קיילעכדיק־פאַר־חידושטע אויגן, וואָס האָבן געשטעקט אין אַ לאַכנדיק־קיילעכדיק לבנה־פּנים — ווער האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ בלבול? וואָס דאַרף'ך אַ קלאָפּאָט אויף מיין קאָפּ...

— וואָסי? אַ הויז איז אַ קלאָפּאָט? — האָט מיסטער העכט זיך געמאַכט כלא ידע, זיך נישט געמאַכט געדענקען סענדערס אייביקע טענה, אַז אַ מענטש דאַרף נישט צו פיל איינרייסן.

סענדער האָט נישט געענטפערט. ווייזט אויס, ער איז נישט געווען גוט אויפגעלייגט און האָט נישט געוואָלט כאַפּן אַ שמועס. אָבער אַלבערט האָט דווקא געוואָלט ממשיך זיין דעם שמועס און ווי געוואַרט דערויף, אַז סענדער זאָל אים אַריינזאָגן.

— ס'וואָלט נישט אויסגעמאַכט זאָלסט קומען צו אַ שטיקל נחלה — האָט אַלבערט ווייטער אָנגעהויבן — אַ מענטש דאַרף זיך פאַרזאָרגן...

— אַבי דו ביסט פאַרזאָרגט! נישט בלויז ביסטו פאַרזאָרגט, נאָר אויך דיינע קינדס־קינדער זענען שוין פאַרזאָרגט אויפן גאַנצן לעבן... וואָס־זשע לויפסטו אַרום ווי משוגע? האָסט נישט קיין רו,

נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט... — האָט סענדער געזאָגט, נישט קוקנדיק אין אַלבערטס זייט.

— כ'אַרבעט נישט בלויז פאַר זיך און פאַר מיינע קינדער... כ'אַרבעט פאַר דער מענטשהייט... פאַרן לאַנד!... מיך דאַרף מען האָבן!... איך שטעל אויף פאַבריקן... כ'גיב אַרבעט מענטשן. מיט מיין ענערגיע, מיט מיינע איינפאַלן העלף איך צו צום פּראָגרעס... איך מאַך רייכער דעם מענטש...

— דו מאַכסט רייכער דיין אייגענע קעשענע. דאָס איז זיכער!

— וואָס? וואָס זאָגסטו?! כ'מאַך רייכער מיין אייגענע קעשענע? וויפיל מענטשן לעבן פון מיר?! — איז אַלבערט העכט זייער בלייך געוואָרן און האָט אָנגעהויבן גיך־גיך צו פאָכען מיט די הענט. ווי ער וואָלט זיך געטרונקען — ווער האַלט דיך אויס? ווער ביסטו דאָס פאַר איינער וואָס כ'דאַרף דיר געבן צו עסן? אומזיסט און אומנישט געבן צו עסן!

— דו טוסט מיר נישט קיין טובה!... דאָ איז נישט פּוילן, וואו מען האָט געדאַרפט אויסהאַלטן אַן אָרעמען קרוב! אין אויסטראַליע איז דאָ „פּלענטי" אַרבעט. אויב דו ווילסט קען איך שוין גיין!

— לויף נישט... לויף נישט... סטראַשע מיך נישט! אַז כ'וועל וועלן, וועסטו טאַקע גיין!... אָבער פון ווען אָן, כ'בעט דיך, ביסטו דאָס געוואָרן מיט מיר אויף „דו"?... מיר האָבן צוזאַמען חזירים געפּאַשעט? דאַרפסט האָבן דרך־ארץ פאַר מיר!

— פון היינט אָן וועל איך דיר זאָגן „סער"... און פאַר וואָס זאָלסטו מיך טאַקע נישט אָפּזאָגן פון דער אַרבעט? דאָס געוויסן לאָזט דיך נישט? האָסט מורא אַז מענטשן וועלן רעדן?...

— אויב אַזוי קענסטו טאַקע גיין! — האָט אַלבערט זיך אין גאַנצן געטרייסלט און די דינע הויט אויף זיין פּנים איז געוואָרן אַזוי אָנגעצויגן, נאָר צום פּלאַצן — פון היינט אָן אַרבעטסטו שוין נישט ביי מיר, אויב דו רעדסט אַזעלכע שיינע רייד...

סענדער איז מיט זיין באַלעבאָס אַרויפגעפאָרן אויפן גאָרן, וואו ס'איז געווען דער אָפיס, אָבער אַלבערט איז נישט אַרויס פון דער ווינדע. אויף סענדערס קיילעכדיק פּנים האָט זיך געוויגט אַ צווייי־דייטיק שמייכעלע. ער האָט אָנגעהויבן צונויפצוקלויבן זיינע ביכער, זיינע זשורנאַלן און די קישעלעך, וואָס זענען געלעגן אונטער זיין

געזעס. ער האָט זיך געמאַכט גרייט צום גיין. אָבער אַזוי גיך ווי ער איז אַרויס פון דער ווינדע האָט אים מיסטער העכט פאַרהאַלטן.

— נו, גיי שוין צוריק צו דער אַרבעט — האָט ער זיך אָנגערופן — זע נאָר ווי ער איז דאָס הייס געבאָדן... ווי ער האַלט מיך ביים וואָרט...

— דאָס געוויסן, סער... — האָט זיך סענדער קלוגעריש צעלאַכט — כ'האָב באַלד געוואוסט, אַז איר וועט חרטה האָבן.

אַלבערט האָט זיך אויפסניי צעקאַכט. ס'האָט אים פאַרדראָסן וואָס סענדערט אירצט אים, וואָס ער מאַכט חוזק פון זיין געוויסן, אָבער ער האָט מורא געהאַט צוריק אַריינצופאַלן אין זיין מויל. ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ס'זעט אויס, אַז נישט ער, האָט צו זאָגן איבער סענדערן, נאָר יענער האָט צו זאָגן איבער אים. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם באַרג אַרבעט, וואָס וואַרט אויף אים אין אָפיס. די אַלע געשעפטן, וואָס ער האָט געהאַט אויפן קאָפּ, האָבן אים געדריקט ווי אַ שווערע משא. ער האָט אַזש דערפילט אַ ווייטיק אין אַלע אברים. ס'האָט אים מיט אַ מאָל אַרומגעכאַפּט אַ מורא, ער זאָל אין עפּעס נישט פאַרגעסן. אָבער ווי נעבעכדיק ער איז איצט נישט געווען, איז ער פון דעסטוועגן געווען גרויס ביי זיך, וואָס אין זיינע הענט ליגן די פעדים פון אַזוי פיל גרויסע געשעפטן; וואָס ער איז דאָס שרייפל פון כלערליי מאַכינאַציעס; וואָס אַ סך מענטשלעכע גורלות זענען אָפּהענגיק פון אים... און וואָס טוט אויף סענדער? ער זיצט אַ גאַנצן טאָג פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג, שטעקט נישט אַרויס פון דאָרט דעם קאָפּ. איידער ער איז אַריין צו זיך אין ביוראָ, האָט ער אויף דער גיך אָפּגעכאַפּט די ווערטער:

— ס'איז דיר נישט נמאס צו זיצן אַ גאַנץ־גייענדיקן טאָג אין אַ שטייג? ווי קען דאָס אַ מענטש זיצן אין אַ קליאַטקע און גאָרנישט טאָן?

— ס'איז מיר גוט! ס'איז מיר וואויל ווי די וועלט... כ'לייען ביכער... — האָט סענדער ווי אויסגעזונגען אויפן הויכן קול.

— כ'האָב נישט קיין קאָפּ צו לייענען ביכער! ווער האָט היינט אַ קאָפּ צו ביכער?

— שור, וואָדען... אַז שטענדיק ביסטו פאַריאָגט, פאַרקאָפּעט... האָסט נישט קיין צייט... האָסט אוודאי געהערט אַז די לעצטע וואָך

זענען צוויי אָנגעזעענע סוחרים, גאַנצע קנאַקערס אויף דער פּלינדערס לייץ, געשטאָרבן אויפן הארץ... אין מיטן דערינען אַוועקגעפאַלן... אויס מיט אַלע ביזנעס!... אויס מיטן גאַנצן יאָגעניש!...

בעת אַלבערט העכט איז אַריין אין ביוראָ, האָבן שוין געוואַרט אויף אים אַ סך סוחרים. זיי זענען געזעסן אין פאָדערהויז און ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן, האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט און געשטעקט אים די הענט. זיי האָבן אָבער געמוזט וואַרטן אין דער ריי, ביז ער האָט זיי אויפגענומען. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן שרייב־טיש און געזען דאָס צעטל מיט די נעמען פון די מענטשן, וואָס האָבן צו אים גע־קלונגען. ער האָט נישט געוואוסט וואָס פריער צו טאָן. דער קאָפּ האָט אים שיער נישט געפּלאַצט. ווען ער האָט אויפגענומען די סוחרים האָט ער אין דער זעלבער צייט געהאַלטן דאָס טרייבלביים אויער און טעלעפאָנירט. ער האָט נישט געוואוסט צי ער רעדט אין טעלעפאָן אַריין, צי ער ענטפערט די סוחרים, וואָס דולן אים אַ קאָפּ. פאַר־שטייערס פון גרויסע פירמעס האָבן אים פאָרגעלייגט סחורה צו קויפן, געשטופּט אים פּרוּוולעך און קאַליר־ליסטעס צום פּנים, מעקלערס האָבן גערעדט צו אים וועגן לאַנד וואָס איז בחצי חינם, אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס מען וויל פון אים האָבן.

— פאַניע העכט... מיסטער העכט... — האָט ער קוים געהערט ווי מען רופט אים, ווי מען רעדט אַריין אין אים פון אַלע זייטן.

ער האָט זיך געוואָלט קאָנצענטרירן, זיך אָנגעשטרענגט דער קאָפּ זאָל אים זיין קלאָר, אָבער ער האָט בלויז געזען פאַר זיך סענדערס לבנה־פּנים, דאָס צווידייטיקע שמייכעלע, וואָס ער האָט אים אָקעגנ־געטראָגן. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרגעסן די לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט אים געזאָגט וועגן די געשטאָרבענע סוחרים. זיי זענען געווען זיינע נאָענטע באַקאַנטע, געקומען מיט אים אין דער זעלבער צייט קיין אויסטראַליע. שוין, זיי זענען מער נישטאָ... גע־לאָפן, געפּאַדעט... און אויס... ער האָט געמוזט גיין אויף זייערע לוויות, הגם ער איז געווען זייער פאַרנומען. ס'האָט אים אַנדערש נישט געפּאַסט. וואָס וואָלטן מענטשן געזאָגט, ווען זיי זעען אים נישט ביי די לוויות... ער האָט זיך מיטן אויטאָ זייער געאיילט ווען ער איז געפאָרן אויפן בית־עולם. ס'איז געווען אין סאַמע מיטן טאָג; ס'איז געווען אַ גרויסער פאַרקער. אויטאָס און לאַסט־וועגענער האָבן זיך

געיאָגט פון אַלע זייטן. קיינער האָט אפילו נישט באַמערקט דעם שוואַרצן אויטאָ מיטן אָרון, וואָס האָט זיך איינזאַם געפּלאָנטערט אויף די צערוישטע גאַסן. ווער האָט געוואָלט געדענקען אינעם טויט?... אין דער אַלטער היים איז געווען אַנדערש. ווען ס'איז אַדורכגעגאַנגען אַ לוויה האָבן יידן אין סאַמע מיטן יאָגעניש זיך אָפּגעשטעלט און באַגלייט דעם אָרון עטלעכע טריט. ביי אַ „פּאַגזשעב" האָבן די גויים אויף דער גאַס אָפּגעדעקט די קעפּ צוליב דרך־ארץ פאַרן טויטן. דאָ ווייסט מען אפילו נישט, אַז מען פירט אַ בר־מינן. ער אַליין האָט זיך אַזוי שטאַרק געאיילט, אַז ער איז שיער נישט אַריינגעפאַלן אין דעם געדרענג אין עטלעכע אויטאָס...

אַלבערט האָט נישט אויפגעכאַפּט וואָס די אַלע סוחרים, מעקלערס און פאַרשטייערס פון גרויסע פירמעס רעדן צו אים. דער קאָפּ איז אים געווען ערגעץ אַנדערש. דאָס וואוילערישע שמייכעלע, וואָס האָט געשפּילט אויף סענדערס זאַט פּנים, האָט זיך אים געוויגט כסדר פאַר די אויגן. ער טוט גאָרנישט און פון דעסטוועגן לעבט ער אַ גוטן טאָג. ער האָט זיך צעלייגט אין דער ווינדע ווי ביים טאַטן אין ווייגגאָרטן, און ער, אַלבערט, מוז אים אויסהאַלטן. נאָך וואָס דאַרף ער אַזוי האָרעווען? אַרבעטן אַזוי שווער גאַנצע טעג? אַז אפילו ביינאַכט, ווען ער שפּאַרט אָן דעם מידן קאָפּ אויפן קישעלע, האָט ער נישט קיין רו. ער קאָן נישט צוטאָן קיין אויג. אָבער אַז ער נעמט אַ צייטונג אין דער האַנט אַריין און וויל אַריינקוקן, הייבן זיך אים אָן באַלד די אויגן צו קלעפּן. פון דעסטוועגן קאָן ער נישט שלאָפן, ס'הייבט אים פון געלעגער. ער נעמט וואַנדערן איבער די גרויסע שטובן, וואָס זענען אָנגעשטעלט מיטן מאָדערנסטן מעבל. דאָס ווייב האָט גערופן איינעם פון די בעסטע אַרכיטעקטן אין שטאָט, וואָס האָט אויפגעשטעלט פאַר אים דאָס הויז און אויסדעקאָרירט די שטובן. דרייט ער זיך אַרום ביינאַכט איבער די שטובן, וואָס זענען גרויס ווי די וועלדער און קאָן נישט געפינען פאַר זיך קיין ווינקל. גייט ער צוריק אַריין אין דעם שלאָפצימער אויף די שפּיץ פינגער, כדי נישט אויפצוּוועקן דאָס ווייב. דאָס טאָפּל־בעט פאַרמאָגט, אַנשטאָט אַ קאָפּ־שטיק, אַ פּאָר גרויסע, אויסגעשפּרייטע געשניצטע פליגל, און אַז ער לייגט זיך אַריין אינעם בעט, דאַכט זיך אים אַז ער פליט. ער פליט אַרויס דורך די גרויסע גלאָזיקע ווענט און שוועבט איבער די דעכער פון דער שטאָט, וואָס זענען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף...

אַלבערט העכט האָט באַשלאָסן ביי זיך, אַז ער וועט סענדערן אָפּזאָגן פון דער אַרבעט נאָך וואָס דאַרף ער אים האָבן, ער זאָל אים כסדר אַריינזאָגן? ער איז שוין געווען פּיקס און פאַרטיק מיטן באַשלוס, אָבער אַז דער פרימאָרגן האָט אַריינשפּאַצירט דורך די גרויסע גלאָז־זיקע וועגט אינעם שלאָפצימער, האָט ער פאַרגעסן וואָס ער האָט אָפּגעמאַכט ביי נאַכט. ווען ער איז געפאָרן אינעם אויטאָ צו זיין האַנדלס־בנין אין שטאָט, האָט זיך זיין דאַרער גוף פאַרלוירן אינעם גרויסן אויסגעבעטן געזעס. ער האָט געוואַרט דערויף ער זאָל שוין זיין ביי דער ווינדע און זיך אָנטרעפן מיט סענדערן. ביי דער ווינדע האָבן געוואַרט אַ סך מענטשן. סענדער איז ווי געוויינטלעך אין דער פרי געווען אַריינגעטאָן אין דער מאָרגן־צייטונג און אים קוים באַמערקט. אויף יעדן שטאָק האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגעגלאָצט אַ הייפל מענטשן. פּלוצים האָט סענדער אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון דער צייטונג, און אַז ער האָט אים דערזען, האָט ער אים אָנגעוויזן אויף אַ נעקראָלאָג.

— ביסט אַ מבין — האָט ער זיך כלאחר־יד אָנגערופן צו אים — היימי קימעל איז שוין אויך נישטאָ... נעכטן געשטאָרבן...

סענדער האָט עס געזאָגט מיט אַ טראָפּעלע באַדויער אין קול, נאָר אַלבערט איז געווען זיכער, אַז ער האָט דערפון הנאה. קודם־כל האָט ער הנאה דערפון וואָס ער קאָן אָנוואַרפן אויף אים אַ מורא. ער פילט מן־הסתם ווי אַלבערט האָט מורא פאַרן טויט. די לעצטע טעג שטופּט ער אים די נעקראָלאָגן צו די אויגן. האָט זיך אַלבערט געמאַכט כלא־ידע, ווי ער וואָלט קימעלן אין גאַנצן נישט געקענט, כאָטש ער פלעגט קומען צו אים אויף „פּאַרטיס", וואו מען פלעגט רעדן פּויליש און שפּילן אין קאָרטן ביז שפּעט ביי נאַכט.

— וועלכער קימעל? — האָט אַלבערט געפרעגט גלייכגילטיק און בעת־מעשה געפילט ווי עס ווערט אים לויז ביים האַרצן.

— וואָסי, ווילסט מיר אפשר זאָגן, אַז האָסט נישט געקענט היימי קימעלן? נו, דער וואָס האָט גערעדט פּאָ פּאָלאַשו און זיך שטענדיק געריימט מיט דעם וואָס ער האָט אַלץ פאַרמאָגט אין פּוילן. אָבער מען האָט געשמועסט, אַז דאָרטן איז ער געווען אַ קבצן און דאָ האָט ער ערשט געמאַכט די אמתע אַפּותיקאַ!

— פון וואָס איז ער געשטאָרבן?

— פון וואַנען זאָל'ך וויסן? אין דער צייטונג שטייט נישט געשריבן. מסתמא פון הארץ. פלוצים זיך אַוועקגערוקט...

אַלבערט האָט מער נישט געהערט סענדערס לעצטע ווערטער און שנעל אַריין צו זיך אין אָפיס. אַלע מאָל איז געווען פאַר אים אָנגעגרייט אַ פּאַק צייטונגען, נאָר ער פלעגט נישט אַריינקוקן אין זיי. דאָס מאָל האָט ער אויפגעמאַכט אין צייטונג נאָך דער אַנדערער און געזוכט און געגנישטערט ביז ער האָט געפונען קימעלס קליינעם נעקראָלאָג, וואָס איז געווען פאַדשטופט סאַמע אונטן, אַז מען האָט אים קוים אָנגעזען. אַז ער האָט געקוקט אויף די דראָבנע אותיות פון זיין חברס נאָמען איז דאָס פּנים געווען ביי אים שפּיציק און די אויגן זענען געווען צעפלעמלט מיט אַ קרענקלעך פייערל. דער נאָמען, וואָס האָט געקלונגען אַ מאָל אַזוי היימיש, איז איצט געווען איינגעהילט אין אַ פּראָסטיק־קאַלט סודותדיק הייטל, און געקעדט צו אים מיט אַ פרעמד, פאַרהוילן לשון פון יענער וועלט. ביי אַלבערטן האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

פון זינט דעם טאָג האָט שוין אַלבערט מיט מורא געזוכט אין די צייטונגען, טאָמער וועט ער אָנטרעפן אַ נעקראָלאָג פון אַ באַקאַנטן. ער איז שנעל־שנעל געלאָפן מיט די אויגן איבער די אותיות און האָט געפילט ווי ער ציטערט אויפן גאַנצן לייב. ער האָט זיך דערנצמאָל באַהאַלטן אין אַ חדר־מיוחד, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט ס'קאָן אים נאָך ווער כאַפּן ביי דער האַנט. אַ סך מאָל האָט ער אין גאַנצן נישט געוואָלט זען די צייטונגען, נישט געוואָלט אין זיי אַריינקוקן, אָבער עפּעס אַ כוח האָט אים געצוואונגען דאָס צו טאָן. אַז ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ נאָמען פון אַ באַקאַנטן סוחר, וואָס איז אַוועק פון דער וועלט, האָט ער אַוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ און זיך געמאַכט גאָרנישט זען. צום סוף האָט ער צעקנאָדערט די צייטונג און זי אַוועקגעשליידערט פון זיך.

אַלבערט העכט פלעגט איצט מער נישט קומען יעדן טאָג אין געשעפט אַריין, הגם ער האָט געוואוסט, אַז מען קען זיך אָן אים לחלוטין נישט באַגיין. אָבער אַז מען האָט אים נישט געפונען אין אָפיס, האָט מען אים אָפּגעזוכט אין דער היים. מען האָט צו אים געקלונגען בייטאָג און ביינאַכט. ס'זענען אים נאָכגעלאָפן די אַרכיטעקטן, וואָס האָבן אים געמאַכט די פּלענער אויף די הייזער; די

האַנדלס־אַגענטן, וואָס האָבן אים אָנגעבאָטן סחורה צו קויפן; די מעקלערס, וואָס האָבן אים פאַרגעשלאָגן ערד בחצי־חינם. ער האָט זיך נישט געקענט אָפּטרייבן פון זיי. בלית ברירה האָט ער געהייסן זאָגן, אַז ער איז קראַנק און קיינעם נישט אַריינגעלאָזט צו זיך.

נישט איין מאָל האָט אים דאָס ווייב געפרעגט פאַר וואָס ער גייט נישט אין אָפּיס אַריין, פאַר וואָס ער טרייבט פון זיך די מענטשן. זי האָט אים מיט גרויס פאַרזיכטיקייט געגעבן אָנצוגעהערן ער זאָל גיין צו אַ דאָקטאָר און זיך נעמען אין די הענט אַריין. איז ער אויף איר אָנגעפאַלן און זי געמאַכט אויסצודרייען.

— האַ, וואָרטסט נאָר אויף דעם כ׳זאָל צומאַכן אַן אויג — האָט ער איר אַריינגעקוקט אין פנים מיט אַ סודותדיק־פאַרטייעט שמייכעלע — ס׳איז דיר אַלץ נישט גענוג די ירושה, וואָס כ׳וועל דיר איבערלאָזן! מיינסט אַז וועסט זיין אַ רייכע אלמנה וועט זיך צו דיר צוקלעפּן אַ יונגערמאַנטשיק און חתונה האָבן מיט דיר... מיינסט אַזוי, הע?...

נאָך דעם ווי אַלבערט האָט אַריינגעזאָגט דעם ווייב, האָט ער געהאַט אויף דעם חרטה. נאָר אָנשטאָט זי איבערצובעטן, איז ער מיט איר ברוגז געוואָרן. ס׳זענען אַוועק וואָכן ווי ער האָט נישט אויסגערעדט צו איר אַ וואָרט. איר אויף להכעיס איז ער נאָך ווייניקער אַרויס פון שטוב, זיך פאַרמאַכט בחדרי חדרים. ביז איין מאָל, ווען ער האָט שוין מער אין גאַנצן נישט געקאָנט איינזיצן אין דער היים, און ס׳האָט אים געשטיקט צווישן די פיר ווענט, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס אַריין. ער האָט זיך געדרייט פאַר זיין בנין אין שטאָט פונקט ווי אַ פרעמדער, טייל מאָל בגנבה אַריינגעקוקט אינעווייניק. און אַז ער האָט באַמערקט סענדער ליפּנערס קיילעכדיק פּנים אין דער ווינדע, געזען ווי ער לייענט זיך געמיטלעך אַ צייטונג, איז ער צו אים צוגעשפּרונגען, אָנגעכאַפּט אים ביי ביידע קלאַפּעס און זיך צעשריגן אויף קולי־קולות:

— שוין גיי אַריין צו מיר אין אָפּיס! פון היינט אָן וועסטו פירן די ביזנעס און איך וועל פירן די ווינדע! דו הערסט וואָס כ׳זאָג דיר?!..
דו וועסט זיין דער ביזנעסמען און איך וועל זיין דער ליפּטמען!

סענדער האָט נישט געוואוסט וואָס עס איז געשען, אָנגעשטעלט אויף דעם באַלעבאָס זיינע גרויסע קיילעכדיקע אויגן, וואָס זענען נאָך

גרעסער און נאָך קיילעכדיקער געוואָרן, און ער איז מיט דערשראָקן־פּאַוואָליע טריט אַרויס פון דער ווינדע.

אַלבערט האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף סענדערס בענקעלע, זיך אונטערגעלייגט אַ קישעלע ס׳זאָל אים זיין מער באַקוועם. ס׳זענען אַריין מענטשן, נישט באַמערקט ווער עס זיצט אויף דעם בענקעלע און זיך ווי אַלע טאָג באַגריסט:

— גוט מאָרגן סענדער... גוד מאָרנינג מיסטער ליפּנער...

אַלבערט האָט דעמאָלט אַ געשריי געטאָן מיט זיין קול:

— נישט סענדער, נאָר אַלבערט! נישט מיסטער ליפּנער, נאָר מיסטער העכט! איר הערט! איר פאַרשטייט וואָס מ׳רעדט צו אייך?!...

צייכענונג פון יאָסל בערגנער: „וועמענס איז דאָס נעגערל, ר' עליע?"

װעמענס איז דאָס נעגערל, ר׳ עליע?

שוין דעם דריטן טאָג איז ר׳ עליע געזעסן נעבן בעט, װאו ס׳האָט זיך צו די אָנגעװאַלגערטע קישנס פאַרלוירן געטוליעט דאָס דאַרע גופּל פון דעם קראַנקן נעגערל. כאָטש דאָס בעטגעװאַנט איז געװען קויטיק, האָט זיך דאָס שװאַרצע פּנימל שאַרף אָפּגעשלאָגן אין דער טונקעלער װײַסקייט. דאָס פּנימל פון דעם קראַנקן קינד איז געװען באַגאָסן פון שװייס און האָט געגלאַנצט װי אַ שװאַרץ־געגלייזטער ערדענער טאָפּ.

— זאָג מיר, צי כ׳װעל שטאַרבן, זיידע? — האָט דאָס נעגערל קוים צעעפּנט די גראָבע, װי געשװאָלענע ליפּן, װאָס האָבן װי אַ רויטע װאונד זיך אײַנגעשניטן אין דער צעפּאַרעטער שװאַרצקייט.

— רעד נישט קיין שטותים... כ׳האָב פּיינט אַז דו רעדסט נאַרישקייטן... — האָט ר׳ עליע אַ צעװיג געטאָן די קײַלעכדיקע, אויסגעשטאָפּטע אַקסלען און געמורמלט װי צו זיך אַליין — עי, שטותים... אַ ייד טאָר אַזוי נישט רעדן! אַ ייד דאַרף האָבן בטחון אין זײַן ליבן נאָמען, דו װעסט מערטשעשעם געזונט װערן...

— צי ביןך אַ ייד, זיידע? די קינדער אין דער תלמוד־תורה זאָגן, אַז נישט. אַ נעגער קען נישט זײַן קיין „דזשו״. כ׳װיל זײַן אַ ייד, זיידע, פּונקט װי אַלע קינדער אין דער תלמוד־תורה... פאַר װאָס האָט גאָט מיך געמאַכט פאַר אַ נעגער און מיר געגעבן אַ שװאַרץ פּנים, אַז אַלע זאָלן מיך פּיינט האָבן?...

— װײַסיך װאָס... ביסט אַ ייד, ביסט אַ ייד... — האָט ר׳ עליע בייז אָפּגעהאַקט — הער מיר אויף צו דולן אַ קאָפּ! זע בעסער זאָלסט אם ירצה השם געזונט װערן. עך האָב נישט קיין צייט צו זיצן נעבן דיר. קיינער װעט דיך מער נישט טשעפּן... די קינדער װעלן דיך נישט שלאָגן...

— —בייזער זיך נישט אויף מיר, „פּאַפּ״. כ׳האָב אַזוי מורא װען דו שרייסט אויף מיר... — האָט דאָס נעגערל אויסגעגלאָצט אויף ר׳ עליען זײַנע אויגן־װײַסלעך, װאָס זענען געװען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן פאַרנומען כמעט דאָס גאַנצע פּנים.

דאָס ייִנגל האָט זיך איינגעגראָבן אין די קישנס און צוגעשלאָסן די אויגן. פון דער היץ האָבן אַרבעס שווייס זיך געשטעלט ביי אים אויף די האָר, וואָס האָבן ווי אַ שוואַרצע פעל באַדעקט דעם קאָפּ. די מראה פון פנים איז געוואָרן בלאַס און אַ טראָפּעלע העלער געמאַכט די שוואַרצקייט. אין שטוב איז געווען זייער דושנע, וואָרים אַלע פענצטער און טירן זענען געווען פאַרשפּאַרט. ס׳האָט זיך געשפּירט אַן איבליק־זויערער ריח פון אַ רפואה, וואָס ר׳ עליע האָט אַליין צוזאַמענגעשטעלט פון עטלעכע קרייטעכצער. אויפן הילצערן־נאַקעטן טיש איז געלעגן אַ געל צעשיט ספּרל, וואו ר׳ עליע האָט אַלע מאָל מעין געווען. דאָס ייִנגל האָט אַראָפּגעשאַרט פון זיך די פאַרלאַטעטע קאָלדרע און צעוואָרפן אין דער ברייט די הענט, וואָס זענען געווען דין ווי שטעקעלעך. ר׳ עליע האָט מיט אַ מאָל דערזען, אַז די דלאָניעס פון אינעווייניק זענען נישט אַזוי שוואַרץ ווי דאָס גאַנצע גופל. ס׳האָט זיך אים פאַרגנבעט אַ מחשבה אין קאָפּ, אַז ווען דאָס נעגערל גייט טאַקע אַוועק פון דער וועלט וואָלט ער פּטור געוואָרן פון אַלע צרות. כאָטש דעם אמת געזאָגט, האָט ער זיך שוין צוגע־וואוינט צום קינד, וואָס איז אומעטום נאָכגעלאָפן און אים באַדינט ווי אַ משרתל. אָבער מען האַלט אים אין איין דערקוטשען און מען לאָזט אים נישט אָפּ:

— פון וואַנען קומט צו אייך דאָס נעגערל?

— וועמענס איז דאָס נעגערל, ר׳ עליע?...

די קשיא שטעלן אים די עלטערע יידן אין שולעכל, די ווייבער, דאָס יונגוואַרג, און דער עיקר די קינדער וואָס לערנען אין דער תלמוד־תורה און וואָס שפּילן זיך אין גאַס. זיי לויפן אים נאָך אין דער פרי, בשעת ער גייט מיטן קליינעם נעגערל צום דאַווענען, און ביי נאַכט, אַז ער קערט זיך פון דאָרט אום.

תחילת האָט ער די מענטשן גאָרנישט געענטפערט, זיך גע־מאַכט אַז ער הערט נישט וואָס מען רעדט צו אים, גלייך נישט אים מיינט מען. אָבער אַז מען איז גאָר שטאַרק צוגעשטאַנען צו אים און אים געמאַכט דעם טויט, האָט ער אויף דער שנעל אַ שנאָפּל געטאָן עפּעס אונטער דער נאָז, אַז ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען וואָס.

— אסור צי כ׳ווייס פון וואַנען ס׳קומט צו מיר דאָס ייִנגל... — האָט ער אַ הויב געטאָן די אַקסלען — כ׳ווייס באמת נישט...

ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ ליגן און ס'איז אַ חטא אַזוי צו רעדן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. ס'איז געווען אין מיטן העלן טאָג, בעת ער איז געזעסן ביי דער גמרא און געלערנט, ווי עס האָט זיך פּלוצים אויפגעמאַכט די טיר און ס'האָט זיך אַריינגעשטעלט די טאָכטער, וואָס ער האָט שוין נישט גע־האַט געזען אַ קימא־לן פון זעקס יאָר. ער האָט נישט געוואוסט וואו זי איז פאַרפאַלן געוואָרן. פּונקט אַזוי פּלוצים ווי די טאָכטער איז נעלם געוואָרן, אַזוי פּלוצים האָט זי זיך צוריק באַוויזן. זי איז געווען אַ יפת־תואר און ביי איר אַריינקומען איז אין דעם טונקעלן שטיבל ליכטיק געוואָרן. זי האָט געטראָגן אויריינגלעך, וואָס האָבן זיך גע־באָמבלט און געלויכטן מיט אַלערליי קאָלירן, און אירע הענט זענען געווען באַדעקט מיט פינגערלעך און בראַנזאָלעטן. פון קורצן קליידל האָבן אַרויסגעשפּאַרט לאַנגע, פולע פיס. אין דער ערשטער רגע האָט ר' עליע נישט דערקענט די טאָכטער און ס'האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז עפּעס אַ פרעמדע אשה האָט זיך צו אים אַריינגעריסן. ער האָט גיך אָוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ, כדי נישט געשטרויכלט צו ווערן פון אַ זינדיקער מחשבה.

ערשט שפּעטער, ווען ר' עליע איז צו זיך געקומען, האָט ער באַמערקט, אַז נאָך דער טאָכטער שלעפּט זיך נאָך אַ קליין נעגערל, וואָס האַלט זיך אָן מיט מורא אין איר קלייד. זינט דעם טאָג איז דאָס קינד שוין געבליבן ביי אים, וואָרים אַזוי האָט געוואָלט די טאָכטער. ער האָט מורא געהאַט זי עפּעס צו פרעגן, כדי זי זאָל נישט אויפמאַכן אויף אים קיין מויל. טאָמער האָט ער זי עפּעס געפרעגט, האָט זיך באַלד אַ שאָט געטאָן אויף אים אַ מבול מיט זילזולים. דאָס האָט זי זיך אויסגעלערנט פון דער מאַמען אירער, וואָס איז אויך געווען אַ יפת־תואר און חתונה געהאַט מיט אים בלויז מחמת דעם וואָס דער פאָטער האָט זי דערצו געצוואונגען. דער פאָטער אירער, ר' עוזר קצב, וואָס איז רייך געוואָרן פון ליפערן פלייש צו מיליטער, האָט דווקא געוואָלט די טאָכטער זאָל נעמען אַ לערנער. כאָטש די גאַנצע שטאָט האָט געוואוסט, אַז דאָס מיידל גיט זיך אָפּ מיט אַ פּוילישן לערער און מיט אַ גמינע־שרייבער, האָט עוזר קצב זי געצוואונגען זי זאָל חתונה האָבן מיט עליען, אַז נישט וועט ער ביי איר שינדן די הויט פון לייב.

נאָך דער חתונה האָט דאָס יונגע ווייבל געהאָלפן דעם טאַטן

אין דער יאַטקע. זי האָט געפּאַקט דאָס פלייש, גענומען ביי די קונים דאָס געלט. עליע איז געזעסן און געלערנט. ער איז געווען ביים שווער אויף קעסט. ביי נאַכט איז רייטשע קיין מאָל אין שטוב נישט געווען און זי האָט זיך ווייטער אַרומגעשלעפּט מיטן לערער און מיטן גמינע־שרייבער. נישט איין מאָל האָט מען זי געפּאַקט אין שטאָטישן גאָרטן אַרויסגנבענען זיך פון הינטער קזשאַקעס. זי האָט גלייך געמאַכט אויף זיך דאָס קלייד, אָפּגעשטויבט פון זיך די שטרויעלעך. אַז זי איז אַהיימגעקומען און עליע האָט זי זייטיק און מיט בושה אַ פרעג געטאָן וואו זי איז געווען, האָט זי זיך באַלד אָנגעצונדן:

— וואָס איז דיין עסק וואו עך בין געווען? — האָבן אירע גרויסע גרינע אויגן זיך צעשפּריצט מיט פייער — כ׳על דיר באַלד אָפּגעבן ראַפּאָרט! שלימזל! דו קענסט נישט ביי אַ קאַץ דעם וויידל צובינדן... גולם... בהמה ווי! סטע!

ער האָט איר גאָרנישט געענטפערט, געהאַלטן די אויגן אַראָפּ־געלאָזט צו דער ערד און גענומען זאָגן קריאת־שמע. אָבער זי האָט נישט אָפּגעלאָזט און אירע שיינע דינע ליפּן האָבן זיך געשלענגט מיט כעס:

— גאַנצע טעג און נעכט איז אָדער ער דאַוונט, אָדער ער לערנט! אַז כ׳וועל וואַרטן אויף דיר, וועל׳ך שיין אויסזען... גרויסער צעלייגער מיינער! גרויסער אויפטוער! אויך מיר אַ מאַנספּערשוין!... קוק אים נאָר אָן!...

מיט אַ מאָל האָט זי זיך גענומען אויסטאָן; איינציקווייז אַראָפּ־געשלעפּט פון זיך די קליידער און זיי צעוואָרפן איבער דער שטוב. פון די אָפּגעדעקטע מלבושים האָבן אַרויסגעקוואָלן אירע שטאַרקע גלייכע אַקסלען, די פולע אָרעמס, די ברוסטן, די פיס. דאָס אַנטבלויזטע לייב האָט עליען אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. זי האָט זיך נאָענט צוגערוקט צו אים און געזאָגט:

— נו, נעם מיך אָרום און קוש מיך... אויף וואָס וואַרטסטו?

לכתחילה האָט עליע אַוועקגעכאַפּט די אויגן פון איר, נאַרישלעך געשמייכלט, און אַ פאַרשעמטער געמורמלט:

— ניטע, וואָס טוסטו?!...

אָבער שפּעטער האָבן זיך זיינע הענט גענומען שטרעקן צו איר, ווי ער וואָלט זי וועלן האַלדזן. דעמאָלט איז זי אָפּגעשפּרונגען פון אים און אים אַריינגעשריגן אין פּנים:

— רוק זיך אָפּ פון מיר! ריר מיך נישט אָן! דו שלימזל...

פון דעסטוועגן האָט זי אים צו די צוויי יאָר נאָך דער חתונה געבוירן אַ מיידל, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן פּעסעלע, נאָך זיין מאַמען עליה השלום.

אויב, אין דער היים איז נאָך כאַיטשע געווען אַ ווייב צו אים, האָט זי אין אויסטראַליע אין גאַנצן נישט געוואָלט אויף אים קוקן. ער איז געוואָרן אַ רעווערענד אין אַ שולעכל אין קאַרלטאָן און גע־לערנט מיט די קינדער פון די מתפּללים. קיין גרויסער פּרנסה־געבער איז ער נישט געווען, און דאָס ווייב האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט אַנ־דערע מענער. מען האָט אים מחמת דעם געוואָלט אָפּזאָגן פון שולעכל, אָבער אַז מען האָט נישט געקענט געפינען קיין ממלא־מקום, האָט מען געקוקט דורך די פינגער און אים נישט געטשעפּעט. און אַז דאָס ווייב איז אַנטלאָפן פון אים מיט אַן אויסטראַלישן דאָקטאָר, און מען האָט נישט געוואוסט וואו זיי זענען אַהינגעקומען, האָבן די יידן צוליב רחמנות שוין גאָרנישט מער עליען געזאָגט.

ווען כאַיטשע איז אַוועק פון אים, איז שוין פּעסעלע געווען אַ מיידל פון צען יאָר און ס'איז ר' עליען זייער שווער געווען איר נאָכצוקוקן. זי איז געווען אַ שיין קינד, אין גאַנצן געראָטן אין דער מאַמען. זי האָט זיך רק ליב געהאַט צו פּוצן און צו סטראָיען. גאַנצע טעג איז זי געזעסן ביים שפּיגל און האָט זיך געקעמט די האָר. גאָר יונגערהייט האָט זי זיך אָנגעהויבן צו פּודערן, צו שמירן די באַקן מיט רוזש און צו שמינקען די ליפּן. עטלעכע מאָל האָט זי עליע געזען שטיין אויף אַ בענקל אַקעגן שפּיגל און זיך באַקוקן די פיס. זי האָט אים געצוואונגען ער זאָל איר קויפן יעדעס מאָל נייע קליידער און די אַלטע האָט זי באַלד אַוועקגעוואָרפן. בעת זי איז עלטער געוואָרן, האָבן זיך אירע האַלקעס און סטאַניקלעך געוואַלגערט אומע־טום, אָפט מאָל האָט זיי עליע געטראָפן ליגן צווישן זיינע ספרים. ער האָט די ווייבערישע שמאָכטעס צוזאַמענגענומען און אַז ער האָט דערפילט דעם זיידענעם גלעט אין די פינגער, איז אים אַ דרעשטש אַדורך איבערן לייב. ס'האָט אים דערמאָנט אין דעם ווייב און ער האָט דערפילט אַ בענקשאַפט אין האַרץ. כדי צו דערשטיקן דעם ווייטיק אין זיך, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צו דער גמרא לערנען.

עטלעכע יאָרן שפּעטער האָט זיך די טאָכטער אָנגעהויבן צו לערנען טאַנצן און זינגען, און ס'זענען דערגאַנגען צו אים שמועסן,

אַז זי קומט אין אַזעלכע ערטער, וואו נקבות און זכרים קומען צו גיין און פֿאַרברענגען ביז שפּעט ביינאַכט. מענער און ווייבער טאַנצן דאָרט צוזאַמען, שיכורן און גיבן זיך נאָך כלערליי עולם־הזהדיקע תענוגים, רחנא־ליצלן. די טאָכטער שטייט פֿאַר זיי אַ האַלב־נאַקעטע און זינגט און טאַנצט...

מען האָט גערעדט פֿעסעלען שידוכים, אָבער זי האָט זיך נישט געאיילט חתונה צו האָבן. צו מיינסטן פֿון אַלע איז איר נאָכגעלאָפֿן דער זון פֿון פּרעזידענט פֿון שולעכל. ער האָט געזאָלט ווערן אַן אַדוואָקאַט. ער האָט זי זייער ליב געהאַט און מען האָט געזען אַז ער גייט נאָך איר אויס. זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אים, אָבער זי האָט אים נישט גענומען ערנסט און איז אַרויסגעגאַנגען אויך מיט אַנדערע בחורים, אַ סך מאָל מיט שקצים. דאָס רייכע זונדל האָט אַריינגערעדט אין ר׳ עליען:

— זעט צו פּועלן ביי פּעליסיאַן זי זאָל מיט מיר חתונה האָבן. ס׳וועט איר זיין ביי מיר וואויל ווי די וועלט. ס׳וועט אייער טאָכטער גאָרנישט פֿעלן... איר הערט, ר׳ עליע?

אַז דאָס גבירישע זונדל האָט בלויז גערעדט וועגן פּעליסיאַן, האָבן זיך זיינע פּעכלדיק־אויסגעפּוצטע ברילן נערוועז צעטאַנצט אויף דער קנאָכיק־דינער נאָז, און די איינגעפֿאַלענע באַקן האָבן זיך צעבליט מיט רויטע קרענקלעכע פֿלעקן. ר׳ עליע האָט זיך פֿאַרלוירן, נישט געוואוסט וואָס צו טאָן און זיין גרויסע פֿלאַקסענע באָרד און די פֿלאַקסענע פּאות האָבן זיך ביי אים צעפּאַטלט. ער האָט זיך געפֿילט געהויבן פֿון דעם וואָס אַזוי פֿיל בחורים ווילן נעמען זיין טאָכטער און ער קען דערלעבן אַ ביסל נחת, נאָר ער האָט עפּעס נישט געגלייבט אין דעם אַלעמען.

— כ׳האָב נישט קיין דעה איבער פּעסעלען... — האָט ער געענטפֿערט דעם בחור און ווי זיין טבע איז געווען, געשמייכלט אַ ביסל נאַרישלעך און מיט גוטסקייט — זי פֿאָלגט מיך לחלוטין נישט! טוט וואָס איר גלוסט זיך. ווייסעך... וואָס קען עד מיר העלפֿן... ס׳וועט זיין אַזוי ווי ס׳איז דעם אויבערשטנס רצון...

דער פּרעזידענט פֿון שולעכל, מיסטער מייקעלסאָן, האָט זיך געפֿילט געטראָפֿן וואָס ר׳ עליעס טאָכטער וויל נישט זיין זון. לעולם האָט ער אַליין נישט געוואָלט דעם שידוך, אָבער דער זון האָט זיך אויפֿגעהערט צו לערנען און איז אַרומגעגאַנגען אַן אַ קאָפּ. מיס־

טער מייקעלסאָן האָט אָנגעהויבן ר׳ עליען צו רודפן. ער האָט יעדעס מאָל געפונען אויף אים אַנדערע חטאים. ר׳ עליע האָט אין דער שטיל געליטן. שוין נישט איין מאָל האָט ער געוואָלט עפּעס אָפּטאָן דעם מיסטער מייקעלסאָן, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט ווי אין דער היים האָט ער צוליב אַזאַ מעשה געהאַט אויסצושטיין געהאַקטע צרות. אין פּאָליש, וואו ער האָט געלערנט, האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט אַ יונגערמאַן, אַ שאַרפער קאָפּ, און ער האָט אים רק געוואָלט באַווייזן, אַז ער קען בעסער לערנען פון אים. איין מאָל האָט ער אים בקול רם אָנגערופן „פּרא־אדם", האָט עס עליע נישט געקאָנט פאַרגעסן. ער האָט זיך דערפון אַזוי שטאַרק איבערגענומען, אַז בעת אַ ריקודל האָט ער בשתיקה דעם יונגערמאַן אַזאַ קניפּ געטאָן אין גראָבן פלייש, אַז יענער איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פון גרויס ווייטיק. ער האָט זיך געמאַכט כלא־ידע, גלייך ער ווייסט גאָרנישט, נאָר מ׳האָט שוין אַראָפּ־געלייענט פון זיין פּנים ווער ס׳איז דער חייב. מען האָט אים דענצמאָל דערלאַנגט שמיץ מיט די גאַרטלען און מיט יאַרמעלקעס, אַז ער איז קוים מיט לעבן אַנטלאָפן אַהיים.

בשעת פעליסיאַ איז אַנטרונען געוואָרן מיט אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט, אַ נעגער, וואָס איז אַהער געקומען מלחמה־צייט מיט דער אַמעריקאַנער אַרמיי, האָט עס ר׳ עליען אַזוי צוגעדריקט אונטערן לעפעלע, אַז ער האָט לאַנגע חדשים נישט אויסגערעדט צו קיינעם אַ וואָרט. בלויז די גרויסע בלויע אויגן האָבן שטאַר געקוקט אויף יעדן איינעם פון דער פלאַקסן־ווייסער באָרד־געדיכטעניש אַרויס און דאָס גוטע שמייכעלע האָט זיך פון זיי נישט אָפּגעטאָן. ער האָט געוויס נישט געוואוסט, נאָר ס׳זענען דערגאַנגען צו אים שמועות, אַז פעסעלע שלעפּט זיך אַרום מיט אַ נעגערישן זעלנער, אַ ריז. דערנאָך איז זי צוזאַמען מיט אים אַוועק קיין בריסבעין...

אַז די טאָכטער האָט זיך צוריק אין זיין שטוב באַוויזן און אים געברענגט דאָס נעגערל, האָט ער דאָס קינד געכאָוועט פּונקט ווי ער האָט פריער געכאָוועט פעסעלען. אין שולכל האָט מען נישט איין מאָל געגעבן אָנצוהערן, אַז ער זאָל פּטור ווערן פון נעגערל. ער האָט דאָס קינד דער טאָכטער נישט געקענט אָפּגעבן, וואָרים זי איז ערגעץ צוריק נעלם געוואָרן. די קינדער האָבן דאָס נעגערל גערודפט. עס האָבן אים גערודפט סיי די יינגלעך אין דער תלמוד־תורה, און סיי די שקצמילעך אין גאַס. תחילת האָבן זיי געלעבט מיט אים בשלום,

וואָרים ער איז געווען אַ שטאַרקער און האָט געקענט דערלאַנגען קלעפּ. ער האָט אויך געקאָנט באַווייזן פאַרשידענע קונצן, וואָס זענען געווען זייער קאָמיש, אַז מען האָט געקייכט פון געלעכטער. צום מייסטנס האָט מען געלאַכט ווען ער האָט איבערגעדרייט די „מענ־טשעלעך" פון די אויגן, אַז עס האָבן זיך אַרויסגעזען פון דער שוואַרצ־קייט בלויז די ווייסלען. אָבער צום סוף איז די קינדער דאָס אַלץ נמאס געוואָרן און עס האָבן געמאַכט יד־אחת די ייִנגלעך פון דער תלמוד־תורה מיט די שקצים פון גאַס — און מען האָט דאָס נעגערל מקיים־פּסק געווען.

דאָס ייִנגל איז געוואָרן קראַנק און ר' עליע האָט אים אָפּגעהיטן. ער איז בלויז אַוועק פון שטוב, ווען ער האָט געדאַרפט גיין אין שולעכל און אין דער תלמוד־תורה.

— ווועסט באַלד צוריק קומען, זיידע?... — האָט דאָס נעגערל זיך ביי אים געבעטן, ווען ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און איז אַרויס פון דער היים.

— כ'על באַלד קומען צוריק, האָב נישט קיין מורא. — האָט ר' עליע פאַרלוירן דאָס געדולד צום ייִנגל, וואָרים ער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, געוואָלט ער זאָל כסדר ביי אים זיצן — קיינער וועט דיך מער נישט אָנרירן! הערסט, גרשון... — האָט ער אים מיט דעם נאָמען גערופן זינט די טאָקטער האָט אים ביי אים איבערגעלאָזט — כ'על נישט לאָזן! עך'ל באַלד נעמען אַ שטריק און מיך צובינדן צו דיר... דענצמאָל ווועסטו שוין זיין זיכער אַז כ'וועל נישט אַנטלויפן...

אויף גרשונס מיד־אויסגעשעפּטן פּנים האָט זיך קוים דורכגע־ריסן אַ לייכט שמייכעלע, וואָרן די חכמה איז אים געפעלן געוואָרן. די גרויסע פּאַרפּל־צייון האָבן ווייס אַרויסגעשוימט פון די בלוילעך־געשוואָלענע ליפּן. אָבער ער האָט דעם זיידן ווייטער נישט אָפּגע־לאָזט, אפילו דעמאָלט ווען ער איז שוין געזונט געוואָרן און געגאַנגען מיט אים אַלע אין דער פרי צום דאַווענען אינעם שולעכל. גרשון האָט זיך אויסגעלערנט ביים זיידן רעדן יידיש. אין דער פרי ביים אויפשטיין האָט אים דער זיידע געוויזן ווי זיך אָפּצוגיסן נעגל־וואַסער און געזאָגט מיט אים מודה־אַני. איידער ער האָט גענומען עפּעס אין מויל אַריין, האָט ער געמאַכט אַ ברכה. פאַרן לייגן זיך שלאָפן האָט ער געזאָגט קריאת־שמע און געקושט די מזוזה. ער האָט געטראָגן אַ טלית־קטן, פּונקט ווי דער זיידע. אַז מען האָט געפרעגט ר' עליען,

צי דאָס אייניקל איז אַ ייד, האָט ער געענטפערט, אַז ער איז אַ יידיש יינגל און ער איז געמלט. די יידן זענען אָבער נישט צופרידן געווען מיטן ענטפער און זיך אָנגעזעצט אויף ר׳ עליען:

— וואו האָט איר דאָס געזען, אַז נעגערס זאָלן זיין יידן, ר׳ עליע?

דעמאָלט האָט ער אַ צענעם געטאָן די הענט און געהאָט אַ פאַרטיקן תירוץ:

— עך האָב אַליין געלערנט אין דער גמרא, אַז ס׳זענען פאַראַן נעגערס, וואָס זענען יידן — האָט ער געמורמלט ווי צו זיך אַליין — כ׳קען זיך נישט דערמאָנען איצטער אין סאַראַ גמרא כ׳האָב דאָס געזען...

אָבער די יידן האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם תירוץ און ווייטער צו אים צוגעשטאַנען מיט כלערליי קשיות. דער עיקר האָבן זיך צו אים צוגעטשעפעט די תלמידים אין דער תלמוד־תורה און זיי האָבן מיט די אייגענע אויגן געוואָלט זען, צי גרשון איז טאַקע געמלט. נאָכן לערנען, ווען זיי זענען אַרויס זיך שפּילן אויפן הויף, זענען זיי צוגעגאַנגען צום נעגערל און זיך צו אים אָנגערופן:

— לאָמיר זען דיין פּייפערל, גרשון... האָב נישט קיין מורא... מיר דאַרפן עפּעס אויסווייזן...

— כ׳וועל נישט ווייזן!... ס׳איז נישט שיין! — האָט גרשון זיך אַוועקגעשאַרט און אַ בושהדיקע רויטקייט האָט צעגליט זיין שוואַרץ פּנימל.

אָבער די יינגלעך זענען אים נאָכגעגאַנגען און האָבן אים אַרומגערינגלט:

— נו, ווייז, ווייז... האָב נישט קיין מורא... מ׳וועט דיר גאָרנישט טאָן...

— כ׳וועל נישט ווייזן — האָט ער זיך איינגעשפּאַרט און מיט ביידע הענט זיך צוגעהאַלטן די הויזן.

מען האָט גענומען מיט געוואַלד:

— ביסט נישט קיין ייד... — האָבן זיי געזונגען אין אַ כאָר.

גרשון האָט אַזוי מורא באַקומען פאַר די יינגלעך, אַז ווי נאָר מען איז אַוועק פון לערנען, איז ער דעם זיידן נאָכגעלאָפן אויף יעדן שריט און טריט. אפילו ווען ר׳ עליע איז אַריין אין בית־הכסא איז ער אים נאָכגעלאָפן און אים כסדר געמינטערט:

— קום שוין אַרויס, זיידע... וואו ביסטו, זיידע?...

אויף דער מוטער האָט גרשון קיין מאָל נישט געפרעגט און אויך נישט דערמאָנט דעם טאַטן. ביינאַכט, בעת ר׳ עליע האָט זיך אומגעקערט מיטן יינגל אַהיים, האָט ער דעם זיידן אַ סך קשיות געשטעלט, אָבער קיין מאָל נישט דערמאָנט די עלטערן. אמת איז, אַז ווען די מאַמע האָט אים איבערגעלאָזט ביים זיידן, איז ער נאָך געווען אַ קליין קינד, נאָר ס׳איז נישט מעגלעך ער זאָל זי האָבן אין גאַנצן פאַרגעסן.

ווי נאָר זיי זענען אַריבער די שוועל פון דער שטוב, האָט גרשון זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. ער האָט אויסגעקערט די שטוב, אָפּגעשיילט קאַרטאָפּל און זיי צוגעשטעלט אין אַ גרויסן טאָפּ צום קאָכן. בעת מעשה האָט ער געגרייט צום טיש און אויפגעבעט די געלעגערס. נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעזידט די קאַרטאָפּל, האָט ער צוגעטראָגן ר׳ עליען אַ האַנטוך און אַ שעפּ וואַסער און געזאָגט ער זאָל זיך וואַשן צום עסן.

בשעת ר׳ עליע האָט געשלונגען די הייסע קאַרטאָפּל און אַראָפּ־געשאַרט די קרישקעס פון דער גרויסער פלאַקסן־ווייסער באָרד, האָט גרשון נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אים און געזאָגט:

— זע נאָר סאַראַ שיינע גאָלדענע באָרד דו האָסט... פאַר וואָס זענען דאָ שוואַרצע און ווייסע מענטשן אויף דער וועלט? גאָט האָט געקענט באַשאַפן ס׳זאָלן זיין בלויז ווייסע...

— פרעג נישט קיין קשיות... — האָט ר׳ עליע אָפּגעשייגעצט דאָס יינגל — אַז דער איבערשטער האָט אַזוי באַשאַפן די וועלט, מן־הסתם דאַרף אַזוי זיין! דער השם יתברך ווייסט ווי אַזוי צו פירן זיין וועלט...

אַז זיי זענען שוין געלעגן אין די בעטן און ס׳האָט זיך דערהערט אין דער שטילקייט דאָס אָטעמען פון דעם נעגערל, האָט ר׳ עליע אַריינגעטראַכט אין זיין ביטערן גורל. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם ווייב און אין דער טאָכטער, וואָס זענען אַוועק פון אים. כאָטש זיי פלעגן אים אָנטאָן געברענטע צרות, איז אים פון דעסטוועגן וואוילער געווען מיט זיי ווי אָן זיי. ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעע־וואוינט צו זייערע געשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דער שטוב און ס׳האָט אים מער נישט געאַרט. איצטער האָט ער בלויז דאָס נעגערל און ס׳איז אים שוין גוט געווען מיטן יינגל, וואָס איז אים

אומעטום נאָכגעלאָפן. אָבער ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט מוזן פון דעם נעגערל פּטור ווערן, אַז נישט, וועט ער האָבן צו טאָן מיט מלכות. מיסטער מייקעלסאָן, דער פּרעזידענט פונעם שולעכל, האָט אים שוין נישט איין מאָל געוואָרנט, אַז ס'מלכות וויל נישט האָבן ביי זיך אין לאַנד קיין נעגערס... חוץ דעם וועט ער מוזן דאָס נעגערל פאַרשרייבן אין אַ גויאישער שקאָלע...

ר' עליע האָט מורא געהאַט פאַר מלכות. וואָס אַ טאָג מער איז די מורא אין אים געוואַקסן. ביז ער האָט איין מאָל זיך אָנגערופן צו גרשונען:

— גרשון, קלייב צונויף דיינע זאַכן... מיר מוזן ערגעץ גיין. נו, באַלעמוטשע נישט!

— וואו דאַרפן מיר גיין? — האָט דאָס יינגל אויסגעשטעלט אויפן זיידן אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן און די ליפּן האָבן ביי אים שטאַרק געציטערט. — וואָס ווילסטו פון מיר?

— נו, נו... פרעג נישט צופיל קשיות... באַלעמוטשע נישט; טו וואָס מען הייסט דיך... מנע, ווייסעך... נו, טו זיך אָן. — האָט ר' עליע אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, נישט געקוקט דעם אייניקל אין די אויגן אַריין.

— כ'וועל נישט גיין! — האָט זיך גרשון פאַרשטעקט אין אַ ווינקל ווי אַ געיאָגט חיהלע און מיטביידע הענט זיך אָנגעהאַלטן אין קאָפּשטיק פון בעט, גלייך ס'וואָלט אים ווער וועלן פון דאָרט אַוועק־רייסן.

— וואָס האָסטו מורא? קיינער וויל דיר, חלילה, נישט טאָן קיין בייז... זיי נישט קיין שוטה — האָט ר' עליע זיך דערנענטערט צום יינגל.

גרשון איז אויף אַלע פיר שנעל אַרונטערגעקראָכן אונטערן בעט. ר' עליע האָט זיך געמוזט אַראָפּבייגן און אַריינרעדן אין אים:

— קום אַפּער פון אונטערן בעט! כ'וועל דיך פירן צו אַ רייכער פּריצה... עס וועט דיר נישט פעלן ביי איר פון קיין פויגל־מילך. זי וועט דעך אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ... ס'איז נישט קיין תכלית דו זאָלסט זיין ביי מיר. נו, קום...

— כ'וויל נישט אַוועקגיין פון דיר! קיינער וועט מיך נישט נעמען! — האָט זיך גרשון געוואָרגן פון די טרערן, וואָס האָבן אים פאַרשפּאַרט דעם האַלדז.

ר׳ עליע האָט זיך אָפּגערעדט אַ שטיק האַרץ, ביז ער האָט איינגערעדט דעם אייניקל ער זאָל אַפּערקריכן פון אונטערן בעט. דערנאָך האָט ער צונויפגעקליבן דעם קינדס זאַכן און זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג. זיי זענען געגאַנגען אַזוי לאַנג ביז זיי זענען אָנגעקומען הינטער דער שטאָט. די גאַנצע צייט האָט גרשון נישט אויסגערעדט צו ר׳ עליען קיין וואָרט און זילבערנע טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער זיין שוואַרץ פּנימל. ערשט ווען דער זיידע האָט זיך געזעגנט מיט אים און אים געלאָזט שטיין אויף דער גאַס, האָט ער אים נאָכגעשריגן פול מיט פּחד:

— אַז קיינער וועט מיך נישט נעמען, וועסטו קומען נאָך מיר? וועסט קומען?..

ר׳ עליע איז מיט פּאַמעלעכע טריט אַוועק. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אומגעקוקט. געזען ווי גרשון שטייט אַליין אויף דער גאַס. ר׳ עליע איז געגאַנגען אין דער תּלמוד־תּורה. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען, נישט געהאַט קיין קאָפּ צום לערנען. און ביינאַכט, ווען ער האָט געזאָלט גיין אַהיים, האָט ער זיך געלאָזט צוריק צו דעם אָרט, וואו ער האָט איבערגעלאָזט דאָס יינגל...

אינהאַלט

ל. פרידמאַן — הערץ בערגנער 1
יצחק קאַהאַן — די ליטעראַרישע ירושה פון הערץ בערגנער . 7
הערש מינץ — הערץ בערגנער, דער שרייבער פון דער
יידישער אויסטראַליע 18
מלך ראַוויטש — הערץ, מיין ברודער, איז אַוועק פון דער
אמתער וועלט 22
מ׳דאַרף זיין אַ מענטש 26
די וועלדער ברענען 33
דאָס הילצערנע העמערל 49
ווער איז איזיקל יענגאַלקי? 59
בושות פון אַ טאַטן 73
מיין ברודער שוניע דער העלד 87
זינד וואָס ער איז נישט באַגאַנגען 102
מיט יידן אויפן אַעראָפּלאַן 113
זאָרגן פון מאַוריצי פּידלער 127
א חתונה אין תל־אביב 138
ר׳ פּנחסעס אייניקל פּיטער 152
אַ שירעם מיט לעבער 163
אין אַ פרעמדער הויט 181
אַנטי סעראַ וואַרט אויף געסט 196
געוויסן 212

PROPERTY OF THE CITY OF NEW YORK
THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
MANHATTAN RESERVE

צוויי אויטאָס 224
קום אַהער דו קליינער ייד! 232
חיימל לץ שטאַרבט 247
קאַווע מיט „פּעלץ" 256
די שוועסטער קלאַרע 262
וועלקאָם, וועלקאָם, שלום! 272
זאַלבעדריט אונטער איין דאַך 278
כ'בין צוריק געווען אין מיין שטעטל 292
דער מענטש אין דער ווינדע 305
ווען מענס איז דאָס נעגערל, ר' עליע? 318

צייכענונגען פון יאָסל בערגנער:

מיין ברודער שוניע דער העלד 195
אַ שירעם מיט לעכער 231
ווען מענס איז דאָס נעגערל, ר' עליע? 317

פון דעם זעלבן מחבר:

„שטובן און גאַסן" — נאָוועלן. ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי, וואַרשע, 1935.

„דאָס נייע הויז" — נאָוועלן. אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון פריינד און „קדימה".

„צווישן הימל און וואַסער" — ראָמאַן. פאַרלאַג „אויפבוי", מעלבורן, 1947.

„אַ שטאָט אין פוילן" — ראָמאַן. פאַרלאַג „אויפבוי", מעלבורן, 1950.

„דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס" — נאָוועלן. פאַרלאַג „יידישע נייעס", מעלבורן, 1955.

„ליכט און שאָטן" — ראָמאַן. אַרויסגעגעבן פון הערץ בערגנער יובל־קאָמיטעט און פאַרלאַג „יידישע נייעס", מעלבורן, 1960.

„ווו דער אמת שטייט איין" — נאָוועלן. אַרויסגעגעבן מיט דער פינאַנסיעלער מיטהילף פון פריינד סענדער בורשטין, מעלבורן, 1966.

„עיר בפולין" — רומן. הוצאת הקיבוץ המאוחד, תל־אביב, 1954.

„סיפורי ווארשה" — ספריית תרמיל, ישראל, 1966.

"Between Sky and Sea" — a novel. Dolphin Publications, Melbourne, 1947.

"Light and Shadow" — a novel. Thomas Joseloff, New York; Angus & Robertson, London; Georgian House, Melbourne, 1963.

פון דעם מחברס מאַמען הינדע בערגנער — „אין די לאַנגע ווינטער־נעכט". אַרויסגעגעבן דורך די זין. מאָנטרעאָל, 1946.

געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקעריי פון ה. באַכראַך

Printed by E. H. Gibbs & Sons (H. Bachrach, prop.),
19 Niagara Lane, Melbourne, Australia